STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08224

AF DI LEBNSVEGN

Ovsei Liubomirskii

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



יעשוע
ליובאָמירסקי

אף די
לעבנסוועגן

פאַרצייכענונגען

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע. 1976

С(Евр)2
Л 93

דער מעכאבער פונעם בוך, וואָס ליגט פאר אײַך, יעשוע ליובאָמירסקי איז געבאָרן געוואָרן אין 1884. פון די „זיכרוינעס" זײַנע וועט איר באקומען א געוויסע פאָרשטעלונג וועגן זײַן לעבן און זײַנע גײַסטיקע אינטערעסן. שוין אין די יונגע יאָרן האָט זיך צו אים ארײַנגעכאפּט, ווי ער זאָגט, די „קליפּע" פון טעאטער, און אינגיכן האָט ער זיך מיט איר פארקנאסט. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט ליובאָמירסקין צו פארנעמען זיך א געוויסע צײַט מיט לערערײַ און צו באקומען אין א קאָמערץ־אינסטיטוט די בילדונג פון אן עקאָנאָמיסט. אין 1921 האָט ליובאָמירסקי אָנגעהויבן צו פארעפנטלעכן אָפּהאנדלונגען מיקויעך טעאטראלע פאָרשטעלונגען און איינצלנע אקטיאָרן, געדרוקט אין ייִדישע און רוסישע זשורנאלן און צײַטונגען, און אדהײַעם לאָזט ער ניט ארויס די פּען פון האנט.

דאָס איז אָבער ניט בלויז א זיכרוינעס־בוך. באגלײַך מיט א צאָל פּראָטים וועגן דעם מעכאבערס באגעגענישן און שמועסן מיט א ריי ליטעראטן, קאָמפּאָזיטאָרן, אקטיאָרן און אנדערע קונסטלײַט האָט איר דאָ א סאך ביז גאָר ווערטפולע ארויסזאָגונגען וועגן דער ספּעציפיק פון ליטעראטור און קונסט, וואָס דער אווטאָר האָט געהערט פון זייער אָנגעזעענע פּערזענלעכקײַטן און פּאכלײַט — ארויסזאָגונגען, וואָס וועלן זיך באשטימט אײַנקריצן אין דעם זיקאָרן פונעם לייענער, וועלן פארברייטערן זײַן פאָרשטעלונג וועגן דעם פּראָצעס פונעם קינסטלערישן שאפן און וועלן העכערן זײַנע עסטעטישע האסאָגעס.

א גרויס אָרט פארנעמען אינעם בוך דערינערונגען וועגן אקטיאָרן און דער אנאליז פון זייערע אופטוען. ווי לעבעדיקע שטייען פאר אײַך די שוישפּילערס רודאָלף זאסלאווסקי, קלארע יונג, און איבערהויפּט די גדוילים פונעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאטער — דער פאָלקס־ארטיסט פונעם ראטנפארבאנד שלוימע מיכאָעלס (וואָפסי), דער פאָלקס־ארטיסט פון דער רוסלענדישער פעדעראציע ביניאָמין זוסקין און די פארדינסטפולע ארטיסטן פון דער פעדעראציע סאָרע ראָטבוים (ראָטבאום).

© Издательство «Советский писатель», 1976 г.

Л $\frac{70303—137}{083(02)—76}$ 222—76

דעם בוך ווידמע איך
מײַן אײנציקער טײַערער טאָכטער
יעהודיס (יהודית)

די „קליפּע״ פון טעאַטער אין מיר

מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט טעאַטער איז פאָרגעקומען אין 1898. ס'איז געווען דאָס ערשטע יאָר, ווען איך, א קליינשטעטלדיקער יאַט, בין אַרײַנגעפאַלן אין קיעוו. מײַן פאָטער און איך האָבן געוווינט אין א צימער בא א ייִדישן שנײַדער. בא אים האָבן געאַרבעט צוויי שנײַדער־געזעלן. זיי פלעגן זייער אָפט באַזוכן דעם ייִדישן טעאַטער, וואָס פלעגט זומער־צײַט שפּילן אינעם פּאַרק „אַרקאַדיאַ״, אפן געוועזענעם ביביקאָווער בולוואַר (איצט איז פון אָט דער „אַרקאַדיאַ״ קיין זייכער נישט פאַרבליבן).

דער אַנטרעפּרעניאָר (אונטערנעמער) איז געווען ז. קאָמפּאַנייעץ. ער פלעגט דאָן שפּילן די באַבע־יאַכנע אין „קאָלדוניע״ — אין דער „קישעפמאַכערן״. גאַנצע טעג פלעגן אָט די שנײַדער־יונגען בא דער אַרבעט זינגען די לידלעך און קופּלעטן פון דער „קישעפמאַכערן״, פון „שולאַמיס״, פון „באַר־קאָכבע״ און פון „שמענדריק״. און נישט נאָר זינגען. זיי פלעגן דערציילן וועגן אַלץ, וואָס זיי האָבן אין טעאַטער געזען.

זיי האָבן מיר אַזוי דעם קאָפּ פאַרדרייט מיט זייערע געזאַנגען און מײַסעס, אַז איך האָב בא זיך באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל: איך מוז אַליין מיט מײַנע אויגן אָנקוקן אָט די „קאָמעדיעס״.

בעטן געלט באַם טאַטן צו קויפן בילעטן אינעם ייִדישן טעאַטער האָב איך בא זיך נישט געקאָנט פועלן (דער טאַטע מײַנער איז געווען א מאַסקיל און האָט מיט ביטל זיך באַצויגן צום האַמויִנישן טעאַטער).

געוווּיר געוואָרן, אַז איך כאַלעש צו זען ייִדיש טעאַטער אָן געלט, האָבן מיר די שנײַדער־געזעלן געגעבן אַן אייצע — די „קאָמעדיאַנטשטשיקעס״ פירן מיט זיך אין טעאַטער די מאַלבושים, וואָס זיי דאַרפן אין זיי זיך „פאַרשטעלן״ בעשאַס זייער אַרויסטרעטן אף דער בינע — זאָגט מיר דער שנײַדער־געזעל יאָסי — פאָרן זיי ביז „יעוורייסקי באַזאַר״ מיטן טראַמווײַ און פון דאָרט באַדאַרפן זיי די פּעקלעך מיט זייער טעאַטראַלישער האַל־

באַשע א שטיק וועג צופוס טראָגן ביז דער טעאַטער־געבײַדע. טאָ פּויל זיך נישט, ברודערקע, לויף צו צו איינער פון די „אַקטעריצעס" און לייג פאַר צו טראָגן איר פּעקל ביזן אָרט. נאָכטראָגנדיק דאָס פּעקל, וועסטו מיט איר אַרײַן אין פּאַרק און דאָרט מעמיילע שוין פאַרבלײַבן ביז דער „פּרעדסטאַוולעניע".

איך האָב אַזוי געטאָן. איך געדענק, ווי גליקלעך איך בין געווען, ווען איך האָב געקוקט אַף דער פאָרשטעלונג, וואָס איז געווען פאַר מיר די סאמע ערשטע. דאָס איז געווען „שולאמיס". אווישאַלעמען האָט געשפּילט גוזיק, דעמלט גאָר א יונגער אַקטיאָר, מיט א פײַנער שטימע.

דאָס ערשטע מאָל איז מיר דער איניען אָפּגעגאַנגען גלאַט... איך בין מיר בעשאָלעם אַוועק נאָך דער פאָרשטעלונג א שטאַרק אופגערודערטער אַהיים. נאָר דאָס צווייטע מאָל האָט שוין אַף מיר געלויערט דער שלי־מאַזל.

מ'האָט געשפּילט „מישקע און מאַשקע" („די אייראָפּייער אין אַמעריקע"). בעשאַסן אַנטראַקט האָב איך מיר גענומען גאַנץ געמיטלעך, די הענט פאַרלייגט אין די קעשענעס, שפּאַצירן איבער די אַלייען פון דעם פּאַרק.

פּלוצלינג באַגעגנט מיך א געזונטער רוסישער יאַט (א יאָר פּופצן אַלט, קימאַט אין מײַנע יאָרן, עפּשער עלטער מיט א יאָר). ער טוט מיך א פרעג מאָלע־רעציכע: „וואָס טוסטו דאָ, סמאַרקאַטשו?" ענטפער איך: „וואָס הייסט, וואָס איך טו? איך בין געקומען אין טעאַטער".

— אַנו, ווײַז נאָר אַהער דײַן בילעט!

— וואָס פאַר א בילעט, — זאָג איך, — איך האָב אים פאַרלוירן.

— דערצייל מיר נישט קיין מײַסעס, — זאָגט ער, — אָט וועל איך דיר באַלד ווײַזן, וויאַזוי ביגנײוועוו זיך אַרײַנכאַפּן אין פּאַרק!

דער יאַט איז געווען דעם היגן וועכטערס זון. ער האָט מיך א נעם געטאָן באַם קאַרק און טייקעף געפונען דעם טאַטן זײַנעם. וויפל איך האָב נישט געבעטן מיך אָפּלאָזן, האָט גאָרנישט געהאָלפן. ביידע האָבן זיי פון מיר אָפּגעכויזעקט און מיט גרויס פאַראַד מיך אַרויסגעוואָרפן פון פּאַרק.

א וואָך צײַט האָב איך נישט געוואָגט מײַן נאָז אַרײַנצושטעקן אינעם אַרײַנגאַנג־טויער פון אָט דעם פּאַרק. אָבער עס האָט מיך אַזוי מוירעדיק געצויגן, אַז איך האָב ווידער גענומען זוכן מיטלען, ווי צו באַזוכן אָט דעם טעאַטער...

זייער פרי איז געוואָרן קלאָר, אז טעאַטער איז קלאל ניט מײַן צײַט־ווײַליקער יעיצערהאָרע, הגאַם איך בין א היפּש שטיקל צײַט געווען ווײַט פון אָט דעם געביט. איך בין דאָך אין עלטער פון 25 יאָר אוועק זיך לערנען אפן עקאָנאָמישן פאַקולטעט פונעם קיִעווער קאָמערץ־אינסטיטוט. אָבער — אין טאָך גערעדט, בין איך שוין געווען פאַרסאַמט. די טעאַטער־קליפּע האָט שוין אין מײַן דימיען געבושעוועט, און מײַן טאַטע איז געווען דערפון שטאַרק באַצאָרנט און מיט פאַרדראָס א זאָג געטאָן:

— טעאַטער איז דײַן כאַלאַס — כ׳האָב מוירע, אז פון דיר וועט שוין קיין לײַט ניט זײַן.

א גרויסן כיילעק אין דעם, וואָס אין מיר האָט גאָר פרי זיך אַנטפּלעקט א נטיִע צו טעאַטער און צו קונסט ביכלאַל, האָט געהאַט מײַן מאַמע. לאַכלוטן — אומבאַוווּסטזיניק... קונסט איז געווען איר באַרוף. אָבער ווערן א קינסטלער איז איר ניט באַשערט געווען. איז טאַקע קעדײַ צו דערציילן וועגן איר.

* * *

אין מײַן קויעך־האַדימיען שווימט אויף דאָס טײַערע, אומפאַרגעסלעכע געשטאַלט פון דער מאַמען גראָד אָן דער ווילקע, אָן דער קאָטשערע, בע־שאַס זי פלעגט באַשטראָפן אונדזערע צעבושעוועטע יאַטן, אירע זין. נאָך מער — זי שווימט אַרויס אין מײַן זיקאָרן אין א ראָמאַנטישער באַלויכ־טונג. ווען איך וואָלט זײַן א דיכטער, וואָלט איך געוויס וועגן איר אָנגע־שריבן א פּאָעמע: איר געשטאַלט איז ביז גאָר א דאַנקבאַרער מאַטעריאַל פאַר א פּאָעמע. אין איר איז פאַרלאָרן געגאַנגען א טאַלאַנטפולע מוזיקאַלע נאַטור. איר שטים האָט פאַרמאָגט אָט יענע אייגנשאַפט, וואָס וואָקאַליסטן רופן אָן — גאָלדענער טעמבער. אַזאַ אויסערגעוויינלעכן טעמבער האָב איך, דוכט זיך, שוין מער קיינמאָל אין מײַן לעבן ניט געהערט. אויב ניט רעכע־נען קאַרוזאָ, וועלכער האָט מיט זײַן שטים אופגעהויבן א גוואַלדיקן שטור־רעם אין מײַן האַרצן. ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דורך ראַדיאָ דער־הערט, ווי קאַרוזאָ זינגט די אַריע פון נאַדיר אין ביזעס אָפּערע „די פּערל־זוכער", האָב איך געזאָגט דעם כאַווער, וועלכער איז דערבײַ געשטאַנען (דער יידישער זינגער ש. ליובימאָוו): „איצט מעג איך שוין שטאַרבן, מאַכ־מעס מער וועל איך שוין אין מײַן לעבן אַזאַ גליקלעכן צושטאַנד ניט איבערלעבן".

אז איך בין געווען א ייִנגל פון עלף אָדער צען יאָר און די מאַמע פלעגט נעמען ערעוו יאָמטעוו אופראַמען די שטוב, ווי, צום בײַשפּיל, טינקעווען די ווענט מיט קאַלך, פלעגט זי בעשאַס־מײַסע זינגען יידישע פאָלקסלידער,

קופּלעטן פון פורים־שפּיל, כאַזאַנישע ניגונים, אוקראַיִנישע פאָלקסלידער. איך בין שאָענווײַז געשטאַנען אין דרויסן, פאַרגעסנדיק אַלץ, וואָס אַרום, ניט זעענדיק גאָרניט, בלויז פאַרזונקען אין צוהערן. איך בין קאַפּאַבל געווען — אָט אַזוי — אין פאַרגליווערטן צושטאַנד שטיין אַ שאָ און צוויי און דרײַ, פאַרגעסן וועגן שפּיל מיט מײַנע כאַווײרים, פאַרגעסן וועגן עסן און טרינקען, פאַרגעסן אַפילע וועגן קעלט. און איך בין געווען אַזוי גליקלעך!!!

די מאַמע האָט פאַרמאַגט אַן אַבסאָליוט געהער. ווען געוויסע זיסע מוזיקאַלע קלאַנגען פלעגן דערגרייכן צו אירע אויערן, פלעגן זיי שוין אַף שטענדיק זיך אײַנוועבן אין איר אינערלעכן מוזיקאַלישן וועזן. וועגן דעם זאָגט איידעס אַזאַ מין פאַקט: ווען איך בין אַלט געווען עלף יאָר (מײַן פאָטער איז דעמלט געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ קיִעווער געשעפט פון בוי־מאַטעריאַלן), האָט ער אײַנגעלאַדן די מאַמע אַף אַ פּאָר וואָכן צוגאַסט קיין קיִעוו. דעמלט האָט אין דער דאָזיקער שטאָט געשפּילט אַ יִדישע טרופּע. קריגט דער טאַטע בילעטן אַף גאָלדפאַדנס „אַקיידאַס־יִצכאָק". ווען די מאַמע האָט זיך צוריקגעקערט פון קיִעוו, האָט זי געזונגען אַלע לידער, אַלע קופּלעטן, וואָס זי האָט געהערט בעשאַס אָט דעם ספּעקטאַקל. בלויז איין מאָל באַזוכט אָט דעם ספּעקטאַקל און פאַרגעדענקט סײַ די מעלאָדיעס, סײַ די טעקסטן! — אַ פענאָמענאַלער זיקאָרן!

ווען איך בין געווען אַ קליין יִנגל, האָט מען מיך דעמאָנסטרירט, ווי אַ וווּנדערקינד — אַזאַ אויסטערלישן זיקאָרן האָב איך פאַרמאָגט. נאָר וואָס האָט באַטראָפן מײַן זיקאָרן לעגאַבע איר זיקאָרן! איר יִדיש איז געווען פול מיט פאָלקלאָר־דימענטן: אַ שלאַל גלײַכווערטלעך, רעטענישן, לידער, מײַסעס. זי גופע פלעגט פון טאָג צו טאָג דערפינדן שאַרפזיניקע שפּריכווערטער, קאַלאַמבורן, וואָס פלעגן זיך צעפליִען, ווי גאָלדענע זומער־פייגעלעך, איבערן גאָרן שטעטל. זי פלעגט באַטראַכטן דעם אַרום מיט דער הילף פון דיכטערישע אַסאָציִאַציעס. עפּעס איינמאָל האָט זי דערזען אַ הויכע, אַ ברייטביינערדיקע, אַ מעגושעמדיקע יִדענע — וועכנע האָט מען זי גערופן. ווייסט איר, וואָס פאַר אַ צונעמעניש האָט זי צוגעטראַכט פאַר אָט דער סטראַשידלע? — וועכנע די וואַגאָן־יִדענע.

ווען איך בין געווען אַ קליין יִנגל, האָט אונדזער הויזגעזינד געווינט אינעם אוקראַיִנישן דאָרף וועליקיִע האָליאַקי. געווינט האָבן מיר דאָרט סאַכאַקל עטלעכע יאָר. פלעגט אונדזער דירע זײַן דער זאַמלפּונקט פון אַלע האָליאַקיער זינגעוודיקע אוקראַיִנישע מיידלעך. דאָ פלעגן זיי זינגען, דאָ פלעגן זיי טאַנצן מיט זייערע כאַווײרים, די פויערישע באָכערים, און די מאַמע איז אין אָט דער סוויווע געווען די רעדלפירערן. און אַז אונדזער

געזינדל האָט זיך אריבערגעפּעקלט אינעם שטעטל ברוסילאָוו (צוואַנציק וויאָרסט פֿון האַליאַקי), פֿלעגן אָט די אוקראַיִנישע מיידלעך, ווען זיי פֿלעגן זיך צונויפֿפאָרן אויפֿן שטעטלשן יאַריד, זיך אַרײַנכאַפּן צו אונדז אין שטוב און בעטן מײַן מאַמען:

— ליבע בראָכע! זינג אונדז עפּעס אַ שיינע ליד.

פֿונעם דאָרף האָט מײַן מאַמע געבראַכט אַן אויצער אוקראַיִנישע לידער, ווערטלעך, פּונקט ווי זי וואָלט דאָרט געלעבט דרײַסיק אָדער פֿערציק יאָר.

אַז זי פֿלעגט נעמען שאַבעס אָדער יאָמטעוו לייענען טכינעס, איז עס געווען אַן עכטער קאָנצערט: זי פֿלעגט אימפּראָוויזירן אייגענע ניגונים. אַ שאָד, וואָס דערבײַ איז ניט געווען אַ באַהאַוונטער נאָטן־פֿאַרשרײַבער: די ייִדישע מוזיק וואָלט באַרײַכערט געוואָרן מיט אַ שלאַל אויסגעצייכנטע נײַע ניגונים.

ביאַליק בײַ אונדז אין חדר

ווען די לימודים האָבן זיך געענדיקט (דאָס איז געווען אַרום זיבן אַזייגער אין אָוונט), האָט אונדזער לערער מיך צוגערופֿן און מיר באַפֿוילן אויסלערנען אויף אויסווייניק ביאַליקס ליד „הרהורי לילה" (הירהורי לײַלאָ — באַנאַכטיקע טראַכטענישן). ניט איין מאָל האָט ער מיט אונדז גע־שמועסט וועגן ביאַליקן, און דער דאָזיקער דיכטער האָט געוואַלדיק גע־רעגט מײַן פֿאַנטאַזיע.

מיט צוויי חדשים פֿריִער האָב איך בײַ איינעם פֿון אונדזערע מאַסקי־לים געזען נאָדסאָנס לידער־זאַמלונג מיט זײַן פֿאָטאָגראַפֿיע. נאָדסאָן האָט פֿאַרמאָגט זייער אַ סאַך אויסערלעכן חן: פּרעכטיקע לאַנגע האָר און אַ שיינע פּירעקעכיקע באָרד. זײַן אויסזען האָט זייער אימפּאָנירט. פֿון דעמלט אָן האָב איך מיר אַנדערש אַ דיכטער אָדער אַ נאָווי ניט פֿאָרגעשטעלט, ווי נאָר ענלעך אויף נאָדסאָנען.

אינגיכן האָט אונדזער רעבע זיך דערוווּסט, אַז ביאַליק האָט, פֿאַרבײַ־פֿאָרנדיק, אויף אַ קורצער צײַט זיך פֿאַרהאַלטן בײַ אונדז אין שטעטל. זײַענ־דיק באַקאַנט מיט איינעם פֿון אונדזערע מאַסקילים, נאָכעם לעווין (די ברור־סילאָווער לאַמדאָנים האָבן אים גערופֿן ניט נאָכעם, נאָר נאָכעם), איז ביאַ־ליק פֿאַרפֿאָרן צו אָט דעם לעווינען. אָט דער מאַסקיל האָט ביאַליקן אויס־געמאָלט אונדזער חיידער, ווי אַ חיידער־מעסוקן, און דער גרויסער דיכטער האָט באַוויליקט צו באַזוכן אונדז.

ווי גרויס איז געווען מײַן איבעראַשונג, ווען כ׳האָב דערזען דעם לע־בעדיקן כאַים־נאַכמען ביאַליק: קורץ־געשוירענע, טונקל־בלאָנדע האָר, אַ קליין רונדיק בערדל. באַזונדערס פֿאַרכידעשט האָבן מיך זײַנע אויגן. איך האָב מיר פֿאָרגעשטעלט, אַז די אויגן פֿון אַזאַ באַגײַסטערטן דיכטער גליִען אוואַדע און פֿינקלען, און ס׳איז מוירעדיק אים אין די אויגן אַרײַנצוקוקן... ביאַליקס אויגן האָבן קיין באַזונדערן גלאַנץ ניט פֿאַרמאָגט. זײַן בליק איז געווען אַ רויִקער, ניט קיין דורכדרינגענדיקער. דערפֿאַר אָבער האָב איך אין ביאַליקס פֿיגור דערשפּירט אַ באַדײַטנדיקע פֿיזישע קראַפֿט. זײַן

מוסקולאטור איז געווען א מעכטיקע. דאָס איז געווען אינעם יאָר 1897. זײַן גוורע, זײַן רירעוודיקײַט איז מיר אויסגעקומען אָבסערווירן ערשט אין 21 יאָר ארום — אינעם יאָר 1918, ווען ביאַליק האָט באזוכט די קיִעווער טעאטער־סטודיע „קולטור־ליגע", ווו איך האָב שטודירט טעאטער־קונסט, גרייטנדיק זיך ווערן אן אקטיאָר.

פארענדיקט דעם באזוך אין דער טעאטער־סטודיע, האָט ביאַליק זיך געלאָזט גיין צום נאָענטן טראַמוויי. האָט מיך א צי געטאָן נאָכגיין. זיך אָפּשטעלן דאָרט, ווו מע ווארט אפן טראַמוויי, האָט דעם דיכטער, ווארשײַנלעך, קיין געדולד ניט געקלעקט. ווי נאָר ער האָט באמערקט, אז עס דערנעענטערט זיך דער געוווּנטשענער טראַמוויי, האָט ביאַליק אימפעטפול זיך א לאָז געטאָן צום האסטיק לויפנדיקן וואגאָן, א שפרונג געטאָן און בליץ־שנעל זיך אָנגעקלאמערט אין די הענטלעך, וואָס בא דער זײַט פון די טרעפּ. אזוינס, אזא ריזיקע קאָן זיך דערלויבן בלויז א זייער דערפארענער אקראָבאט.

נאָר צוריק צום כיידער:

ווען ביאַליק איז ארײַנגעקומען צו אונדז אין כיידער, האָט דער לערער געהאט מיט אים א קורצן שמועס און דערנאָך זיך געווענדט צו די טאַלמידים:

— איך רעכן, כעוורע, אז עס שאדט ניט מעכאבעד זײַן אונדזער כאָשעוון גאסט מיט אײַער קענען זײַנע ווערק. זאָל ער זיך איבערצײַגן, אז מיר שטודירן זייער גערן זײַנע לידער.

— אוואדע איז מיר ניכע, ווען כ'הער, ווי טאַלמידים לייענען מײַנע לידער. עפּעס א פונק ווערט, מינאסטאָם, בא עמעצן פון זיי אין הארצן פארבלײַבן. אָבער איצט וויל איך הערן א ליד פון די דיכטער, וואָס זײַנען עלטער פון מיר; פון די, וואָס איך באטראכט זיי, ווי מײַנע לערער: צי איז עמעץ פון אײַך באקאנט מיט פּושקינס „דער נאָווי" („פּראָראָק"), מיט פרוגס „זאמד און שטערן", מיט זײַן „דער בעכער", צי מיט נעקראסאָווס א ליד?

דער טאַלמיד הערשל לאָזאָוויק טוט זיך א הייב פון זײַן פּלאץ. אונדזער לערער פרעגט אים: „וואָס ווילסטו זאָגן?"

— איך קען אף אויסווייניק פּושקינס ליד — „אנטשאר".

— אדעראבע, — זאָגט אונדזער לערער, — אויב דו געדענקסט, ווײַז דײַן בעריעשאפט.

— לייענען פאר אן אוילעם „אנטשאר", — רופט זיך אָן ביאַליק, — באדארף מען אזוי, אז עס זאָל א שטורעם ארויסרופן אין די הערצער פון

די צוהערער. אויב דו ביסט זיכער, אז דו פארמאָגסט אזא מין קראַפט, איז אוואדע קעדײַ דיך אויסהערן.

— ניין, — זאָגט לאַזאָוויק, — אזעלכעס גאָר... ווי קומט עס צו מיר?

— ס'איז מיר א כידעש, — וווּנדערט זיך אונדזער לערער, — וואָס דו ווילסט זיך ארויסדרייען. נו, מיילע... וויל איך טאקע פּאָרט, אז אונדזער כאָשעווער גאסט זאָל הערן, ווי עס קלינגט בא אונדז דער שיר „הרהורי לילה". דאָ ניט לאנג האָבן מיר געהאט א גרויסן שמועס מיקויעך אָט דעם שיר... ווער פון אײַך, כעוורע, האָט ווי געהעריק באנומען די געדאנקען, די געפילן פון אָט דער ליד — זאָל אזא איינער אונדז לאָזן הערן צוויי־דרײַ סטראָפן.

דעמלט האָב איך אופגעהויבן די רעכטע האנט.

— הייב אָן! — האָט דער לערער געהייסן.

איך האָב אָנגעהויבן מיט א ציטערדיקער שטים. עס האָט מיך געפּיבערט. איך האָב מיך באמיט ניט צו קוקן אין דער זײַט, ווו ביאַליק איז געזעסן. ביסלעכווײַז האָט פון מיר זיך אָפּגעטאָן דער פּאכעד. איך האָב קימאט ווי פארגעסן, אז מײַן רעציטאציע הערט אויס איינער פון אונדזערע גדויליי־האדאָר. מײַן שטים איז געוואָרן זיכערער, קלינגעוודיקער. ווען איך האָב פארענדיקט די דריטע סטראָפע, איז דער לערער צוגעגאנגען צו מיר, אוועקגעלייגט זײַן האנט אף מײַן אקסל און א זאָג געטאָן: „געשווגו!"

דער דיכטער האָט מיר א ווונק געטאָן, אז איך זאָל צו אים צוגיין. א ליבער שמייכל איז געווען אויסגעגאָסן אף ביאַליקס פּאָנעם. ער האָט א גלעט געטאָן מײַנע האָר און געזאָגט:

— האָט עפּשער מײַן „הרהורי לילה" בא אײַך פראגן ארויסגערופן?

ענטפערט אונדזער לערער:

— אייניקע פון מײַנע טאלמידים איז געווען ניט קלאָר, פארוואָס זעט אויס אין אָט דעם שיר דאָס יידישע פאָלק אזוי נעבעכדיק, אזוי שאָפלדיק, אזוי פארײַיעשט, — אז איר, דער דיכטער, ענדיקט די לעצטע סטראָפע מיט דער שורע: „אל טל, בת שירתי, — נאד דמעות לי תני" (ניט קיין טוי גיב מיר, מײַן מוזע, נאָר א טרערן־לאָגל). אין א צווייטער ליד אײַערער — אין „אָכן חציר העם" (דאָס פאָלק איז געגליכן צו גראָז) שילדערט איר אונדזער פאָלק נאָך מער אָפּהענטיק, נאָך מער באטריבט, ווי אין „הרהורי לילה", און איר קומט צום אויספיר, אז „דאָס פאָלק וועט ניט אופוואכן, אויב די בײַטש וועט אים ניט אופוועקן, עס וועט ניט אופשטיין, ביז די רויבער וועלן אים ניט אופמונטערן". צי האָט איך ניט איבערגעכאַפּט די

מאָס, שילדערנדיק די לאַגע פון אונדזער פאָלק מיט אַזעלכע פינצטערע פאַרבן?

דער דיכטער האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

— פאַראַן אַזעלכע צײַטן, ווען די ווערטער פון אַ דיכטער זײַנען געגליכן צו דונערן און בליצן. אויב אַ דיכטער שטרעבט אַרויסרופן אַ קאָכעניש אין די הערצער פון מענטשן, זיי איבערצײַגן, באַפליגלען זייער פאַנטאַזיע, מוז ער מעגאַזעם זײַן, איבערכאַפּן די מאָס, אָדער — ווי מע דריקט זיך אויס — היפּערבאָליזירן. אָט נעמט לערמאָנטאָווס ליד „באָראָדינאָ". געפינען מיר דאָרט אַזאַ שורע: „און די קאַנאָנען־קוגלען דורכפליִען האָט אַ באַרג הרוגים בלוטיקע געשטערט". ס'איז דאָך אַ גוואַלדאָוונע גוזמע! זי איז אָבער דעם דיכטער נייטיק געווען, קעדיי אין דער פאָרשטעלונג פון דעם לייענער זאָל זיך באַקומען אַ גראַנדיִעז בילד פון אַ פאַרביטערטער שלאַכט...

ווען גאָגאָל מאָלט אונדז די שיינקייט פונעם דניעפּער, זײַן מאַיעסטעטישקייט בעשאַס דער פרילינגדיקער פאַרפלייצונג, שרײַבט ער: „זעלטן טרעפט עס, אַז אַ פויגל זאָל, פליִענדיק צום צווייטן ברעג, דערגרייכן די מיט פונעם דניעפּער". אויך אַ גוואַלדאָוונע גוזמע.

ווען איר באַטראַכט דאָס בילד פונעם מאָלער איליאַ רעפּין „די קירכן־פּראָצעסיע" („קרעסטני כאָד"), איבעראַשט אײַך די טעמפּקייט, די דערשלאָגנקייט, וואָס איז אויסגעגאָסן אויף די פּנעמער פון די האַמויִנישע רוסישע פּויערים, וועלכע נעמען אָנטייל אין דער דאָזיקער פּראָצעסיע און טראָגן די איקאָנע. מעג מען דען, באַטראַכטנדיק אָט דאָס בילד, קומען צום אויספיר, אַז רעפּין האָט געהאַט אַ פאָרשטעלונג וועגן דער רוסישער פּויערישער מאַסע, ווי וועגן אַ דורכויסיקער מאַכנע ווילדע ברויִם?

צו אָט די היפּערבאָלעס פון דער רוסישער קונסט קאָנען מיר צוגעבן אַ גוזמע בײַשפּילן פון טאַנאַך. איר געדענקט, ווי שלוימע האַמעלעך שילדערט די שיינקײַט פון שולאַמיס[1]: „שניך כעדר הרחלים שעלו מן הרחצה" („דײַנע ציין זײַנען געגליכן צו אַ טשערעדע שאָף, וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן באַרג־אַרויף נאָכן אויסבאָדן זיך"). דאָס איז נאָך צו דערלײַדן. ווײַטער באַזינגט ער איר האַלדז: „דײַן האַלדז איז געגליכן צו אַ טורעם פון העלפאַנד־ביין". אַוואַדע איז עס אַ גוזמע, און דאָך אַ דערלאָזבאַרע. אָבער ווען שלוימע האַמעלעך טוט אַ זאָג: „דײַן נאָז איז ווי דער טורעם פון לעוואָנין", ווערן מיר פּאָשעט געפּלעפט פון אַזאַ גוזמע.

---

[1] בעהעסקעם מיט דער טראַדיציע האַלט דאָ ביאַליק, אַז שלוימע האַמעלעך איז דער מעכאַבער פון „שיר־השירים".

דאָס זעלבע מעג זיך דערלויבן א ייִדישער דיכטער, ווען עס פּלאקערט אין אים דער צאָרן, ווען ער ווערט אויסער זיך, צוזעענדיק היינטיקע צייטן די האכנאָע, די שיפלעס פּונעם ייִדישן פאָלק, ווען בא גרויסע מאסן פון אונדזער פאָלק באמערקן מיר ניט די נייטיקע אָנשטרענגונגען, קעדיי פּאָר־טער צו ווערן פון זייערע שווערע ליידן. א בארופענער דיכטער מעג צייטנווייז זיך שטעלן אין דער פּאָזע פון א נאָווי, און טאקע דערפאר, וואָס ער ווייטעקט, וואָס אים רייסט דאָס הארץ, צוקוקנדיק די יעסורים פון זיין פאָלק, מעג ער שיטן פּעך און שוועבל אף זייערע קעפּ... איר ווייסט דאָך: האָסטו עמעצן בעעמעס ליב, זאָלסטו פאר אים ניט קארגן קיינע שטראָף־רייד, אויב ער האָט עס פארדינט.

דאָ האָט ביאליק איבערגעריסן זיין וואָרט און געזאָגט, אז ער מוז מיט אונדז זיך געזעגענען, ווייל טאקע היינט מוז ער פארלאָזן אונדזער שטעטל.

א באַגעגעניש מיט מענדעלען

איבער איינער פון די אָדעסער גאַסן האָט געשפּאַנט א גרופּע יינגלעך אין עלטער פון צוועלף־דרײַצן יאָר. איך בין אויך געווען אין אָט דער קאָמפּאַניע. בא איינעם פון די טויערן האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט: מיר האָבן אַרויסגעקוקט אַף עמעצן, וואָס האָט באַדאַרפט אַרויס פון אָט דעם הויף. עס האָט קיין האַלבע שאָ ניט געדויערט, און עס האָט זיך באַוויזן אַן אַלטער מאַן מיט געדיכטע גראָווע ברעמען, מיט א קליין פּירעקעכיק בערדל און מיט א ווייכן קאַפּעליוש אַפן קאָפּ. מיר האָבן זיך א יאָג געטאָן אָן א זײַט. דער אַלטער האָט קוים געוואָרפן אַף אונדז א בליק און זיך געלאָזן אין וועג.

— ניין, — האָט א זאָג געטאָן איינער פון אונדזער כאָפּטע, — לאָמיר אים הײַנט לאָזן צורו: עפּעס זײַנען די ברעמען זײַנע ברויגעזדיק אָנגע־כמורעט.

— געגערעכט איז יאָסי, — האָב איך מיך אָפּגערופן, — הײַנט האָבן מיר דאָ ניט וואָס צו טאָן, מוז מען אָפּלייגן אַף מאָרגן.

און מיר האָבן באַשלאָסן מאָרגן אַף אָט דעם פּלאַץ זיך צוזאַמענטרעפן.

און ווידעראַמאָל האָבן מיר עטוואָס שרעקעוודיק זיך א וואָרף געטאָן אָן א זײַט, ווען דער זעלבער זיידע, וואָס נעכטן, האָט זיך באַוויזן אין גאַס. אָבער דאָס מאָל האָט ער, ווײַזט אויס, זיך ניט געײַלט אין זײַן וועג אַרײַן; א שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער זײַן פּאָנעם. ער האָט גענומען לאַנגזאַם הייבן אין דער הייך די לינקע האַנט און א זאָג געטאָן:

— קומט אַהער, קונדייסים. שרעקט אײַך ניט — איך בין ניט קיין בער. איר מיינט, איך פאַרשטיי ניט, אַז דאָס טשאַטשעוועט איר נאָך מיר? נו, וואָס וועט איר זאָגן?

מיר האָבן גענומען שטופּן אַף פאָרויס דעם יאַט מיט די בלישטשענדיקע אויגן — יאָסין. מיר האָבן געהאַלטן, אַז ער איז א כוואַט.

— גיי, גיי — דו וועסט מיט אים בעסער זיך אויסטײַנען, ווי עמעץ פון אונדז, — האָבן אייניקע פון אונדז אים געטורקעט אין די אויערן.

יאָסי האָט א פּיר געטאָן מיט דער האנט איבער די ליפּן, עטוואָס זיך דערנעענטערט צום אלטן און אָנגעהויבן:

— מיר ווייסן, אז איר זענט דער שרײַבער אבראמאָוויטש. אף אײַערע ביכלעך איז אָנגעשריבן — מענדעלע מויכער־ספאָרים. מיר האָבן געלייענט אײַערע מײַסעס — „פּישקע דער קרומער״, „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי״.

— ווען מײַן טאטע האָט אונדז געלייענט „מאסאָעס ביניאָמין האשלי־שי״, — האָט יאָסיס רייד איבערגעריסן א צווייטער כעוורעמאַן, דאָדיק, — האָבן מיר אלע — די מאמע און מײַנע שוועסטער — אזוי געלאכט...

— יאָ, יאָ, — רוף איך מיך אָן, — בא אונדז אין דער היים איז אויך געווען אזא געלעכטער, ווען מײַן פעטער האָט אונדז געלייענט אָט די מײַסע.

— דאָס, וואָס איר האָט געלאכט, — רײַסט מיר איבער די רייד דער שרײַבער, — איז מיר ניט קיין כידעש, אָבער ניט אלץ איז אין אָט דער געשיכטע צום לאכן. אז איר וועט אויסוואקסן און וועט כיישעק האָבן ווידער איבערצולייענען די מײַסע, וועט איר פארשטיין, אז ס'איז גאָרניט אזא לוסטיקע געשיכטע, ווי אײַך דוכט זיך. וויסן באדארפט איר, קינדער: אָפט טרעפט עס אין לעבן, אז דאָס, וואָס רופט ארויס א געלעכטער, פּאָרט זיך מיט דעם, וואָס רופט ארויס טרויער. אָט הערט, איך וועל אײַך אײַנ־קורצן איבערגעבן דעם אינהאלט פון שאָלעם־אלייכעמס מײַסעלע „גאזלאָ־נים״, וואָס ער האָט מיר דאָ ניט לאנג געלייענט.

טאלמידים פון א כיידער אין א קליין שטעטל פּראוועזן אין וואלד זייער לאגבוימער־סודע מיט זייער רעבן, וועלכן זיי האָבן א נאָמען געגעבן — מאזעפּע. (שאָלעם־אלייכעם שרײַבט: אויב טאלמידים האָבן זייער רעבן אײַנגעטיילט אזא נאָמען, האָט ער עס, מינאסטאם, קאָשער פארדינט). נאטירלעך, טראָגן די טאלמידים אין הארצן האס אף זייער רעבן. זיי קאָנען אים ניט מויכל זײַן, וואָס ער שמײַסט זיי אָפט. באזונדערס איז אפן רעבן שטארק אופגעבראכט דער עלטסטער טאלמיד — עליע: ער איז דאָך שוין א כאָסן־באָכער. וויל ער זיך נויקעם זײַן אין מאזעפּען. און אָט איז די סודע שוין געענדיקט. דער רעבע א שיקערער שלאָפט שוין געשמאק (ער כראָפּעט אזש), טוט עליע א קאָמאנדעווע:

— ביז איצט האָט מאזעפּע אונדז געשמיסן, ווי די שעפסן, איז לאָמיר איצט אין אים זיך נויקעם זײַן.

פרעגן אים די כאווײרים, וו:אזוי רעכנט ער זיך נויקעם זײַן אין מא־זעפּען.

— מיר וועלן אים צובינדן צו א בוים, — זאָגט עליע, — און דערנאָך וועלן מיר נעמען שרײַען: „גאזלאָנים!״ — און גלײַך אנטלויפן.

די טאַלמידים קומט עס אויס ביז גאָר פּריקרע. זיי קווענקלען זיך, אָבער עליע פירט אויס דאָס, וואָס ער האָט פאַרטראַכט.

צוגעבונדן דעם רעבן צו א בוים, נעמען די טאַלמידים שרײַען „גאַז־לאָנים" און אַנטלויפן אין שטעטל אַרײַן. אפילע ווען זיי זײַנען שוין אַרײַן אין שטעטל, הערן זיי ניט אויף צו שרײַען „גאַזלאָנים".

פון שרעק איז דער רעבע, ווײַזט אויס, פון זינען געריכט געוואָרן. די טאַלמידים גייען, ווי פריִער, אין כיידער אַרײַן. דער רעבע שמײַסט זיי שוין מער ניט. די טאַלמידים האָבן אָבער דערשמעקט, אז דער רעבע איז אויס מענטש. איצט פאַרשטייען זיי, אז זיי האָבן אָפּגעטאָן א גרויסע אוולע.

אָט די פּרייַלעַכע מײַסע פאַרענדיקט זיך מיט א טיפן טרויער. די טאַל־מידים האָבן שטאַרק כאַראָטע, און דער פריִער פאַרהאַסטער מאַזעפּע ווערט זיי שטאַרק אײַנגעבאַקן אין האַרצן.

— יאָ, נאָרוואָס איז מיר אפּן זיקאָרן אַרופגעשווומען נאָך איין טשי־קאַווע פּאַסירונג: אז איך בין געווען א באָכערל פון פופצן יאָר, גיי איך מיר איינמאָל אין גאַס און דערזע א לעווײַע. איך פרעג, ווע‌מען פירט מען עס צו קווורע, זאָגט מען מיר: עפּעס א געהויבענער פּאָרעץ. די מאַנצבלען אַלע אָנגעטאָן אין שוואַרצן. בא א טייל פון זיי — אויף די קעפּ צילינדערס. אין דרויסן איז געווען כמורנע, און עס האָט געבלאָזן א בייזער ווינט. פּלוצעם דערזע איך: דער ווינט האָט בא איינעם פון די מענער אַראָפּ־געשמיסן דעם צילינדער. נאַטירלעך, נעמט ער זיך יאָגן נאָכן צילינדער, וועלכן דער ווינט קײַקלט געשווינד. און אָט איז ער שוין לעבן אים. ער ציט אויס ביידע הענט פאָרויס — אָט־אָט פּאַקט ער אים, אָבער דער ווינט טוט א ריס דעם צילינדער, און דער מאַן טוט א פּראַל מיטן פּאָנעם אַראָפּ און זיך אויסגעצויגן אפּן ברוקירטן שליאַך. אין דער רעגע שיסט עמעץ אויס א הילכיקן געלעכטער. מיר איז אזש קאַלט געוואָרן — אָט פּונקט ווי מע וואָלט מיך אָפּגיסן מיט אן עמער אײַז־קאַלטן וואַסער. איר באַנעמט, קינדער, וואָס דאָס באַטײַט? א מענטש איז געשטאָרבן. מע באַגלייט אים אין זײַן לעצטן וועג... ווי געשיקט זיך עס לאַכן, ווען די לופט אַרום איז פול מיט טרויער? יעדן איז פאַרשטענדלעך, אז אַזאַ מין געלעכטער איז אומגעלומפּערט.

פאַראַן אָבער אַזעלכע צופאַלן, ווען מענטשן לאַכן און באַמערקן ניט די טרויעריקע זײַט פון דער פּאַסירונג. איך ווייס ניט, צי האָט מען אײַך געלייענט גאָגאָלס געשיכטע — „ווי‌אַזוי איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך צע־קריגט מיט איוואַן ניקיפאָראָוויטשן".

געווען אין א שטעטל צוויי אַזעלכע באַלעבעסלעך. אָפּטמאָל פאַרבראַכט צוזאַמען. טרעפט איינמאָל: איינער פון זיי האָט א זאָג געטאָן דעם צווייטן

א גראָב וואָרט. האָט יענער זיך באַליידיקט און דערלאַנגט אַפּן „אָביד־טשיק" א מעסירע אין געריכט. איז דער אָבידטשיק ניט פויל און קנאַקט אויך אוועק א מעסירע אין געריכט אַפּן באַליידיקטן. האַקלאַל, ס'איז אַוועק א סעדרע מיט לויפּעניש אין געריכט, מיט לאָדעניש (און דער געריכט איז ערגעץ ווײַט!). אָט די אַמפּערניש האָט געדויערט יאָרנלאַנג.

גאָגאָל האָט אַזוי בעריִזש באַשריבן אָט די מאַכלויקעס, אַז ווער עס נעמט לייענען אָט די געשיכטע, האַלט אין איין לאַכן. אָבער גאָגאָל האָט קלאָל ניט אין זינען געהאַט קיצלען דעם אוילעם, אַז מע זאָל לאַכן. אים האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס מענטשן פאַרסאַמען איינער דעם צווייטן דאָס לעבן צוליב א נאַרישקײַט. און ער פאַרענדיקט זײַן דערציילונג מיט די ווערטער, „אַז ס'איז נימעס דאָס לעבן אויף אָט דער וועלט!". האָט טאַקע גאָגאָל אין איינעם פון זײַנע ווערק געשריבן: „מיינט ניט, אַז מײַן געלעכ־טער איז גלאַט אַזוי זיך, ניין, ס'איז א געלעכטער דורך טרערן, וואָס די וועלט זעט זיי ניט".

מיינט ניט, קינדער, אַז דאָס לעבן טרײַבט מיט אונדז קאַטאָוועס נאָר דעמלט, ווען עס פּאָרט צונויף דאָס קאָמישע מיטן טראַגישן, דאָס לוסטיקע מיטן טרויעריקן.

אייניקע פון אײַך כאָלעמט זיך, אַז זיי וועלן ווערן שרײַבער, ווען זיי וועלן אויסוואַקסן. ווער ווייסט — עפּשער איז טאַקע עמעצן פון אײַך באַשערט צו ווערן א שרײַבער. באַדאַרף מען אָבער ניט פאַרגעסן, אַז איינס פון די מיטלען צו פאַרינטערעסירן דעם לייענער איז די פייִקײַט צו באַמערקן אינעם לעבן אַזעלכע קאָנטראַסטן, ווי דאָס צונויפּפּאָרן דאָס פריילעכע מיטן פאַריאָמערטן.

— זיידעניו, — וועֶנד איך מיך צו מענדעלען, — עפּשער קאָנט איר אונדז אָנווײַזן אויף נאָך אַנדערע קאָנטראַסטן, וואָס דאָס לעבן טראָגט אונדז אונטער?

דער זיידע האָט א ווישׁ געטאָן דעם שטערן מיט דער לינקער האַנט, א גלעט געטאָן דאָס בערדל און רופט זיך אָן:

— הערט זשע זיך אײַן, קונדייסים, כ'וועל אײַך דערציילן נאָך עפּעס שענערס: אין דעם שטעטל, ווו איך בין געבוירן, האָב איך ייִנגלווײַז געקענט אַן אַלטן זיידן — ער איז שוין אַוואַדע א יאָר אַכציק אַלט געוועזן. דאָס איז געוועזן א שאַמעס אין דער אויזער־דאַלים־שול. אַזוי האָט מען אָט די שול גערופן דערפאַר, וואָס דאָרט האָבן געדאַוונט די, וועלכע זײַנען געוועזן טעטיק אין דער כעווּרע „אויזער־דאַלים". נו, און וואָס הייסט אויזער־דאַלים, באַדאַרף איך אײַך לאַנג ניט ברײַען: העלפן קראַנקע, אָרע־מע לײַט, וועלכע האָבן ווינטער קיין האָלץ ניט צו באַהייצן זייער דירע;

שטיצן די, וואָס פֿאַרמאָגן ניט קיין געלט צו קויפֿן מעל אַף מאַצעס באַקן; אויסהעלפֿן אַזעלכע בעדאַלעס געוואָרענע לײַט, וואָס באַדאַרפֿן אַ טאָכטער כאַסענע מאַכן.

יאָ, טאַקע אין אָט דער שול איז יאַנקל טרײַנעס געווען אַ שאַמעס. האָסטו אַף אים געכאַפּט אַ קוק — איז אַ גרויל דיר איבערן לײַב איבער־געגאַנגען: אויגן בא אים קימאַט ווי אויסגעלאָשענע, די ווינקלען פֿון אָט די אויגן צונטער־רויט, ווי מיט בלוט פֿאַרלאָפֿן; די גרײַלעך געדיכטע ברעמען זײַנען, ווי בעזעמער, געהאַנגען איבער זײַנע אויגן און קימאַט פֿאַרשטעלט די ליכטיקע שײַן. די ווילד צעוואַקסענע האָר אַף זײַן קאָפּ און אין דער לאַנגער גראָווער באָרד — קויטיקע, צעשויבערטע. עס זײַנען שוין גאָר קיין האָר ניט געווען — צונויפֿגעדרייטע, פֿאַרפּלאָנטערטע קאָל־טענעס. דאָס שטרײַמל מיט די ווײדלען אַפֿן קאָפּ (געטראָגן האָט ער עס אי זומער, אי ווינטער) איז, ווײַזט אויס, אַמאָל געווען אַ טונקל־ברוינס און מאַכמעס אָפּגענוצטקײַט האָט עס שוין געקראָגן דעם קאָליר, וואָס מע רופֿט — טונקל־גרין־פּאָפּעליאַטע. די לאַנגע אַטלעסענע קאַפּאָטע איז שוין געווען אַזוי צעסיטעט, אַז אָנשטאָט פּאָלעס האָבן געהאַנגען ווײדלען. האָט נאָר אַ ווינט אַ בלאָז געטאָן, האָבן אָט די ווײדלען גענומען טאַנצן אַרום דעם אַלטן שאַמעס. ייִנגלעך ווײַסע־כעוורעניקעס פֿלעגן אָפּט זיך אונ־טערגאַנווענען און אים שלעפּן פֿאַר אָט די ווײדלען. נאָר דאָס איז נאָך קאַרג: ווען ער פֿלעגט זיך אוועקלייגן שאַבעס באַטאָג אין שול כאַפּן אַ דרעמל אַף דער לעצטער באַנק, פֿלעגן ייִנגלעך־שקאָצים כאַפּן אַן עמער קאַלט וואַסער און פֿון אויבן פֿון דער ווײַבערשער שול אים באַגיסן. אַ שטים איז בא יאַנקלען געווען אַ הייזעריקע, אַ באַסאָווע. פֿלעגט ער אָנהייבן אַזוי איימעדיק רעווען, אַז די פֿאַרוואָרלאָזטע הינט, וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום דער שול, פֿלעגן נעמען אַזוי בעהאָלעדיק האַווקען און זיך לאָזן לויפֿן, פּונקט ווי מע וואָלט נאָך זיי זיך יאָגן מיט אַ שײַט האָלץ.

און דאַפֿקע אָט דער אָפּשטויסנדיקער נעפֿעש האָט פֿאַרמאָגט אַ קאָכיק האַרץ, וואָס איז גרייט געווען העלפֿן יעדן, וואָס עס האָט זיך אין דעם געניייטיקט. שטעלט זיך פֿאָר אַזאַ בילד:

ס'איז אין שטעטל אַ יאַריד. אינעם כוידעש טאַמעז, ווייסט איר דאָך, זײַנען בא אונדז גרויסע היצן. עס האַווען שמײַעדיק די יאַרידניקעס, מע לויפֿט אום פֿאַרשוויצט... אָבער עסן גלוסט זיך — דאַרף מען דעם הונגער מיט עפּעס אָפּנאַרן. טוט מען אײַן אײַלעניש אַ כאַפּ — ווער אַ שטיק הערינג, ווער אַ וואָבלע — און מע כאַלעשט אַ טרונק. גיי פּרעסירע די סכוירע, דעם האַנדל־וואַנדל און לאָז זיך ערגעץ זוכן אַ קוואָרט וואַסער. סײַדן אַ

נעס זאָל געשען, און עמעץ זאָל זיך יאווען מיט וואסער. און וואָס מיינט איר, קינדער, — אין מיטן מארק יאוועט זיך דער גרויז־גרויער יאנקל טרײַנעס. אין איין האנט בא אים — א קרוג מיט וואסער, אין דער צווייטער האנט — א קוואָרט.

— טרינקט, טרינקט וואסער! — שרײַט ער און פאָכעט מיט דער האנט, וואָס האלט די קוואָרט.

און דאָרשטיקע מענטשן — א גאנצע כאָפּטע — ציִען זיך אהער. ער גיסט אָן א קוואָרט, און דער אוילעם טרינקט. עס געפינען זיך אזעלכע, וואָס ווילן יאנקלען באצאָלן דערפאר, וואָס ער האָט זיי דערקוויקט מיט קאלטן וואסער, אָבער יאנקל דרייט מיט דעם קאָפּ אף ניין.

— דאָס וואסער, — ברומט ער מיט זײַן הייזעריקער שטים, — קאָסט דאָך מיך קיין געלט ניט. איך האָב האנאָע, וואָס איך בין מעכײַע נעפאָשעס, לעסאטע שטארב איך נאָך ניט פון הונגער. גאָט איז א פאָטער — ער וועט מיך ניט פארלאָזן.

— איז אָט זעט איר, קינדער: אין אָט דער מיִעסער קיילע — אזוי פיל גרייטקײַט צו טיילן מענטשן כּיעס. אזוי פיל מענטשלעכקײַט. אָט זעט איר, ווי דאָס דערהויבענע פאָרט זיך דאָ מיט דעם מיִעסן.

— זיידעניו, דערציילט אונדז נאָך אָט אזא מין מײַסע.

— יאָ, איך וועל אײַך דערציילן. עמעס, דאָס איז שוין ניט אזוינס, וואָס כ׳האָב מיט מײַנע אויגן געזען. כ׳האָב עס געלייענט אינעם ראָמאן, וואָס עס האָט אָנגעשריבן דער באוווסטער פראנצויזישער שרײַבער וויקטאָר הוגאָ. דאָס איז זײַן ווערק — „דער קאטעדראל פון דער פאריזשער מאדאָנע”. עס קאָן זײַן, אז עמעץ פון אײַך האָט עס געלייענט. אָט דער ראָמאן איז פול מיט זייער אינטערעסאנטע טיפּן. דאָ האָט איר אײַך רײַכע, באוווסטע מעיוכאָסים, די אזויגערופענע אריסטאָקראטן. באנאנד מיט זיי — טיפּן פונעם האמוין, פּאָשעטע לײַט. וועגן איינעם פון אָט די פארשוינען וועל איך אײַך באלד עפּעס דערציילן. גערופן האָט מען אים קוואזימאָדאָ. ער איז א גלאָקן־ציִער אינעם קלויסטער, וואָס אפן נאָמען פון דער פאריזשער מאדאָנע. ווען די פרומע פראנצויזן פלעגן אהער קומען טפילע טאָן אָדער בעשאס א גרויסן קריסטלעכן יאָמטעוו, איז קוואזימאָדאָ מעכוייעוו געווען שנעל שטײַגן איבער די הונדערט טרעפּ פונעם ריזיקן קלויסטער ביזן טורעם, ווו עס הענגען די פילצאָליקע גלעקער. א כאַפּ געטאָן אין די הענט די בײַטשן פון די גלעקער־צינגלעך, און די גלעקער פלעגן אָנהייבן קלינגען אף זייער מאניר.

קוואזימאָדאָ איז געווען א שעמדאָווער אדאנק דער גוואלדיקער אָפּשטויסנדיקײַט פון זײַן אויסערלעכן אויסזען.

ס׳איז שווער צו באַשרײַבן, — דערציילט וויקטאָר הוגאָ אין אָט דעם ראָמאַן, — אָט די פּירעקעכיקע צעפּלאַצטע נאָז, דאָס מויל, וואָס איז ענלעך אַף אַ פּאָדקעווע, דאָס פּיצינקעלע לינקע אויג, וואָס עס האָט זיך פֿאַרטײַעט אונטער זײַן געלער ברעם; אַ מאַסיווע באָראָדאַווקע פֿאַרשטעלט דאָס רעכטע אויג; די ציין — קרומע, צעקרישלטע; די אונטערשטע ליפּ צעשפּאַלטן, איבער איר סטאַרטשעט אַ גרויסער שפּיצעכיקער צאָן עלעהיי בײַ אַ העלפֿאַנד; דער קין — אַ צעצווייטער. אַ מעגושעמדיקער קאָפּ — באַוואַקסן מיט אַ געלער פּאַטלע, ווי אַ באַרשט. אַ גרויסער האָרב פֿון הינטן און אַ גרויסער האָרב פֿון פֿאָרנט. די היפּטן זײַנע — אויסגעוועכנעטע, צעדרייטע — ענלעך אַף צוויי סערפּן; הענט אומגעהייער לאַנגע. דאָך ניט געקוקט אַף זײַן מעשונעדיקער פֿאַרקריפּלטקײַט האָט מען אין אים געשפּירט אַ מעכטיקע קראַפט, אַן אויסערגעוויינלעכע געשיקטקײַט און דרייסטקײַט.

איר קאָנט זיך פֿאָרשטעלן, ווי מ׳עס ער האָט אויסגעזען, אַז ווען דער פּאַריזשער האַמוין האָט זיך צונויפֿגעזאַמלט אינעם גרעסטן פּאַריזשער פּאַלאַץ — נעמען אָנטייל אין די טראַדיציאָנעלע פֿאָלקס־שפּילן, בעשאַס וועלכע מע האָט באַדאַרפֿט אויסוויילן דעם קיניג פֿון די לייצים, איז אַף קוואַזימאָדאָ געפֿאַלן דער גליקלעכער גוירל. ער האָט געקראָגן דעם פּריז, ווי די סאַמע עקלהאַפֿטע בר׳ע צווישן פֿאַרזאַמלטן אוילעם. אַז קוואַזימאָדאָ האָט זיך אַ הייב געטאָן אַף אַ בעלעמער און אַ ווײַז געטאָן זײַן צורע, האָט עס באַם גאַנצן אוילעם אַרויסגערופֿן אַ דונערדיקן אויסגעשריי: „אָט אַ פּאַרצעף!” און אַ דויערנדיקן הילכיקן געלעכטער.

איז שטעלט זיך פֿאַר: אַז אָט דער קריפּל פֿלעגט נעמען טרײַבן די גלעקער און עס פֿלעגט זיך אַ קײַקל טאָן אין דעם פּאַריזשער כאָלעל אַ וווּנדערבאַרע, אַן אויסטערלישע קלאַנגען־סימפֿאָניע, פֿלעגן אַלע פֿאַרצווייבערט ווערן, קוים דעם אָטעם איבערכאַפּן און מיט אַ פֿלאַטערדיק האַרץ זיך אײַנהערן אין די געטלעכע קלאַנגען, וואָס קוואַזימאָדאָ פֿלעגט אַרויסבאַקומען פֿון זײַנע זינגעוודיקע גלעקער.

אָט דער אָפּשטויסנדיקער קריפּל האָט אַזויפֿיל פֿרייד, אַזויפֿיל גליקלעכע מינוטן געשענקט די פּאַריזשער אײַנוווינער, אַז מע פֿלעגט פֿאַר אים האָבן גרויס דערעכערעץ.

— יאָ, קינדערלעך, דאָס איז איינער פֿון די סאַמע אויסטערלישע קאָנטראַסטן, וואָס איך האָב ווען־עס־איז באַגעגנט אין דער וועלט־ליטעראַטור.

איז ווידעראַמאָל האָט איר אײַך: פֿון אַ מ׳עסער קיילע טוען צומאָל אַ שעמעריר אַזויפֿיל פּרעכטיקע שטראַלן!

— און איצט, כעוורע, זאָגט, וואָס האָט איר געוואָלט בײַ מיר פֿויעלן?

— מיר ווילן מיט אײַך זיך אן אייצע האלטן וועגן אונדזערע שרײַבעכצן, — זאָגט יאָסי, — אייניקע פון אונדזער קאָמפּאַניע האָבן געפּרווּט שרײַבן קליינע דערציילונגען, אויך — לידער. ס'איז שווער, אזוי שווער. עפּשער וועט איר אונדז העלפן מיט אן אייצע?

דער זיידע האָט דעם זאכלעכן געשפּרעך מיט אונדז אָפּגעלייגט אַף א צווייט מאָל. אזויארום איז אונדז געלונגען נאָך איין מאָל זיך טרעפן מיטן גרויסן קלאסיקער פון דער יִדישער ליטעראטור. זײַנע רייד בעשאס אָט דער לעצטער באגעגעניש האָבן אין מײַן זיקאָרן ניט קלאָר זיך אײַנגעקריצט. איך געדענק נאָר, אז ער האָט אונדז אָנגעוויזן, וועלכע ווערק באַדארפן מיר לייענען אין דער ערשטער ריי, און ער האָט אונדז שטרענג געוואָרנט, אז זעצן זיך שרײַבן זאָלן מיר בלויז דאן, ווען מיר וועלן דערשפּירן א שטארקע אינערלעכע באדערפעניש. ווײַל אויב ניט, האָט ער געזאָגט, וועט עס זײַן הוילע גראפאָמאניע, וואָס איז זייער שעדלעך פאר יעדן ערלעכן, געוויסנהאפטן מענטשן און וואָס איז קיינעם ניט נייטיק. אייניקע פון אונדז, וועלכע האָבן פּרובירט שרײַבן לידער אין רוסיש, האָט ער פאָרגעלייגט ארײַנקומען צום דיכטער שימען פרוג, וואָס האָט דעמלט געוווינט אין אָדעס.

באַ פּרוגן

טכּילעס האָבן מיר זיך געוואַקלט: אַ קלייניקייט — פּראָג! אַז אונדזער לערער האָט אין שול אונדז איבערגעלייענט פּרוגס ליד — „דער קאָס" („טשאַשאַ"), האָט עס אַף אונדז געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק, און מיר האָבן מיט פאַרגעניגן זי אויסגעלערנט אַף אויסווייניק. באַ מיר האָט מאַמעש געקלאַפּט דאָס האַרץ, ווען איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וועכעזשבן, אַז אָט־אָט וועל איך דערזען און דערהערן דעם לעבעדיקן פּרוג. און איך בין זיכער, אַז מײַנע כאַווײרים האָבן געפילט דאָס זעלבע, וואָס איך. ענדלעך האָבן מיר אין זיך גוויוער געוועזן דעם ייִראַס־האַקאָוועד און זײַנען אַרײַן צום דיכטער אין זײַן דירע. ער אַליין טאַקע האָט אונדז געעפנט די טיר.

באַגעגנט האָט ער אונדז גאַסטפרײַנטלעך. מיר האָבן דערזען אַ הויכן, אַ שלאַנקן מאַן מיט דורכדרינגלעכע בליקן. ער האָט אונדז פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט.

— וואָס שווײַגסטו, יאָסי, זאָג! — האָט דאָדיק אַ שטורכע געטאָן יאָסין.

— דער זיידע אַבראַמאָוויטש, דער ייִדישער שרײַבער, האָט אײַך איבערגעגעבן אַ גרוס, — האָט יאָסי אָפּגעטאָקט אַ ליגן.

— אַ, מענדעלע מויכער־ספאָרים? זייער פײַן. נעמט, קינדער, שטולן און זעצט אײַך. וואָס זשע אַזוינס האָט דער זיידע געהייסן מיר איבערגעבן?

— ניין, גאָרניט. ער האָט נאָר אונדז געזאָגט, אַז איר קאָנט געבן אַ גוטע אייצע אונדזערע יאַטן, וואָס פרוּוון שרײַבן לידער אין רוסיש. מיר ווילן, אַז זיי זאָלן זיך אויסלערנען שרײַבן גוט, אַז די כעוורע זאָלן זיי ניט אויסלאַכן.

דער דיכטער האָט אַף אַ ווײַלע זיך פאַרטראַכט.

אין אָט דער רעגע האָט אײנעם צימער זיך באַוויזן אַ באַיאָרטע פרוי אין אַ זײַדענעם קאָלירנדיקן כאַלאַט און שיין פאַרקעמט. זי האָט אַ רעגע אונדז אַ פאַרכידעשטע באַטראַכט. דאָס איז געוועזן דעם דיכטערס פרוי. שפּעטער זײַנען מיר געוווּר געוואָרן, אַז זי איז אַ רוסישע, און אונדז איז

געוואָרן קלאָר, פאַרוואָס האָט פּרוג מיט אונדז גערעדט רוסיש: מיר האָבן וועגן פּרוגן געהאַט אַ פאַרשטעלונג, ווי וועגן אַן עכט־ייִדישן דיכטער.

— פאַרוואָס זשע זײַט איר געקומען גראָד צו מיר? אין אָדעס זײַנען דאָ זייער גוטע דיכטער אַנדערע. איר האָט דען עפּעס געלייענט פון מײַנע ווערק?

— אָ! — כאַפּט זיך דאָדיק אַרויס. — מיר האָבן אויסגעלערנט אויף אויס־ווייניק אײַער ליד — „דער קאָס".

— וויל איך טאַקע הערן, ווי קלינגט זי בײַ אײַך — אָט די ליד. זאָל עמעץ פון אײַך דורכלייענען! שעמט זיך ניט.

די כעוורע האָבן גענומען שטורכען יאָסין: „לייען, לייען!"

יאָסי איז אַרויס אינמיטן צימער, אַ גלעט געטאָן די פאַטלע האָר און גענומען לייענען.

אַז ער האָט געענדיקט, איז פּרוג צוגעגאַנגען צו אים, אים אַ קוש געטאָן אין שטערן און אים אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול.

— הערט זשע אויס, מײַנע ליבע קינדער: שרײַבן גוטע לידער איז ניט יעדן באַשערט. וועלן שרײַבן לידער איז נאָך ווייניק. פריִער פאַר אַלץ באַדאַרף מען צוליב דעם זײַן געבענטשט מיט טאַלאַנט. אַן אינזשענער, אַ גוטער מײַסטער אין אַ פאַבריק, אַ גוטער באַלמעלאָכע, אַ רויפע, אַן אַדוואָ־קאַט קאָן יעדער פון אײַך ווערן. דאָס הייסט, ווער עס וויל און האָט כיישעק צו שטודירן דעם אָדער יענעם פאַך און פאַרמאָגט דערצו געדולד און פוילט זיך ניט. גאָר אַנדערש האַלט עס מיט דיכטונג. קעדיי צו ווערן אַ דיכטער, פאָדערט זיך אויך פיל וויסן, פיל מי — באַהערשן די טעכניק פון אָנשרײַבן אַ ליד איז ניט פון די לײַכטע זאַכן! אויך דאָ איז נייטיק פיל געדולד! ווי אין יעדער פראַצע. אָבער דאָס אַלץ איז נאָך קנאַפּ, אויב דער מענטש איז אין דיכטונג טאַלאַנטלאָז.

— וואָס זשע איז עס אַזוינס אינעם מענטשן, וואָס קאָן יאָ שרײַבן גוטע לידער? — פרעגט דאָדיק.

— די זאַך באַשטייט אָט אין וואָס, — ענטפערט פּרוג, — אַן עמעסער דיכטער דערזעט אין דעם אַרום דאָס, וואָס אַ מענטש פון אַן אַנדערן, פון אַ געוויינלעכן פאַך וועט ניט באַמערקן. און אויב ער וועט אַפילע יאָ באַ־מערקן, וועט ער עס אויפאַסן גאָר אַנדערש. קעדיי איר זאָלט מיך ווי געהע־ריק פאַרשטיין, וועל איך אײַך באַקענען מיט אַ קליינער ליד פונעם רוסישן דיכטער פ. טיוטשעוו, וועלכער איז פאַרגאַפט געוועזן פונעם כיין פון דער רוסלענדישער נאַטור. ער איז געווען אַ רוסישער פאָרעץ, אָבער ער האָט פאַרמאָגט אַ קאָכיק האַרץ, און ער האָט, קלײַבנדיק נאַכעס פון די רוסלענ־דער לאָנקעס, איינצײַטיק טיף באַנומען דעם עלנט פון די פאַרוואָרפענע

רוסלענדער ווינקעלעך, דעם עלנט פונעם רוסישן אָרעמען פויער. איך וויל אײַך באַקאַנען בלויז מיט אַכט שורעס פון אָט דער ליד, וואָס קלינגען לערערך אזוי:

אָט די נעבעכדיקע כוטערס,
אָט די דאַלעסדיקע ראַכוועס...
אוי, דו רוסלאַנד, אונדזער מוטער —
צאָרעס, צאָרעס און גאָר ווייניק נאַכעס.

קומט א גאַסט פון פרעמדן ווינקל —
ניט באַגרײַפן וועט ער און ניט זען,
וואָס געהיים אזוי עס פינקלט
אינעם הוילן, אין באַשיידענעם דײַן כיין.

אַן עכטן דיכטער טוט עס א שטויס נעמען די פען אין האַנט און באַשאַפן א ליד, ווען עס הייבט אָן זינגען זײַן נעשאָמע; אַן אַנציקטער פון דער נאַטור־שיינקײַט, וויל ער אויסדריקן זײַן באַגײַסטערונג, זײַן פרייד... אָדער ווען דער דיכטער באַטראַכט זײַן אייגן לעבן, די גרויסע ליידן פון זײַן פאָלק... איר וועט אוודע זײַן פאַרכידעשט, ווען איך וועל אײַך זאָגן, אַז ניט אַלעמאָל רופן אַרויס די שיינקײַטן פון דער נאַטור א פרייד־געזאַנג; טיילמאָל רופט באַם דיכטער אַרויס דער צויבער פון דער אַרומיקער שיינער וועלט טרויעריקע שטימונגען, זייער ניט קיין פריילעכע געדאַנקען. אָט דער צויבער וועקט אויף באַם דיכטער א טיפן ווייטעק: ער דערמאָנט אים, אַז אין אָט דער וווּנדער־שיינער וועלט ווערט געטאָן פיל בייז: שווינדל, רעציכעס. דער שטאַרקער באַאַוולט דעם שוואַכן, דער רײַכער באַרויבט דעם אָרעמען. יאָ, דעמלט באַהערשן דעם דיכטער טריבע געדאַנקען.

אָט הערט, וואָס לערמאָנטאָוו זינגט אונדז אין זײַן ליד — „איך גיי אַרויס אליין איבערן שליאַך":

יאָמטעוודיק דער הימל, וווּנדערבאַר,
באַגאָסן איז מיט בלויער שײַן די ערד —
וואָס זשע איז מיר אַזאַ ווייטעק, אַזאַ צאַר,
וואָס זשע איז מיר אָפּן האַרצן אזוי שווער?

באַטראַכטנדיק דאָס לעבן פון דער גאָרער וועלט, איז לערמאָנטאָוו קימאַט קיינמאָל ניט געווען צופרידן — אין פיל פון זײַנע לידער האָט ער פּראָטעסטירט קעגן דעם בייז, וואָס מענטשן פאַרשאַפן איינער דעם צווייטן.

— דערציילט אונדז וועגן א הײַנטיקן יידישן דיכטער, וואָס באַטראַכט די וועלט אזוי ווי לערמאָנטאָוו, — רוף איך מיך אָן צו פרוגן.

— יאָ, פאַראַן בא אונדז אזא דיכטער — דאָס איז ביאַליק. ער איז א גרויסער בעריע צו באַזינגען די פּרעכטיקייט פון דער נאַטור. איך וועל אײַך באַקענען מיט איינער פון זײַנע לעצטע לידער — „בערוב היום״ (דאָס הייסט — „ווען עס גייט צו אָונט״).

און פרוג הייבט זיך אוף, גייט צו צום ביכער־שראַנק, נעמט ארויס א זשורנאַל, וווּ אָט די ליד איז אָפּגעדרוקט, און לייענט זי אונדז איבער.

— אינעם ערשטן טייל פון אָט דער ליד, — קאָמענטירט אונדז פרוג, — מאָלט אונדז ביאַליק אַן אויסטערליש בילד פון זון־אונטערגאַנג. מיר ווערן פאַרגאַפט פון די וווּנדערבאַרע פאַרבן, און עס שאַפט זיך א גוואַלדיק גע־הויבענע שטימונג. נאָר אָט האָבן אין דער ליד די שאָטנס פאַרטריבן די שײַן — ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט. און דעם דיכטער באַהערשן שוין גאָר אַנדערע שטימונגען. אים דוכט זיך, אז דאָ איז אַלץ מיִעס, שמוציק. און ער זינגט: ס׳איז ערגעץ דאָ א געבענטשט לאַנד. דאָרט איז די זון — יוישער, אין דער לופט ווייעט מיט פרײַהײַט. דאָרט האָב איך אויסגעקוקט א ווינקל פאַר מיר, פאַר דיר. איז לאָמיר צוזאַמען אהין אוועקפליִען... פאַרוואָס זשע, מײַן האַרץ, ווייטעקסטו אזוי? פאַרוואָס ביסטו באַצאַרנט? אזא אומגעהייער ברייטע וועלט, און דיר איז ענג...

און ביאַליק פאַרענדיקט די ליד מיט אָט די שורעס: „וואָס איז עס פאַר א ווייטעק, וואָס איז עס פאַר א בענקעניש, וואָס אײַך באַהערשט, ווען דער טאָג ווערט שטיל אויסגעלאָשן...״ דאָ האָט איר ווידער א בײַשפּיל, ווען די שיינקײַט פון דער נאַטור וועקט אוף באַם דיכטער געדאַנקען וועגן אוולעס, וואָס דו באַמערקסט טאָגטעגלעך אינעם לעבן פון דער גאָרער וועלט.

— מינאַסטאַם האָט איר אויך געשריבן אָט אַזעלכע לידער? — ווענדט זיך דאָדיק צו פרוגן.

— יאָ, פאַראַן צווישן מײַנע לידער ענלעכע. איך ווייס ניט, צי איז אײַך אויסגעקומען הערן א ליד Унеси мою душу в ту синюю даль. צו אָט דער ליד האָט מען אָנגעשריבן מוזיק און מע זינגט זי. אין ייִדיש קלינגט זי אזוי:

טראָגט אוועק מײַן נעשאָמע דאָרט ווײַט אינעם בלוי,
ווו גאָלדענע סטעפּעס אין ראַכוועסן ליגן —
אזוי ברייט, ווי מײַן טרויער באַשערטער, אזוי
ווי מײַן וויי, וואָס ווערט קיינמאָל אנשוויגן.

— אויך דאָ, — זאָגט פרוג, — האָט איר אײַך די שיינע בלויע ראַכוועס, גאָלדענע סטעפּעס... דאָס אַלץ לאָקט דאָס אויג. דאָס אַלץ באַדאַרף אזוי באַרויִקן, דערקוויקן דעם דיכטער, און דאָך רײַסט ארויס אָט די פּרעכטי־

קײַט פון דער נאַטור פונעם דיכטערס האַרץ א זיפץ, א זיפץ, וואָס קומט פון וויטעק, וואָס ווערט ניט אנשוויגן.

אז איר וועט טיף באַנעמען דאָס לעבן, וועט אײַך ווערן קלאָר, פאַרוואָס איך האָב געשריבן, אז דער סטעפּ איז „אַזוי ברייט, ווי מײַן ווײ, וואָס ווערט קײנמאָל אנשוויגן". אָט דעמלט, ווען איר וועט זײַן דערוואַקסענע, וועט איר שאַרפער דערשפּירן דעם געדאַנק פון מײַן ליד „זאַמד און שטערן". אויב אײַערע לערער וועלן אײַך באַקענען מיט מײַן ליד „צו דער אַרבעט", וועט ער אײַך דערקלערן, אז דעם וויכטיקסטן געדאַנק פון אָט דער ליד דריקן אויס די צוויי שורעס:

די וועלט איז פאַר אײנעם — א בליִענדער גאָרטן,
פאַר טויזנט — א שווערער, א זומפּיקער וועג.

פרוג האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אף די הענט, ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און גענומען שטיל זינגען: Унеси мою душу в ту синюю даль

אָפּגעזונגען די ערשטע פיר שורעס, ווענדט ער זיך צו אונדז:

— איר באַדאַרפט וויסן, קינדער, אז די דיכטונג און מוזיק זײַנען לײַבּ־לעכע קרויווים, זײַנען אָפט ענג פאַרבונדן. די שורעס פון א דיכטער בעטן זיך מאַמעש, מע זאָל אף זײ אַרופציִען א מוזיקאַליש קלייד.

אין דעם מאָמענט, ווען דער דיכטער האָט זיך פאַרמאָסטן געניער ריידן וועגן דער קרויוועשאַפט פון פּאָעזיע און מוזיק, האָט זיך געעפנט די טיר פונעם צימער, און עס האָט אפן שוועל זיך באַוויזן פרוגס פרוי.

— אינעם שכײנישן צימער, — האָט זי זיך געווענדט צו פרוגן, — וואַרטן אף דיר צוויי אומבאַקאַנטע מענטשן. זײ זאָגן, אז זײ באַדאַרפן מיט דיר שמועסן וועגן א וויכטיקן איניען.

פרוג האָט געענטפערט:

— גיב איבער, אז אין צוויי מינוט אַרום וועל איך צו זײ אַרויס.

נאָכדעם האָט פרוג זיך געווענדט צו אונדז:

— אויב עמעץ פון אײַך וועט באַדאַרפן מײַן אײצע, מעג ער קומען, איך וועל העלפן ווי ווײַט מעגלעך.

מיר האָבן דעם דיכטער באַדאַנקט. ער האָט יעדן פון אונדז געדריקט די האַנט און אונדז באַגלייט ביז צום אַרויסגאַנג. מיר האָבן פאַרלאָזן זײַן הויז, און אין גאַס האָט זיך בא אונדז צעפלאַקערט א לעבהאַפטער שמועס וועגן אונדזער באַזוך.

פערעצעס טײַנעס
צו דער ייִדישער אינטעליגענץ

איך דערמאָן מיך אָן איינעם אן אָוונט אין דער קיִעווער „ייִדישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט". דאָס איז געווען, דוכט זיך, אין יאָר 1911 אָדער 1912. דער אָוונט איז געווען געווידמעט י.־ל. פּערעצן, וועלכן מע האָט צוליב דעם אַראָפּגעבראַכט פון וואַרשע.

אין זײַן רעדע האָט י.־ל. פּערעץ צוגעשטעלט דער ייִדישער אינטעליגענץ א צעטל טײַנעס. ער האָט זיי באַשולדיקט אין א גרינגשעצערישער באַציִונג צו די גרויסע ייִדישע קולטור־ווערטן.

צווישן זײַנע טײַנעס זײַנען געווען אויך אַזעלכע:

— איר דאַרפט וויסן, אז די ייִדישע ליטעראַטור און די העברעיִשע קאָנען ניט זײַן אָפּגעריסן איינע פון דער אַנדערער. דעריבער איז אונדזער כּיוון ברייט פּאָפּוליאַריזירן די העברעיִשע ליטעראַטור. און פּאָפּוליאַריזירן די העברעיִשע ליטעראַטור קאָנען מיר בלויז דעמלט, ווען מיר וועלן איבערזעצן אין ייִדיש די בעסטע ווערק פון אַזעלכע קאָריפייען, ווי יעהודע האַלייווי, פּערעץ סמאָלענסקין, אַוורהם מאַפּו, יעהודע־לייב גאָרדאָן. מיר זײַנען מעכוייעוו דערלאַנגען אונדזערע לייענער אין ביליקע אויסגאַבן און מיט דער הילף פון א מאַסן־טיראַזש די געקליבענע ווערק פון ש. עטינגער און אַקסנפעלד. און פאַרוואָס זאָלן אונדזערע לייענער ניט קריגן די מעגלעכקייט לייענען די ביאָגראַפיע פון היינריך היינע?

מיר אַלע ווייסן, אז אין אונדזער פּראָפעסיאָנעלן ייִדישן טעאַטער הערשט א כאַאָס. די ייִדישע אינטעליגענץ באַדאַרף זיך אָנשטרענגען, קעדיי אַרויסצופירן אונדזער טעאַטער פונעם טעמפּן ווינקל, ווו ער האָט זיך פאַרהאַקט. צי דען איז אוממעגלעך גרינדן א טעאַטער־סטודיע צוליב גרייטן קאַדרען פאַר א קינסטלערישן ייִדישן טעאַטער? מע הערט ניט אויף וועגן דעם צו ריידן און דערבײַ בלײַבט מען.

מיר פאַרמאָגן בא היינטיקן טאָג א היפּשע צאָל זעלבסטעטיקע קרייזן, וועלכע זיינען סטיכייִיש אנטשטאנען. נאָר זייער טעטיקייט איז אפן ניוואָ פון פּרימיטיווער קוסטאַרעריי. קיינע מעטאָד־צענטרען, וואָס זאָלן אָנפירן מיט דער זעלבסטעטיקייט. קיינע שום האנטביכער, ווו די מיטגלידער פון אָט די זעלבסטעטיקע קרייזן זאָלן געפינען די נייטיקע אָנווייזונגען.

י.־ל. פּערעץ האָט אין זיין רעדע באריכט נאָך אייניקע קולטור־פּראָבּלעמען.

זיין רעדע איז געווען אזוי שטורמיש, אז מע האָט געמוזט מאכן אן איבערייס. פון דעם גרויסן זאל האָט א טיר געפירט אין א קלענערן צימער.

י.־ל. פּערעץ איז אריין אהין. איך האָב ניי̆געריק אהין אריינגעקוקט. זעענדיק, ווי פּערעץ שפּאצירט אום איבערן צימער מיט דעם דעמלט נאָך יונגן בערגעלסאָנען און זיי שמועסן זיך דורך אזוי היימיש, אזוי פאַרטרויעך, האָב איך בערגעלסאָנען שטארק מעקאנע געווען.

נאָכן איבערייס האָט פּערעץ ווידער גענומען שטראָף שיטן.

די אינטעליגענץ, וועלכע האָט אָנגעפילט די אאודיטאָריע, האָט זיך געשפּירט מאמעש, ווי מע וואָלט זי שמייסן איבערן נאקעטן לייב מיט אייזערנע ריטער.

און דאָך, ווען דער אָונט האָט זיך געענדיקט, האָט א היפּל אינטעליגענץ פון די צוהערער ענטוזיאסטיש א כאפּ געטאָן פּערעצן און, ווי א ציטעריק קינד, אף די הענט אים ארויסגעטראָגן ביז צו דער ארויסגאנג־טיר. דאָ איז פּערעץ א ווײַלע געבליבן שטיין.

איך האָב מיך דערנעענטערט צו פּערעצן און געפרעגט:

— וואָס מיינט איר מיט אייער „די פרומע קאַץ”?

פּערעצעס אויגן האָבן געלויכטן. ער איז געווען ביז גאָר אופגערעגט און געגעבן מיר אזא טשוווע:

— באַם גרויסן רוסישן דיכטער טיוטשעוו איז פאַראַן אזא פערז: «Мысль изреченная есть ложь» — „אַ ארויסגעזאָגטער געדאנק איז א ליגן”. דאָס הייסט, ניט אלעמאָל זיינען ווערטער בעקוויעך אויסצודריקן דעם דענקערס מאכשאָווע. לערמאָנטאָוו האָט איינע פון זיינע לידער פאַרענדיקט מיט אזעלכע שורעס:

И жизнь, как посмотришь с холодным вниманьем вокруг,
такая пустая и глупая шутка.

קאָן מען דען זאָגן, אז אָט דער דיכטער האָט אלעמאָל אזוי באטראכט דאָס לעבן? צי האָט דען קיינמאָל ניט געלאָקט זיין אויג א ליבער שמייכל

פון א קינד, צי די פּרעקטיקײַט פון א בלום פון פרילינג־בליונג, צי די האנדלונג פון א מאָראַליש־ציכטיקן מענטשן?

און אָט האָט איר נאָך א בײַשפּיל: לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי האָט אין זײַן ארטיקל „וואָס אזוינס איז קונסט" זיך באמיט שארף צו קריטי־קירן שעקספּירס דראמען און וואגנערס אָפּערעס. איז אים דען געלונגען אונדז איבערצײַגן, אז שעקספּיר איז ניט קיין גענ:אלער דראמאטורג און אז וואגנערס אָפּערעס טויגן אפן פּײַער? געוויס האָט ער אליין געטראכט, אז דער געדאנק, וואָס ער האָט מיט ווערטער אויסגעדריקט, איז נאָך ניט דער ריינער עמעס...

דעריבער געדענקט, יונגערמאַן! מיר, שרײַבער, זײַנען ניט מעכויעוו אלץ אײַך צעקײַען און ארײַנלייגן אין מויל. אן עכטער דיכטער ווארפט ארײַן א פונק אין מענטשנס נעשאָמע, און בא יענעם אין הארצן באדארף זיך צעפלאקערן א העליש פּײַער. און ניט יעדן לייענער און ניט יעדן צו־הערער איז באשערט צו פארמאָגן אזא פילנדיק הארץ און אזא מעכטיקע פאנטאזיע.

בא די לעצטע ווערטער האָבן פערעצן ארומגערינגלט זײַנע מעקוראָווים און איך האָב זיך געמוזט אָפּרוקן אָן א זײַט.

שאָלעם=אלייכעם אין בויבעריק

שאָלעם־אלייכעמען האָב איך דאָס ערשטע מאָל געזען, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, אינעם יאָר 1900 (אָדער 1901). דאָס איז געווען די בלײַ־צײַט פון מײַן יוגנט: זעכצן־זיבעצן יאָר. איך בין געווען א לערער אין דער באָיארקער געהיימער יִדישער שול (בא שאָלעם־אלייכעמען איז באָיארקע מיט אירע דאטשעס באקאנט אונטערן נאָמען — בויבעריק). ווי באוווסט, האָט ניט ווײַט פון בויבעריק געוווינט דער פראָטאָטיפּ פון טעוויע דעם מילכיקן.

דעם זעלבן זומער, ווען איך בין געווען א לערער אין באָיארקע (צוואנ־ציק מינוט רײַזע מיטן צוג פון קיִעוו — יעהופּעץ), האָט דאָ זומער אף א דאטשע געווינט שאָלעם־אלייכעם. ניט איין מאָל האָב איך אים געזען גייענדיק אין פּאָטשט באקומען זײַן קאָרעספּאָנדענץ. געגאנגען איז ער אלעמאָל מיט זײַן פרוי.

איינמאָל האָב איך אים באאָבאכט אפן וואָקזאלכל פון באָיארקער באן־סטאנציע. ער איז געזעסן פארזונקען אין טיפע געדאנקען. דעם קאָפּ האָט ער אראָפּגעלאָזן, די הענט זײַנען געווען אָנגעשפּארט אין א גראָבן שטעקן. פּלוצלינג איז צו אים געשווינד צוגעגאנגען א הויכער פארשוין אין א קאָ־טיעלאָק און א זאָג געטאָן:

— פּאני ראבינאָוויטש, זײַט אזוי גוט — קומט אהער אף א ווײַלע!

שאָלעם־אלייכעם האָט שנעל זיך א הייב געטאָן פון אָרט. דאן האָב איך דערזען אף זײַן נאָז פּענסנע אין גאָלדענע רעמלעך און די גרויסע פּאטלע קימאט גאָלדפארביקע האָר, וואָס האָבן באכיינט זײַן האלדז־און־נאקן. זײַן קאָפּ איז געווען באדעקט מיט א קליין קאפּעליושל פון קאָפּע־קאָליר.

איך האָב קיין צײַט ניט געהאט נאָכשפּירן, וווהין אײַלט ער זיך. אגעוו, איז געווען אומטאקטיש אים נאָכצולויפן פּוסטריט. און איך בין טייקעף אוועק.

מיר איז אויסגעקומען אים זען אויך, פארבײַגייענדיק זײַן זומער־וווינונג. שאָלעם־אלייכעם זיצט בא זיך אף דער וועראנדע בא א טישל. קעגן אים איז א יונגערמאן, וואָס דערציילט דעם שרײַבער עפּעס אן איניען, וואָס

האָט, ווי עס שיַינט, שאָלעם־אַלייכעמען שטאַרק פאַרינטערעסירט, מאַכמעס דער שרײַבער האָט פון צײַט צו צײַט געשאָקלט מיטן קאָפּ און אָפּטמאָל צוגעלייגט א פינגער פון דער לינקער האַנט צו די ליפּן.

אין יענעם יאָר האָט שאָלעם־אַלייכעם אָפּט געדרוקט פעליעטאָנען אינעם זשורנאַל „דער יוד". עטלעכע פון זיי זײַנען געווען געווידמעט אייניקע לעבעדיקע פּערסאָנאַזשן, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט באַמערקט אין דעם זעלבן בויבעריק. א פּאָר אַזעלכע פעליעטאָנען זײַנען געווען, קאָן מען זאָגן, קאַריקאַטורן אָף לעבעדיקע פּאַרשוינען. איינעם פון זיי האָב איך גוט געקענט.

דאָס איז געווען לייבל דעם שויכעטס (א באָיאַרקער טוישעוו). א באָ־כער פון 28 יאָר. א געמאָרע־קאָפּ. א לאַמדן. ער איז געווען באַהאַוונט אין דער העברעיִשער, ייִדישער און רוסישער ליטעראַטור. זייער א פייִקער מענטש. א כאָכעם. און אויסערלעך האָט ער אויסגעזען, ווי א טיפּיש־ייִדיש־לעכער יונגערמאַן: געקרײַזלטע לאַנגע פּייעס, א גרויסער טאַלעסקאָטן, א לאַנגע קאַפּאָטע. פון אונטערן גרינעם זשילעט האָבן פרײַ זיך געבאָמבלט די ציצעס פונעם טאַלעסקאָטן.

לייבל דעם שויכעטס איז געווען דער אַפּעטראָפּעס (איצט רופט מען עס אָן שעף) פון דער באָיאַרקער געהיימער וועלטלעכער ייִדישער שול. דאָס איז געווען, קאָן מען זאָגן, זײַן לײַדנשאַפט.

אים איז אויסגעקומען צו האָבן א שמועס מיט שאָלעם־אַלייכעמען. עס האָט זיך געהאַנדלט מיקויעך דעם, אַז שאָלעם־אַלייכעם זאָל אָף אַן אָוונט פּאָרלעזן אייניקע פון זײַנע דערציילונגען. די האַכנאָסע (די פּלעצער האָבן געזאָלט זײַן געצאָלטע) האָט באַדאַרפט דעקן דעם דעפיציט פון דער גע־היימער ייִדישער שול.

שאָלעם־אַלייכעם האָט אויסגענוצט אָט די באַגעגעניש פאַר זײַן פעל־יעטאָן, וועלכער איז אינעם זשורנאַל געווען אָפּגעדרוקט אונטערן קעפּל — „דער יונגערמאַן מיטן גרינעם זשילעט". דאָס איז געווען א שאַרזש. לייבל דעם שויכעטס האָט זיך דערפילט זייער באַליידיקט, ווען ער האָט אָט דעם פעליעטאָן דורכגעלייענט.

פאַרוואָס האָט שאָלעם־אַלייכעם אין אַזא טאָן אָנגעשריבן דעם דאָזיקן פעליעטאָן? לייבל דעם שויכעטס איז געווען א געוויסנהאַפטער און טרײַער ענטוזיִאַסט פון דער ייִדישער קולטור. קיינע אייגננוציקע אינטערעסן זײַנען בא אים ניט געווען.

אָבער שאָלעם־אַלייכעמען זײַנען, אַפּאָנעם, געווען ניט צום האַרצן די באַטלאָנישע גענג פונעם פּערסאָנאַזש, און ער האָט אים אונדז דערלאַנגט אין איראָנישן אַספּעקט.

באַגעגענישן מיט ש. אַנ־סקין

דאָס ערשטע מאָל האָב איך פערזענלעך זיך באַקאַנט מיט ש. אַנ־סקין אינעם יאָר 1915 אין קיִעוו. דאָ איז דעמאָלט געווען אַ באַדײַטנדיקע גרופּע ייִדישע סטודענטן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַן אַקטיוון אינטערעס צו דער ייִדישער ליטעראַטור און קונסט. מע פלעגט דאָ יאָמטויווים־צײַט אַרויסטרעטן מיט פאָרלעזונגען פון די נײַסטע ייִדישע ליטעראַרישע ווערק, זינגען ייִדישע פאָלקסלידער. מיר איז אויך אויסגעקומען דאָ צו זינגען לידער. אַף איינעם פון אָט די אָוונטן האָבן מיר אײַנגעלאַדן אַנ־סקין — ער האָט דעמאָלט אַ שטיק צײַט פאַרבראַכט אין קיִעוו. אין זײַן פערזענלעכן שמועס מיט מיר איז ער געוויר געוואָרן, אַז איך בין אין אייניקע שטעט פון קיִעווער ראַיאָן געווען אַן אָנפירער פון זעלבסטעטיקע דראַמאַטישע קרײַזן. עמעצער האָט אים געזאָגט, אַז איך האָב זיך געלערנט אין אַ דראַמאַטישער סטודיע און אַז איך גרייט מיך ווערן אַן אַקטיאָר און אַ רעזשי־מײַסטער. דעמאָלט איז שוין בײַ אַנ־סקין פאַרטיק געווען זײַן פיעסע „דער דיבעק". מיר האָבן געשמועסט וועגן דער לאַגע פונעם ייִדישן טעאַטער אין רוסלאַנד.

„מיר איז באַוווּסט, — זאָגט אַנ־סקי, — אַז שאָלעם־אַלייכעמס אייניקע פיעסן (דעריקער — זײַנע אײנאַקטערס), שאָלעם אַשס „מיטן שטראָם" און צוויי מײַנע פיעסן קריגן קוידעמקאָל זייער סצעניש טיקן אַף די בינעס פון די בעסערע ייִדישע ליבהאָבערס. מיר דוכט זיך, אַז אַף אָט די אַקטיוויסטן קאָנען מיר, ייִדישע קולטור־טוער, לייגן גרויסע האָפענונגען. און עפשער וועט פון זיי טאַקע דער ייִדישער טעאַטער אופגעריכט ווערן. אַנדערע פעלקער האָבן מאַזל. אָט באַטראַכט זיך נאָר: פונעם מאָסקווער אַמאַטאָרן־קרײַז, ווו סטאַניסלאַווסקי האָט יונגערהייט אָנגעהויבן אַרויסטרעטן אַף דער בינע, איז אויסגעוואַקסן דער מאָסקווער קינסטלערישער טעאַטער. ניט אַלעמאָל שפּילט דאָס מאַזל, ניט אַלעמאָל געפינען זיך אַזעלכע ענטוזיאַסטן".

זײַענדיק אין מיר אַן ענטוזיאַסט פונעם ייִדישן טעאַטער און דערשפּירנ־

דיק אין מיר א מענטשן, וועלכער טרוימט וועגן א קינסטלערישן ייִדישן טעאַטער, האָט ער מיר פֿאָרגעלייגט אָרגאַניזירן א סטודענטן־קאָלעקטיוו, וואָס זאָל אונטער מײַן אָנפירונג זיך נעמען פאַרקערפערן זײַן „דיבעק". מיר איז אַנ־סקיס פֿאָרשלאָג געווען שטאַרק צום האַרצן. איך האָב עטלעכע טעג געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט אייניקע פון מײַנע נאָענטע כאַווייִ־רים. אָבער אף דעם וועג האָבן מיר באַגעגנט א היפש ביסל מעניעס, און מײַנע באַמיִונגען האָבן דעם געווונטשענעם רעזולטאַט ניט דער־גרייכט.

* * *

אין 1917 יאָר איז מיר אויסגעקומען צו זײַן אין „פּעטראָגראַד. אַנ־סקי איז גראָד דעמלט אויך געווען הי. עס האָט שוין דאָ עקזיסטירט די „ייִדישע טעאַטער־געזעלשאַפט". צום באַדויערן, נאָר אפן פּאַפּיר. ס'האָט זיך אײַנ־געגעבן אַרויסקריגן בא דער צאַרישער מאַכט א דערלויבעניש אף אַזאַ כעוורע (עלעהיי די „חברה מפיצי השכלה"). אַנ־סקי איז געווען א מיט־גליד פונעם פּרעזידיום פון אָט דער געזעלשאַפט. דער אַדוואָקאַט לעווידאָוו (גרוזענבערגס א מעקורעוו) איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרע־טאַר. זוכנדיק פאַרבינדונגען מיט די טוער פון אָט דער געזעלשאַפט, האָב איך באַשלאָסן זיך אַרײַנכאַפּן צו נאָכעם שטיף. איך קום צו אים אַהיים — זאָגט מיר עמעץ פון זײַנע בנײ־באַיס, אַז עס וועט מיר אויסקומען וואַרטן א שאָ אָדער צוויי, ביז שטיף וועט זיך צוריקקערן פון זײַן שפּאַציר. איך האָב בא זיך געפּויעלט וואַרטן. ענדלעך איז שטיף געקומען, א מידער און אין דער זעלבער צײַט מיט פינקלענדיקע אויגן. דערהערט, אַז איך וואַרט שוין פון לאַנג, רופט ער זיך אָן:

— איך בין געווען ווײַט הינטער דער שטאָט, אפן פרײַען פעלד. און — אין וואַלד. הײַנט איז יאָמקיפּער. ווי נאָר עס קומט אָן אָט דער טאָג, ציט עס מיך פון שטאָט אין פעלד, אין וואַלד, עפּעס ווי אַן אינערלעכער כוש שעפּטשעט מיר: „אָט זע: גרויסע מאַסן פונעם ייִדישן פאָלק האָבן הײַנט אָפּגעטרייסלט פון זיך קאָלערליי וואָכעדיקע דײַגעס, דעם הו־הא פון דער אַלטעגלעכער יאָגעניש נאָך פּאַרנאָסע, דעם טומל פון האַנדל־וואַנדל, רײַ־סערײַען, לאָדענישן און מאַכן א שטיקעלע כעזשבן־האַנעפעש. פאַרוואָס זשע זאָלסטו, נאָכעם, אין אַזאַ טאָג כאָטש מיטן געדאַנק זיך ניט מעצאַרעף זײַן צו אָט די פּאָשעטע מענטשן?" לאָז איך מיך אַוועק אף די ראַכוועסן פון דער נאַטור, און בא מײַן געדאַנק וואַקסן אויס פליגל, און מײַן קויעד־האַדימיען צעשפּילט זיך גאָר אף אַן אַנדער מין אויפן און עס וויקלען

זיך פאר מיר פאנאנדער מעגילעס, ווו עס זײַנען מיט פײַערדיקע אויסיעס פארשריבן גרויזאמע געשעענישן, די געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק...

און נאָכעם שטיפּס אויגן קוקן ערגעץ ווײַט־ווײַט. א ווײַלע זיצט ער שטיל שווײַגנדיק. און אָט טוט ער האסטיק זיך א קער צו מיר און א זאָג:

— נו, וואָסערע נײַעס וועט איר דערציילן?

האָב איך מיט אים פארפירט א שמועס וועגן דער „ייִדישער טעאטער־געזעלשאפט" און געבעטן מיר העלפן זיך פארבינדן מיט אירע טוער.

זאָגט מיר שטיף:

— נאָך מײַן מיינונג וועט דערפון גאָרניט ארויסקומען. ווי קאָן מען זיך ריכטן, אז א נײַעם ייִדישן טעאטער זאָלן באשאפן מענטשן, וועלכע ריידן ניט אויס קיין איין ייִדיש וואָרט?

און ער האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט, ווי איינער רעדט: „ניטאָ מיט וועמען צום טיש גיין". דאָך האָט ער מיר אָנגעשריבן א צעטעלע צו אנ־סקין, וועלכער האָט מיך באגעגנט ווי אן אלטן באקאנטן. אין דעם מאָמענט איז ער גראָד געווען פארנומען און האָט מיט מיר אָפּגערעדט, אז ער וועט שריפטלעך מיר מודיע זײַן וועגן א באגעגעניש. אינגיכן האָב איך פון אים באקומען א קארטל מיט אן אָנווײַזונג אף דעם טאָג און פּלאץ, ווו עס וועט אונדז אויסקומען זיך צו זען. צו דער באשטימטער שאָ איז שוין אנ־סקי געווען אינעם קאפע, ווו ס'איז געווען אָפּגערעדט זיך צו באַגעגענען. מיר האָבן מיט אנ־סקין זיך מעיאשעוו געווען, ווי־אזוי זאָל מען מעכײַע־מייסים זײַן אָט דעם גוילעם, וואָס האָט געטראָגן דעם פילצוזאָגנ־דיקן נאָמען «Общество еврейского театра».

רײַבנדיק דעם שטערן, האָט אנ־סקי געזאָגט:

— אזוי פאסירט אָפט: עס ווערט בא עלטערן געבאָרן א גערואָטן קינד, און דערנאָך אָט האָסטו דיר — א פארזעעניש. טראכט זיך נאָר אײַן: פון אונדזער «Общество еврейской музыки» שעפּן מיר פולע זשמעניעס נאָ־כעס — ס'איז אן עמעסער ברילִיאנט אין דער קרוין פון אונדזער נײַער וועלטלעכער ייִדישער קולטור, און עס עפענען זיך פאר אָט דער געזעל־שאפט אומגעהייער ברייטע האָריזאָנטן. פארוואָס זשע זײַנען מיר בענע־גייע אונדזער נײַער „אָבשטשעסטוואָ" אזוי אָפּהענטיק?

ש. אנ־סקי האָט געוווסט, אז אין פעטראָגראד דרייען זיך אום יונגע־לײַט, וועלכע זײַנען קאפאבל זיך א נעם טאָן צו פּראקטישער ארבעט, אָבער קיין איניציאטיוופולער אָרגאניזאטאָר איז ניט געווען בע־נימצע.

דאָס איינציקע, וואָס אונדז האָט זיך איינגעגעבן, איז געווען א סטיליזירטע פורים־שפּיל, וואָס מיר האָבן מײַסע זעלבסטעטיקײַט אָרגאניזירט אדאנק דער זייער ענערגישער געזעלשאפטלעכער טוערן פאניע נירענבערג (זי איז דעמלט געווען א לערערן אין א פעטראָגראדער שול). זי האָט עס אופגעזוכט דאָס בינטל יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט כיישעק געהאט צו אזא אופטו. די שטעלונג האָט מען פארטרויט מיר, און איך האָב געשפּילט האַמאָנען. ש. אנ־סקי איז אף דעם ספּעקטאקל ניט בײַגעווען — אים איז גראָד אויסגעקומען אף א קורצער צײַט אָפּפאָרן פון פּעטראָגראד. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט, האָט ער מיך ארויסגערופן מיט א קארטל. מיר האָבן ווידער באהאנדלט די פראגע, וויאזוי צו דערמונטערן אונדזער „אָבשטשעסטוואָ", אָבער אין דעם מאָמענט האָבן מיר זיך קיין אייצע ניט געקאָנט געבן, האגאם אין דעם זעלבן פּעטראָגראד האָט שוין דעמלט מענדל עלקין זיך מיסאסעק געווען מיט דער אָרגאניזירונג פון א דראמקאָלעקטיוו. מיר ביידע האָבן, ווי עס שײַנט, וועגן דעם גראָד ניט געוווסט.

דאָס מאָל איז מײַן באגעגעניש מיט אנ־סקין פאָרגעקומען אין דער ריזיקער ביבליאָטעק פונעם באראָן גינצבורג (ווו עס זײַנען געווען אָנגעזאמלט קאָלאָסאלע אויצרעס פון יודאיקע). דאָ טאקע האָט געוווינט אנ־סקי.

צוקוקנדיק זיך צו אנ־סקיס לעבנשטייגער, האָט מיר א קלעם געטאָן באם הארצן: איך האָב דערשפּירט די איינזאמקײַט פון אָט דעם מענטשן: ניט געווען ארום אים קיין נאָענטער, געטרײַער נעפעש, וואָס זאָל אים באזאָרגן מיטן סאמע נייטיקסטן. און ער איז דאָך שוין געווען א מענטש פון אריבער פופציק. א מידער, א צעבראָכענער פון לאנגיאָריקן וואנדערן. ער האָט זיך מיר געקלאָגט, אז „דער דיבעק" האָט אים זייער פיל נערוון געקאָסט און קיין נאכעס זעט מען לעסאטע ניט.

ש. אנ־סקי איז געשטאָרבן עטלעכע כאדאָשים פאר דער פּרעמיערע פון זײַן „דיבעק" אין „ווילנער טרופּע", וואָס איז געווען גאָר א באדײַטנדיקע געשעעניש אין דער געשיכטע פונעם יידישן טעאטער און האָט באַרימט געמאכט אָט דעם קאָלעקטיוו אף א לענגערער צײַט.

אָבער בעעמעס אופגערודערט די וועלט האָט די אופירונג פון יעווגעני וואכטאנגאָוו אינעם טעאטער „הבימה" („האבימאָ"), וואָס איז אנטשטאנען אין מאָסקווע ערעוו דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

גאָרקי, סטאניסלאווסקי, שאליאפּין זײַנען געווען אנציקט פון אָט דער פאָרשטעלונג. שאליאפּין איז אזוי ניספּאָעל געוואָרן, אז ער האָט אף א

וואנט פונעם לאָקאל, ווו מע האָט געשפּילט אָט דעם ספּעקטאקל, אָנגעשריבן: „דער טעאַטער „הבימה" איז דער בעסטער אין דער וועלט".

די צײַט האָט באַוויזן, אַז מיט אָט דער פּיעסע האָט ש. אַנ־סקי פאַרנומען אַ בעקאָוועדיקן פּלאַץ אינעם פּאַנטעאָן פון דער אַלוועלטלעכער דראַמאַטורגיע.

מע האָט שוין באַשאַפן אַ פילם אָפּן גרונט פון אָט דער פּיעסע. נאָך מער: ס'איז שוין דאָ אַן אָפּערע, וואָס מע האָט געשאַפן פון אָט דעם טעקסט.

אומגעהייער גרויס איז אויך דער פאַרדינסט פון ש. אַנ־סקי, ווי אַן אומדערמידלעכן זאַמלער פון יידישן פאָלקלאָר! אַלס אַזעלכן האָט י.־ל. פּערעץ זייער הויך אים געשעצט און האָט איינס פון זײַנע ווערק געווידמעט „ש. אַנ־סקי — דעם זאַמלער".

אָשער שווארצמאַן

1911. אייגער פון די קיִעווער ראַנדן, וואָס איז געווען באַוווּסט אונטערן נאָמען — דעמיִעווקע. דאָ האָט דעמלט עקזיסטירט א געהיימע שול פאַר יידישע קינדער, ווו אַלע לימודים האָט מען געפירט אין ייִדיש. מיר איז אויסגעקומען צו זײַן אין דער זעלבער שול א לערער פון ייִדיש און געשיכטע פון ייִדן. דער היגער פּריסטאַוו האָט וועגן דער שול געוווּסט, נאָר ער האָט זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט. א פּאָשעטער סייכל: א היפּשער מאַטנאס־יאַד (כאַבאַר) האָט אים בלינד, טויב און שטום געמאַכט. קורץ גערעדט — פּאַראַליזירט זײַן פּאָליציייִשן שמעקער.

אין דער זעלבער דעמיִעווקע פלעגן פון צײַט צו צײַט פּאָרקומען אומלעגאַלע ליטעראַריש־ייִדישע באַגעגענישן. דער קאָכלעפל איז דאָ געווען דער קולטור־טוער באָרעך שווארצמאַן (א סטודענט פונעם קיִעווער קאָמערץ־אינסטיטוט). אף אָט די אָוונטן פלעגט דער יונגער בערגעלסאָן לייענען קאַפּיטלען פון זײַן נײַעם ראָמאַן, וואָס איז שפּעטער געדרוקט געוואָרן אינעם קיִעווער אַלמאַנאַך „אייגנס" אונטערן קעפּל „אָפּגאַנג". מיר האָבן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, מיט גרויס אינטערעס זיך אײַנגעהערט אין זײַן לייענען. אָבער נאָך מער טשיקאַווע זײַנען פאַר אונדז געווען בערגעלסאָנס אַנעקדאָטן און מינדלעכע סצענקעס פונעם אַלטפרענקישן ייִדישן שטייגער. ער פלעגט זיי בערייִש, שטיפעריש דורכשפּילן. צומאָל האָט עס אויסגעזען מעשונע־מאָדנע: אָט דער זעלבער מענטש, וואָס פלעגט בא אונדז אַרויסרופן אַזא האַרצקלעמעניש מיט די עלעגישע שטימונגען פון זײַן „אַרום וואָקזאַל", מיט דער טראַגיק פון זײַן נאָוועלע „דער טויבער", האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט נאָר לעבנסלוסטיק, נאָר אפילע ווי א קונדעס, ווי א מין מאַרשאַלעק.

אף די זעלבע אָוונטן פלעגט מיט נײַע לידער אַרויסטרעטן דער צוריקגעהאַלטענער, סטאַטעטשנער, צוגעפּוצטער און עטוואָס טרוקענער עזראָ קאָרמאַן. נאָך אים — דער יונגער, בלאָנדער, זייער עמאָציאָנעלער, לאַנגער און דאַרער מישע ראַפּאַלסקי (שפּעטער — א רעזשי־מײַסטער אין טעא־

טער). מיט א גוואלדיקן טעמפּעראמענט האָט מישע דעקלאמירט ליפּאָ־
ווצקיס באלאדע „באם טײַך" (זי איז געווען אָפּגעדרוקט אינעם יאָר
1910 אין קיִעוו אינעם „ייִדישן אלמאנאך"). אויך איך פלעג דאָ ארויס־
טרעטן מיט מײַנע הומאָריסטישע סצענקעס. דאָס איז געווען א פּאראָדיע
אַפן טומל און ווירוואר אין א קליינשטעטלדיקער ייִדישער באָד („די
באָד" — אונטער אזא נאָמען איז דעמלט באוווּסט געווען אָט די פּאראָדיע,
וועלכע איך האָב אין ערגעץ ניט געדרוקט).

אַף איינעם פון אָט די אָוונטן האָט מײַן אופמערקזאמקײַט צוגעצויגן
א נײַער פּאַרשוין, וועלכן איך האָב אין אָט דער סוויווע דאָס ערשטע מאָל
דערזען. א געזונטער, ברייטפּלייציקער, שטאלטנער באָכער אין א רויטער
קאָסאָוואָראָטקע (א בלוזע). אָן א רעקל. אין פּאָשעטע שטיוול מיט ברייט־
לעכע כאָליעוועס. זײַן פּאטלע שווארצע האָר האָט געגלאנצט, דאָס איז
געווען דער גלאנץ פון שווארצן סאמעט, אין וועלכן עס האָט זיך אָפּגע־
שפּיגלט די שײַן פונעם לאָמפּ.

מע האָט אים א בעט געטאָן לייענען לידער. ער האָט לאנג זיך בעטן
ניט געלאָזן. זײַן פּאָנעם, אַף וועלכן עס האָט געשפּילט א קוים־קוים ראָ־
זעווע פארב, איז בלאס געוואָרן. ער האָט גענומען לייענען. בעשאס־מײַסע
האָט ער זשעסטיקולירט מיט די הענט. ברייטע, איינארטיקע זשעסטן זײַ־
נען עס געווען. דאָס איז געווען דער דיכטער אָשער שווארצמאן. דער
מערהײַט פון אונדז איז ער געווען אומבאקאנט.

פון טכילעס אָן איז בעשאסן לייענען אַף זײַן פּאָנעם געווען אויסגע־
גאָסן עפּעס א מין כמורנעקײַט. אָבער גאָר גיך האָט דורך אָט דעם וואָלקנדל
זיך דורכגעריסן א קוים מערקבארער, ניט קיין דרייסטער שמייכל. און אָט
לויכט שוין דאָס גאנצע פּאָנעם. דאָס, וואָס מיר האָבן דערהערט, איז
געווען א לויבגעזאנג דער נאטור. אָט די לידער האָבן אזוי הארמאָנירט
מיט זײַן אויסערלעכן אויסזען... מיר אלע האָבן אין אָט דעם באָכער מיט
די פינקלדיקע שווארצע אויגן דערשפּירט אן עכט קינד פון דער נאטור.
עס האָט גענומען ווייען מיט אראָמאט פון פעלדער, לאָנקעס און וועלדער.
איך געדענק ביז הײַנטיקן טאָג, ווי אָשער האָט אין איינער פון אָט די ליי־
דער געזונגען וועגן דעם, ווי ער שנײַדט גראָז. ער האָט עס טאקע איליו־
סטרירט מיט א קערפּער־באוועגונג. ווען מיר האָבן אויסגעהערט עטלעכע
לידער זײַנע, איז אונדז געוואָרן קלאָר, אז פון די טיפעניִשן פון דער ייִדי־
שער דיכטונג האָט א שטראָם געטאָן א נײַער, א פרישער קוואל. די שטי־
מונג, וואָס אָשער האָט מיט זײַנע לידער ארײַנגעטראָגן אין דער אטמאָ־
ספער פון אָט דעם אָוונט, האָט גוואלדיק קאָנטראסטירט מיט די עלעגישע
מאָטיוון, וואָס מיר האָבן אַף דעם זעלבן אָוונט געהערט פון בערגעלסאָנען.

„ניין, — האָט אונדז אָשערס דיכטונג געטרייסט, — ניט אויסגעשעפּט זײַנען די קרעפטן פונעם ייִדישן פאָלק". און טאָקע אָשער שווארצמאַן איז איינער פון די אָנזאָגער פון א נײַעם אופבראַוו, פון א נײַער טקופע, און דאָס איז דאָך ווירקלעך געווען דער באַגינען פון דער נײַער און טאַקע נאָוואַטאָרישער ייִדישער דיכטונג, וואָס איז באַוווּסט אונטערן נאָמען — קיִעווער פעריאָד.

אין דער זעלבער צײַט האָט מען געשפּירט, אז אָשער שווארצמאַנס דיכטונג ציט אירע זאפטן פון די מעכטיקע שיכטן פון דער אלטער דיכ־טערישער ירושע. געגנוג צו דערמאָנען, אז דעמלט האָט ביאליקס און ז. שניירס דיכטונג זיך צעבליט אין איר פולער פּראַכט. שוין אָפּגערעדט פון י.־ל. פּערעצן. אז אזא שפּירונג איז געווען באַרעכטיקט, זאָגן איידעס די שורעס פון אָשער שווארצמאַנס א ליד, וועלכע איז פּאַרבליבן אינעם זיקאָרן פון זײַן שוואָגער יאַנקעוו לוואָווסקי:

כ'האָב פון אלטע וועלדער
אָפּגעיאַרשנט זייער קראַפט,
כ'האָב פון אלטע סאָסנעס
אויסגעזויגן זייער זאַפט.

אין אָט די עטלעכע שורעס ליגט א היפּש ביסל פון אָשערס מעהוס. ער איז טאַקע אליין געווען א סאָסנע, נאָך מער — א פרישׂ שמעקנדיקער וואַלד...

יאָרן לויפן. אָט איז שוין געקומען דאָס יאָר 1913. אָשער שווארצמאַן איז א סאָלדאַט פון דער צארישער ארמיי. און מיטאמאָל דערזע איך אינעם זשורנאל „ייִדישע וועלט" שווארצמאַנס ערשטע געדרוקטע ליבע־ליד:

און ס'וואָלט דעם סאָד באַנאַכט די ערד
דערציילט די ווינטן שטילערהייט...

אין דעם זעלבן יאָר איז דער דיכטער געקומען פון דער ארמיי קיין קיִעוו. אין אורלויב. גאָר אף א קורצער צײַט. אָך, וואָס ער פלעגט עס אונדז דערציילן עפּיזאָדן פון זײַן קאַזאַרמע־שטייגער. אינטערעסאַנט, ווי די סאָלדאַטן פון זײַן ראָטע פלעגן זיך האלטן, בעשאַס אָשער האָט גע־שריבן: זיי פלעגן ליגן רויִק — קימאַט קיין וואָרט ניט אויסריידן, קעדיי אים ניט שטערן. בלויז איינמאָל האָט אָשערס אויער אופגעכאַפּט, ווי איין סאָלדאַט טוט שטיל א זאָג זײַן כאַווער:

— זע נאָר: שרײַבט אליין, און אליין טאַקע לאַכט ער. — «Сам пише — сам сміється»

פון צײַט צו צײַט פלעגט אָשער פאר זיי זינגען אוקראַיִנישע און ייִדישע לידער. ווײַזט אויס, אז זיי איז עס געפעלן, מאכמעס זיי האָבן אלעמאָל געבעטן:

— זינג זשע נאָך. נו, זינג!

איינמאָל האָט בא איינעם פון זײַנע כאוויירים־סאָלדאטן אזוי זיך צע־שפּילט די פאנטאזיע, אז ווען אָשער האָט געענדיקט זינגען, האָט ער געזאָגט:

— הער נאָר אויס, שווארצמאן, אז מיר וועלן אראָפּאטערן די סלוזשבע, וועל איך עפענען א קאָלבאסנע קלייט און וועל דיך נעמען צו זיך פאר א שוטעף.

מײַן לעצטע באגעגעניש מיט אָשערן איז פאָרגעקומען אין פעטראָגראד אינעם יאָר 1917 אין אן ארבעטער־קלוב. דאָ האָב איך אָשערן דערזען אין דער אוניפאָרם פון א קאוואלעריסט. דאָס איז געווען ערעוו זײַן אָפּפאָרן אפן פראָנט. מיר האָבן געכאפּט א שמועס וועגן דער נאָענטסטער צוקונפט פון דער רוסישער און ייִדישער דיכטונג. אָשער האָט שוין דערשפּירט דעם רענעסאנס פון דער ייִדישער פּאָעזיע. אפן האָריזאָנט פון דער דאָזי־קער דיכטונג האָט שוין געגומען לויכטן א נײַער שטערן — דאָוויד האָפּ־שטיין. בא אָשערן איז שוין קיין סאָפעק ניט געווען, אז האָפשטיין פאר־מאָגט א מעכטיקע, א פילצוזאָגנדיקע באגאבונג. און ער האָט וועגן דאָווידן גערעדט מיט א גרויסער באגײַסטערונג.

מיר האָבן זייער הארציק זיך צעשיידט.

שפּעטער איז צו מיר דערגאנגען א שוידערלעכע יעדיִע, אז אָשער שווארצמאן איז העלדיש געפאלן אין שלאכט.

שמועל האַלקין

ניט איך בין דער ערשטער און ניט איך בין דער לעצטער, וואָס זעצט זיך אוועק מיט אַ באַזונדערן כיישעק צום שרײַבטיש פֿאַרצייכענען די באַגעגענישן מיט ש. האַלקינען. עס וועט זיך ניט געפֿינען קיין איין שרײַבער, וועלכער זאָל פֿאַרגעסן די האַרציקייט פֿון אָט דעם דיכטער.

פֿון די אַלטע ספֿאָרים ווייסן מיר אַ געבאָט: אויב עס קומט צו דיר אַרײַן אַ מענטש, אַפֿילע אַן אומבאַקאַנטער, זאָלסטו פֿרײַנטלעך, וואַרעם אים באַגעגענען, וועט ער ניט ווערן אָפּהענטיק, וועט ער זיך דערשפּירן היימיש, וועט ער גיכער עפֿענען פֿאַר דיר זײַן באַטריבט האַרץ. צו אָט אַזאַ קאַטעגאָריע זעלטענע מענטשן־פֿרײַנט האָט באַלאַנגט אויך ש. האַלקין. איך ווייס, אַז איך אַנטדעק דאָ די שוין לאַנג אַנטדעקטע אַמעריקע. אָבער אַנדערש קאָן איך ניט אָנהייבן שילדערן אייניקע מערקווירדיקע אײַנדרוקן פֿון מײַנע צוזאַמענטרעפֿן מיט האַלקינען.

ס'איז באַוווּסט, אַז קיין איין דיכטער־אָנפֿאַנגער (סײַ פֿון די, וואָס האָבן געוווינט אין מאָסקווע, סײַ פֿון די, וואָס פֿלעגן אָף אַ קורצער צײַט זיך פֿאַרהאַלטן אין מאָסקווע) האָט ניט פֿאַרפֿעלט באַזוכן האַלקינען — מיט אים זיך אָן אייצע האַלטן מיקויעך אַ נײַ ווערק, וואָס אַזאַ איינער האָט אָנגעשריבן. און ש. האַלקין האָט ניט קיין מי, ניט קיין צײַט געקאַרגט צוליב דערמוטיקן אַ יונגן (גאַנץ אָפֿט אַפֿילע ניט קיין יונגן און ווײַט ניט קיין אָנפֿאַנגער) און אים טאַקע בעפּויעל־מאַמעש געהאָלפֿן אויסבעסערן דאָס אָנגעשריבענע.

אין דער זעלבער צײַט האָט דער דיכטער האַלקין ניט געהאַט קיין מערקבאַרן באַגער צו ריידן וועגן זיך, וועגן זײַן שאַפֿונג. וויפֿל מאָל האָב איך פֿערזענלעך פּרובירט שלעפֿן אים פֿאַר דער צונג, ער זאָל אַנטפּלעקן, ווען און ווי האָט ער, ווי אַן אָנפֿאַנגער, געגומען באַטרעטן זײַן דיכטערישן וועג, פֿלעגט ער אַלעמאָל בעריזש זיך אַרויסדרייען פֿון אַזאַ שמועס. בלויז איין מאָל איז מיר געלונגען אים פֿאַקן אין אַזאַ מאָמענט, ווען די נאַטור אַליין האָט אים אַ שטויס געטאָן צו אַזאַ מין אָפֿנהאַרציקייט.

דאָס איז געווען, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, אינעם יאָר 1939. מיר האָבן ביידע איינצײַטיק פאַרבראַכט אונדזער זומערדיקן אָפּרו אינעם שרײַבערישן הויז מאַלייעווקע (איצט — שאַפונגס־הויז אָפן נאָמען פונעם שרײַבער סעראַפימאָוויטש). מיר פלעגן אָפט זאַלבענאַנד שפּאַצירן אינעם נאָענטן וואַלד, וואָס אָפן ברעג פון מאָסקווע־טײַך. ניט איין מאָל פלעגט ער מיך בעטן זינגען עפּעס פון ריווקע באַיאַרסקעס נײַע לידער, אײַנשליסנדיק אירע מוזיקאַלע מאָטיוון, וואָס האַלקינס טעקסטן האָבן אינספּירירט. עס האָט אָפילע פּאַסירט אַזאַ שטיפערישער אײַנפאַל: שפּאַצירנדיק ניט ווײַט פונעם אָפּרו־הויז, האָבן מיר באַמערקט די באָיאַרסקע שלאָפנדיק אָף אַ באַנק, ווו צוקאָפּנס איז בא איר געווען אַ היפּשער הויפן פּריש היי. טוט האַלקין מיר אַ זאָג: „שאַט, לאָמיר אָפּטאָן אַזאַ שפּיצל: איר פאַרשטעקט אײַך אונטער אָט דעם שטרויך (און ער ווײַזט מיר אָן אָף דעם געדיכטן שטרויך, וואָס איז געוואַקסן אָפן ראַנד פונעם וועלדל) און זינגט אויס איר נײַע וויגליד — „יאָסעלע", נאָר ניט צו הויך". איך האָב אַזוי געטאָן, און האַלקין האָט מיר געהאָלפן זינגען. מיר האָבן באַמערקט, ווי די שלאָפנדיקע נעמט קוים־קוים זיך דרייען אָף איר געלעגער. זײַנען מיר באַלד אַנטלאָפן. שפּעטער מיט אַ פּאָר שאָ האָבן מיר זי באַגעגנט. רוימט זי אונדז אײַן פאַרכידעשט: „איך האָב דאָ ניט לאַנג געכאַפּט אַ דרעמל אָף אַ באַנק — האָט זיך מיר געכאָלעמט, אַז עמעץ זינגט עפּעס פון מײַנע ניגונים. וואָס זאָל עס באַטײַטן?" מיר ביידע האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ניט אונדז מיינט מען...

בעשאַס איינעם פון מײַנע שפּאַצירן מיט ש. האַלקינען אין וואַלד האָט אַ שטאַרקער ווינט מיט אַ מעשוגענער שנעלקײַט גענומען צעטראָגן איבערן גאָרן הימל געדיכטע פינצטערע כמאַרעס. עס האָט אָנגעהויבן מוירעדיק דונערן און בליצן. און עס האָט אַ גאָס געטאָן אַ שלאַקסרעגן. מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אונטער די געדיכטע צווײַגן פון אַן אַלטן דעמב — איבערוואַרטן דאָס געוויטער. איך האָב בא האַלקינען באַמערקט עפּעס גאָר אַ געהויבענע שטימונג. ער האָט אָנגעהויבן מיר דערציילן, ווי־אַזוי ער האָט באַכערווײַז (אַן ערעך אין עלטער פון פופצן יאָר) גענומען באַטראַכטן זײַן טאַכלעס — דעם ריכטיקן וועג אין זײַן לעבן. טרעפט זיך איינמאָל, ווען ער האָט איינזאַם שפּאַצירט אינעם וואַלד, וואָס ניט ווײַט פון זײַן געבורטשטאָט, האָט זיך צעשפּילט אַן ענלעך געוויטער.

„איך האָב זיך, — דערציילט ער, — אַרײַנגעכאַפּט אונטער דעם שירעם פון אַ בוים. עס דונערט און עס בליצט — אַ שרעק! פּלוצלינג האָט אַן אויסטערליש־העלער בליץ־שטראַל אַ שנײַד געטאָן איבער מײַן אייבער־

שטער ליפּ. אָט אין דעם אויגנבליק האָב איך דערשפּירט, אַז איך ווער אַ דיכטער. און טאַקע פון דעמלט אָן האָב איך גענומען זיכער, דרייסט שרײַבן לידער".

* * *

דאָס איז געווען אינעם יאָר 1940, אָסיען־צײַט. אַ שווער געמיט האָט געפּרעסט מײַן האַרץ. דו זיצסט באַם שרײַבטיש און... אויס מאַזל־בראָכע. דאָס, וואָס דו שרײַבסט, באַפרידיקט דיך ניט: עס פעלט דער פּונק, וואָס אָן אים איז ניטאָ וואָס צו האָפן, אַז עס זאָל באַ דיר זיך צעפלאַקערן דאָס געוווּנטשענע העלישע פײַער. באַדאַרף מען אוועקלייגן די פּען און זיך באַדענקען. ניין, ניט נאָר זיך באַדענקען — מע דאַרף זיך ערגעץ־ווו אַ לאָז טאָן — טאָמער וועט די שטימונג זיך ענדערן. וווהין זשע לאָזט מען זיך אוועק? שאַ, ס'איז דאָ אָן אייצע: מע באַדאַרף זיך אַראָפּכאַפּן צו האַל־קינען. טאַקע דאָרט, באַ אים לײַען אַ ביסעלע פײַער. ער איז דאָך עלעהיי אַ לײַכט־טורעם. און אָט טרעט איך איבער מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם זײַן שוועל. איך קום אַרײַן צו אים אין צימער, וואָס איז געווען אי זײַן קאַבינעט, אי זײַן עסצימער, אי זײַן גאַסטצימער. (דעמלט האָט ער נאָך געוווינט אין אַ קליינער דירע, אין ענגשאַפט). ווי זײַן שטייגער איז, באַגעגנט ער מיך מיט אַ ליבן שמייכל. דאָס פּאָנעם שטראַלט, ווי אַלעמאָל. און עס ווערט מיר טייקעף וואַרעם אַף דער נעשאָמע, אָט פּונקט ווי איך וואָלט אַרײַנפאַלן צו אַ טײַערן, ביז גאָר באַליבטן אייגענעם ברודער. אַפן טיש באַ אים — אַ צעעפנטער בוך. איך כאַפּ אַ קוק — ס'איז „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס". איך וואַרף אַ פאַרכידעשטן בליק אַף האַלקינען.

— פאַר אַ נאָווענע, — זאָג איך, — האָט איר זיך צוגעכאַפּט צו שאָלעם־אַלייכעמען!

— וואָס איז דער כידעש? — ענטפערט ער מיר. — אָפּט, ווען איך וויל אַ ביסל אָפּרוען פון מײַן אַרבעט, איז איינער פון מײַנע בעסטע פאַרגעניגנס — אַ לייען טאָן שאָלעם־אַלייכעמען. גאָר אַ באַזונדערן פאַרגעניגן פאַרשאַפט מיר זײַן „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס".

האַלקין נעמט אין די הענט „מאָטלען" און הייבט אָן בלעטערן דעם סיי־פער.

— איר ווילט קריגן אַ ווילדע האַנאָע, איז הערט זיך אײַן.

און ער הייבט אָן לייענען די זײַטלעך פונעם קאַפּיטל — „וואָס וועט זײַן פון מיר", וווּ מאָטל באַשרײַבט היספּײַלעסדיק מענאַשע דעם רויפעס גאָרטן.

— הערט נאָר, הערט, — טוט מיך דער דיכטער מיט אַ באַזונדערע

האָפּערדיקייט א צי פאַרן ארבל, — שאָלעם־אַלייכעמס שילדערונג, וויאזוי מאַטל פּאַסמאַקעוועט ווײַמפּערלעך, וויאזוי ער קוועלט פון זיי אָן: „רויטינקע, מיט שווארצע פּיסקעלעך, מיט געלע קערעלעך, און צענדליקער — צענדליקער אף איין צווײַגעלע. איין צווײַגעלע, אז איר פּירט דורך צווישן די ליפּן, באַקומט איר א פולן מויל מיט ווײַמפּערלעך". ס'איז דאָך אויסטערליש די פּלאַסטישקייט פון אָט דעם געמעל. ווען איר לייענט אָט די שורעס, דערשפּירט איר דאָך בעעמעס א פול מויל מיט ווײַמפּערלעך. אזא גוואַלדיקע סוגעסטיווע קראַפט פאַרמאָגט בלויז א געניאַלער קינסטלער. אָט דאָס איז טאַקע א שרײַבער, וועלכער פאַרבלײַבט אייביק יונג.

און האַלקין זעצט פּאָר צו לייענען דאָס וווּנדערבאַרע זײַטל וועגן די פּערשקעס.

— אָט נעמט האָפּשטיינען, קוויטקאָן, מאַרקישן, כאַריקן, פּעפּערן, מיך... עפּעס וועט פון אונדז פאַרבלײַבן לעדוירעס. יאָ, א קערען־קאַיעמעס לאָזן מיר נאָך זיך איבער, אָבער בלויז א טייל פון אונדזער האָב־און־גוטס וועט אונדז איבערלעבן. אָבער אזא רײַכע יערושע, ווי שאָלעם־אַלייכעם האָט איבערגעלאָזן, איז ניט פאַר אונדז געדאַכט...

און האַלקין איז אף א ווײַלע געבליבן זיצן פאַרטראַכט.

וואָס האָב איך אים געקאָנט דערווידערן?

* * *

און אָט דערזעען מיר, ריווע באַיאַרסקע און איך, דעם ליבן דיכטער בא אונדז אין דער היים. דאָס איז געווען דרײַ אָדער פיר וואָכן ערעוו זײַן ארויסהויבן דעם לעצטן אָטעם. זײַן באַזוך איז פאַר אונדז ביידן געווען קימאַט ווי אומגעריכט. ער האָט אפילע בא זיך אין דער היים, דוכט זיך, ניט געזאָגט, אז ער קלײַבט זיך צו אונדז. ער האָט שווער געאָטעמט. דאָס האַרץ זײַנס איז שוין דעמלט געווען גאָר־גאָר שוואַך. און מיר האָבן געוווינט אפן פערטן שטאָק. און קיין ליפט איז נאָך דעמלט בא אונדז אין הויז ניט געווען. האָט ער קוים מיט צאָרעס צו אונדזער דירע ארופּגעקלעטערט.

וואָס האָט אים א טרײַב געטאָן צו אונדז — אזא כוילע־מעסוקן? ניט אנדערש, ווי נײַע מוזיקאַלע אַקאָרדן, וואָס האָבן אין אונדזער וווינונג געשטרעבט זיך באַהעפטן מיט דער יידישער דיכטונג. ער איז, אַגעוו, געווען א פאַרערער פון ריווע באַיאַרסקעס מוזיק. יאָ, ער האָט טאַקע זיך דערוווּסט, אז באַיאַרסקע באַמיט זיך ארופּצוצען א נײַ מוזיקאַל קלייד אף זײַן באַרימטער ליד „טיפע גריבער, רויטע ליים".

מיט אָט דער ליד האָבן געהאַט צו טאָן עטלעכע ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן. צי האָט איינער פֿון זיי מיט זײַן קאָמפּאָזיציע דעם דיכטער צופֿרידנגע־שטעלט, איז ניט געווען קלאָר, נאָר עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט דער קרעפּטיקער דיכטערישער שוווּנג האָט נאָך געוואַרט אויף אַן עקוויוואַלענטן מוזיקאַלן טיקן. איז דעריבער, ווען האַלקין האָט דערהערט, אַז אָט די ליד האָט פֿאַרכאַפּט די באַיאַרסקע און אַז ס'איז פּלאַמיק דער באַגער פֿון אָט דער קאָמפּאָזיטאָרן א הייב צו טאָן אָט דעם טעקסט, האָט עס אים אַ קאָך געטאָן, און ער האָט מעסירעסנעפּעשדיק זיך אַ ריס געטאָן צו אונדז.

— אַך, סאַראַ פּרעכטיקע פֿאַרבן־שפּיל! — האָט האַלקין פּלוצעם אויס־געשריִען.

אַזאַ היספּײַלעס האָט באַ אים אַרויסגערופֿן די קאָלירנרײַכע טערקישע שאַל, וואָס ער האָט דערזען קעגניבער אויסגעשפּרייט אויף דער קאַנאַפּע.

— אָט די שאַל שפּרייט איך אויס זייער זעלטן, — האָט ריווע באַ־מערקט, — זי דערמונטערט, ווען עס באַהערשט מיך אַ געדריקטע שטימונג. זי איז פֿאַר מיר עלעהיי אַ קאַמערטאָן. און וויסן זאָלט איר, אַז געוויסע קלאַנגען שטעלן זיך פֿאַר מײַן פֿאַנטאַזיע קאָלירנדיק, טיילווײַז איין העלער קאָליר, טיילווײַז — אַ גאַנצע גאַמע פֿאַרבן. עס טרעפֿט, אַז איך שטיי באַם פֿענצטער בעשאַס אַ סאַליוט לעקאָוועד יאָמטעוו, און עס הייבן אָן טאַנצן די קאָלירנדיקע פֿײַערלעך — אַן עמעסע פֿאַרבן־וואַקכאַנאַליע! — טוט עס מיך אַ וואָרף צום קלאַוויר, און אינגיכן ווערט געבאָרן אַ טאַנץ־ניגן. אָפּ־טער — אַ פֿריילעכס. אַ ייִדיש פֿריילעכס.

— יאָ, עס לייגט זיך אָפּן מויעך, — באַשטעטיקט האַלקין, — איך האָב געהערט, אַז דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר סקריאַבין האָט אין דער צוואָע זײַנע אָנהענגער געבאָטן, אַז זיי זאָלן עקספּערימענטירן אין אָט דער ריכ־טונג. און טאַקע אין זײַן מוזיי האָבן זײַנע נאָכפֿאָלגער באַשאַפֿן אַ קאָלירנ־דיקע ליכט־אַפּאַראַטור, וואָס מע נוצט אויס בעשאַסן שפּילן זײַנע ווערק. אָבער, כאָווערטע ריווע, מיר האָבן מיט אײַך זיך פֿאַרקליבן אין ווײַטע דראָכים. דאָס זײַנען לעסאַטע סוואָרעס און עפּשער פּרוכטבאַרע, נאָר לאָ־מיר ניט פֿאַרגעסן דעם איקער. און דער איקער איז — הערן, וואָס האָט איר לעצטנס דערגרייכט. האַקיצער — שפּילט!

די קאָמפּאָזיטאָרן האָט גענומען שפּילן דעם וואַריאַנט אויף דער טעמע „טיפֿע גריבער, רויטע ליים”, וואָס האָט לעסאַטע אין איר פֿאָרשטעלונג זיך אויסקריסטאַליזירט. דער דיכטער האָט געבעטן ווידעראַמאָל דורכ־שפּילן. ווען זי האָט פֿאַרענדיקט, רופֿט ער זיך אָן:

— הערט זיך אײַן, ריווע, וואָס איך טראַכט: מײַן דיכטונג איז אַ לײַב־לעכע קרויווע מיטן ווי־אַלאָנטשעל. אַלעמאָל, ווען איך הער אַ ווי־אַלאָנטשעל,

דערשפיר איך אין איר טעמבער, אין אירע קלאנגען די נעשאָמע פון מײַן דיכטונג. איז אָט: אײַך איז, דוכט מיר, געלונגען אופכאפּן אין מײַנע „טיפע גריבער" דעם גרונט־טאָן, מאשמאָעס — די ווײַאָלאָנטשעל־טענער. עמעס, אײַער קאָמפּאָזיציע בעט זיך, מע זאָל איבער איר פּאָרזעצן די ארבעט, ביז עס וועט דערגרייכט ווערן די געוואונטשענע שליימעס, אָבער אן אָנזאָג, א שאנס האָט זיך שוין אָנגעמערקט, און עס לוינט זיך פּאָרזעצן די אר־בעט. זאָל דאָס מאזל שפּילן, און מיר זאָלן מיט אײַך דערלעבן צו פירן צו דער כופּע מײַן ליד מיט אײַער ניגן.

דערמיט גופע האָט האלקין זיך ניט באנוגנט. ער האָט געבעטן די קאָמפּאָזיטאָרן, אז זי זאָל אים א שפּיל טאָן „דעם זיידנס ניגן" — ווערטער פון ש. דריז און איר מוזיק.

ס'איז געווען די לעצטע באגעגעניש מיטן לעבעדיקן שמועל האלקינען.

ש. דריז און ר. באָיאַרסקע

(זייער שעפערישע צוזאַמענאַרבעט)

פאַראַן דרײַ אופֿאַנים פֿון בעשוטפֿעסדיקער אַרבעט, ווען אַ קאָמפּאָ־זיטאָר נעמט זיך מוזיקאַליש איבערדיכטן אַ פּאָעטישן טעקסט. דער סאַמע פֿאַרשפּרייטער אופֿן:

דער קאָמפּאָזיטאָר שרײַבט צו אַ ליד מוזיק, ניט באַמיִענדיק זיך צו האָבן אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיטן דיכטער. אַזוי זײַנען זיך נויהעג קאָמפּאָזיטאָרן, ווען זיי האָבן צו טאָן מיט אַן אויטאָר, וועלכער איז שוין אויף דער ליכטיקער וועלט ניטאָ, אָדער ווען דער דיכטער לעבט, נאָר זיך פֿאַרבינדן מיט אים איז ניט מעגלעך.

עס טרעפֿט אויך, אַז באַם קאָמפּאָזיטאָר ווערט געבוירן אַ מעלאָדיע אויף אַ באַשטימטער טעמע, און ער נעמט זוכן אַן אויטאָר, וועלכן עס קאָן פֿאַרינטערעסירן די טעמע, אַז ער זאָל אָנשרײַבן דעם געווונטשענעם טעקסט.

און אַ דריטע מעגלעכקייט: דער קאָמפּאָזיטאָר אַרבעט מיטן דיכטער פֿונעם אָנהייב ביזן סאָף אין ענגן קאָנטאַקט. זיי זאָגן איינער דעם צווייטן אונטער די טעמע, די מאָטיוון. אין אַזאַ פֿאַל שפּילט אַ באַדײַטנדיקע ראָל דער אימפּראָוויזיר־מעטאָד.

אָט אַזוי האָבן צוויי יאָר נאָכאַנאַנד געאַרבעט די קאָמפּאָזיטאָרן ריווע באָיאַרסקע און דער דיכטער שיקע דריז.

אָט ווי ס'איז בײַ זיי פֿאָרגעקומען דער בעשוטפֿעסדיקער שאַפֿונגס־פּראָצעס בײַ דער ליד „דאָס ליימענע פֿײַפֿעלע".

דער דיכטער דערציילט דער קאָמפּאָזיטאָרן אַ מאָמענט פֿון זײַנע קינ־דער־יאָרן: אַן אָרעם שטיבעלע. ס'איז פֿרילינג. די שוואַלבן טראָגן אין די שנאָבלען שטיקעלעך ליים. זיי קומען צו פֿליִען אונטערן דאַך פֿונעם שטיבעלע און קלעפּן זיך דאָרט אַ נעסט פֿון דער ליים. דער דיכטער — דעמאָלט נאָך אַ קליין ייִנגל — טרוימט וועגן אַ פֿײַפֿעלע: ניטאָ בײַ אים קיין געלט זיך קויפֿן אַ פֿײַפֿעלע. באַדאַרף ער פֿון ליים אַזוינס זיך אויסקלעפּן,

וועט ער קענען פײַפן אַט פּונקט ווי דער פּאַסטעך, וואָס פּאַשעט די פֿי. דערהערט וועגן פײַפּעלע, וועגן פּאַסטעך, ווערט די באַיאַרסקע אופגעערו־דערט — זי זעצט זיך באַם קלאַוויר, און עס ווערט געבוירן אַ ניגון פֿאַר אַ פײַפּעלע.

דער דיכטער נעמט מיט ווערטער מאָלן די לאַנקע, דעם וואַלד, וווּ אים האָט דעמלט זיך געגלוסט אַנטלויפן און אַרויסבאַקומען קלאַנגען פֿון זײַן ליימענעם פײַפּעלע. די קאָמפּאָזיטאָרן דערמאָנט זיך אויך, ווי זי איז קינד־ווײַז אומגעלאָפֿן אין פֿעלד, אין וואַלד און זיך געשפּילט מיטן ווידערקאָל (עכאָ), וואָס וואַלד און פֿעלד האָבן דורך אים געענטפֿערט אויף אירע קוילעס און געזאַנגען.

דאָס טוט ווידער אַ שטויס דעם שעפֿערישן פּראָצעס בא דער קאָמפּאָ־זיטאָרן. און זי נעמט אימפּראָוויזירן דעם קלאַנגען־איבערוף צווישן וואַלד און פֿעלד. אָט אַזוי איז בעהאַדראַגעדיק באַשאַפֿן געוואָרן די ליד „דאָס ליימענע פײַפּעלע״.

איינע פֿון די מערקווירדיקע לידער, וועלכע האָט באַזונדערס סטימו־לירט די שעפֿערישע צוזאַמענאַרבעט פֿון ש. דריז און ר. באַיאַרסקע, איז די „וויגליד״, וועלכע שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אָפּקלאַנג פֿון דער באַבי־יאַר־טראַגעדיע. די דאָזיקע ליד איז פֿאַרשריבן אויף אַ גראַמאָפֿאָן־פּלאַ־סטינקע אונטערן נאָמען „פּעסניאַ מאַטערי״ (דער מאַמעס ליד). מאַכמעס אָט די ליד איז זייער פּאָפּולער סײַ אינעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, סײַ אין אויסלאַנד, איז קעדײַ זיך צו דערגרונטעוועז צום מאָמענט פֿון איר געבורט.

אין איינעם אַן אָוונט איז דריז געקומען צו אונדז צוגאַסט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס וועגן די לידער, וואָס באַיאַרסקע האָט שוין געהאַט אָנגעשריבן. האָט דריז געוואָלט אויסהערן אייניקע פֿון זיי. האָט מען דורכגעזונגען פֿיר וויגלידער, וואָס די באַיאַרסקע האָט שוין געהאַט אָפּגעדרוקט אין אירע שוין דערשינענע לידער־זאַמלונגען. אין איינעך פֿון אָט די לידער („לייג זיך שלאָפֿן, מיידעלע״) איז געוועזן אַן אָנדײַטונג אויף די שווערע איבערלעבונגען פֿון אַ מוטער, וואָס פּאַרוויגט איר קינד. מיט צוויי וואָכן צוריק האָט אַ פּרוי דערציילט באַיאַרסקען וועגן אַן אייגענער שוועסטער, וואָס אירע צוויי קינדער האָט מען לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין באַבי־יאַר.

דריז האָט אַלץ אויסגעהערט. ניט ריידנדיק קיין וואָרט, האָט ער אויף זיך אַרופֿגעכאַפּט דעם מאַנטל און איז אַוועק אַהיים. אָפּגעזעסן אַ נאַכט בא זיך אין שטוב, האָט ער אָנגעשריבן דעם טעקסט פֿון דער „וויגליד״. איבערפֿרי איז ער אַוועק צו צוויי פֿון זײַנע כאַווײרים־שרײַבער. מע איז

זיך מעיאשעוו, וועמען געבן אָט דעם טעקסט, אז עס זאָל געבוירן ווערן די פּאַסיקע מוזיק. לויט דריזס מיינונג, באדאַרף מען עס פאַרלייגן דער באָיארסקע. טײַנען זײַנע צוויי כאַוויירים: ניין, זי איז ניט אימשטאַנד אויסצוזינגען אזא מין טראַגישן סוזשעט. דאָס איז אַן אַרבעט פאַר גאָר א גרויסן קאָמפּאָזיטאָר. אָט פאַר פּולווערן איז עס אָנגעמאָסטן: זײַן מוזיק צום ספּעקטאַקל „באַר־קאָכבע״ אינעם מאָסקווער טעאַטער, א ריי מאָמענטן פון זײַן מוזיק צו האַלקינס „שולאַמיס״ זאָגן איידעס, אז נאָר צו אים באַדאַרף דריז זיך ווענדן. דריז האָט אָף א ווײַלע זיך פאַרטראַכט.

— ניין, איך גלייב, אז די באָיארסקע וועט מיר די ליד ניט קאַליע מאַכן, — זאָגט דריז, — איך וועל טאַקע פּרוּוון די ליד איר פאַרטרויען.

דריז איז אַוועק צו אונדז. אַרײַן מיט א לויכטנדיק פּנים און דער־ציילט:

— אײַערע וויגלידער האָבן מיך צורו ניט געלאָזן. איך האָב מיך געלייגט שלאָפן, אָבער עס שלאָפט זיך ניט. האָב איך מיך אַוועקגעזעצט און גענומען שרײַבן א טעקסט פאַר א טראַגישן סוזשעט.

ריווע באָיארסקע האָט געבעטן דריזן עטלעכע מאָל דורכלייענען דעם טעקסט פון דער ליד. אויסגעהערט, בעט זי דריזן, ער זאָל דרײַ טעג זי לאָזן צורו. דריז גייט אַוועק. בעט זי מיך ווידעראַמאָל דעם טעקסט דורכ־לייענען און טרײַבט מיך — איך זאָל אַוועקגיין. אין אָוונט בעט זי, איך זאָל איר לייענען ביאַליקס „דאָס לעצטע וואָרט״ און „על השחיטה״ („אל האשכיטאָ״). ווען איך לייען איר די שורעס „נקמת דם ילד קטן עוד לאָ בראָ השטן״ („אפילע דער טײַוול האָט נאָך ניט צוגעטראַכט אזא נעקאָמע, וואָס זאָל אימשטאַנד זײַן מעקײַעם־פּסאַק זײַן פאַר דער בלוטפאַרגיסונג פון א פּיצל קינד״), האָט ריווע שטאַרק זיך צעוויינט, און איך האָב לאַנג זי באַרויִקן ניט געקאָנט...

אין דרײַ טעג אַרום איז פאַרטיק געוואָרן די מוזיק. מיר קלינגען דריזן, און ער קומט צו אונדז. ריווע נעמט שפּילן דעם רעפרען (צוזונג) — „ליולינקע, ליו־ליו״, ווו די מוזיק איז מאַמעש א האַרצרײַסנדיקע. שפּילנדיק, נעמט זי זינגען דעם ניגן. דריז ווערט מיטגעריסן — ער זינגט איר נאָך... זייערע ביידע שטימען קלינגען אַלץ העכער, אַלץ שטאַרקער. ריווען צעקאָכן אזוי די טראַגישע טענער, אז אין איר שטים רײַסט זיך אַרײַן א געיאָמער.

אין א וואָך אַרום קלינגט אונדז דריז, אז שוין עטלעכע טעג פירט ער אונטערהאַנדלונגען מיט דער באַוווּסטער זינגערן פּאַנטאָפּעל־נעטשעצקאַיאַ. זי האָט ניט געוווּסט, אז אין מאָסקווע געפינט זיך א קאָמפּאָזיטאָרן באָ־יאַרסקע, און דריזן האָט עס אָפּגעקאָסט א שלאַל ענערגיע, ביז ער האָט

באַ אַט דער זינגערן געפֿויעלט, זי זאָל אײַנלאַדן די באָיאַרסקע און אים, דריזן, צו זיך אַהיים — אויסהערן די נײַע ליד.

ענדלעך האָט פֿאַנטאָפּעל־נעטשעצקאַיאַ מיט אַ קאָלאָסאַלן דערפֿאָלג צום ערשטן מאָל דורכגעזונגען דעם „באַבי־יאַר“ בעשאַס אירן אַ קאָנצערט אינעם גרויסן זאַל פֿון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע.

אַ שטיק צײַט האָב איך און דריז געפֿירט אונטערהאַנדלונגען מיטן באַוווּסטן דיריזשאָר נאַטאַן ראַכלין. ער האָט געגעבן אַ הויכע אָפּשאַצונג דעם „באַבי־יאַר“ און אַליין פֿאָרגעלייגט אָרקעסטרירן אָט די ליד און מיט דער פֿאַנטאָפּעל־נעטשעצקאַיאַ אַלס סאָליסטקע שפּילן דעם „באַבי־יאַר“ בעשאַס זײַנע קאָנצערטן.

כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער צוזאַמענאַרבעט פֿון ר. באָיאַרסקע מיט ש. דריזן איז זייער בעשוטפֿעסדיקע אַרבעט איבער דער ליד „דעם זיידנס ניגן“.

ריווקע זיצט באַם קלאַוויר, באַם טיש זיצט דריז. פּלוצעם דערהערט ער נײַע קלאַנגען — אַ ניגן אָן ווערטער. די מעלאָדיע איז אים אומבאַקאַנט. ער הערט זי צום ערשטן מאָל. קלאָר: ר. באָיאַרסקע אימפּראָוויזירט. דריז הערט זיך אײַן אין די קלאַנגען, און אים שטעלט זיך פֿאָר, אַז מענטשן זיצן באַם לאַנגן טיש. ס'איז בײַן־האַשמאָשעס. אויבנאָן באַם טיש זיצט עפּעס אַ זייער בעקאָוועדיקער עלטערער מענטש. אַ גראָוויער. ער זינגט מײַסע אימפּראָוויזאַציע עפּעס אַ ניגן. אין דער האַנט האַלט ער אַ קאָס. די איבע־ריקע — אויך מיט בעכערס אין די הענט — נעמען זיך אונטערבאָמקען דעם אַלטן מיטן שיינעם הויכן שטערן.

דער דיכטער דערנעענטערט זיך צום קלאַוויר און רופֿט זיך אָן צו דער קאָמפּאָזיטאָרן:

— דער ניגן, וואָס איר שפּילט, מאַמעש ער בעט זיך, אַז מיר זאָלן מיט אײַך באַשאַפֿן עפּעס אַ מין לעכאַיִם־ליד. ווילט איר — רופֿט עס אָן אַ טרינק־ליד.

און באַ דעם דיכטער און באַ דער קאָמפּאָזיטאָרן רײַסן זיך אַרויס קימאַט איינצײַטיק די ערשטע שורעס: „גיס מיר אָן, מײַן טײַערע, אַ בעכערל מיט ווײַן, לעכאַיִם לאָמיר טרינקען — געזונט זאָלסטו מיר זײַן“.

— צו אָט די ווערטער, — זאָגט דריז, — באַדאַרף איך אַרויסבאַקומען אַ גאָר אַנדערע מעלאָדיע, מאַכמעס דאָס, וואָס איר האָט צום אָנהייב גע־שפּילט, שטעלט זיך מיר פֿאָר, ווי אַ צוזונג, אַ רעפֿרען.

די קאָמפּאָזיטאָרן, זעט אויס, איז אין אַ פֿאַרלעגנהײַט: זי באַדאַרף דאָך קאָנקרעט זיך פֿאָרשטעלן, ווער זיצט עס באַם טיש און ווער האַלט עס

דעם קאָס אין האַנט. דער דיכטער טוט זיך אַ פּאַטש אין שטערן און רופט אויס אַפן קאָל:

— איר ווייסט — ווער? ס'איז דער ראַמבאַם מיט זײַנע מעקוראָווים. ער איז זייער אופגעלייגט. אים ווילט זיך זינגען עפּעס נײַעס.

ריווקע שיסט אויס מיט אַ געלעכטער.

— אוי, דריז, דריז! — הערט זי נישט אוף צו לאַכן. — אײַער פֿאַנ־טאַזיע איז צו ווײַט פֿאַרפֿלויגן. באַרעכנט זיך: דער ראַמבאַם האָט ניט געפּראַוועט קיין שאַלעסודעסן, ווי די „גוטע־ייִדן", ווי די רעבעים, וועלכע האָבן מיט זייערע כסידים געפּראַוועט מעלאַווע־מאַלקעס. אָט איך שטעל מיר פֿאָר, אַז דאָס זיצט מײַן זיידע, וועלכער פֿלעגט אין דער מעסיבע פֿון זײַנע זין און גוטעפֿרײַנט זינגען ניגונים צו מאָצע־שאַבעס.

— נו, — רופֿט זיך דריז אָן, — עפּשער זײַט איר טאַקע גערעכט. איז לאָמיר אײַער זיידן נעמען אין קאָן. אָבער דאָס, וואָס איר האָט דורכגעש־פּילט, איז בלויז אַ טייל פֿונעם ניגון, וואָס מיר זוכן.

— געפֿויעלט, — איז מאַסקים ריווקע. — לאָמיר נעמען זוכן דעם ווײַ־טערדיקן טייל פֿונעם ניגון. מעגלעך, אַז דער זיידע האָט טאַקע געזונגט און צו שטיקעלעך אויסגעדיכטעט דעם ניגון.

— ריכטיק, — רופֿט זיך דריז אָן, — די מעקוראָווים, וואָס אַרום זיידן, קוקן אַף אים און זעען, אַז ער האָט, האַלטנדיק דעם קאָס, זיך פֿאַרטראַכט. זיי וואַרטן, ווען וועט באַ אים אָנהייבן קלינגען נאָך אַ שטיק ניגון, און זיי שעפּטשען: „דער זיידע האָט, ווײַזט אויס, אַ שטיק ניגן אינעם בעכערל באַהאַלטן". אויב אַזוי, איז שוין קלאָר, וועלכע ווערטער בעטן זיך דאָ אַף דער צונג:

גיס מיר אָן, מײַן טײַערע,
אַ בעכערל מיט ווײַן,
לעכאַיִם לאָמיר טרינקען —
געזונט זאָלט איר מיר זײַן.
געהערט האָב איך דערציילן,
אַז אין ווײַן אין קאַלטן
האָט אַליין דער זיידעניו
אַ ניגנדל באַהאַלטן.

ווען באַיאַרסקע האָט דערהערט די דאָזיקע ווערטער, איז באַ איר גע־בוירן געוואָרן די מוזיק צו זיי. באַלד נאָך דעם נעמט זי אימפּראָוויזירן דאָס ניגנדל, וואָס איז באַהאַלטן אינעם בעכערל.

— ע, — זאָגט דריז, — דער זיידע מיט זײַנע מעקוראָווים האָבן לעסאַטע אויסגעטרונקען איין קאָס. דער אַלטער כאַפּט זיך נישט. דעם צווייטן טייל

פונעם ניגון האָט ער באהאלטן אין דער טיפעניש פונעם צווייטן קעלישעקל, אז זיי וועלן אויסטרינקען דעם צווייטן לעכאַים, וועט זיך אנטפּלעקן דער צווייטער טייל פונעם צוזונג, פונעם רעפרעין.

אָט אזוי האָט בעהאדראָגעדיק זיך באקומען א ליד פון דרײַ סטראָפעס. נאָכן דריטן לעכאַים האָט מיט די פריערדיקע טיילן פונעם רעפרעין זיך באהאָפטן דער דריטער טייל — טאקע די אימפּראָוויזאציע, וואָס די קאָמ־פּאָזיטאָרן האָט געשפּילט אין סאמע אָנהייב, נאָך ניט האָבנדיק קיין קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דעם בילד, וואָס איז דערנאָך געבוירן געוואָרן אין ביידנס פאנטאזיע.

„דעם זיידנס ניגון" (אויב ניט רעכענען איר „באבי־יאר") איז איינע פון די בעסטע דערגרייכונגען פון ריווקע באַיארסקע.

ווען איינער פון אונדזערע זינגער האָט די ליד געזונגען אף א קאָנ־צערט, וואָס איז דאָ ניט לאנג געווען געווידמעט דעם אָנדענק פון באַיאר־סקען, האָט זי גוואלדיק אופגערודערט די צוהערער. דער אוילעם האָט לאנג זיך באַרויקן ניט געקאָנט. אזא אָפּקלאנג, אזא אנערקענונג איז באַ־שערט געווען בלויז דער ליד „באבי־יאר" פון ר. באַיארסקע.

די קראפט פונעם „זיידנס ניגון", זײַן אופווירקונג באשטייט אין דעם, וואָס ער איז עכט נאציאָנאל, וואָס ער איז א לײַבלעכער קאָרעוו דעם יידישן פאָלקלאָר.

נאָך אייניקע זכרונות
וועגן ריווע באָיארסקע

ריווע באָיארסקע האָט אַף איר מוזיקאַל־שעפערישן וועג ניט איין מאָל באַגעגנט שטרויכל־שטיינער. די „קלעזמער״, וואָס האָבן געזונגען אירע לידער, אויסגעטאַנצט אירע ריטמישע מײַסעלעך, אויסגעשפּילט אירע אָר־קעסטער־קאָמפּאָזיציעס, זײַנען צוערשט געווען פּיריאָריקע, פּינפּיאָריקע, זעקסיאָריקע קינדער.

א דערצי‌ערין און אָרגאַניזאַטאָרין פון אַנשטאַלטן פאַר קינדער פון די מילכאָמע־פּליטים אין דער שטאָט קרעמענטשוק, האָט זי געשטרעבט דערקוויקן די אָרעמע קינדער מיט געזאַנג, דערמונטערן זיי מיט טענץ. האָט פאַר איר זיך געשטעלט די פראַגע: וווּ נעמט מען לידער צום זינגען? וווּ נעמט מען טאַנץ־מוזיק? וווּ נעמט מען לידער פאַר א קינדערשן אָר־קעסטער? ס׳איז שווער געווען דאָס צו געפינען. קרעמענטשוק — פּאָרט א פּראָווינציעלע שטאָט...

באָיארסקע האָט דעמלט שוין געהאַט געענדיקט א ספּעציעלע מוזי־קאַלע שול, ווי אויך דעם קיעווער פּעדאַגאָגישן פרעבעל־אינסטי־טוט.

איז זי זיך מעיאַשעו און נעמט אליין שרײַבן מוזיק צו אייגענע טעקסטן. אָט אַזוי זײַנען געבאָרן געוואָרן אירע ערשטע לידער: „די ווע־ווערקע״, „פרילינג גייט״, „שלאָף אײַן, ליאַלקע״, „לייג זיך שלאָפן, מיי־דעלע״ (אָדער אונטערן נאָמען — „קינדער, ליו־ליו־ליו״), „מאַשינען־געזאַנג״ און אַנדערע.

מיט אָט די לידער האָט זי פיל פרייד פאַרשאַפן אירע דערציִיגלינגען אין די קינדער־גערטנער. פריער — אין קרעמענטשוק, שפּעטער — אין כאַרקאָוו.

באַנאַנד מיט פאַרווײַלונג איז עס געווען עסטעטישע דערציִונג.

ווען זי איז אינעם יאָר 1920 געקומען קיין קיִעוו, האָט מען זי איינגעלאדן אין די היגע יוגנט־הײַזער (אינטערנאטן פאר היימלאָזע ייִנגלעך און מיידלעך) אָנפירן מיט דער קונסט־ארבעט: מוזיק, ריטמיק. האָט זי אויך דאָ פאָרגעזעצט זינגען מיט די קינדער אירע לידער.

אָבער קיין זיכערקײַט, אז זי איז בעעמעס בארופן צו שאפן רעפּערטואר פאר אָט די דערציִונגס־אנשטאלטן, איז בא איר ניט געווען. באזונדערס האָבן זי רוען ניט געלאָזט די ספייקעס, צי האָבן א ווערט אירע טעקסטן, וואָס זי אליין האָט אָנגעשריבן צו אירע זינגלידער. האָט זי געבעטן א גרופּע דערציִער פון די יוגנט־הײַזער, זיי זאָלן זיך פארזאמלען אין איינעם פון די דערציִונגס־אנשטאלטן אויסהערן אירע טעקסטן און זיי באהאנדלען.

אין איינעם אן אָוונט זײַנען די אָנגעמערקטע כאוויירים געקומען און אויסגעהערט אירע טעקסטן און מוזיק. ליידער, האָט די קריטיק ניט געטראָגן דעם ערנסטן כאראקטער, וואָס האָט באדארפט העלפן באַיארסקען.

איז איר נאָר געבליבן א שטיקל טרייסט: די טעקסטן, וואָס מע האָט אין דעם אָוונט געמאכט אויסצודרייען, נוצט מען דאָך פאָרט אויס אין די דערציִונגס־אנשטאלטן.

דאָך האָט אין די טיפענישן פון איר נעשאָמע אף לאנג זיך פארגאנוועט א כמארעלע פון שווערע ספייקעס.

אינעם יאָר 1922 האָט ריווע באַיארסקע זיך באזעצט אין מאָסקווע. דאָ האָט זי פון צײַט צו צײַט געשריבן נײַע מוזיק ניט בלויז צו אירע אייגענע טעקסטן, נאָר אויך צו די טעקסטן פון קוויטקאָ און נאָך ייִדישע דיכטער. אין א יאָר ארום האָבן בא איר זיך אָנגעזאמלט ארום אכצן לידער מיט נאָטן. קיין ייִדישער קינדער־גאָרטן איז דעמלט אין מאָסקווע ניט געווען. האָט זי גענומען טראכטן: וואָס וועט זײַן דער טאכלעס פון מײַן מי? שרײַבט מען לידער מיט נאָטן — באדארף מען זיי ארויסגעבן אין א דרוקפאָרם. ביפראט נאָך, אז קיין ספּעציִעלע לידער־זאמלונג פאר פאָרשולעלטער איז לעסאטע ניט בענימצע (אויב ניט רעכענען ענגעלס לידער־זאמלונג, ארויסגעגעבן אין א קליינעם טיראזש). און באַיארסקע האָט באשלאָסן זיך אָן אייצע האלטן מיט מיר. וואָס טוט מען?

האָב איך איר געזאָגט, אז מע באדארף גיין מיטן אָנגעזאמלטן מאטעריאל צו אן אווטאָריטעטן ייִדישן קונסט־קריטיקער, א קענער פון דער ייִדישער שפּראך, וועלכער איז א מייוון אף דיכטונג און אף ייִדישער

מוזיק. מירביידע האָבן געוווסט וועגן אזא שרײַבער. ער איז אונדז ביידן ניט געווען פרעמד, האָט מען אים דורכן טעלעפאָן געפרעגט, ווען קאָן ער אופנעמען די באָיארסקע, קעדיי צו זאָגן זײַן מעווינעס מיקויעך אירע לידער מיט די נאָטן.

צום באשטימטן טערמין זײַנען מיר ביידע געקומען צו אָט דעם שרײַבער. בא אים איז גראָד דעמלט געזעסן א גאסט — א ייִדישער קינסטלער.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער „עקזאמען". לעכאטכילע פלעגט מען דורכלייענען דעם טעקסט, און נאָכדעם האָט באָיארסקע געשפּילט.

ווען מע האָט פאַרענדיקט דעמאָנסטרירן די לידער, האָט דער קריטיקער געזאָגט:

— ס'איז אוואדע א שאָד, וואָס איר האָט געפּאטערט פּיל מי און צײַט אַף אָט דער ארבעט. אָבער איך מוז אײַך זאָגן דעם ריינעם עמעס: דאָס אלץ, וואָס איר האָט דורכגעלייענט און דורכגעשפּילט, איז אזוי פּרימיטיוו און אזוי ווײַט פון עכטער דיכטונג און מוזיק, אז עס לוינט זיך ניט פאַרזעצן אזא מין ארבעט. איך ווייס, אז איר זײַט א דערפארענע דערציִערן און ניט קיין שלעכטער פּעדאגאָג, זאָל אײַך וויל באקומען אַף אָט דעם בעקאָוועדיקן געביט, וואָס אײַער מאזל האָט אײַך באשערט. ווײַזט אויס, אז פּעדאגאָגישע מוזיק איז ניט אײַער בארוף.

מיט אָט דער אָפּשאצונג האָט זיך סאָלידאריזירט אויך דער אָנוועזנדער גאסט, דער קינסטלער.

איז געבליבן איין זאך: צונויפנעמען די לידער מיט די נאָטן און זיך ארויסשארן פונעם קריטיקערס דירע.

שטילערהייט, אָן טײַנעס, אָן דערווידערונגען זײַנען מיר אוועק אהיים צו דער באָיארסקע.

עטלעכע מינוט האָט אין איר צימער געהערשט א שטילשווײַגעניש. איך האָב געזען, אז בא דער באָיארסקע אינווייניק קאָכט און זידט. דאָס איז געווען א מענטש מיט א גוואלדיק היציקן טעמפּעראמענט. פּלוצעם דערזע איך — זי טוט א כאַפּ די נאָטן און נעמט זיי רײַסן אַף שטיקער. צעריסן און צעוואָרפן איבערן גאנצן צימער. קיין איין נאָטן־בויגן איז ניט געבליבן גאנץ.

דערווײַל האָט פונעם קאָרידאָר זיך געלאָזט הערן א טעלעפאָן־קלינגערײַ. איך לויף ארויס צום טעלעפאָן און ווער געוווּיר, אז מע רופט די באָיארסקע אינעם ראיאָנעם בילדונגס־אָפּטייל. זאָג איך איר: „מע רופט

אין בילדונגס־אָפּטייל — באַדאַרף מען גיין". זי האָט אָף זיך אַרופֿגעכאַפּט דעם מאַנטל און איז אַוועק.

ערשט ווען זי איז אַרויס, האָב איך זיך אָפּגעגעבן אַ כעזשבן, אַז צו שטורמיש איז געווען די רעאַקציע פֿון דער יונגער קאָמפּאָזיטאָרן און אַז פּאַטערן די נאָטן איז בעפּיירעש אַ לײַכטזיניקער גאַנג. וואָס זשע טוט מען?

פֿריִער פֿאַר אַלץ באַדאַרף מען ראַטעווען די נאָטן. ווי געזאָגט, זײַנען די צעריסענע בויגנס געווען צעוואָרפֿן איבער דער גאָרער פּאַדלאָגע. האָב איך זיי צונויפֿגענומען און אַוועקגעלייגט אָפֿן טיש. אינעם צימער האָט גראָד זיך אָפּגעזוכט אַ פֿלעשעלע גומי־אַראַביק. האָב איך אָנגעהויבן באַהעפֿטן די שטיקער. באַיאַרסקע האָט לאַנג זיך ניט געיאַוועט אַהיים, אַזוי אַז מיר איז געלונגען אויפֿצושטעלן דעם גאַנצן לידער־קאָמפּלעקט. ווען אַלץ איז געווען צונויפֿגעקלעפּט, האָב איך די נאָטן פֿאַר־וויקלט אין אַ צײַטונג און באַהאַלטן אַזוי, אַז די אָפּגעבראַכטע קאָמפּאָזיטאָרן זאָל ניט באַמערקן, ווהין דאָס צעריסענע איז אַהינגע־קומען.

און אָט האָט זי זיך צוריקגעקערט. האַסטיק אָן עפֿן געטאָן די טיר, מיט אַ בייזן בליק באַקוקט דעם צימער און אַ זאָג געטאָן:

— איך ווייס, אַז דו האָסט די שמאַטעס ערגעץ פֿאַרשטעקט, אומזיסט דײַן טירכע. אַלציינס — אויס קאָמפּאָזיטאָר!

מער האָב איך פֿון איר קיין וואָרט וועגן געשעענעם ניט געהערט. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום בין איך אַוועק פֿון צימער.

* * *

אין עטלעכע טעג אַרום זאָגט מיר די באַיאַרסקע:

— כ'האָב נעכטן באַגעגנט אַן אַקטריסע פֿונעם ייִדישן טעאַטער, דער־ציילט זי מיר, אַז קיין מאָסקווע איז די טעג געקומען דער באַוווּסטער פֿאָלקלאָריסט און מוזיקאַלער טוער ז. קיסעלהאָף. מע גרייט אינעם טעאַ־טער גאָלדפֿאַדנס „קאָלדוניע". האָט מען אים אײַנגעלאַדן אָנזעטיקן דעם ספּעקטאַקל מיט ייִדישע פֿאָלקסלידער. וואָלט עפּשער געווען אַ סוואָרע אים ווײַזן מײַנע נאָטן? אַך, וואָס רייד איך — זיי זײַנען דאָך צעפּליקט אָף שטיקער.

איך האָב אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך רוף איך מיך אָן:

— יאָ, זיי האָבן זיך געוואַלגערט צעריסענע, האָב איך זיי גאַנץ גע־מאַכט.

איך האָב אַרויסבאַקומען די נאָטן פון זייער באַהעלטעניש און זיי איר געוויזן.

— ציגן זאָלן אַזוי כּיישעק האָבן שפּרינגען אין אַ פרעמדן גאָרטן, — האָט זי אַ ברום געטאָן, — ווי מיר גלוסט זיך גיין צו אָט דעם קיסעלהאָף! דאָס וועט מינאַסטאַם זײַן נאָך איין שפּיי אין פּאָנעם.

— מע דאַרף אַ פּרווו טאָן, — זאָג איך, — עפּשער וועט אָט דער מייוון אַ קוק טאָן אויף אָט דעם איניען דורך אַנדערע ברילן... מע זאָגט, אַז ער איז נישקאָשע פון אַ פּאַרשוין.

— איז ווי זשע קומט די קאַץ איבערן וואַסער? וו:אַרום פּאַקט מען אים?

— שאַ, שאַ: איך וועל מיך צו אים אַרײַנכאַפּן און פּאָרלייגן אַ באַגעג־געניש.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז מיר געלונגען זיך צוזאַמענטרעפן מיט קיסעלהאָפן. ער איז מאַסקים געווען, אַז מע זאָל אין דרײַ טעג אַרום צו אים אַרײַנקומען מיט די לידער.

ווי נאָר מיר זײַנען צו אים אַרײַן, האָט ער גלײַך — אָן באַזונדערע האַכאָנעס — גענומען אויסהערן דעם מאַטעריאַל.

פאַרענדיקט דעם דורכקוק, רופט ער זיך אָן צום אוטאָר:

— ניט קיין שלעכטע לידער. מע באַדאַרף בעפיירעש זיי אויסנוצן אין די קינדער־גערטנער. און אויב איר קלײַבט זיך אַרויסגעבן אַ לידער־זאַמלונג פאַר קליינע קינדער, איז אָט די צאָל לידער, וואָס איר האָט מיר געוויזן, צו קנאַפּ, באַדאַרפט איר אָנשרײַבן נאָך אַזויפיל. און דעריקער — אין סאָוועטישן גײַסט. אַ טייל לידער באַדאַרפן אומבאַדינגט זײַן סוזשעטיש אינטערעסאַנט. אין אַ טייל לידער באַדאַרף מען דערשפּירן אַ קינדערשן קאָלעקטיוו.

דאָס וויכטיקסטע אין אָט דער באַגעגעניש איז געווען דער צוגאַנג, דער טאָן. דער מענטש האָט אין זײַן שמועס ניט געשטעלט דעם טראָפּ אויף אָפּצוווענדן. ניין. אים איז וויכטיק געווען אונטערשטיצן די איניציאַטיוו פון אַ דערציִערן, וועלכע פילט זיך, ווי אַ לײַבלעכע קרויווע אין דער קינדער־וועלט. און אַזאַ איז דאָך טאַקע געווען ריווע באַ־יאַרסקע.

ס'איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז אָט דער שמועס מיט קיסעלהאָפן האָט אינעם האַרצן פון דער געקריוודעטער קאָמפּאָזיטאָרן אַרײַנגעוואָרפן אַ פונק פון גלויבן אין איר באַרוף. די באַגעגעניש מיט קיסעלהאָפן האָט

די אנטוישטע קאָמפּאָזיטאָרן באַפּליגלט: אין א יאָר ארום איז בא איר פּאַרטיק געוואָרן א זאמלונג פאר פאָרשול־קינדער — פּערציק לידער (פון זיי — עטלעכע און צוואנציק אייגענע טעקסטן). שוין אָפּגערעדט, אז די מוזיק איז אינגאנצן געווען אן אָריגינעלע. די טעקסטן האָבן מאָסקווער יידישע פּעדאגאָגן באַגיטיקט. אלע לידער האָט דער וויסנשאַפטלעכער מעלוכע־ראט באם בילדונגס־קאָמיסאריאט באַשטעטיקט.

און אינעם יאָר 1925 איז ארויס פון דרוק באַיארסקעס ערשטע לידער־זאמלונג „קלינגען העמערלעך" — ארויסגעגעבן דורכן מוזסעקטאָר פון מעלוכע־פארלאג.

א ליכטיקע נעשאָמע

ווען איך האָב ליובאָוו יאַקאָוולעוונע גורעוויטש דאָס ערשטע מאָל דערזען (אינעם יאָר 1937), האָב איך מײַנע אויגן ניט געגלייבט: א יונג, א פריש פּאָנעם, אָן איין קנייטשעלע. לויטן ערשטן אײַנדרוק האָט מען געקאָנט מיינען, אז זי איז אלט ניט מער, ווי פינף און דרײַסיק, העכסטנס — פערציק יאָר. און זי איז דאָך שוין דעמלט געווען א זקיינע — צוויי און זיבעציק יאָר! די אויגן האָבן ניט פארלאָרן זייער גלאנץ — זיי האָבן געשטראלט מיט לעבנסלוסטיקײַט. אזעלכע אויגן פארמאָגט א מענטש, וואָס האָט אף זײַן לעבנסוועג ניט געוווּסט פון קיין קרומע סטעזשקעס, פון קיינע שמאַדשטיק, א מענטש, וואָס זײַן נעשאָמע איז פארבליבן אָן פלעקן פון צוויַעס און ביכלאל פון בייזוויליקײַט.

איידער איך וועל אָנהייבן דערציילן עפּעס פון אירע לעבנס־פּאַסי־רונגען, וויל איך אינקורצן דערמאָנען, ווער איז ליובאָוו יאַקאָוולעוונע גורעוויטש און וואָס שטעלט זי מיט זיך פאָר, ווי א שעפערישע פּערזענ־לעכקײַט.

זי האָט געשריבן דערציילונגען, ראָמאנען. זייער פיל האָט זי געטאָן אפן געביט פון קריטיק. פארשיידענע טעאטער־טוער האָבן געלויבט אירע וויסנשאפטלעכע ווערק, ווי, צום בײַשפּיל, די ביכער „די שאַפונג פון אקטיאָר" און „די געשיכטע פונעם רוסלענדישן טעאטער־שטייגער".

דער בוך „די שאַפונג פון אקטיאָר", אן אויסגאַבע פון דער מעלוכישער אקאדעמיע פאר קונסט־וויסנשאפט, באהאנדלט זייער ערנסט די פראגע, וואָס מאַטערט שוין הונדערטער יאָרן א ריי גענ:אלע אקטיאָרן, סײַ טעאָרע־טיקער פון דער סצענישער קונסט, סײַ אויך פּסיכאָלאָגן: צי איז יעדער אקטיאָר מעכויעוו איבערלעבן דאָס, וואָס ער שפּילט אף דער בינע, אויס־נוצנדיק דערבײַ אלע מיטלען פון זײַן קערפּער, אָדער עפּשער איז ער אימשטאנד שילדערן א פּערסאָנאזש און בעשאס־מײַסע אליין ניט שפּירן די געפילן, די עמאָציעס, וואָס ער באמיט זיך אופצוּוועקן באם צושויער?

שטרעבנדיק ארײַנצוטראָגן קלאָרקײַט אין אָט דער פראגע, האָט ליו־

באָוו יאַקאָוולעוונע גורעוויטש דורכגעמאַכט גאָר אַ גרויסע פּאָרשערישע אַרבעט און האָט באַרײַכערט אירע ווערק מיט דער גווּיִעס־איידעס פון אַזעלכע געוויניים פון דער טעאַטער־קונסט, ווי טאַלמאַ, סאַלוויני, אירווינג, קאָקלען, יערמאָלאָווע, שטשעפּקין, סטאַניסלאַווסקי, און אַזעלכע דענקער, ווי געטע, לעסינג, דידראָ, און פּסיכאָלאָגן, ווי דזשעמס, בינע, ליפּס, געפּ־דינג און אַנדערע.

אַז שלוימע מיכאָעלס האָט בא מיר אַף אַ צײַט אַנטליִען אָט דאָס ווערק פון דער גורעוויטש און עס דורכגעלייענט, האָט ער מיר געזאָגט:

— האַגאַם די גורעוויטש איז אַן אָנהענגערן פון דער סטאַניסלאַווסקי־סיסטעם, מיט וועלכער איך בין ניט גאָר איינגאַנצן מאַסקים, דאָך קומט איר אַ יאַשער־קויעך פאַר אָט דער אַרבעט. איר בוך קאָן שטויסן אַ סאַך אַקטיאָרן זיך באַדענקען, איבערשאַצן געוויסע מאָמענטן פון זייער טעאַ־טראַלער אַווידע. אַזאַ אַווודע מוז באַפּרוכפּערן יעדן אַקטיאָר און דאָפּלט פאַרשטאַרקן זײַן אַכרײַעס־געפיל פאַרן צושויער. אין טאָך גערעדט, איז די שפּיל פון אַקטיאָר אַף דער בינע אָפּטמאָל אָפּהענגיק פון זײַן געמיט־צושטאַנד. אויב אין מעשעך פונעם טאָג האָט אים דאָס לעבן ניט אונטער־געטראָגן קיינע יעסורים און ער קומט אַ רויִקער אין טעאַטער, איז ער געוויס אימשטאַנד מיטגעריסן צו ווערן פון די עמאָציעס, וואָס די ראָל איז מיט זיי אָנגעזעטיקט. אויב אָבער ער קומט אַ צעבראָכענער, מיט אַ געדריקטער שטימונג, קומט אים שוין אויס זיך סוימעך זײַן דעריקער אַף דער טעכניק, וואָס ער האָט דעראָבערט, און מיט איר הילף איבערצײַגן דעם צושויער, אַז ער, דער אַקטיאָר גופע, איז אופגערודערט פון די גע־שעענישן, וואָס ער איז אין זיי אָן אָנטיילנעמער. אָבער דאָס אַליין איז נאָך קנאַפּ. דער איקער איז די אידיי פון דער פּיעסע. אויב די אידיי באַ־גײַסטערט דעם אַקטיאָר, איז רעכט, אַז ער זאָל אין זיך גרויוער זײַן די שלעכטע שטימונג, וואָס האָט אים באַהערשט ביז דעם אָנהייב פון זײַן שפּיל. נאַטירלעך, וועלן בא אים אויסוואַקסן פליגל, און עס וועט געשען דער נעס: ער וועט פאַנגען די הערצער פון די צושויער.

זייער אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער ליטעראַרישער טעטיקײַט פון ל. גורעוויטש האָט פאַרנומען איר אַרבעט אינעם רוסישן זשורנאַל „סע־ווערני וועסטניק", וועלכן זי האָט אַ שטיק צײַט רעדאַגירט. אַ זשורנאַל, ווו לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי האָט געדרוקט אייניקע פון זײַנע ווערק. נאַטירלעך, איז איר ניט איין מאָל אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט לעוו טאָלסטאָי און מיט אים שמועסן. ער פלעגט זי אײַנלאַדן צו זיך אַהיים קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ.

גאָר אַ מערקווירדיקע ראָל האָט ל. גורעוויטש געשפּילט אינעם לעבן

און שאפן פונעם בארימטן רוסישן טעאטער־טוער קאָנסטאנטין סערגייע־וויטש סטאַניסלאַווסקי. אלע יאָרן פון זײַן שעפערישן אופשטײַג איז זי פאר אים געווען דער סאמע נאָענטער און כאָשעווער באל־יויעץ. איר האָט ער געטרויט זײַנע פּלענער אין פראט פון טעאטראלע טראדיציעס. זי האָט אלעמאָל געוווּסט זײַנע שעפערישע פריידן און ליידן, זײַנע דער־גרייכונגען און דורכפאלן. ל. גורעוויטש איז געווען זייער א הייסע אָנהענ־גערן פון סטאַניסלאַווסקיס טעאָרעטישע אידייען. זי האָט איינע פון די ערשטע אנערקענט זײַן מעטאָד דערציִען אקטיאָרן — די אזויגערופענע סטאַניסלאַווסקי־סיסטעם.

אינעם מוזיי פונעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאטער געפינט זיך סטאַ־ניסלאַווסקיס א גרויסע צאָל בריוו, ווו ער ווענדט זיך צו ל. גורעוויטש מיט די ווערטער: „טײַערע, הארציקע ליובאָוו יאקאָוולעוונאַ!" און פארענ־דיקט אָפט זײַנע בריוו צו איר מיט די ווערטער: „דער, וואָס האָט אײַך בעעמעס ליב", „איך נעם אײַך ארום".

נאָך וויכטיקער פון אָט די צארטע אויסדרוקן פון זײַנע געפילן צו איר זײַנען די שטעלן אין זײַנע בריוו, ווו ער שמועסט מיט איר מיקויעך איר ארבעט איבער זײַנע קסאָווים אלס רעדאקטאָר.

אין איינעם פון זײַנע פילצאָליקע בריוו, וואָס האָבן א שײַכעס צו איר רעדאגירן זײַנע ווערק, שרײַבט ער: „טוט מיט מײַן קסאוויאד (עס האנדלט זיך וועגן זײַן בוך „מײַן לעבן אין קונסט"), וואָס איר געפינט פאר נייטיק: קירצט, מעקט אויס, ענדערט די קאָמפּאָזיציע, האקלאל, טוט, ווי א מענטש באגייט זיך מיט זײַן אייגנס — איך פארלאָז מיך אינגאנצן אף אײַער מעווינעס, אף אײַער גרויסער דערפארונג". ל. גורעוויטש האָט רעדאגירט אויך סטאַניסלאַווסקיס ווערק „די ארבעט פון אקטיאָר איבער זיך".

* * *

דער געוועזענער סעקרעטאר פון ל. נ. טאָלסטאָי נ. נ. גוסיעוו האָט מיר דערציילט אזא מײַסע.

צווישן די געסט, וואָס זײַנען געזעסן באם טיש אין טאָלסטאָיס דירע אין יאסנאיא פּאָליאנא, האָט מען פון צײַט צו צײַט געקאָנט באמערקן אויך די גורעוויטש. זי האָט זיך דאָ געפילט, ווי א בען־באַיס, זי איז דעמלט געווען נאָך גאָר א יונגע (לעפּערעך 28 יאָר).

איינמאָל, ווען ל. גורעוויטש איז געווען צוגאסט בא די טאָלסטאָיס, קומט ארײַן אינעם אופנאם־צימער די הויז־באדינערן און מעלדעט, אז אָט

איז געקומען נאָך א גאסט. דאָס איז געווען מיכאַיל מענשיקאָוו, איינער פון די סאמע אָנגעזעענע מיטארבעטער פון דער רעאקציאָנערער טעגלע־כער צײַטונג „נאָוואָיע וורעמיא״, וועלכע האָט זיך געמאכט א שעם מיט איר אָפטער העצע קעגן ייִדן. איר העצע האָט באזונדערס געבושעוועט בעשאס דעם דרייפוס־פּראָצעס.

און אָט האָט אין צימער זיך באוויזן דער גאסט. באגריסנדיק די אָנ־וועזנדע, האָט מענשיקאָוו זיך דערנעענטערט צו ליובאָוו יאקאָוולעוונע און איר אויסגעשטרעקט די האנט. זי האָט פון אים זיך אָפּגעקערט און געמאָלדן:

— אזעלכע פארשוינען, ווי דער הער מענשיקאָוו, וואָס איז דעם באַ־וווסטן שווארצמייעניק סוואָרינס א טרײַער דינער, קאָן איך ניט דער־לויבן דריקן מײַן האנט מײַסע פאניבראַט.

זעלבסטפארשטענדלעך, איז לעוו ניקאָלײַעוויטשן זייער ניט אָנגענעם געווען, וואָס מע האָט זײַנעם א גאסט אזוי מעווײַעש געווען.

שפּעטער, בעשאס איר געטרוילעכן שמועס מיט לעוו ניקאָלײַעוויטשן האָט ליובאָוו יאקאָוולעוונע אים דערקלערט איר האנדלונג.

— איר פארשטייט, לעוו ניקאָלײַעוויטש, איך בין א טאָכטער פונעם ייִדישן פאָלק, וואָס טויזנטער יאָרן פארפאָלגט מען עס. עס וואָלט פון מײַן זײַט זײַן אן עכטע צוויִעס ענטפערן מיט א שמייכל, מיט א פרײַנטלעכן פּאָנעם אף דער באגריסונג פון אזא עכטן ייִדן־סוינע, ווי אָט דער נאָוואָ־ווערעמעניעץ.

בעשאס א צווייטן שמועס מיטן סעקרעטאר נ. נ. גוסיעוון האָט ער מיר דערציילט א טרויעריקן עפּיזאָד פון דער רעדאקטאָרישער פּראקטיק פון ל. גורעוויטש.

אינעם זשורנאל „סעוועורני וועסטניק״, וועלכן, ווי ס׳איז שוין אָנגעוויזן, ליובאָוו יאקאָוולעוונע האָט רעדאגירט, האָט טוטשקאָווא (אָגאריאָווס גע־וועזענע פרוי) געדרוקט אירע זיכרוינעס, ווו זי האָט דערציילט, אז די פרוי פונעם באוווסטן שרײַבער שעלגונאָוו איז געווען אן אָנהענגערן פון פרײַער ליבע. אָפּגעדרוקט איז געווען אָנשטאָט דער פאמיליע שעלגו־נאָווא בלויז דער אָס „ש״. אָבער אין דער ליטעראַרישער סוויווע האָט מען זיך אָנגעשטויסן, וועמען די טוטשקאָווא מיינט. איגגיכן נאָך דעם, ווי אָט דער טייל פון די זיכרוינעס איז געווען אָפּגעדרוקט, קומט ארײַן אינעם רעדאקטאָר־קאבינעט פון דער גורעוויטש אן אָפיצער. ער מעלדעט זיך אלס זון פון דער שעלגונאָווא.

— איר האָט אין אײַער זשורנאַל, — ווענדט ער זיך צו ליובאָוו יאַקאָוולעוונע, — דערלויבט אָפּצודרוקן אַ בילבל אויף מײַן מוטער, און אַזוי אַרום האָט איר זי געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט. איך בין מעכוייעוו אַרויסרופן אײַך אויף אַ דועל. נאָר העיויס עס איז ניט שײַעך אַרויסרופן אַ פרוי אויף אַ דועל, פאָדער איך פון אײַך, אַז איר זאָלט באַפולמעכטיקן אײַער פאָטער אָדער אײַער ברודער, אַז עמעץ פון זיי זאָל זיך מיט מיר ראַנגלען מײַסע דועל.

דערויף האָט ליובאָוו יאַקאָוולעוונע געענטפערט:

— איר דאַרפט וויסן, אַז אין געוויסע קרײַזן פון אונדזער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ האָט זיך אָנגעמערקט אַ שטרעמונג, וועלכע באַציט זיך פּאָזיטיוו צו דער מאָדערנער דערשײַנונג, וואָס מיר באַצייכענען מיט דעם אויסדרוק „פרײַע ליבע”. אײַער מוטער איז ניט די ערשטע און ניט די לעצטע, וואָס באַטראַכט די באַציִונגען צווישן מענער און פרויען פון אַזאַ שטאַנדפּונקט. דאָס באַטײַט לעגאַמרע ניט, אַז אין איר פאַמיליע־לעבן האָט זי זיך געלאָזן אָפּן וועג פון מאָראַלישער יערידע, פון העפקער. די סוויוועס, מיט וועלכער אײַער מוטער האָט געהאַט צו טאָן, ווייסט גאַנץ גוט, אַז אין איר פּריוואַטן לעבן איז אײַער מוטער אַ מענטש, וואָס איז ביז לעצט איבערגעגעבן איר מאַן, אירע קינדער און איז דערצו נאָך אַ ווווילער כאַווער. נעמט אין באַטראַכט, אַז אין די זיכרוינעס איז אָנגעוויזן בלויז דער ערשטער אָס פון דער פאַמיליע. מעגלעך, אַז די רעדאַקציע האָט ניט אַרויסגעוויזן דעם געהעריקן ערנסט בענעגייע אָט דעם איניען. קאָן זײַן, אַז עס וואָלט גלײַכער געווען אָדער אויסמעקן די שטעל, וואָס האָט אַ שײַכעס צו אײַער מוטער, אָדער געבן אין נאָמען פון דער רעדאַקציע אַ באַזונדערע הויסאָפע צו די זיכרוינעס, ווו עס וואָלט אַרײַנגעטראָגן געוואָרן מער קלאָרקײַט בענעגייע איר באַציִונג צו דער פּראָבלעם פון פרײַער ליבע. ווי עס זאָל ניט זײַן, מעלדע איך אײַך קאַטעגאָריש: צוליב מײַן שולד זאָל מײַן ברודער ריזיקירן מיטן לעבן—דאָס איז אַנטימאָראַליש און ביכלאַל אומזיניק. איך וועל קיינעם פון מײַנע קרויווים דערצו ניט דערלאָזן.

אַלס ענטפער אויף איר רעפּליק האָט דער אָפיצער איר דערלאַנגט אַ הילכיקן פּאַטש.

ווען לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי האָט וועגן אָט דעם פאַקט זיך דערוווּסט, האָט ער צו ליובאָוו יאַקאָוולעוונע אָנגעשריבן אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט איר אויסגעדריקט זײַן מיטגעפיל.

* * *

די דערהויבנקייט פון איר נעשאָמע איז אומפאַרגעסלעך. וועגן דעם זאָגט איידעס פאָלגנדער פאַקט. אינעם יאָר 1937 האָב איך מיך געגרייט אָפּגעבן אין דרוק (אין מאָסקווער פארלאַג „איסקוססטוואָ") א מאָנאָגראַפיע וועגן דעם פאָלקס־אַרטיסט שלוימע מיכאָעלס. דער קסאַוויאַד איז שוין געווען פארטיק. דערזען ליובאָוו יאַקאָוולעוונע אינעם מאָסקווער אַקטיאָרן־קלוב, בין איך צו איר צוגעגאַנגען, זיך געמאָלדן (מיר זיינען ביז דעמלט פּערזענלעך ניט געווען באַקאַנט) און זי געבעטן איבערלייענען מיין קסאַוו־יאַד און אָנשרייבן א קורצע אָפּשאַצונג. זי האָט באַוויליקט מיין פאָרשלאָג און מיר פאָרגעלייגט, אז איך זאָל צומאָרגנס נאָך מיטיק איר ברענגען דעם מאַנוסקריפּט. פינף אזייגער באַטאָג האָב איך איר אָפּגעגעבן דעם קסאַוויאַד וועגן מיכאָעלסן. אפן צווייטן טאָג האָב איך אינדערפרי אַרום איינס אזייגער דורך דער פאָטשט אין א רעגיסטרירטן קאָנווערט דער־האַלטן איר פאָזיטיוון אָפּרוף וועגן מיין אַרבעט. אין א טאָג אַרום בין איך אוועק צו איר אהיים זי צו באַדאַנקען. א שטאַרק פאַרכידעשטער, האָב איך זי געפרעגט, וויאזוי האָט זי באַוויזן אזוי בליץ־שנעל דערליידיקן אזא ערנסטן איניען. האָט זי געזאָגט:

— איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, וויאזוי דער אוטאָר גאַרט וואָס גיכער קריגן אן ענטפער, האָב איך גלייך נאָך דעם, ווי איך האָב פון אייערע הענט געקראָגן דעם קסאַוויאַד, מיך אוועקגעזעצט אים לייענען. דערביי האָב איך באַפוילן מיינע בנייַ־באַיס, מע זאָל מיך ניט באַומרויקן, ניט מיט וועטשערע און אפילע ניט מיט טיי טרינקען, ביז איך וועל אליין ניט פאָדערן. און איך בין געזעסן ביז אזייגער עלף — ביז איך האָב פאַרענ־דיקט לייענען אייער ווערק. און באַלד טאַקע האָב איך אָנגעשריבן מיין אָפּשאַצונג און גאַנצפרי אָפּגעשיקט אין פאָטשט.

— און איצט וועל איך אייך זאָגן דאָס, וואָס עס האָט א שייכעס צום עצעם פון דער פילאָסאָפישער פאָזיציע, וואָס מיכאָעלס באַזיצט אין זיין צוגאַנג צום מעטאָד פון אַקטיאָר. ווער עס האָט געלייענט דאָס ביכל פונעם פּראָגנצוויזישן דענקער דידראָ „דער פאַראַדאָקס וועגן אַקטיאָר", דער גע־דענקט זיין באַהויפּטונג: „דער טאַלאַנט פון אן אַקטיאָר באַשטייט ניט אין דעם, וואָס ער מוז זיין דורכגעדרונגען מיט די געפילן פונעם פּערסאָנאַזש, וועלכן ער שילדערט, נאָר אין דעם, וואָס ער דערלאַנגט אונדז זייער פּינקטלעך די אויסערלעכע סימאָנים פון דער איבערלעבונג (די אינטאָנאַ־ציע, די מימיק, דעם זשעסט) און נאָרט אזויאַרום אָפּ דעם צושויער".

— אין איינער פון זיינע אַרויסטרעטונגען האָט מיכאָעלס געזאָגט: „מיר

ווייסן, אז פרויען פאַרמאָגן א ריי מאַנירן, וואָס דינען זיי צו געפינען כיין בא מאַנצבלען (אַראָפּגעלאָזטע אויגן אָדער פאַריסענע אַרוף, א בליק אין דער זײַט, האַקלאַל, פאַרשיידענע האַמצאָעס). אָט אזוי איז זיך נויהעג א פרוי, קעדיי געפעלן צו ווערן א מאַנספאַרשוין. איך בין זיך מוידע, אז געפינענדיק זיך אַף דער בינע, מאַך איך אָפּט א סוידעספּולן אָנשטעל, קלוימערשט איך גיב אָנצוהערן: „אָט וועל איך באַלד עפּעס א זאָג טאָן", און אײַנדערעמעסן קאָן פּאַסירן, אז איך זאָל גאָרניט זאָגן. דאָס איז א באַשטימטע מאַניר. עס טרעפט, אז איך גיי לאַנגזאַם צו צו דער ראַמפּע, דריק צו די האַנט (אָדער בלויז איין פינגער) צו דער ברוסט און כ'טו א זאָג א פּראַזע, וואָס איר ציל איז אָנצושפּיצן די אויפמערקזאַמקײַט פונעם צושויער... דאָס איבעריקע איז ניט וויכטיק".

געענדיקט אָט די ציטאַטע, רופט זיך אָן ליובאָוו יאַקאָוולעוונע:

— אין אָט דער אַרויסזאָגונג מיכאָעלסעס שפּירט זיך א געוויסע קרויי־וועשאַפט מיט די טראַדיציאָנעלע עסטעטישע אָנשויונגען פון די יאַפּאַנער. דער טאַמציס פון קונסט באַשטייט לויט די יאַפּאַנישע טראַדיציעס אין דעם, אז מע זאָל אין זיך אַנטוויקלען די פייִקייט זיך אײַנהערן אין דעם ניט אַרויסגעזאָגטן. דעם טיפסטן אינטערעס רופט בא זיי אַרויס דער רעמעז, די אָנדײַטונג, דאָס, וואָס מיר רופן „צווישן די שורעס". א באַזונדערער כיין שטעקט, זאָגן זיי, אינעם ניט דערזאָגטן, אין דעם, וואָס מע באַדאַרף בלויז זיך אָנשטויסן. אזא טענדענץ איז אייגנטימלעך ניט נאָר די יאַפּאַ־נער. ווען מיר ווענדן זיך, לאָמיר זאָגן, צו דער דיכטונג פון א. בלאָק, פון ב. פּאַסטערנאַק, געפינען מיר דאָ ניט ווייניק שטעלן, ווו דער דיכטער האָט ניט דערזאָגט, און אזוינס רעגט טאַקע דעם געדאַנק.

— דעריבער, — זעצט פאָר ליובאָוו יאַקאָוולעוונע, — איז באַזונדערס אינטערעסאַנט דאָס, וואָס מיכאָעלס האָט דערקלערט בעשאַס זײַן אַרויס־טרעטונג: „ס'איז א טאָעס, — האָט ער באַהויפּטעט, — זיך מעשאַער זײַן, אז מיר זײַנען מעכויעוו אַלץ ביזן סאָף דעם צושויער דערקלערן. אויב אונדז וועט זיך אײַנגעבן אײַך אָפּנאַרן, וועט עס זײַן אויסגעצייכנט".

— די דאָזיקע אַרויסזאָגונג מיכאָעלסעס, — האָט ליובאָוו יאַקאָוולעוונע געזאָגט, — דערנעענטערט זייער מיכאָעלסעס אָנשויונג צו דידראָס שטאַנד־פּונקט. ווענדליק אין אײַער קסאוויאַד ווערט דערציילט, איז מיכאָעלס ניט געווען קיין קעגנער פון סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם. עס זײַנען געווען בלויז אייניקע כלוקעדייעס... און סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם איז דאָך פּונקט דער הייפּעך פון דידראָס באַהויפּטונגען... דעריבער דאַרף מען דעם איניען קלאָר מאַכן.

איך האָב געענטפערט ל. יאַ. גורעוויטש, אז מײַן קסאוויאַד באַדאַרף

מען ניט באַנעמען, ווי אַן אויסשעפּנדיקע פאָרשונג פון מיכאָעלסעס פילאָ־סאָפישע באַטראַכטונגען מיקויעך דעם מעטאָד פון אַקטיאָר. די פראַגע וועגן די אייגנשאַפטן פון מיכאָעלסן אַלס אַקטיאָר פאָדערט נאָך גענויע פאָרשערישע באַמיִונגען. דערלויבט מיר דערציילן וועגן אַ שמועס, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן מיכאָעלסן און מיר, דוכט זיך, צום סאָף פונעם יאָר 1936. מיר האָבן דעמלט געשמועסט וועגן דער עוואָליוציע פונעם סטיל אינעם מאָסקווער מעלוכישן יידישן טעאַטער. נאַטירלעך, איז אויסגעקומען באַרירן קונסט־פראַגן ביכלאַל. באַטראַכטנדיק פאַרשיידענע קונסט־מאַנירן, האָט מיכאָעלס געזאָגט:

— ווען מיר באַקענען זיך מיט דער קונסט־געשיכטע פון פאַרשיידענע פעלקער, קאָנען מיר ניט פאַרבײַגיין אייניקע סוואָרעס פון אַמאָליקע יידישע דענקער. איר ווייסט, מינאַסטאַם, אַז איך בין ניט קיין פלאַמיקער אָנהענגער פון קאַנאָניזירן די מעמרעס פון יידישע לאַמדאָנים. אייניקע פון זיי קאָן מען פאַרגלײַכן מיט די טרוקענע ביינער (עצמות היבשות) פון דעם נאָווי יעכעזקלס וויזיע. אָבער צווישן אָט די הויפנס אָפּגעלעבטע אָנשויונגען און אפאָריזמען קאָן מען געפינען עמעסע דימענטן. געוויס געדענקט איר די אַרויסזאָגונגען פונעם כאָכעם, וועלכער האָט געפונען אַ געפּרעסטע פאָרמול פאַר פאַרשיידענע אופאַסונגען פון לעבנס־דערשײַנונגען. אָט די פאָרמול האָט ער אויסגעדריקט מיט איין וואָרט — „פּרדס“, עס קלינגט פונקט אַזוי, ווי דאָס העברעישע וואָרט „פּרדס“, וואָס באַטײַט אַ גאָרטן מיט פּיירעס. אָבער דער „פּרדס“, וואָס מיר וועלן דאָ וועגן איםריידן, איז נאָר אַן אַברעוויִאַציע, אַ ראָשעטייוועס פון פיר ווערטער: פּשט (פּשאַט), רמז (רעמעז), דרוש, סוד (סאָד). יעדער פון אָט די פיר באַגריפן איז אין זיך קוילעל אַן אייגנאַרטיקן מעטאָד צו באַטראַכטן און אופאַסן דערשײַנונגען.

דער טאָך פון פּשט (פּשאַט) באַשטייט אין דעם, וואָס אַ געוויסע קאַטעגאָריע מענטשן באַנעמט דערשײַנונגען דעריקער לאָגיש. דאָס הייסט: די אויבערהאַנט בעשאַס זייער באַטראַכטן אַ דערשײַנונג נעמט דער סייכל־האַיאָשער. לאָמיר צוליב קלאָרקײַט דערמאָנען אונדזער ספּעקטאַקל „מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי“. אויב מיר וועלן באַנעמען ביניאָמינען און סענדערלען בלויז ווי קאָמישע פיגורן און ניט באַטאָנען דאָס דערהויבן־מענטשלעכע, וואָס אין זיי, לאָמיר זאָגן זייער טרוימערישקײַט, קאָן אַזאַ אופאַסונג פון לאָגישן שטאַנדפּונקט זײַן באַרעכטיקט. יאָ, ביניאָמין און סענדערל זײַנען טאַקע געווען זייער אָפּגעשטאַנען, פּאַסיוו אין זייער שטייגעריש אויסקומעניש און שוין צופּיל נאַיִוו. פון שטייגערישן, פון באַלעבעסלדיקן שטאַנדפּונקט זײַנען זיי געווען באַטלאָנים, אפילע טויגעניכטסן.

אָבער פון שטאַנדפּונקט פון עכטער קונסט איז אַזאַ צוגאַנג צו אָט די טרוימער איינזײַטיק, מאַכמעס מיר, קינסטלער, זײַנען מעכוייוו לייענען און טרעפן, וואָס אין מענדעלעס טעקסט שטעקט צווישן די שורעס. עלע ניט, וועלן מיר אַרײַנפאַלן אין נאַטוראַליזם. אַזאַ געפאַר לויערט נאָך יעדן, ווער עס גייט צו צו דערשײַנונגען בלויז מיטן קאָמפּאַס, וואָס אָט יענער כאָכעם האָט באַצייכנט מיטן באַגריף פּשט (פּשאַט).

לאַכלוטן אַנדערע אויסדרוק־מיטלען באַנוצן די קונסט־טוער, וועלכע זײַנען אָנהענגער פונעם רעמעז־מעטאָד. רעמעז באַטײַט אָן אָנדײַטונג. אין דער טעאָריע פון קונסט האָט איר אײַך אָן עקוויוואַלענטן טערמין — סימבאָל. אינעם ערשטן אַקט פונעם ספּעקטאַקל „200.000״ (אינעם מאָס־מעליט) איז געווען אַ מאָמענט, ווען דער שאַדכן סאָלאָווייטשיק פליט פונעם אייבערשטן בינע־כאָלעל אַראָפּ אױף די בינע־ברעטער מיט אַ שירעם אין האַנט. לויטן פאָרטראַכט פונעם רעזשיסער א. גראַנאָווסקי האָט אָט די מיזאַנסצענע סימבאָליזירט דעם באַגריף „לופטמענטש״. מעגלעך, אַז אָט די מיזאַנסצענע האָט אינספּירירט שאַגאַלס בילד, ווו עס ווערט געשילדערט אַ ייִד, וואָס פליט איבער די הײַזער פון אַ קליין שטעטל אין דער וועלט אַרײַן זיך מיסאַסעק זײַן מיט מענאַכעם־מענדלשע קאָמבינאַציעס. אָט דאָס בילד שטאַמט פון שאַגאַלס אופאַסונג, פון זײַן באַנעמען אַ באַדנלאָזן ייִדישן קליינבירגער.

סימבאָליש איז אויך אַזאַ מאָמענט אין אונדזער ספּעקטאַקל „מאַזלטאָוו״, ווען דער ווייכהאַרציקער רעב אַלטער (אַ מענטש אָן אַ גאַלן) טוט אַ הייב אַ שײַט האַלץ איבער דער באַלעבאָסטעס קאָפּ מיט די ווערטער: „די ציציליסטן (סאָציאַליסטן) זאָגן — אַ קלאָג צו דײַן קאָפּ!״ יאָ, ס׳איז סימבאָליש: רעב אַלטערס ענערגישער זשעסט באַטײַט: ס׳וועט קומען אַ צײַט, ווען די דערשלאָגענע רעב אַלטערס וועלן דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ די אונטערדריקערס, די בלוטצאַפּערס.

דער דריטער צוגאַנג — דרוש — איז אַזאַ מין מאַניר, ווען באַטראַכ־טנדיק די אָדער יענע דערשײַנונג, קומט יעדער פון די שטרײַטנדיקע צו זײַן אייגנאַרטיקן אויספיר. איינע און די זעלבע דערשײַנונג נעמט מען דאַרשענען אױף פאַרשיידענע אויפאַנים. ניט זעלטן האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ מין מיסברויכן מיטן דיאַלעקטישן מעטאָד. ס׳איז באַוווּסט, וואָס פאַר אַ קאָכעניש עס האָט אַרויסגערופן דעם רעזשיסער אַקימאָווס אופירונג פון „האַמלעט״ אינעם וואַכטאַנגאָוו־טעאַטער. די טעאַטער־קריטיקער האָבן אָט די שטעלונג באַטראַכט ווי אַ פאַרקריפּלונג פון דער אידיי, וואָס איז אין גרונט פון אָט דער פּיעסע. אַזויאַרום איז אַקימאָווס אופאַסונג געוואָרן אַ מין פאַלשער דרוש בענעגייע „האַמלעט״.

אָן ענלעכן דורכפאל האָבן מיר געהאט אינעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאטער, ווען מיר האָבן אופגעפירט א. וועוויאָרקעס פּיעסע „כאווער שינדל" („137 קינדער־הײַזער"). דאָס איז געווען א פּרווו, אויסנוצנדיק א מין סכעמע פון גאָגאָלס „רעוויזאָר", דערלאנגען דעם צושויער א סאטירע אפן „נעפּ" אין דער ייִדישער סוויווע. ניט געקוקט דערוף, וואָס געשטעלט אָט דעם ספּעקטאקל האָט אזא באגאבטער רעזשיסער־נאָוואטאָר, ווי א. גראנאָווסקי, וואָס די קינסטלערישע אויספורעמונג האָט באשאפן אזא גרויסער מײַסטער, ווי נ. אלטמאַן, און די מוזיק האָט אָנגעשריבן אזא טאלאנטפולער קאָמפּאָזיטאָר, ווי א. קריין, איז דער ספּעקטאקל דורכגעפאלן. שולדיק אין דעם איז דעריקער געווען דער אווטאָר פונעם טעקסט. מײַן אָנטייל אין אָט דער פאָרשטעלונג (איך האָב געשפּילט דעם צענטראלן „העלד" — דעם ייִדישן כלעסטאקאָוו, דעם כאווער שינדל) איז געווען א נעבעכדיקער בײַטראָג אין דער קונסט פון אקטיאָר... אלץ — מאכמעס דעם, וואָס מיר האָבן דאָ געהאט צו טאָן מיט א שלעכטן דרוש פון א געוויסער געשיכטלעכער דערשײַנונג.

און ענדלעך — וועגן פערטן מעטאָד, וואָס באלאנגט צו דער קאטעגאָריע סאָד (געהיימניש, רעטעניש). אפן קונסט־געביט באגעגענען מיר צומאָל אזעלכע דערשײַנונגען, וועלכע ס'איז שווער און אפילע אומעגלעך לאָגיש צו באגרינדן. דער סייכל־האיאָשער בלײַבט אין אזא סיטואציע אָפּהענטיק. דערפאר אָבער דעם מענטשנס אינטויִציע, זײַן אונטערבאוווסטזײַן איז געניגט צו בארעכטיקן אזא אקט פונעם קינסטלער. אלס בײַשפּיל וועל איך אָנווײַזן אף דער סצענע אין אונדזער ספּעקטאקל „קיניג ליר", ווען ליר צעאמפּערט זיך מיט זײַן עלטערער טאָכטער האָנעריליע (זי פּראָטעסטירט, לעמײַ ליר נעמט קיין מיטלען ניט אָן קעגן דער העפּקייִרעס פון זײַן דינערײַ). ליר איז אויסער זיך פון דער טאָכטערס כוצפּע. מיט א ווילדער קראפט רײַסט ער זיך ארויס פון קענטס הענט, טוט האסטיק זיך א יאָג פונעם לינקן בינע־ווינקל צום רעכטן און גלײַך — צוריק און שטײַגט מיטן אימפּעט און מיט דער געשיקטקײַט פון אן אכצניאָריק באָכערל אף די זייער מעשופּעדיקע טרעפּ, וואָס פירן ארוף צו האָנערילעס טעראסע. דער צושויער ווייסט דאָך, אז ליר איז שוין אכציק יאָר אלט! פון לאָגישן שטאנדפּונקט איז עס, קאָן מען זאָגן, א רעטעניש. שווער בא זיך פּויעלן, אז אזעלכעס קאָן ווירקלעך פּאסירן.

צי לאָמיר נעמען דעם וואנדערער לוקא פון גאָרקיס „נא דניע" („אפן לעצטן שטאפּל"). וויפל סוואָרעס האָט די קריטיק ארויסגעזאָגט בענעגייע אָט דעם פּערסאָנאזש! איוואן מאָסקווין (דער פאָלקס־ארטיסט פונעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאטער) האָט געשילדערט לוקא, ווי אן עכט סימ־

פאטישן פאָלקסמענטש. און די קריטיק האָט דעמלט געקליבן נאכעס פון אָט יענעם לוקא. אין א צײַט ארום האָט מען גאנץ אנדערש געגומען באַ־טראכטן לוקא. מע האָט אין אים דערזען א פאלשן נעפעש, וועלכער באמית זיך פראָפּאגאנדירן האכנאָע — פארגלעטן דאָס בייז, וואָס קאַליעטשעט דאָס לעבן. גאָרקי גופע האָט איינמאָל עפנטלעך זיך ארויסגעזאָגט, אז אומזיסט באמִיען זיך אקטיאָרן שילדערן לוקא, ווי א ליכטיקע, א דערהויבענע נאטור. דאָס איז ניט ריכטיק, — האָט גאָרקי באהויפּטעט. און דאָך באמערקן מיר אויך איצט: נעמט א טאלאנטפולער אקטיאָר שפּילן לוקא — געפינט דער לעצטער כיין אין די אויגן פונעם צושויער. איז עס טאקע שווער צו באגרײַפן.

אָט די האשאָרעס זײַנען מיר געקומען אפן געדאנק, מאכמעס איך קאָן בעשום־אויפן ניט מאסקים זײַן מיט אייניקע אונדזערע קונסט־קריטיקער, וואָס רופן צו קאָנאָניזירן איין ריכטונג — די ריכטונג פונעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאטער (מכאט). מאשמאָעס, אוניפיצירן די טעאטער־קונסט אזוי, אז אלע יעוואָנים זאָלן האָבן איין פּאָנעם, אלע טעאטערן זאָלן זײַן ענלעך אפן מכאט, טאָר מען ניט. וואָס פארשיידנארטיקער די מעטאָדן זײַנען, אלץ מער ווערט די קונסט באַרײַכערט.

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט מיכאָעלסעס שמועס מיט מיר זיך פארענדיקט.

— איר פארשטייט, ליובאָוו יאקאָוולעוונע, אז אויך אָט די ארויסזאָגונג מיכאָעלסעס האָט מיר געגעבן אָנצוהערן, אז אונדז שטייט פאָר לייזן א ריי זייער וויכטיקע פּראָבלעמען, צווישן וועלכע די פּראָבלעם פון מיכאָעל־סעס בײַטראָג אין דער טעאטער־קונסט איז איינע פון די זייער קאָמפּלי־צירטע.

באַגעגענישן מיטן קינסטלער ר. פאַלק

איך האָב צום ערשטן מאָל געזען פאלקן, ווען עס זײַנען אינעם מאָסקווער יידישן מעלוכישן טעאַטער פאָרגעקומען די צוגרייטונגען צום ספעקטאַקל „באַנאַכט אפן אַלטן מאַרק”. דער ערשטער אײַנדרוק איז געווען א מאָדנער: איך האָב דערזען א פאַרכמורעטן, קימאַט א מאָרעשכווירעדיקן פאַרשוין. אַזעלכן, אז דו טרעפסט אין גאַס, קלערסטו: ס׳איז עפּעס אַן אויסגעמאַטערטער, אַן אויסגעשעפּטער, אַן אויסגעלאָשענער בען־אָדאָם. ווי קומט צו אַזעלכן באַציִינען די בינע מיט יאָמטעוודיקע פאַרבן? ער איז דאָך, דוכט זיך, די גרויקײַט אַליין. און די פאַרבן, וואָס האָבן דאָמינירט אין „באַנאַכט אפן אַלטן מאַרק”, זײַנען טאַקע געווען גרויע, טריבע. פון זיי פלעגט ווערן סומנע אף דער נעשאָמע. א קעלט פלעגסטו דערשפירן אין לײַב.

דערצו נאָך איז פאלק געווען א שווײַגער. עפּעס ווי אין זיך א באַהאַלטענער. דעריבער איז שפּעטער מיט עטלעכע און דרײַסיק יאָר, ווען עס איז באַ אים אין דער היים פאָרגעקומען אונדזער צוזאַמענטרעף, איז די ערשטע פראַגע געווען: וועלכע סיורפּריזן האָט אים דאָס לעבן אונטערגעטראָגן אין זײַנע קינדער־יאָרן? מיר ווייסן: פאַראַן שעפערישע פּערזענלעכקײַטן, וואָס זייער אַרט לעבן אין די קינדער־יאָרן קריצט אויס אין זייער פּסיכיק טיפע קאַרבן, לאָזט איבער טיפע קנייטשן אין זייער גײַסטיקן וועזן.

האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז פאלק איז גאָרניט אַזאַ פאַרבאָרגענער. גאָרניט אַזאַ פאַרשטעלטער, ווי מיר האָט זיך צוערשט אויסגעדאַכט. א גוואַלדיקן טעמפּעראַמענט האָב איך דערשפירט אין אָט דעם צוריקגעהאַלטענעם און אויסערלעך עפּעס ווי צעקראָכענעם מענטשן. מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם האָב איך זיך אײַנגעהערט אין די עפּיזאָדן פון זײַן קינדהײַט.

געוואַקסן איז ער אין א לאַכלוטן אַסימילירטער סוויווע, האָגאַם זײַן מוטער שטאַמט פונעם ווילנער גאָען. זײַנע עלטערן, מאָסקווער טוישווים, האָבן גערעדט אָדער רוסיש, אָדער דײַטש. דער קליינער ראָבערט (רעפאָעל)

האָט מעקאַנע געווען זײַנע ייִדישע כאַווײרים, באַ װעמען מע האָט אין שטוב פֿאַרהיט דעם ייִדישן שטייגער. ער פֿלעגט בעטן דעם פֿאָטער, מע זאָל אים לערנען ייִדיש, העברעיִש, נאָר דער טאַטע האָט מיט ביטל זיך באַצויגן צו אָט די לעכצעניש פֿונעם קלײנינקן רעפֿאָעל. װען ס׳איז געקומען זײַן צײַט געניסן פֿון שול־בילדונג, האָט מען אים אָפּגעגעבן אין דער מאָסקװער פּעטראָפּאַװלאָװסקער מיטלשול, װוּ עס האָבן איבערהױפּט זיך געלערנט דײַטשישע קינדער. דער לערער פֿון ליטעראַטור איז געװען אַ דײַטש. אײנמאָל אינדערפֿרי קומט ער אַרײַן אין קלאַס און הײבט אָן דרײען מיט דער נאָז און טײַטן מיטן פֿינגער: „פֿון אָט יענעם װינקעלע ציט אַ פּאַסקודנער רײעך. אַהאַ, איך פֿאַרשטײ שױן: דאָרט האָט זיך דער ייִדישער קאָהאָל פֿאַרזאַמלט, שטינקט טאַקע מיט קנאָבלי!״

דערהערט אָט די דיבורים, איז דער קלײנער ראָבערט, װי אַן אָפּגעבריטער, אַרױסגעשפּרונגען, צוגעלאָפֿן צו אָט דעם נעפּעש און, קוקנדיק דעם אױסװורף גלײַך אין די אױגן אַרײַן, אױסגעשריִען: „אַנו, כאַזערט אָקאָרשט איבער דאָס, װאָס איר האָט נאָרװאָס געזאָגט!״

דער מענװול האָט אַראָפּגעלאָזן די אױגן, אַ בורטשע געטאָן: „זעץ דיך״ און — געשװיגן.

ניט נאָר בענעגײע ייִדן האָבן די דײַטשישע לערערס זיך דערלױבט אַזעלכע גענג. דאָ פֿלעגט מען אָפּט אױך הערן דעם שײנעם אױסדרוק „רוסישע שװײַנע״. װען ראָבערט פֿלעגט זיך קלאָגן דעם פֿאָטער אױף אָט דעם צעיושעטן אַנטיסעמיטיזם, פֿלעגט יענער אים זאָגן: „װאָס זאָל מען טאָן — מע מוז לײַדן״. עמעס, ניט אַלעמאָל איז ראָבערטס טאַטע געװען אַזױ צוריקגעהאַלטן בענעגײע די עקלדיקע גרימאַסן פֿון אַנטיסעמיטיזם. װען ראָבערט איז נאָך אַלט געװען זיבן יאָר, האָט דער פֿאָטער מיט אים דורכגעמאַכט אַ רײַזע קײן דרעזדען. דאָ קומען זײ אַרײַן אין אַ דײַטשישן קאַפֿע־הױז. װען דער קעלנער איז שױן געװען נאָענט צו זײער טישל, איז ראָבערטס פֿאָטער שטאַרק צעקאָכט אױפֿגעשטאַנען און קימאַט װי אַ געשרײ געטאָן:

— גיכער טו דיך אָן, און לאָמיר פֿונדאַנען אַנטלױפֿן. דו זעסט אָן אױפֿשריפֿט אױף דער װאַנט: „ייִדן און הינט — אַרײַנגאַנג פֿאַרבאָטן!״

— אָט די אַלע פֿאַקטן, — זאָגט פֿאַלק, — האָבן מיט פֿײַערדיקע אױסיִעס זיך פֿאַרשריבן אין מײַן מױעך און האָבן אױף מײַן גאַנץ לעבן עפּעס פֿאַרסאַמט אין מײַן נעשאָמע. אױסלעבן אָט די פֿינצטערע, דערנידערנדיקע מאָמענטן האָט מיר, װי־ס׳װײַזט אױס, געהאָלפֿן דאָס, װאָס איך האָב גאָר פֿרי זיך פֿאַרטאָן אין קונסט.

נאָך זײַענדיק אין מיטלשול, האָט ר. פאַלק זיך געלערנט מאָלן, ווי אויך שפּילן פּיאַנאָ. אַגעוו, האָט אים מוזיק מער פאַרכאַפּט, ווי מאָלערײַ, און ער האָט געקראָגן אַ היפּשע מוזיקאַלע בילדונג. דער פאָטער האָט געטרוימט, אַז דער זון זאָל זײַן אַן אַרכיטעקט. אַרײַנטרעטנדיק אינעם יאָר 1905 אין אַ שול, וווּ מע האָט שטודירט מאָלערײַ, סקולפּטור און בוי־קונסט, האָט ראָבערט צוגעזאָגט דעם פאָטער, אַז ער וועט זיך דאָ לערנען אַרכיטעקטור, אָבער אינדערעמעסן האָט ער זיך דאָ צוגעכאַפּט צו מאָלערײַ. דאָס איז ניט שווער צו פאַרשטיין — די אָנגעזעענסטע פּעדאַגאָגן פון מאָלערײַ זײַנען אין אָט דער שול געווען: סעראָוו, קאָראָווין און פּאַסטערנאַק. שטודירט האָט פאַלק געוויינלעכע מאָלערײַ, טעאַטראַל־דעקאָראַטיווע מײַסטערשאַפט און פּעדאַגאָגישע מאָלערײַ.

* * *

פאַלקן איז באַשערט געווען צוזאַמענאַרבעטן מיט ק. ס. סטאַניסלאַווסקין, בעשאַס יענער האָט אינעם „האבימאָ"־טעאַטער רעזשיסירט דעם ספּעקטאַקל „חלום יעקב" („יאַנקעווס כאָלעם").

ר. פאַלק איז געווען איבעראַשט פון סטאַניסלאַווסקיס באַציִונג צום אוטאָר פון דער פּיעסע, פון זײַן אויסערגעוויינלעכן דערעכערעץ פאַרן דראַמאַטורג. פאַרגלײַכנדיק אין אָט דעם פּראַט גראַנאָווסקין מיט סטאַניסלאַווסקין, שטרײַכט פאַלק אונטער, אַז בעשאַס גראַנאָווסקי פלעגט, ניט לאַנג טראַכטנדיק, אַרויסוואַרפן פון אַ פּיעסע אַ האַלבן און אַפילע אַ גאַנצן אַקט, האָט סטאַניסלאַווסקי אַזעלכעס זיך קיינמאָל ניט דערלויבט. ווען פאַלק האָט פאָרגעלייגט סטאַניסלאַווסקין אַרויסוואַרפן פון דער פּיעסע „יאַנקעווס כאָלעם" אייניקע שטעלן, וועלכע האָבן אים, פאַלקן, אויסגעזען נאַיִוו, האָט סטאַניסלאַווסקי שטאַרק פּראָטעסטירט און גענומען דערווײַזן פאַלקן, ווי וויכטיק ס'איז האָבן אָפּשײַ פאַרן אוטאָר.

איך האָב געפרעגט פאַלקן, צי האָט ער באַמערקט, אַרבעטנדיק מיט סטאַניסלאַווסקין, דעספּאָטישע גענג, וועגן וועלכע מע האָט זייער פיל קלאַנגען פאַרשפּרייט אין דער סוויווע פון טעאַטער־טוער.

פאַלק לייקנט אָפּ אָט די באַהויפּטונג. סטאַניסלאַווסקי האָט ניט געצווימט די איניציִאַטיוו, די פאַנטאַזיע פונעם קינסטלער. דעריבער, — זאָגט פאַלק, — איז בא מיר געוואַקסן דער כיישעק צו אַרבעטן איבער אָט דער שטעלונג. עמעס, איך האָב טכילעס מוירע געהאַט, אַז ער וועט מיך אַראָפּשלאָגן אָפּן וועג פון נאַטוראַליזם. צו מײַן גרויסער פאַרכידעשטקײַט האָב איך מיך איינגיכן איבערצײַגט, אַז ס'איז שווער צו געפינען נאָך אַזאַ באַלן

אף שעפערישע עקספּערימענטן, ווי ער. פון קיין שום אײַנפאַל, פון קיין שום אידיי פלעגט ער זיך ניט אָפּזאָגן, אויב אַזעלכעס האָט געשטאַמט ניט פונעם דראַנג צו עפּעס אַ קאַפּריזעסל, צו אויסערלעכער פאַרשפּיצטקייט, לעשעם קיצלען דעם אוילעם, נאָר פון אַן אינערלעכער נויטווענדיקייט.

מיך האָט אינטערעסירט פאַלקס באַאָבאַכטונג איבער סטאַניסלאַווסקיס אַרבעט מיט אַקטיאָרן.

פאַלק זאָגט:

— מיך גופא האָט עס אויך זייער אינטערעסירט. איך מוז אײַך זאָגן, אַז ווען איך בין אַרײַן צום ערשטן מאָל אין „האבימאַ"־טעאַטער, האָט מיך מאַמעש געפּלעפּט די אַרויסזאָגונג פון שאַליאַפּינען וועגן אָט דעם טעאַטער. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין זײַן אָפּשריפט: „דער טעאַטער „הבימה" איז דער בעסטער אין דער וועלט". איך האָב דורכגעקוקט אייניקע ספּעק־טאַקלען און בין געקומען צום אויספיר, אַז שאַליאַפּינס באַהויפּטונג איז אַן איבערגעטריבענע.

סטאַניסלאַווסקי האָט געזאָלט אַרבעטן מיט די אַקטיאָרן העכסטנס דרײַ שאָ אין טאָג, אָבער ער פלעגט פאַרבלײַבן פינף שאָ, ניט געשאָנעוועט זײַן מי, זײַן געזונט.

ער האָט זיך ניט געפּוילט, רעפּעטירנדיק מיט די אַקטיאָרן, זיי צווינ־גען עטלעכע מאָל איבערכאַזערן אַ געוויסן מאָמענט, עס זאָל זיך באַקו־מען, ווי ער פאָדערט. כאַראַקטעריסטיש איז געווען פאַר סטאַניסלאַווסקין זײַן אַרבעט איבער אַ סצענע, וועלכע איך געדענק גוט: אייסעווס ווײַבער שלאָפן (אָנשטאָט פעלן פון כײַעס זײַנען אויף דער רעפּעטיציע באַ זיי אונ־טערגעבעט קאָלדרעס). זיי כאַפּן זיך אויף פון שלאָף און קוקן שטאַרק אויפגערודערט אין מיזרעך־זײַט, פונוואַנען עס דאַרף קומען זייער מאַן, אייסעוו. אויפגערודערט, איבערגעשראָקן זײַנען זיי דערפאַר, וואָס זיי האָבן מוירע, אַז ער וועט אויף זיי אויסגיסן זײַן צאָרן, ווען ער וועט זיך דערוויסן וועגן די געשעענישן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין זײַן אָפּוועזנהײַט. צעקאָכט, נערוועז נעמען זיי צונויפדרייען, צונויפוויקלען די אונטערגעג־שפּרייטע קאָלדרעס. אייסעווס מעיוכעסעס, דאָס באַליבטע ווײַב, האָט גע־שפּילט גאָלדינאַ — אַ שיינע, שטאַלטנע פרוי.

— שטייט אויף פונעם געלעגער נאָכאַמאָל, נאָכאַמאָל! — ווענדט זיך צו איר סטאַניסלאַווסקי.

זי שטייט אויף, און בעשאַס־מײַסע פאַרפּלאָנטערט זי זיך אין דער קאָלדרע. ווען זי נעמט די קאָלדרע צונויפוויקלען, קומט עס באַ איר אויס לעפּיש. קאָנסטאַנטין סערגייעוויטש צווינגט זי איבערכאַזערן.

— איר פאַרשטייט, — זאָגט ער דער גאָלדינאַ, — ווען איר נעמט

צונויפדרייען די קאַלדרע, באַדאַרף דער צושויער דערשפּירן אין איַך א גרויסן אומרו, א מעהומע.

די אַקטריסע פּרוווט דורכמאַכן די אויפגאַבע, אָבער עס באַקומט זיך ניט.

— ווייסט איר וואָס, — רופט סטאַניסלאַווסקי זיך אָן, — איך וועל איַיך געבן אַזאַ אייצע: אָט נעמט יעדן פרימאָרגן באַ זיך אין דער היים א גרויסע טראַנטע אָדער א קאָלדרע און פּרוווט אין מעשעך פון צען מינוט זי צונויפוויקלען. די הענט באַדאַרפן צוגעוווינט ווערן צו דער אָדער יענער טועכץ — דעמלט וועט באַטירלעך ארויסשפּראָצן די געוווּנטשענע עמאָציע.

און קעדיי אָנצושטעקן די אַקטריסע מיט א באַגער צו אָט דעם עקספּערימענט, דערציילט ער אַזאַ מײַסע:

— דאָס האָט פּאַסירט, ווען איך בין געווען נאָך גאָר א יונגער, א רויער אַקטיאָר. איז מיר גראָד נייטיק געווען אינדערפרי אריַינקומען צו דער באַרימטער אַקטריסע מעדוועדיעווא. „דו האָב אף מיר ניט קיין פאַריבל, — זאָגט זי, דערזעענדיק מיך, — האָסט מיך געפּאַקט פּונקט, ווען איך מוז אַרבעטן״. וואָס זשע האָט זי געטאָן, קאָלזמאַן איך בין באַ איר געזעסן? די גאַנצע צײַט האָט זי געהאַלטן אין איין אויסטאָן און אָנטאָן א פויערישן פּעלץ. „שוין א כוידעש צײַט, זינט איך פאַרנעם זיך מיט אָט דער אַרבעט. איך באַדאַרף מיך צו דעם צוגעוווינען — מוז איך עס״.

פאַלק דערציילט נאָך א פאַל, וואָס גיט א פאַרשטעלונג וועגן די מיטלען, וואָס סטאַניסלאַווסקי פלעגט לאָזן אין גאַנג, קעדיי צו באַגײַסטערן דעם אַקטיאָר און זיך דערשלאָגן באַ אים שעפערישקײַט.

לויט דער פּיעסע האָט זיך געפאָדערט שילדערן די האַנדלונג פון אַן עלטערן מענטשן. דער אַקטיאָר, וואָס האָט געשפּילט דעם אַלטן, האָט זיך געלאָזן אף אויסגעטראָטענע וועגן. ער האָט גענומען קרעכצן, זיך איַינהויקערן. סטאַניסלאַווסקי איז ניט צופרידן און האָט גענומען שילדערן פאַרשיידענע סיטואַציעס אינעם לעבן פון זקיינים. און עס ווערט באַ אים געבאָרן א גאַנצע גאַלעריי. איר זעט א געזונטן, א פעסטן אַלטן מאַן, און אָט האָט איר אַן אַלטיטשקן, וואָס האָט שוין לעגאַמרע פאַרלאָרן יעטווידע האָפענונג, אָדער אַן אַלטן, וואָס איז געקומען פון א וויַיטן וועג, אָדער א זאָקן, וואָס קוקט ארויס אף גוטע בסורעס.

אָט די אַלע בילדער האָט סטאַניסלאַווסקי דעמאָנסטרירט, זיצנדיק אפן שטול.

די רעפּעטיציע האָט זיך שטאַרק פאַרצויגן. אייניקע אַקטיאָרן מורמ־

לען: „מיר זײַנען דאָך לעבעדיקע מענטשן, אזוי לאנג אונדז פאַרהאַלטן — ווו איז מענטשלעכקײַט?״
אף אזא רעזאָנאנס האָט סטאניסלאַווסקי זיך ניט גערעכנט, און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פאַרצוזעצן מיט זיי די ארבעט.

* * *

אין דעם ספּעקטאַקל „מאַסאָעס בינימין האַשלישי״ האָט פאַלק זיך ניט פאַרלאָזן אף קײנעמס הילף. דעם גרים אפילע, די קאָסטיומען, די מינדסטע דעטאַלן — אַלץ גענומען אף זיך, אף אייגענע אַכרײַעס. אַפילע דאָס פּינאַ־לע בילד פונעם ספּעקטאַקל — אָט דאָרט, ווו מיר זעען דעם פאַנטאַסטישן בוים מיט דער קראָ פון אויבן, און מיכאָעלס און זוסקין דערמאָנען זיך וועגן זייער רײַזע און זינגען: „א כאָלעם״ — אָט די גאַנצע סצענע האָט פאַלק צוגעטראַכט (אין דאָברושינס סצענאַר איז געווען גאָר עפּעס אַנ־דערש). גראַנאָווסקין איז געפעלן געווען פאַלקס וואַריאַנט, און ער האָט אים באַגיטיקט. די ארבעט איז פאָרגעקומען אין גרויס אײַלעניש, און ניט אַלע אַקטיאָרן האָבן פאַרשטאַנען, וואָס פאַלק פאָדערט פון זיי. האָבן אייניקע ניט אַרויסגעוויזן קײן שעפערישן קאָנטאַקט מיטן קינסטלער. אָט מיכאָעלס, — זאָגט פאַלק, — פלעגט גלײַך דערשפּירן, ווי־אזוי אויסצונוצן דעם גרים. ער פלעגט אָפּט פאַרלייגן אַפילע ווי אויסצובעסערן אייניקע דעטאַלן, און דו האָסט געמוזט מיט אים מאַסקים זײַן. באַ זוסקינען האָט עס אויך זיך געשפּירט, נאָר אין א קלענערער מאָס.
ווען דער מאָסקווער מעלוכישער ייִדישער טעאַטער האָט זיך צוריקגע־קערט פון עוואַקואַציע (דאָס איז געווען אינעם אָנהייב פונעם יאָר 1944), האָבן מיכאָעלס און זוסקין איינמאָל מיר א זאָג געטאָן: „לאָמיר באַנײַען דעם ספּעקטאַקל „מאַסאָעס בינימין האַשלישי״. מע מוז אים אָבער איבער־ארבעטן. ער פאַרמאָגט א היפּש ביסל גראָטעסק־מאָמענטן, וואָס באַ דער איצטיקער צײַט טויגן זיי ניט.
פון אָט די פּלענער איז אָבער גאָרניט געוואָרן. און עפּשער איז טאַקע גלײַכער, וואָס מע האָט ניט געטשעפּעט אזא אויסטערליש קונסט־ווערק, וואָס איז געווען א גרויסע דערגרייכונג פון אָט דעם טעאַטער...

* * *

— דאַניעלן, — זאָגט פאַלק, — איז אין „שלוימע מײַמאָן״ ניט געלונ־גען ווי געהעריק צו אַנטפּלעקן דאָס טראַגישע. זײַן מײַמאָן איז בלויז א בונטאַר. דעריבער איז ער אינטערעסאַנט בלויז ביזן מאָמענט, ווען ער

באוויַזט זיך אין בערלין. ווען דאַניעל בויט זײַן פּיעסע אויף אַ טראַגישן קאָנפליקט, וואָלט זי געווען אינטערעסאַנטער.

זאָג איך פאַלקן:

— איר האָט דאָך געקאָנט פּויעלן בא מיכאָעלסן, מע זאָל אָט דעם ספּעקטאַקל פּלאַנירן אַנדערש.

— איך האָב געפּרוווט. אָבער עס האָט מיר ניט געהאָלפן. מיכאָעלס האָט אין מײַמאָנען דערזען עפּעס אייגנס, אָט פּונקט ווי אין אַ שפּיגל. ער האָט אין אים אײַנגעזען אַ שטיק קרויוועשאַפט מיט היינריך היינע. די זעלבע קרויוועשאַפט האָט ער געשפּירט אין זיך. און די צײַט איז געווען גאָר אַן אַנדערע. אַז גראַנאָווסקי איז אוועק פונעם טעאַטער, איז מיכאָעלס געוואָרן דער אָנפירער. דאָס איז געשען סאַמע אין דער צײַט, ווען אין לאַנד האָט זיך צעפלאַקערט אַ שאַרפער קאַמף קעגן פאָרמאַליזם אין קונסט. אינעם ייִדישן טעאַטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואַקלעניש. לעגאַמרע זיך אָפּזאָגן פונעם אָוואַר איז ניט מעגלעך געווען. אָט די וואַקלענישן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויך אינעם ספּעקטאַקל „שלוימע מײַמאָן". אַן אויסגעשפּראָכענע אַקטיווקייט ווײַזט מײַמאָן אַרויס בלויז אינעם ערשטן אַקט. ווען די האַנדלונג ווערט אַריבערגעטראָגן אין בערלין, פאַרלירט מײַמאָן די אַקטיווקייט. עס זעט אויס, ווי מיכאָעלסן האָט זיך פאַרגלוסט מאַטעריאַליזירן אויף דער בינע זײַן קוק אויפן פילאָסאָף מוישע מענדעלסאָן און אויף היינען.

— איך מיין, — זעצט פאַלק פאָר, — אַז מע האָט באַדאַרפט צוגיין צו מײַמאָנס בלאָנדזשענישן פון גאָר אַן אַנדער שטאַנדפּונקט: ניט שלוימע מײַמאָן איז גערעכט, נאָר דער קאָהאָל, וואָס איז געווען פעסט צעמענטירט. מײַמאָן איז דאָך פאָרט ניט געווען אויסגעהאַלטן אין זײַן ניהיליזם.

מיר ביידע, פאַלק און איך, האָבן געוּומען פאַרגלײַכן מײַמאָנען מיט אוריִעל אַקאָסטאַ און מיטן באַדכן פון פערעצעס „באַנאַכט אויפן אַלטן מאַרק".

לויט פאַלקס מיינונג איז דעם באַדכנס אָפּלייקענונג פונעם אַלטן ייִדישן שטייגער רײַכער, ווי מײַמאָנס טיילווײַזע אָפּלייקענונג.

— ווי דאָס זאָל ניט אויסקומען מאָדנע, — זאָגט פאַלק, — זע איך אײַן אינעם באַדכנס אָפּלייקענען מער באַשטעטיקונג, ווי אין מײַמאָנס סוואָרעס.

צום שלוס פון אונדזער שמועס האָב איך געבעטן פאַלקן עפּעס דערציילן וועגן זײַן אַרבעט־מאַניר.

— איך נעם אַ פּיעסע און לייען זי אַ סאַך מאָל איבער, ביז זי ווערט מיר אַן אייגענע. דאָ ווער איך אַליין דער רעזשיסער פון דער שטעלונג.

פונדאנען איז געדרונגען, אז ניט מיט יעדן רעזשיסער קאָן איך צוזאמענ־ארבעטן. אָט אַזוי, לעמאָשל, האָב איך געהאט א צוזאמענשטויס מיטן רעזשיסער ש. מארגאָלין (בעשאס מיר האָבן גענומען ארבעטן איבער גאָלדאָניס „דער ליגנער״). ער האָט באטראכט די דאָזיקע פיעסע אנדערש, ווי איך. איז איינס פון די צוויי: אָדער מיר באדארפן זיך צעשיידן, אָדער איינער פון אונדז באדארף באצווינגען דעם צווייטן. דאָ איז מײַן האנד־לונג געווען דעספּאָטיש, און דער רעזשיסער האָט געמוזט זיך אונטער־ווארפן מײַן פּלאַן.

ווען איך נעם ארבעטן איבער א פּיעסע, קוק איך ארויס אויף דעם מאָמענט, ווען אָט די פּיעסע הייבט אָן לעבן בא מיר אינווייניק. דעריבער קאָן איך גיך ניט ארבעטן.

אָט האָט מײַן ארבעט איבער פּערעצעס „באנאכט אפן אלטן מארק״ גע־דויערט צוויי יאָר.

אָבער די ארבעט איבער „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי״ האָט געדויערט מער ניט, ווי אָנדערהאלבן כאדאָשים. מאכמעס די געשטאלטן זײַנען מיר געווען גוט באקאנט. איך האָב מיך שטארק דערפרייט, ווען מע האָט מיר פאָרגעלייגט ארבעטן איבער אָט דער שטעלונג. ביכלאל אָבער, אין סאמע אָנהייב פון דער ארבעט דרייען זיך בא מיר אין מויעך נעפּלהאפטע קנוילן, און איך גיי אום זייער אָן אופגערעגטער — עפּעס ווי פארטשאדעט.

— אויב מיר האָבן שוין באריירט די פראגע וועגן אײַער ארבעטס־מעטאָד, — רוף איך מיך אָן צו פאלקן, — לאָמיר הערן, וועלכע עסטעטי־שע אײַנשטעלונגען ריכטן אײַער ארבעט.

— איך האלט, — זאָגט פאלק נאָך א געוויסן מאָמענט פון שווײַגן, — אז א קינסטלער, וועלכער ארבעט אין טעאטער, טאָר זיך ניט טעאטרא־ליזירן. עלע ניט, פארלירט ער דעם כוש פון טעאטראלער אויספורעמונג. איר וועט מיר אוודאי זאָגן, אז עס קלינגט, ווי א פאראדאָקס. איז הערט זיך אײַן: דאָס אויג פון א מאָלער, וואָס ארבעט אין טעאטער, דארף זײַן ביז גאָר רײַך מיט דערפארונג אין פראט פון דערשפּירן רוים, פארב און ליכט. דעריבער טאָר ער זיך ניט אָפּרײַסן פון זײַן ווארשטאט — ער בא־דארף אין דער זעלבער צײַט זײַן א סקולפּטאָר, אָן ארכיטעקט. צום באדויערן, האָבן אייניקע פון אונדזערע טעאטראלע דעקאָראטאָרן פארנאכ־לעסיקט אָט דעם קלאָל. אזוינס איז געשען מיט איסאאק ראבינאָוויטשן, מיט רינדינען, מיט וויליאמסן.

איר ווייסט, מינאסטאם, אז איך בין א קעגנער פון נאטוראליזם. עמעס, אין גרונט פון דער ארבעט באדארף מען נעמען די מאמאָשעסדיקײַט, די רעאליטעט, דעמלט האָט א זין זיך לאָזן אפן וועג פון סימבאָליזם.

ווען איך האָב אויסגעהערט דעם טעקסט פון „באַנאַכט אפֿן אַלטן מאַרק“, האָט עס אױף מיר געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי איך וואָלט אין אַ נײַער שטאָט געקומען, וווּ אַלץ איז פֿאַנטאַסטיש. אַזוי האָב איך אויפֿגעפּאַסט דאָס עכט־ייִדישע. דאָס איז פֿאַר מיר אָבער געווען צו קנאַפּ. איך האָב געטאַפּט, ווי אַ בלינדער אין דער פֿינצטערניש. האָב איך אין ווין און רוים גענומען באַזוכן די אָרטיקע סינאַגאָגעס. אין ווענעציע בין איך אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ ספֿאַרדישער שול. דאָס אַלץ צוזאַמען גענומען האָט אין מיר עפּעס אַ קאָך געטאָן. איך מוז אײַך זאָגן, אַז פֿון דער אינסצעניזירונג פֿון „באַנאַכט אפֿן אַלטן מאַרק“, וואָס גראַנאָווסקי איז געווען איר פֿאַרפֿאַסער, בין איך ניט ניספּאָעל געוואָרן. דעריבער האָט אַזוי לאַנג געדויערט מײַן אַרבעט איבער דער אויספֿורעמונג פֿון אָט דעם ספּעקטאַקל.

און פֿאַלק האָט אױף אַ ווײַלע זיך פֿאַרטראַכט.

— סאָפּקאָלסאָף מוז איך אײַך זאָגן, אַז אַ קינסטלער אין טעאַטער טאָר ניט זײַן דאָס איבערשטע פֿון שטײסל. דעקאָראַציעס באַדאַרפֿן אין טעאַטער פֿונקציאָנירן עלעהיי אַן אַקאָמפּאַנעמענט אין אַן אָרקעסטער־אַנסאַמבל: דער קינסטלער באַדאַרף פּונקט אַזוי לײַכט אַקאָמפּאַנירן דעם אַקטיאָר, ווי אַן אַקאָמפּאַניאַטאָר דעם זינגער.

און דער איקער איז אָט וואָס: אין פּראָצעס פֿון דער אַרבעט פֿאַרלאָז איך מיך קוידעמקאָל אױף מײַן אינטויציע. די אַנאַליטישע אַרבעט הייבט זיך בײַ מיר אָן שפּעטער.

דאָס איז געווען מײַן לעצטער שמועס מיט פֿאַלקן.

די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן איז אים זעלטן אויסגעקומען אויסצופֿורעמען אַ ספּעקטאַקל. ער האָט קימאַט די גאַנצע פֿרײַע צײַט געווידמעט דער מאָלערײַ, זײַענדיק אייַנצײַטיק אַ לערער פֿון מאָלערײַ.

דער קאָמפּאָזיטאָר לייב פּולווער

פּײַנלעך זײַנען געווען די לעצטע צוויי יאָר פון פּולווערס לעבן. אים איז שוין שווער געווען זיך צו באַוועגן. מאַכמעס די פיס זײַנען געווען געשוואָלן, האָט ער געמוזט אויסגעבן א היפּשן כיילעק פון זײַן האַכנאָסע אף רײַזע־הויצאָעס. די ריזע איז שוין בא אים געווען קאַליע. דער געהער — א קלאָגעדיקער. אָפט פלעגט דאָס האַרץ זײַנס ווערן אזוי שוואַך, אז מע פלעגט אים אוועקלייגן אין שפּיטאָל. די סוויווע בא אים אין דער היים האָט אף אים שלעכט געווירקט. אין טאָך גערעדט, איז ער געווען איינזאַם.

מײַן פרײַנטשאַפט מיט פּולווערן איז די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן אלץ מער געוואַקסן. אים האָט שטאַרק אימפּאָנירט מײַן גרויסע אופמערק־זאַמקײַט צום פאַרגאַנגענעם און קאָמפּליצירטן שעפערישן וועג זײַנעם. יאָ, איך האָב טאַקע ניט איין מאָל געשריבן עסייען וועגן זײַן מוזיקאַלי־שער טעטיקײַט. די לעצטע צוויי יאָר האָב איך מיט אים געהאַט א סאַך באַגעגענישן. אָפט פלעגט ער בא מיר נעכטיקן, און עס פלעגן צווישן אונדז פאָרקומען שמועסן. און ס'איז טאַקע געווען וועגן וואָס צו ריידן: וועגן אינטערעסאַנטע געשעענישן אין זײַן לעבן, וועגן א ריי מאָמענטן פון זײַן טעטיקײַט אינעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער און אויך וועגן זײַנע קינדער־יאָרן.

שטעלט זיך פאָר ניט קיין גרויסן צימער אין א באַשיידענער דירע פון א קליינשטעטלדיקן קלעזמער (דאָ טאַקע האָט געוווינט אונדזער קאָמ־פּאָזיטאָרס פאָטער מיכל פּולווער). אפן טיש, אף די שטולן, אפן בעט — אומעטום מוזיקאַלע אינסטרומענטן, וואָס עס האָבן דאָ געלאָזן די קלעז־מאָרים פון דער היגער קאַפּעליע. דאָס האָבן זיי טאַקע צוריק מיט עטלעכע מינוטן רעפּעטירט — מע האָט זיך געגרייט שפּילן א כאַסענע בא איינעם פון די היגע גווירים. קיינעם פון די דערוואַקסענע איז אינעם צימער ניט

צו באמערקן. בלויז א זעקסיאָריק ייִנגעלע דרייט זיך דאָ אום. דאָס איז לייבעלע, מיכל דעם פידלערס בענאָק. ער טוט א כאַפּ א פידל און הייבט אָן שפּילן איינעם פון די ניגונים, וואָס די קאַפּעלע האָט דאָ נאָרוואָס געשפּילט. דער יאַט האָט זיך אַזוי פאַרטאָן אינעם שפּילן, אַז ער האָט ניט באַמערקט, ווי זייַנע טאַטע־מאַמע האָבן באַטראַכטן די שוועל פונעם צימער. איבעראַשט פון דעם, וואָס זיי האָבן דאָ דערזען, זייַנען זיי געבליבן שטיין, ווי צוגעשמידטע. דאָס האָבן זיי צום ערשטן מאָל דערזען א פידל אין די הענט פונעם קליינעם וועוורניק. מיט א זיכערער האַנט האַלט ער דעם סמיטשעק; די פינגער אַרבעטן בערייִש, מייַסטעריש. קורץ געטרעדט, לייַבעשל שפּילט, ווי אַן עכטער פידלער. אָפּגעשפּילט איין מעלאָדיע, נעמט ער זיך שפּילן א צווייטע. ביינע־לעביינע יאַווען זיך באַם שוועל נאָך פיר קלעזמאָרים — זיי בלייַבן אויך שטיין געפּלעפּט. אַלע זייַנען זיי גרייַלעך פאַרכידעשט: קיינער האָט דאָך ניט געפּרוווט לערנען אים שפּילן פידל.

ווען איך האָב פאַרענדיקט דערציילן פולווערן אָט די מייַסע, וועלכע איך האָב געהערט פון זייַנעם א בען־איר, פרעג איך אים, צי איז טאַקע אינדערעמעסן אַזעלכעס פאָרגעקומען.

— יאָ, — רופט זיך אָן פולווער, — דער מענטש האָט אייַך ריכטיק געשילדערט.

מיר האָט אָפּגעגליקט צו זען און צו הערן, ווי לייב פולווער שפּילט פידל. דאָס איז פאָרגעקומען אינעם טאָג, ווען מע האָט אינעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער געפייַערט דעם פופציקיאָריקן יוּוויל פון פולווערס מוזיקאַלער טעטיקייַט. פולווער האָט בעשאַס אָט דעם אָוונט גענומען שפּילן א זייער פּאָפּולער פריילעכס. ער האָט געשפּילט מיט אַזאַ טעמפּעראַמענט, מיט אַזאַ מייַסטערשאַפט, אַז די גאַנצע מאַסע צושויער פון דעם פול־געפּאַקטן זאַל איז געווען ווי פאַרקישעפט.

פולווער האָט אין אָט די מינוטן מיר זיך פאָרגעשטעלט, ווי אין א טייַוולשן טראַנס. דעם גלאַנץ פון זייַנע אויגן איז שווער צו באַשרייַבן. עס האָט זיך געדוכט, אַז ווען ער טוט א קאָמאַנדעווע: „אַף די קני!“ — וואָלטן אַלע ביז איינעם פאַר אים געקניט.

לייב פולווערס לעבן האָט געקראָגן א מערקווירדיקן טיקן. אים איז אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט אַזעלכע באַגאַבטע סצענישע טוער, ווי דער גרינדער און ערשטער קינסטלערישער אָנפירער פונעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער א. גראַנאָווסקי און זייַן פאַרטרעטער

און יוירעש. ש. מיכאָעלס. אי דער, אי יענער זײַנען מיט פֿולווערן געווען זייער באַפֿרײַנדעט. גאַנץ אָפֿט האָבן זיי בענעגייע קונסט־פּראַגן זיך מיט אים סאָלידאַריזירט. זייער צוזאַמענאַרבעט איז געווען דער־פּאָלגרײַך, און עס פֿלעגן געבוירן ווערן גלענצנדע ספּעק־טאַקלען.

דאָך צײַטנווײַז, ווען פֿולווער פֿלעגט זיך טיף פֿאַרטראַכטן מיקויעך דער אַרבעט פֿונעם טעאַטער, פֿלעגט ער באַמערקן אייניקע (לויט זײַן האַשאָרע) פֿעלערהאַפֿטע שריט אין די מעטאָדן פֿון גראַנאָווסקין און מיכאָעלסן, מע־טאָדן, וואָס האָבן טאָרמאָזירט דעם נאָרמאַלן שאַפֿונג־פּראָצעס אין אָט דעם טעאַטער.

בעשאַס איינעם פֿון אונדזערע שמועסן איז געקומען צו רייד וועגן דער ראָל פֿון רעזשי־מײַסטער. אָט וואָס פֿולווער האָט דערציילט:

ווען די טרופּע פֿונעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער האָט זיך צוריקגעקערט פֿון איר אויסלענדישער טורנע קיין מאָסקווע, איז דער טעאַ־טער־קאָלעקטיוו געווען שטאַרק באַצאָרנט, וואָס א. גראַנאָווסקי איז פֿאַר־בליבן אין אויסלאַנד. די ערשטע צײַט זײַנען מיר ניט זיכער געווען, צי עמעצער איז אימשטאַנד גראַנאָווסקין צו פֿאַרבײַטן.

האַגאַם דער קאָלעקטיוו האָט געהאַט גרויס דערעכערעץ פֿאַר ש. מיכאָ־עלסן, זײַנען ניט אַלע געווען איבערצײַגט, אַז מיכאָעלס וועט זיך באַרעכ־טיקן ווי א רעזשיסער. און דאָס איז טאַקע געווען א וועזנטלעכער פֿעלער מיצאַד דער אָנפֿירונג פֿון אונדזער טעאַטער, וואָס סײַ גראַנאָווסקי, סײַ מיכאָעלס האָבן גאָרניט געטאָן צו דערציִען רעזשי־קאַדרען באַם טעאַטער.

ווען מע האָט מיכאָעלסן באַשטימט אַלס אָנפֿירער פֿונעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער, האָט ער אימפּעטפֿול זיך א נעם געטאָן צו דער אַרבעט איבער א נײַער שטעלונג. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און מיכאָעלס האָט זיך דערוואָרבן דעם אווטאָריטעט פֿון א פֿייִקן רע־זשיסער.

— איך רעכן, — זעצט פֿולווער פֿאָר זײַנע זיכרוינעס, — אַז א וועזנט־לעכער בלויז אין דער אַרבעט פֿון גראַנאָווסקין, פֿון מיכאָעלסן איז געווען דאָס האַמעווען דעם אַקטיאָרס איניציאַטיוו. צײַטנווײַז פֿלעגן זיי דעם אַקטיאָר אײַנשמועסן אַזאַ אינטערפּרעטירונג פֿון זײַן ראָל, וואָס איז ניט געווען אין העסקעם מיטן אַקטיאָרס פֿאַרשטעלונג וועגן אָט דעם סצע־נישן געשטאַלט. אייניקע אַקטיאָרן פֿלעגן זיך אונטערוואַרפֿן דעם פֿאַרלאַנג פֿונעם רעזשיסער, און דעמלט פֿלעגט זיך באַקומען א מעכאַנישע פֿאַר־קערפּערונג פֿון דער ראָל. צו גרויס איז געווען דער אווטאָריטעט סײַ פֿון

גראַנאָווסקין, סײַ פון מיכאָעלסן, אַז מע זאָל וואַגן זיך קעגנשטעלן זייער דיקטאַט.

אָט די דערשײַנונגען זײַנען געווען אַנזעעוודיק דעריקער אין דעם אָנפאַנג־פּעריאָד פון מיכאָעלסעס רעזשי־אַרבעט. עמעס, עס האָבן זיך גע־פונען אַקטיאָרן (אַזעלכע זײַנען געווען ווייניקער), וואָס האָבן דערווידערט קעגן דעם רעזשי־מײַסטערס טראַקטירונג פון אַ ראָל, וואָס האָט ניט אַנטשפּראָכן זייער פּאַרטראַכט. און עס פלעגט צײַטנווײַז פּאָרקומען אַ סיכסעך צווישן אַקטיאָר און רעזשי.

מיט דער צײַט האָט מיכאָעלס געענדערט זײַן טאַקטיק בענעגייע דעם שעפערישן מעטאָד — ער האָט בא זיך געפּויעלט געבן דער שעפערישער איניציאַטיוו פונעם אַקטיאָר מער פרײַהײַט.

— עפשער דערמיט דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס מיכאָעלס האָט אײַנגעלאַדן דעם אַקטיאָר פונעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער מ. מ. טאַרכאַנאָוו צו פאַרפולקומען דעם קאָלעקטיוו אין פּראַט פון אַקטיאָרישן שעפערישן מעטאָד? — האָב איך פּולוערן איבערגעריסן די רייד.

— ניין, — האָט ל. פּולווער דערווידערט, — מיר דוכט זיך, אַז אָט דעם שריט מיצאַד מיכאָעלסן קאָן מען דערקלערן אַף אַזאַ אויפן: מיכאָעלס האָט זיך אופמערקזאַם צוגעהערט צו די פאָדערונגען פון דער נײַער צײַט, ווען די „סטאַניסלאַווסקי־סיסטעם" איז פאַר אַלע דראַמאַטישע טעאַטערן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד געווען אַ מין טויראַס־מוישע. אין די יאָרן 1940—1950 האָט קיין איין ערנסטער טעאַטער־קאָלעקטיוו ניט געוואַגט איגנאָרירן די דאָזיקע „סיסטעם". נאָך מער — עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע טעאַטער־קריטיקער, וועלכע האָבן געטײַנעט, אַז אַלע טעאַטערן פונעם סאָוועטנ־פאַרבאַנד זײַנען מעכויעוו אַרבעטן לויט די טראַדיציעס פונעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער; אָדער — לעכאָלהאַפּאָכעס — באַקאַנט מאַכן זייערע קאָלעקטיוון מיט סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם.

און האַגאַם צווישן מיכאָעלסעס טעאַטראַלע אָנשויונגען און סטאַני־סלאַווסקיס זײַנען געווען געוויסע כלוקעדייעס, האָט מיכאָעלס פונדעסט־וועגן געפונען פאַר נייטיק צוציִען אַזאַ אָנגעזעענעם פאָרשטייער פונעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער, ווי מ. מ. טאַרכאַנאָוו, צו אונטעריכטן די אַקטיאָרן פונעם ייִדישן טעאַטער. ווער ווייסט: צי איז עס געווען אַ האַנאָכע די פאָדערונגען פון דער צײַט, אָדער עפשער איז עס געשען, מאַכמעס מיכאָעלס איז דעמלט געווען אַרײַנגעצויגן אין גאָר אַ ברייטער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און האָט קיין מעגלעכקײַט ניט געהאַט אויסצו־

טיילן צײַט דער דערציִונג פון זײַן קאָלעקטיוו... אלנפאלס — דער פאקט, וואָס טארכאנאָוו איז בא אונדז אין טעאטער געוואָרן א בען־באִיס, איז פאר מיר גופא ניט אינגאנצן קלאָר געווען. איך האָב ניט פארשטאנען, ווי אזוי האָט אזוינס געקאָנט פּאַרקומען, בעשאס אונדזער טעאטער האָט ענדגילטיק זיך אויסגעפורעמט און האָט אין א געוויסער מאָס זיך קעגנגעשטעלט דעם מאָסקווער קונסט־טעאטער.

איר דארפט נעמען אין באטראכט, אז מיכאָעלסעס אווטאָריטעט איז אין מײַן פאַרשטעלונג געווען אף אזוי פיל הויך, אז איך האָב זיך גערעכנט פאר א ניט גענוג קאָמפּעטענטן מייוון, וואָס זאָל זיך דערלויבן מישפּעטן מיכאָעלסן בענעגייע דעם אָדער יענעם שריט זײַנעם. ליבע (ווער ווייסט עס ניט?) איז קאפאבל א סאך זאכן מויכל צו זײַן. און איך האָב ליב געהאט מיכאָעלסן. באזונדערס פאר זײַן ווונדערבארער מוזיקאלער באגאבטקײַט. עס האָט געקאָנט פּאסירן, אז ער זאָל זיך טויע זײַן באם פאנאנדערטיילן די ראָלן אָדער באם באשטימען די אָדער יענע אויספורעמונג פון א ספּעקטאקל, אָבער ווען עס האָט זיך גע־האנדלט וועגן אָנזעטיקן א ספּעקטאקל מיט מוזיק, האָט דער קאָמפּאָ־זיטאָר זיכער זיך געקענט פארלאָזן אף מיכאָעלסעס אויסגעצייכנטן מו־זיקאלן כוש.

אלע מאָל ווער איך ניספּאָעל, ווען איך דערמאָן זיך אזא מאָמענט פו־נעם ספּעקטאקל „פריילעכס“: די עלטערע מאנצבלען זיצן באם טיש — מע ווארט אף דער כופּע־וועטשערע. פלוצעם הייבן זיי אָן שטיל, געלאסן זינגען עפּעס א כסידישן ניגן. אָט דער ניגן טראָגט ארײַן אין דער סצע־נישער אטמאָספער אן אויסערגעוויינלעכע אופרעגונג. אלע צושויער דער־שפּירן עפּעס א מין ניט פארשטענדלעכע פלאטערניש... יאָ, טאקע אָט דער ניגן איז מיכאָעלסעס אײַנפאל.

ביכלאל האָט אינעם ספּעקטאקל „פריילעכס“ די מוזיק געשפּילט אן אויסערגעוויינלעכע ראָל. עס וועט ניט זײַן קיין גוזמע, אויב איך וועל זאָגן, אז זי האָט אין אָט דעם ספּעקטאקל דאָמינירט. זי איז דאָ געווען די טאָנגעבערן. זעלטן ווען איך בין געווען אזוי שטאָלץ פונעם באוווסט־זײַן, אז פאר זײַן אומגעהייערן דערפאָלג האָט אָט דער ספּעקטאקל געהאט אין א באדײַטנדיקער מאָס צו דאנקען מײַן היסלײַוועס, מײַן עקסטאז בע־שאס גרייטן די פאָרשטעלונג. פאר א סאך צושויער איז געווען קלאָר, אז מײַן פארדינסט איז אומבאשטרײַטבאר.

אָבער ווי איבעראשט, ווי אָפּהענטיק זײַנען געווען אלע אופּריכטיקע פרײַנט און מעקוראָווים פון אונדזער טעאטער, ווען מע איז געוואָר גע־

וואָרן, אז אייניקע אָנטיילנעמער פון אָט דעם ספּעקטאקל זיינען באלוינט מיט א מעלוכע־פּרעמיע און פּולווער איז ניט אינעם קלאל פון די באלוינטע. איך פערזענלעך בין געווען מאמעש געפּלעפּט פון אָט דער „אָפּשאַצונג" פון מיין ארבעט אין „פּריילעכס". איך מוז אייך זאָגן דעם ריינעם עמעס: מיר איז געווען א כארפּע, א בושע לעגאבע די מענטשן, וועלכע האָבן געוווּסט, וואָס פאר א פלאץ איך האָב פארנומען אין אונדזער טעאַטער. איך מיין, אז איר וועט זיך ניט כידעשן, ווען איך וועל אייך מעגאלעסאַד זיין, אז גייענדיק פון מיין היים אין טעאטער אריין און צוריק, פלעג איך זוכן הינטערגעסלעך, קעדיי אזוי זיך דורכשמוגלען, אז קיינער פון מיינע באקאנטע זאָל מיך ניט באגעגענען. כ׳האָב אלץ מוירע געהאט, טאָמער באגעגן איך עמעצן פון זיי, וועט מען מיך באלד א פרעג טאָן: „פארוואָס האָט מען אייך ניט באלוינט?" וואָס פאר א טערעץ האָב איך געקאָנט צוטראכטן אף אזא מין פראגע? איך האָב געקאָנט בלויז רויט ווערן אָדער בלאס ווערן... איך וויל זיך ניט פאנאנדערקלייבן אין דעם, וועמעס מיינונג האָט גוירעם געווען צו אזא פאטש מיר אין פּאָנעם. איינס קאָן איך אייך זאָגן: די ווונד אין מיין הארצן האָט זיך אדהײַעם ניט פארהיילט...

— אין אָט דער ניט פריילעכער סיטואציע, — דערציילט וויטער פּולווער, — האָט בענעגייע מיר ארויסגעוויזן זיין עמעסע פריינטשאפט דער פאָלקס־ארטיסט בינאָמין זוסקין. ער האָט דערשפּירט מיין הארצווייטעק און האָט געטאָן אלץ, וואָס מעגלעך איז, קעדיי צו צעשלאָגן מיינע טרויעריקע געדאנקען. ער האָט פארשטאנען, אז פאָטער ווערן פון מיין געדריקטער שטימונג קאָן מיר העלפן בלויז א שטענדיקע אינטענסיווע ארבעט — אזוי, אז עס זאָל מיר ניט קלעקן קיין צייט צו טראכטן וועגן דעם קלאפּ, וואָס מיין פּרעסטיזש האָט געקראָגן. ווי נאָר ער פלעגט דערשמעקן, אז דער אָדער יענער מאָסקווער קאָלעקטיוו בייטיקט זיך אין א מוזיקאלער אויספֿורעמונג פון א נייעם ספּעקטאקל, פלעגט ער אלץ טאָן, אז מע זאָל מיך איינלאדן. כוץ דעם, האָט ער מיך צורו ניט געלאָזן, אלץ געטריבן, איך זאָל צום דרוק צוגרייטן א לידער־זאמלונג מיט מיין מוזיק. ער האָט גוט געפילט, וואָס פאר א גרויסן, איבערגעגעבענעם פריינט ער פארמאָגט אין מיין פּערזאָן. מיר ווילט זיך כאָטש אינקורצן אויסמאָלן מיין איינדרוק פון זוסקין דעם אקטיאָר.

בינאָמין זוסקין איז אין אונדזער טעאטער־קאָלעקטיוו געווען אן אויסנאם אין פראט פון שטעלן צו זיין אקטיאָרישער ארבעט זייער גרויסע פאָדערונגען. א שלאל ענערגיע פלעגט ער אָפּגעבן דער ארבעט איבער דער אָדער יענער ראָל. ביז ער איז ניט געווען איבערצייגט, אז דאָס סצענישע

געשטאלט איז שוין אויסגעפורעמט, האָט ער זיך באַרויִקן ניט געקאָנט. בלויז בייס דער לעצטער רעפעטיציע פלעגט ער ערשט דעמאָנסטרירן דעם קאָלעקטיוו דאָס דיַיטלעכע געמעל פונעם געשאפענעם טיפּ. ער פלעגט זיך אופמערקזאם צוהערן צו די קריטישע באמערקונגען און אייצעס פון זיַינע קאָלעגן, וועלכע האָבן מיטן גאנצן הארצן געשטרעבט אים ארויס־צוהעלפן — ער זאָל נאָך מער פארפולקומען דעם געמעל פון זיַין סצעני־שער שאפונג.

דער אקטיאָרן־קאָלעקטיוו האָט זוסקינען ליב געהאט און געאכטעט דערפאר, וואָס ער האָט זיך געפליַיסט העלפן מיט זיַינע אָנוויַיזונגען די כאווירים אין פּראָצעס פון זייער ארבעט איבער א ראָל.

דער קאָמפּאָזיטאָר מוישע מילנער

אין 1931 בין איך געווען אין כארקאָוו און איין צײַט מיטן קאָמפּאָזיטאָר מ. מילנער. איך האָב עטלעכע כאַדאָשים אָפּגעלעבט אין קאָנטאַקט מיטן כארקאָווער מעלוכישן יידישן טעאַטער: געגרייט א מאָנאָגראַפיע וועגן זײַן פּינפּיאָריקער טעטיקײַט.

נאָך ביז „ניט געדײַגעט" האָט מילנער שוין אינעם כארקאָווער יידישן טעאַטער באַשאַפן מוזיק צו פּינינבערגס „יונגען", סינקלערס „אמעריקאַנער געטער", קושניראָווס „הירש לעקערט", ליפּע רעזניקס „די לעצטע", דאַניעלס „יוליס". כוץ דעם, האָט ער אָנגעשריבן מוזיק פאַר די ספּעקטאַקלען „חלום יעקב" („יאַנקעווס כאָלעם") און „הגולם" („דער גוילעם"), וואָס מע האָט געהאַט אופגעפירט אין „הבימה" („האַבימאָ").

איך פלעג מיך פלײַסן פאַרבערענגען מיט מילנערן בעשאַס די האַפּסאָקעס. מיך האָט זייער אינטערעסירט, וויאַזוי האָט ער אין זײַן שאַפונג דערגרייכט צו אַזאַ הויכער מאַדרייגע, צו אַזאַ שליימעס. מילנער האָט פאַר מיר א מיש געטאָן אייניקע בלעטלעך פון זײַן קינדהײַט און יוגנט. ווען אין שטעטל פלעגט קומען א באַרימטער כאַזן, א מין ניסיע בעלזער אָדער זיידל ראָוונער, פלעגט „דאָס וועוורקל מוישקע" לויפן פוסטריט נאָך די יונגע זינגער פון דער קאַפּעלע. ער בעט אויס בא דער מאַמען קיכעלעך, ברענגט זיי אין שול־הויף, זוכט אָפּ די קליינע כאָריסטן און פּויעלט, זיי זאָלן אים עפּעס זינגען פון די טפילעס.

די מאַמע לייענט דעם קאָרבן־מינכע אָדער דעם טײַטש־כומעש — ער טרעט ניט אָפּ. פּאַרטײַעט זיך אין א ווינקעלע, הערט ער זיך אײַן אין דער מאַמעס זינגעוודיק געבעט.

א יאַריד אין שטעטל. עס יאַווען זיך בלינדע אוקראַיִנישע באַנדוריסטן־לירניקעס, זעצן זיך אוועק אינמיטן מאַרק — און מוישקע ווערט מיט זיי א גאַנצער מעכוטן.

קיין איין כאַסענע האָט מוישקע אין זײַן שטעטל ניט דורכגעלאָזט. ער פלעגט אויך פון צײַט צו צײַט זיך אַרײַנכאַפּן אין כיידער צום היגן דאַר־

דעקע־מעלאמעד, וועלכער פלעגט מיט א געזאנג לערנען זײַנע קלײנע טאלמידים אלעפבײס (אָט דאָס איז טאקע געווען דער אורקוואל פון מיל־נערס בארימטער קאָמפּאָזיציע „אין כײדער״).

ווען מוישקע איז אונטערגעוואקסן, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער פארמאָגט א שײנע קלינגעוודיקע שטים — אן „אלט״. און ווען עס האָט דאָס שטעטל באזוכט זײדל ראָוונער מיט זײַן קאפּעלע, האָט אונדזער יאטל געגומען אקערן מיט דער נאָז די ערד, מע זאָל אים ארײַנעמען אין כאָר. און ס׳איז אוועק א סעדרע וואנדערן איבער שטעט און שטעטלעך. טכילעס מיט זײדל ראָוונערס קאפּעלע, דערנאָך מיטן כאזן קארעצקי. שטודירנדיק בא זײדל ראָוונער סאָלפּעדזשיאָ, האָט דער יונגער מילנער שוין געפּרוווט פארפאסן מיניאטיורע קאָמפּאָזיציעס.

זײַן מוזיקאלע בילדונג שטײַגט אף א העכערער מאדרײגע, ווען ער טרעט ארײַן אינעם כאָר פונעם קיִעווער מוזיקאָלאָג א. י. דזימיטראָווסקי. באדײַטנדיק איז געווען די ווירקונג פון אָט דעם קולטור־טוער אין די קיִעווער מוזיקאלע קרײַזן. געננג אָנצווײַזן אף אזא פאקט: דזימיטראָווסקיס פּראָפּאגאנדע פון וואגנערס מוזיק האָט סטימולירט דעם קיִעווער אָפּערע־טעאטער אופצופירן די אָפּערע „וואלקיריִא״ און אנדערע ווערק פון אָט דעם גאָען.

דזימיטראָווסקי האָט ווי געהעריק אָפּגעשאצט דעם יונגן מילנערס באַ־גאבטקײַט, פּאָרויסזעענדיק זײַן גלענצנדע צוקונפט. און ער אײַצעט מיל־נערן זיך בארײַכערן מיט מוזיקאלער וויסנשאפט. מילנער שטודירט פּיאנאָ־שפּילן טכילעס אין דער קיִעווער מוזיק־שול באם פּראָפעסאָר פּוכאלסקי, דערנאָך אין דער פּעטערבורגער קאָנסערוואטאָריע באם פּראָפעסאָר מיק־לאשעווסקי. אײַנצײַטיק שטודירט ער טעאָריע פון הארמאָניע, פארטיפט זיך אין די געהײמנישן פון קאָנטראפּונקט.

אף קײן אײן טאָג ווערט ניט אָפּגעשוואכט מילנערס אינטערעס צום ייִדישן מוזיקאלן פאָלקלאָר, באזונדערס צו די ייִדישע פאָלקסלידער. און ווען זײַן פונדאמענטאלע טעאָרעטישע צוגרײטונג ווערט געקײפּלט אף זײַן אײַנגעבוירענער מוזיקאלער באגאבונג, דעראָבערט די ייִדישע מוזיק דאָס גרויסע געווינס — דעם אָרגאנישן ייִדישן קאָמפּאָזיטאָר מ. מילנערן. ער האָט געשאפן א רײ לידער, וואָס זײַנען ארײַן אינעם אוצער פון דער ייִדישער מוזיק.

אין מילנערס מוזיקאלער יערושע טײלן זיך באזונדערס אויס אזעלכע אָרגאניש נאציאָנאלע מאָטיוון, ווי די מוזיק צו ביאליקס „אונטער די גרינינקע בײמעלעך״, צו פּערעצעס „סוִטע״ (די בארימטע צען קינדער־לידער). פון אָט די צען לידער האָבן באזונדערס זיך קוינע־שעם געווען

„דאָס שיפעלע” און „טאנץ, מיידעלע, טאנץ”. אין אָט די ווערק האָט מילנערס טאלאנט זיך אופגעהויבן צו גאָר א הויכער מאדרייגע.

אין פּאָפּוליאריזירן אָט דעם קינדער־ציקל האָט א באדייטנדיקע ראָל געשפּילט די קיִעווער טעאטער־סטודיע „קולטור־ליגע”, און אז מיר נעמען ריידן וועגן דעם שענסטן און דעם בעסטן פון מילנערס מוזיק, איז קעדײַ אופצומישן א בלעטל געשיכטע פון דער ניט ווײַטער פארגאנגענהײַט, ווען ס'איז מערקבאר געווען די ווירקונג פון מילנערן אף אָט דעם לערן־אנשטאלט אין דער בלי־צײַט פון זײַן עקזיסטענץ.

אין יאָר 1919, ווען ס'איז אנטשטאנען די טעאטער־סטודיע „קולטור־ליגע”, האָט דאָרט די מוזיקאלע דערציִונג פון די סטודענטן פארנומען גאָר א בעקאָוועדיקן פלאץ אדאנק די באמיִונגען פונעם פּעדאגאָג און מוזיקאלן טוער יויסעף קונין. אין טאָך גערעדט איז דער הויפּט־ציל פון דער סטודיע געווען — צוגרייטן קאדרען פאר די ייִדישע דראמטעאטערס, וועלכע האָבן דעמלט זיך געמערט. א טייל סטודענטן האָבן אפילע לייענען און שרײַבן ייִדיש ניט געקענט. ווי אזוי צינדט מען אָן בא אָט די יונגעלײַט דאָס פײַערל פון ענטוזיאזם? דעם שליסל צו די יונגע הערצער האָט געפונען דער פּעדאגאָג יויסעף קונין. ער האָט אויסגעצייכנט געוווסט די צויבער־קראפט פון דיכטונג, באזונדערס, ווען זי באהעפט זיך מיט טאלאנטפולער מוזיק. האָט ער אין דער לערן־פּראָגראם ארײַנגעפירט כאָר־דעקלאמאציע, וועלכע האָט אין אָנפאנג־פּעריאָד פארנומען דעם אויבנאָן — זי האָט קאָנסאָלידירט, צעמענטירט די פארשיידנארטיקע מאסע יונגעלײַט. די כאָר־דעקלאמאציע האָט געהאָלפן אָנזעטיקן די סטודיע־אטמאָספער מיט פּאָעזיע. און געשען איז עס אין א געוויסער מאָס דערפאר, וואָס איבער דער דאָזיקער סטודיע האָט געהויערט דער צויבער פון י.־ל. פּערעצעס דיכטונג און פון מילנערס מוזיק.

דעם שענסטן, גאָר געהויבענעם כיילעק האָט דאָ ארײַנגעטראָגן מילנערס מוזיק צו פּערעצעס „שיפעלע”. די ארויסטרעטונגען פונעם כאָר מיטן „שיפעלע” און מיט פּערעצעס צווייטער עקסטאטישער ליד „טאנץ, מיידעלע, טאנץ” פלעגט גוואלדיק פארכאפּן די ייִדישע אינטעליגענץ. זי פלעגט מאמעש פארפלייצן די דירע פון אָט דעם אנשטאלט, ווען דער כאָר פלעגט נעמען זינגען מילנערס שעדעווערן.

צווישן מילנערס ווערק קאָן מען אָנרופן זײַן אָפּערע „די הימלען ברענען”, ווו עס ווערט געשילדערט די האסקאָלע־עפּאָכע אין די זעכציקער יאָרן פונעם 19־טן יאָרהונדערט. אין 1923 האָט מען די אָפּערע אופגעפירט אין פּעטראָגראד אינעם גרויסן דראמאטישן טעאטער. זי האָט אָבער קיין דערפאָלג ניט געהאט.

ס׳איז אויסער יעדן ספק, אז דאָס בעסטע, וואָס מילנער האָט אונדז איבערגעלאָזט, זײַנען זײַנע זינגלידער. זיי דערשיטערן אונדז אלע מאָל מיט זייער עמאָציאָנעלער אָנגעזעטיקטקײַט און צוטריטלעכקײַט.

דער מוזיקאָלאָג י. א. דזימיטראָווסקי האָט, באטראכטנדיק אין זײַן ארטיקל (אין דעם אלמאנאך „אופגאנג״ פונעם יאָר 1919, קיִעוו) מילנערס שעפערישן וועג, געהאט אונטערגעשטראָכן, אז דער קאָמפּאָזיטאָר האָט איינער פון די ערשטע ארײַנגעטראָגן הומאָריסטישע מאָטיוון אין אונדזער נײַער יידישער מוזיק. אָט וואָס דזימיטראָווסקי שרײַבט:

„א גאנץ נײַעם עלעמענט אין דער יידישער מוזיק האָט מילנער ארײַנ־געטראָגן מיט זײַן מוזיקאלער פּאבל „דאָס אייזל און דער סאָלאָוויי״ (איבערגעזעצט פון ריוועסמאן). פון קאָמישער יידישער מוזיק ווייסן מיר ווירקלעך ניט. מיט יידישע ניגונים האָט מען זיך בא אונדז אָפטמאָל גע־וויצלט. אָבער הומאָריסטישע מוזיק א־ליא מוסאָרגסקי — דאָס איז אין אונדזער מוזיקאלער ליטעראטור דער ערשטער און געלונגענסטער פּרוּוו. מילנער גיט צו דעם אייזל א כאראקטער פון א כאזן, וואָס מישט אויס די נוסכאָעס. אָנשטאָט „אתה אחד״ („אטאָ עכאָד״) פאלט ער ארײַן אין דעם נוסעך פון „ומפני חטאינו״ („אומיפּניי כאטאָיינו״) אָדער גאָר אין „טל״ („טאל״). דער מוזיקאלער בינױען פון דער דאָזיקער פּאבל איז געבויט אף קליינע רעטשיטאטיווארטיקע עפּיזאָדן, נאציאָנאל־אויסגעהאל־טענע, באַרײַכערטע מיט כאראקטעריסטישע פאָרטעפּיאנע־אוזאָרן״.

דזימיטראָווסקיס אויספיר איז אזא:

„מילנער איז אין א באוווסטן פּראט געוואָרן דער סינטעז פון דער נײַער יידישער מוזיקאלער ריכטונג. מילנערן דערקענט מען אלס א יידישן — אָט ווי מע דערקענט גריגן אלס סקאנדינאווישן קאָמפּאָזיטאָר. דער מאָדערנער יידישער גלינקא שפּראָצט שוין און אנטוויקלט זיך גיכער, איידער מע האָט עס פריִער געקאָנט גלייבן״.

פון צײַט צו צײַט האָט מילנערן אויך געצויגן צו מוזיקאלן גראָטעסק, צו קאָנטראפּונקטישע עקספּערימענטן.

כאראקטעריסטיש איז אין אָט דעם פּראט זײַן מוזיק צום ספּעקטאקל „יונגען״ (פּינינבערגס כראָניקאלער איבערזיכט פונעם בירגערקריג), וואָס מע האָט אופגעפירט אינעם כארקאָווער מעלוכישן יידישן טעאטער. אין דער אוווערטורע האָט מילנער צונויפגעפּאָרט צוויי טעמעס: דעם צארישן הימן און דעם ציִעניסטישן „עוד לא אבדה תקותנו״ („אויד לוי אָוודאָ טיק־וואָסיינו״ — ס׳איז נאָך ניט פארלאָרן אונדזער האָפענונג). ער האָט מײַסע קאָנטראפּונקט — אזוי בעריִיש צונויפגעפלאָכטן אָט די צוויי טעמעס, אז

עס פלעגט זיך באקומען זייער א טשיקאווער שאָלעם־באַיס צווישן אָט דעם מעשונעדיקן פּאַרפּאָלק.

אין דעם זעלבן ספּעקטאקל איז געווען א מאָמענט, ווען מילנער האָט אף א קאָנטראפּונקטישן אויפן געוויזן דעם צוזאמענשטויס צווישן צוויי וועלט־אופאסונגען — דער טאטע האָט געזונגען זמירעס, און דער זון — די מארסעליעזע...

איך שטעל אוף אין מײַן זיקאָרן מילנערס אינדיווידועלע אייגנ־שאפטן — זײַן אימפּולסיווקײַט, היציקן טעמפּעראמענט, דאָס קינדערש־נאַיווע, וואָס פלעגט פלוצעם זיך אנטפּלעקן אין זײַן אופירונג און מיך פארכידעשן.

ערעוו דער פּרעמיערע פונעם ספּעקטאקל „ניט געדײַגעט” האָט ער בעשאס עטלעכע רעפּעטיציעס אליין דיריזשירט מיטן אָרקעסטער. מיר האָט מאמעש ווײ געטאָן דאָס הארץ אף אָט דעם קינסטלער: ער איז גוואלדיק פארכאַפּט, ארבעט מיט אימפּעט אין דער צײַט, ווען די אָרקעס־טראנטן אײַלן זיך ניט...

די רעפּעטיציע איז פארענדיקט. אָן אנדער קאָמפּאָזיטאָר וואָלט נאָך אזא האָרעוואניע אוועק אין א קאפע זיך קילן דאָס הארץ מיט א ביסעלע מאשקע. מילנער אָבער איז ווײַט געווען פון אזא מין צײַט־פארטרײַב. א כאַפּ געטאָן מיך אונטערן אָרעם, פלעגט ער מיט מיר אוועק אין א נאָענטן פּארק, און דאָ האָט ער געקראָגן די נייטיקע אינספּיראציע, די געוווּנטשענע נעשאָמע־רו.

מילנערן האָט געפעלט דאָס, וואָס מיר רופן פּראקטישע געשיקטקײַט. אף זײַן אויסערלעכן הוילעך האָט ער קיין באזונדער אכטונג ניט געלייגט. איינמאָל זאָגט אים אָן אקטריסע פונעם טעאטער:

— כאַווער מילנער, שוין צײַט, אז איר זאָלט אָט דעם בעגעד אײַערן אָפּגעבן אין ארכיוו און זיך קויפן — זאָל זײַן א ביליקן, אָבער א נײַעם...

איז זיך מילנער מעיאשעוו און לאָזט זיך אוועק אין מארק, דאָרט פאלט ער אַרײַן אין א רונדוקל, ווו מע פארקויפט ביליקע האלבאָשע, דעריקער — פאַרן דאָרפישן געברויכער. די פּריקאַשטשיקעס זײַנען, ווי עס שײַנט, דורכגעטריבענע יאטן. זיי האָבן גלײַך דערשמעקט, וואָס פאר א קוינע זיי האָבן דאָ געפאַקט. האָט מען אים גענומען דרייען אהער, אהין, מעסטן פארשיידענע גארניטערס. ענדלעך האָט מען אים אַרײַנגעקוועטשט אין עפּעס א בעגעד. ווען ער האָט זיך געיאָוועט אין טעאטער, איז דאָרט געוואָרן פריילעך:

— אוי, כאַווער מילנער, ווער האָט עס אײַך אזוי פײַן אויסגעפּוצט?

דער אקטיאָר גאָלמאַן איז אוועק מיט מילנערן צוריק אפֿן מארק, איז אריַין אין געוועלב און האָט געזאָגט:

— הערט זיך איַין, כעוורע לייצים! כויזעק מאכן פון אזא מענטשן... ס'איז דאָך מילנער! איר ווייסט ניט, ווער מילנער איז?

איינער פון די פריקאשטשיקעס ענטפערט:

— אויב איר ווילט, וועלן מיר אזוי אויספוצן דעם כאוועד מילנער, אז עס וועט פּאַשעט זיַין א כ'עס אים אָנצוקוקן. מיר וואָלטן אים העכסטנס דאנקבאר זיַין, ווען ער זינגט אונדז דורך כאָטש איינעם פון זיַינע ניגונים. און מילנער האָט געגומען זינגען.

א שטים האָט ער פארמאָגט ניט גאָר קיין הילכיקע, אָבער דערפאר איז זי געווען דורכגעדרונגען מיט א מאָדנעם רירנדיקן געפיל.

בא די כעוורע, וועלכע האָבן אָקאָרשט כויזעק געמאכט פונעם „טשו־דאק", זיַינען טרערן גערונען פון די אויגן.

מילנערס אויגן האָבן געשטראַלט.

— קומט צו גיין, טיַיערינקע, אפֿן נאָענטסטן ספעקטאקל, וועט איר הערן מיַינע א ניַיע ליד... ווען איר וואָלט אָפטער הערן מוזיק, וואָלטן איַיערע געמיטער דערהויבענער געוואָרן...

זכרונות וועגן דעם ניסטער

אַז מיר פֿאַרמאָגן אַזאַ שרײַבער, בין איך געוווּיר געוואָרן, ווען אין מײַנע הענט איז אַרײַנגעפֿאַלן דער „ייִדישער אַלמאַנאַך", וואָס איז דערשינען אין קיִעוו אינעם יאָר 1910. שוין אָפּגערעדט פֿון בערגעלסאָנס נאָוועלע „דער טויבער", וואָס איז אין אונדזער פּראָזע געווען אַן עכטע געשעעניש, האָט מיך אין אָט דעם אַלמאַנאַך איבעראַשט ניסטערס „פֿרײַלינג". ניט ווייניקער האָט מיך אינטריגירט דער פּסעוודאָנים פֿונעם אַווטאָר. אויף אָט דעם „פֿרײַלינג" איז געווען אויסגעגאָסן אַ באַזונדערער כיין. „עפּעס אַ שפּאָגל־נײַע אינטאָנאַציע אין אונדזער ייִדישער דיכטונג" — איז בײַ מיר אין מוח דורכגעפֿלויגן אַ געדאַנק. דער צויבער פֿון אָט אַזאַ הימען דעם פֿרילינג האָט זיך, ווי־זשט אויס, דערקלערט אויך דערמיט, וואָס דער דיכטער האָט אַלע מאָל זיך פֿאַרופֿן אויף „שיר־השירים", וועלכער האָט געדינט פֿאַר אים, ווי עפּעס אַ מין רעפֿרען. איך בין געווען זיכער, אַז אַזוי שרײַבן וועגן פֿרילינג האָט געקאָנט אַ מענטש מיט אַן אויסטערלישזויבערער נשמה. און מיך האָט באַהערשט אַ דראַנג אויג־אויף־אויג זיך צוזאַמענטרעפֿן מיט אָט דעם אייגנאַרטיקן שרײַבער. און טאַקע אין דער באַנטער צוקונפֿט איז מיר באַשערט געווען באַפֿרײַדיקן אָט דעם באַגער.

אין די יאָרן 1911—1912 איז מיר אויסגעקומען פֿון צײַט צו צײַט זיך באַגעגענען מיט די קיִעווער שרײַבער דאָוויד בערגעלסאָן, נאַכמען מײַזיל, יעכעזקל דאָברושין און זייערע מעקוראָווים. דאָס זײַנען געווען מענטשן, וואָס זײַנען בעלייוור־וואָנעפּעש געווען פֿאַרקאָכט אין דער נײַער וועלטלעכער ייִדישער קולטור. צוזאַמענטרעפֿן פֿלעגן מיר זיך אינעם לאָקאַל פֿון דער מישפּאָכע מײַזיל.

ווען דער שרײַבער אָנוכי פֿלעגט זיך אַראָפּכאַפּן קיין קיִעוו, פֿלעגט ער אָט דאָ טאַקע, בײַ די מײַזילס אין שטוב, לייענען קאַפּיטלען פֿון זײַן „רעב אבע". ער האָט זייער אויסדריקלעך, זייער האַרציק געלייענט, און דער אוילעם האָט באַשטימט האַנאָע געהאַט. איז טאַקע אָנוכי דאָ געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. אָפּגעוועזן אין קיִעוו אַ קורצע צײַט — און ווידער

ניט געסטײַעט. אוועק אין אן אנדער שטאָט, ווו ס׳איז געווען א קיבעץ פון פרײַנט פון דער ייִדישער ליטעראטור.

אין איינעם פון די יונ־טעג אינעם יאָר 1912 ווער איך געוואָר, אז עס גרייט זיך א ליאמע בא די מײַזילס. איינער פון מײַנע כאווײרים, וועלכער איז, ווי איך, געווען א שטיקל מעכוטן אף אָט די כאסענעס בא די מײַזילס, דערציילט מיר, אז עס דארף דאָרט פאָרקומען א געזעגעניש־אָוונט מיט דעם ביסטער, העיויס ער גרייט זיך אינגיכן פארלאָזן קיִעוו אף א שטיק צײַט. און די אײַנגעלאדענע אף אָט דער באגעגעניש גיט מען אָנצוהערן, אז עס שאדט ניט אָנטיילצונעמען אין א מין זעלבסטבאשטײַערונג, קעדיי צו באפרײַען דעם ביסטער פון דײַגעס מיקויעך הויצאָעס, ביז ער וועט זיך אײַנאָרדענען אפן נײַעם אָרט.

איך האָב מיט אומגעדולד ארויסגעקוקט אף אָט דעם אָוונט. א קלייניקײַט? כ׳וועל דערזען ביסטערן! ענדלעך איז דער געגארטער טאָג געקומען.

און אָט בין איך בא די מײַזילס, ווו ס׳איז אזוי געמיטלעך, אזוי היימיש, ווו אלע פילן זיך ווי איין מישפאָכע. איך זע פאר זיך שײַנענדיקע, שטראלנדיקע פענעמער. יעדער באגעגעניש אונדזערע איז דאָך געווען אן עמעסער יאָמטעוו. די באזונדערע כאריפעס פון אָט די אָוונטן איז נאָך באשטאנען אין דעם, וואָס זיי זײַנען געווען אומלעגאלע. און דאָס באשטעטיקט דאָך ווידעראמאָל דעם אפאָריזם — „פארבאָרגענע שפּײַז איז אײַנגענעם״...

איך האָב אינגיכן נאָך מײַן קומען צו די מײַזילס געבעטן איינעם פון זיי מיר אָנווײַזן אף ביסטערן, מאכמעס אויסער ביסטערן זײַנען דאָ געווען אייניקע אומבאקאנטע. מע האָט מיר אָנגעוויזן אף א יונגנמאן אין זייער א באשיידענעם מאלבעש, אָבער די אויגן זײַנע... טאקע וועגן אזעלכע אויגן האָט ביאליק געשריבן:

נאָר איין זאך פארמאָגן זיי: אייגעלעך...
די אויגן פארמאָגן צוויי פינטעלעך,
וואָס גליִען און פינקלען און טוקן זיך,
און עפּעס ווי נעוויִיש און וווּנדערלעך...

איך האָב מיט א באזונדערער לאָהעטקײַט גענומען צו אים זיך צוקוקן. קיינער פון די אָנוועזנדע האָט אזוי באשיידן און געלאסן זיך ניט געהאלטן, ווי דער ביסטער.

אף אָט דעם אָוונט האָבן געלייענט קליינע פראגמענטן פון זייערע ווערק: דאָוויד בערגעלסאָן, נאכמען מײַזיל, יעכעזקל דאָברושין. גופע ביסטער האָט זיך אָפּגעהאלטן פון א ליטערארישער ארויסטרעטונג.

צום סאָף פון דעם אָוונט האָט מען מיך מיט אים באקאנט. דערוויסנ־

דיק זיך, אַף וועלכער גאַס איך וווין, האָט מיר ניסטער געזאָגט, אַז אונדז ביידן וועט אויסקומען גיין צוזאַמען, מאַכמעס ער וווינט אַף דער זעלבער גאַס, וואָס איך.

גייענדיק, האָבן מיר אין אונדזער שמועס באַרירט די לאַגע פֿונעם ייִדישן טעאַטער אינעם צאַרישן רוסלאַנד. אין יענע יאָרן איז אָפֿיציעל געווען פֿאַרבאָטן שפּילן טעאַטער אין ייִדיש. האָבן זיך געפֿונען צווישן די דעמל־טיקע ייִדישע אַנטרעפּרעניאָרן אַזעלכע צופּאַסלער, וועלכע האָבן דעם זעלבן ייִדישלעכן רעפּערטואַר געגומען שפּילן אין רוסיש. האָט איר פֿון צײַט צו צײַט אין פֿאַרשיידענע שטעט פֿונעם טכום געקאָנט לייענען אַנאָנסן, ווי מע האָט אײַך אײַנגעלאַדן קוקן „טאָטשקאַ יעווריעיאַ", דאָס הייסט „דאָס פּינטעלע ייִד". פֿון דער אומגעלומפּערטער אַמעראַצישער איבערזעצונג פֿונעם נאָמען פֿון דער פּיעסע איז שוין געווען ניט שווער זיך פֿאָרצושטעלן, ווי־אַזוי מע האָט אַף די ספּעקטאַקלען פֿון אָט די „גאָלדשפּי־נערס" זיך איזדיעקעוועט איבער דער רוסישער שפּראַך.

דער ניסטער האָט געהאַט אַ געגויע פֿאָרשטעלונג וועגן דער כוצפּע פֿון די „גאָלדשפּינערס". ער זאָגט מיר:

— הערט אַ מײַסע: דאָס ייִדישע פֿאָלק, וואָס האָט מעזאַקע געווען אייראָפּע (און ניט נאָר אייראָפּע!) מיט אַזעלכע געניאַלע שוישפּילער, ווי ראַשעל, קין, סאַראַ בערנאַר, האָט זיך דערקײַקלט ביז „טאָטשקאַ יעווריעיאַ". די פּרינצעסן שאַבעס איז מעגולגל געוואָרן אין אַ העפּקער־הונט! ס'איז דאָך געוואָרן בעעמעס טאַקע אַ שאַנד־פּאַרנאָסע. שלעפּערס זײַנען געוואָרן אונדזערע קאָמעדיאַנשטשיקעס. הערט נאָר, הערט: עס קומט אַזאַ אייגער ערגעץ אין אַ שטאָט צום פּאָליצמייסטער אויסבעטן אַ דערלויבעניש אַף עטלעכע ספּעקטאַקלען. שטייט ער באַם פּאָליצמייסטער אין „פּערעדניע", גייט דער פּאָליצמייסטער אַרויס און דערזעט פֿאַר זיך אַ נעפּעש מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און מיט עפּעס אַ פּאַפּיר אין האַנט. פֿרעגט ער אים:

— וואָס ווילט איר פֿון מיר?

ענטפֿערט דער נעפּעש איין וואָרט: „כליעב!"

רופֿט זיך אָן דער פּאָליצמייסטער:

— גייט אין קיך, וועט איר דאָרט קריגן אַ שטיק ברויט.

דערקלערט דער נעפּעש מיטן פּאַפּיר:

— ניט וועגן מיר אליין האַנדלט זיך, מיר זײַנען אַהער געקומען אַ גאַנצע כאָפּטע — אַכצן פֿאַרשוינען צו שפּילן טעאַטער...

ס'איז דאָך פּאָשעט אַ כאַרפּע, — רעדט דער ניסטער מיט גרויס פֿאַר־דראָס. — מע קאָן דען אָט אַזעלכע באַטראַכטן, ווי אַקטיאָרן? באַהעלפֿערס

זײַנען עס! עמעס, מיר פֿארמאָגן אזא שטיק גאָלד, ווי עסטער־ראָכל קאַ־מינסקע. מע קאָן אויך מיט דער האנט ניט אוועקמאכן ליבערטן, רודאָלף זאסלאווסקין, די נעראָסלאווסקאיא, אָבער... ווי מע זאָגט: קאָן מען דען די פּאָמעניצע מיט איין איי פֿארוויַיסן? איז טאקע גערעכט געווען אווראָם גאָלדפֿאדן, ווען ער האָט איינמאָל מיט א פֿארביטערטקייט א זאָג געטאָן: א בעטלער איז מײַן קינד געוואָרן!

באַ אָט די ווערטער האָבן מיר זיך צעשיידט מיט ניסטערן.

* * *

אין א ריי יאָרן ארום, ווען דער ניסטער האָט געוווינט אין מאָסקווע אין דער דירע פֿונעם „גאָסעט", פֿלעג איך אים צײַטנווײַז זען שפּאצירן אפֿן טווערסקאָי בולוואר. דאָס איז באַ אים, ווי עס שײַנט, געווען אָן אָפּרו פֿון זײַן ביז גאָר אָנגעשטרענגטער שעפֿערישער ארבעט. ער פֿלעגט צו־מיינסטן אומגיין אליין; עס האָט אויסגעזען, אז ער איז פֿארזונקען אין מאכ־שאָוועס. און מיר איז געווען ניט צום הארצן אים אָפּצושטעלן און איבער־רײַסן זײַן געדאנקענגאנג. דעריבער פֿלעג איך אים בלויז באגריסן און פֿאָרזעצן מײַן וועג.

איינמאָל — דאָס איז געווען אָף מאָרגן נאָך דעם, ווי אין דער צײַטונג „איינִיקײַט" איז געווען אָפּגעדרוקט מײַן ארטיקל „י.־ל. פּערעץ און דער יִדישער טעאטער", — דערזע איך ניסטערן גייענדיק איבערן טווערסקאָי בולוואר. ער האָט מיך אויך באמערקט. דערנעענטערט ער זיך צו מיר, נעמט מיך אונטער דער האנט און רופֿט זיך צו מיר אָן מיט א ליבלעכן שמייכל און לויכטנדיקע אויגן:

— געלייענט נעכטן אײַער ארטיקל. פֿײַן!

אין זײַן הארציקן טאָן האָב איך דערשפּירט אופֿריכטיקײַט און פֿרײַנט־שאפֿט.

און ער האָט גענומען ריידן וועגן פּערעצן. אז פּערעץ איז אים ביז גאָר טײַער, האָב איך שוין געוווּסט לאנג.

מיך אָבער האָט אינטערעסירט ניסטערס מיינונג וועגן פּערעץ דעם דראמאטורג. זאָגט מיר דער ניסטער:

— דערלאנגען דעם צושויער פּערעצעס דראמאטישע ווערק אזוי, אז ער זאָל אָן באזונדערער קאָפּדרייעניש זיי אופֿאסן, איז ניט יעדער סצעני־שער טוער בעקויעך. לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן, אז עס האָט זיך געפֿונען א רעזשי־מײַסטער, וואָס איז שטארק פֿארקאָכט אין פּערעצעס דראמאטורגיע אף אזוי פֿיל, אז די פֿאָרם, אין וועלכער אָט די פּיעסן זײַנען געשריבן,

באגײַסטערט אים. אָבער דאָס אליין איז נאָך קנאפּ. מאכמעס מע באדארף פארמאָגן אין דער טרופּע אקטיאָרן, וואָס זאָלן זײַן קאפּאבל דערלאנגען דעם צושויער פּערעצעס טעקסט אזוי, אז יענעם זאָל עס פארכאפּן, אז יענער זאָל זיך דורכדרינגען מיט דער אייגנארטיקער שטימונג פון פּערעצעס פּיעסן.

אָט לאָמיר נעמען איבסענס פּיעסן. בלויז געציילטע טרופּעס זײַנען אימשטאנד צו שפּילן די פּיעסן אזוי, אז די ספּעקטאקלען זאָלן צוציִען א ברייטן אוילעם. איבסען, קאָן מען זאָגן, איז א דראמאטורג דעריקער פאר דער ראפינירטער אינטעליגענץ. א זיכערן דערפאָלג קאָן א טעאטער זיך דערשלאָגן, ווען, אשטייגער, אין זײַן פּיעסע „די געשפּענסטער" שפּילט אזא אקטיאָר, ווי אָרלעניעוו (אינעם ייִדישן טעאטער — רוּוון זאסלאווסקי). אָבער אז מע געטרויט אינעם ייִדישן טעאטער שפּילן אין פּערעצעס „די גאָלדענע קייט" אזא אקטיאָר, ווי מישע פּישזאָן... זייער א באגאבטער אקטיאָר! אָבער דעם טעקסט פון דער ראָל האָט מען געמוזט פאר אים שרײַבן מיט רוסישע אויסיעס, ווײַל ייִדישע געשריבענע אויסיעס האָט ער לייענען ניט געקאָנט!

בא די לעצטע ווערטער טוט דער ניסטער זיך א כאפּ באם שטערן, ווי איינער, וואָס וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנען, און ער רופט זיך אָן:

— אנטשולדיקט, טײַערער מײַנער, איך האָב גאָר פארגעסן, אז אין דער היים ווארט אף מיר א גוטער באקאנטער, מיט וועלכן איך מוז טייקעף טאקע זיך איבערשמועסן וועגן א וויכטיקן איניען.

און ער האָט אפּגיך א דריק געטאָן מײַן האנט און שנעל זיך געלאָזן גיין אהיים.

דער טראַגישער גורל פון אַ באַגאַבטן אַקטיאָר

(רוּוון זאַסלאַווסקי)

די געשיכטע פונעם ייִדישן טעאַטער איז פול מיט לעגענדעס וועגן ייִדישע קאָמיקער און ביכלאַל וועגן פאַרשיידענע שפּאַסמאַכערס. יעדער טעאַטער האָט געטאָן אַלץ, וואָס מעגלעך איז, אַבי זיך באַוואָרענען אַפן טעאַטער־סעזאָן מיט אַ באַגאַבטן קאָמיקער, וואָס איז אַלעמאָל געווען דער ליבלינג פונעם צושויער.

גאָר אַנדערש זעט אויס דער איניען, ווען מיר נעמען ריידן וועגן אַקטיאָרן, וואָס זײַנען געווען באַרופן שפּילן העראָיִק, טראַגישע געשטאַלטן אַף דער ייִדישער בינע. אין דעם פּראַט האָט אַף דער אַמעריקאַנער ייִדישער בינע פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ רודאָלף שילדקרויט, וועלכער איז אינעם ייִדישן טעאַטער געקומען פון דער דײַטשישער בינע. ער האָט ניט ווייניק געטאָן, קעדיי צו קולטיווירן אָט דעם זשאַנער אינעם אַמעריקאַניש־ייִדישן טעאַטער. (איך פאַרשווײַג בעקיוון דעם גרויסן בײַטראָג פון ש. מיכאָעלס אַף דער סאָוועטישער ייִדישער בינע, ווײַל די דאָזיקע טעמע פאָדערט גאָר אַ באַזונדערע באַטראַכטונג).

יאַקאָוו ליבערט האָט אויך פאַרמאָגט אַ היפּש ביסל גײַסטיקע רעסורסן פאַרן טראַגעדיע־זשאַנער, אָבער אים האָט געפעלט די אַקשאָנעס, וואָס איז אומבאַדינגט געווען נייטיק, קעדיי דורכצושלאָגן אַ ברייטן שליאַך פאַר טראַגעדיע אַפן ייִדישן טעאַטראַלן געביט. האָט דאָס לעבן אים געשטויסן צומיינסטן שפּילן די אַזויגערופענע כאַראַקטער־ראָלן.

דאָוויד קעסלערן האָט די נאַטור גופע באַשאַפן, ער זאָל זײַן אַ טראַגיקער: אַ מעכטיקע פיגור, אַ פײַנע שטים, אַ רײַכע אינטויִציע, אַ היצי־קער טעמפּעראַמענט. אָבער אים האָבן געפעלט עכטע קולטור־טראַדיציעס, דער נייטיקער אָפּשײַ פאַר דער קלאַסישער טראַגעדיע. און דעריקער — געדולד.

קעדיי צו באשאפן א קינסטלעריש־איבערצײַגנדיק געשטאלט פון אזא מאסשטאב, ווי ליר, אָטעלאָ, האמלעט, מאקבעט, פּאָדערט זיך זייער א סאך מי און צײַט. דאָ טאָר מען זיך ניט פארלאָזן בלויז אַף אימפּראָוויזאַציע. דאָ טאָר מען דעם אווטאָרס טעקסט ניט פארבײַטן מיט אייגענע ווערטער. אזא שאטנעז איז בענעגייע די גענ:אלע דראמאטורגן ניט דערלאָזבאר. און קעסלער האָט, ווי באוווסט, זעלטן זיך מאטר:עך געווען גענוי, פּינקטלעך צו באהערשן דעם טעקסט פון דער פּיעסע, וואָס איז אים אויסגעקומען צו שפּילן.

דערצו איז ער אָפּט געווען ארײַנגעטאָן אין אדמיניסטראטיווע, קאָמערציעלע אסאָקים. ער איז דאָך ניט איין מאָל געווען א באלעבאָס פון אן אייגענעם טעאטער. עס פלעגט אים אָפּט מיטרײַסן דער קאָנקורענץ־אזש:אָטאזש, די קאָנקורענץ מיט די שכייניש ע י:דישע טרופּעס.

כוץ דעם, זײַנען דאָוויד קעסלער, יאקוב אדלער און זייערע קאָלעגן געווען שטארק פארקאָכט אין גאָרדינס, קאָברינס, ליבינס דראמאטורגיע. שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס ד. קעסלער האָט ניט געהאט קיין מוט שלאָגן קאפּאָרעס מיט די הורוויטשעס, לאטײַנערס און איגנאָרירן דעם קלאל ניט איידעלן געשמאק פון א סאך צושויער, וועלכע זײַנען געווען פארטשאדעט פון די ביליקע מעלאָדראמעס און שאָוויניסטישע אָפּערעטן.

פיל מער אויסגעהאלטן און אימפּעטפול אין זײַן שטרעבן צו פארפלאנצן טראגעדיע אַף דער י:דישער בינע איז געווען רווון (רודאָלף) זאסלאווסקי. זײַן לעבן איז א קייט פון גוואלדיקע אָנשטרענגונגען צו בארײַכערן דעם רעפּערטואר פונעם י:דישן טעאטער מיט דעם טראגעדיעזשאנער, און טאקע מיט די סאמע מוסטערהאפטע ווערק פון דער אייראָפּעי:שער דראמאָטורגיע. ער האָט דער ערשטער אין רוסלאנד אַף דער י:דישער בינע אופגעפירט שעקספּירס „האמלעט”, איבסענס „די געשפּענסטער”, סטרינדבערגס „דער פאָטער”, דיומאס „קין”, אָדער „געוינעס און העפקיירעס”.

שפּילנדיק די צענטראלע פיגורן אין די אָנגעוויזענע און אין אנדערע אייראָפּעי:שע מוסטער־ווערק, פלעגט ער זיי אופהייבן אַף א באדײַטנדיקער ראָמאנטישער הייך. אויך זײַנע פארטנ:אָרן פלעגן טיילווײַז אין א וועלכער־עס־איז מאָס אָנגעשטעקט ווערן מיט זאסלאווסקיס ענטוז:אזם. עמעס, ניט אלעמאָל פלעגט עס געלינגען. אָפּט פלעגט פּאסירן: זאסלאווסקי שפּריצט מיט פײַער, און דער פארטנ:אָר זײַנער אָנשטאָט אונטערצוכאפּן

אַט די פונקען און זיי צעבלאָזן — דערטרינקט זיי אינעם מוטנעם שטראָם פון זײַן באַלמעלאָכישן אָפּקנאַקן די ראָל.

איבערדערציִען אַן אַקטיאָר, אים אַרויסרײַסן פון זײַן אינערציע איז ביז גאָר אַן ערנסטער איניען. דערצו באַדאַרף מען זײַן באַרופן. אין דעם פּראַט האָט זאַסלאַווסקי ניט פאַרמאָגט די געהעריקע אויסגעהאַלטנקייט און טאַקט. אָבער מוחל זײַן אַן אַקטיאָר זײַן נאַכלעסיקייט, זײַן העפּ־קיירעס בעשאַסן שפּילן — דערויף איז זאַסלאַווסקי ניט קאַפּאַבל געווען. אַ מענטש מיט אַ ביז גאָר היציקן טעמפּעראַמענט, פלעגט ער זיך אָפּט־מאָל אַוועקלאָזן אַפן גליטשיקן וועג פון נאַיִווע קונדייסישע שפּיצלעך וואָס זייער ציל איז געווען מעקײַעם־פּסאַק זײַן דעם נאַכלעסיקן אַק־טיאָר.

איינער פון זײַנע מיטשפּילערס האָט מיט זײַן צעכראַסטעטקייט אַרויס־גערופן בא זאַסלאַווסקין אַ פאַרדינטן פאַרדראָס. מאָרגן האָט מען באַדאַרפט שפּילן די זעלבע פּיעסע. איז זאַסלאַווסקי ניט פויל און ברעננגט מיט זיך אַפן ספּעקטאַקל עטלעכע טשוועקעס. בעשאַס דער אַקטיאָר, וואָס זאַ־סלאַווסקי איז אַף אים געווען אָנגעדרודלט, איז געווען פאַרנומען אַף דער בינע און זאַסלאַווסקין איז אויסגעקומען צו זײַן הינטער די קוליסן, האָט ער זיך אַרײַנגעכאַפּט אינעם וועסטיבול, ווו עס זײַנען געהאַנגען די אַקטיאָ־רישע מאַנטלען און אונטן זײַנען געשטאַנען די גאַלאָשן. זאַסלאַווסקי האָט שנעל אַ כאַפּ געטאָן דעם פאַרשולדיקטנס גאַלאָשן און מיט טשוועקעס זיי צוגעפעסטיקט צום דיל. אַז די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט, איז דער אַקטיאָר צוגעלאָפן צו זײַן מאַנטל און מעכאַניש אַרײַנגערוקט די פיס אין די גאַלאָשן. ער טוט זיך אַ ריס גיין, און... אָנשטאָט מאַכן אַ טראָט טוט ער אַ פאַל און צעשעדיקט זיך די נאָז.

אַ צווייטן אַקטיאָר, וואָס האָט אַרויסגערופן זײַן אומצופרידנקייט, האָט זאַסלאַווסקי אָפּגעטאָן אַן אַנדער שפּיצל: ווען יענער איז געווען פאַר־נומען אַף דער בינע, האָט זאַסלאַווסקי מיט אַ ספּעציִעל צוגעגרייט שלעסל פאַרשלאָסן אין וועסטיבול די לאַצן פון זײַן מאַנטל. אָפּגעטאָן אָט דאָס שפּיצל און אַנטלאָפן.

נאַטירלעך, רופן אַרויס אָט די צולאָכעס־קוריאָזן אַ געלעכטער. עס איז אָבער ניט צום לאַכן. ס׳איז זאַסלאַווסקיס אַ טראַגישע אייגנשאַפט. ער האָט בלויז געטראַכט וועגן זײַן אייגענער באַרימטקייט. ער האָט ניט באַטראַכט זײַנע פּאַרטניאָרן ווי כאַווײרים, וואָס ער האָט באַדאַרפט זײַן זייער וועגווײַזער.

„אַ שלעכטער מענטש, — שרײַבט וועגן אים אין זײַנע זיכרוינעס

דער פּראָווינציעלער אַקטיאָר מיאַדאָווניק, — ברוטאַל האָט ער באַהאַנדלט זײַנע מיטשפּילערס, אָבער אַז מע איז מיט אים געשטאַנען אויף די בינע־ברעטער, פֿלעגט מען אַלץ פֿאַרגעסן".

אַף אַזויפֿיל פֿלעגט ער מיט זײַן שפּיל אַנציקן ניט נאָר די צושויער, נאָר אַפֿילו די דורך אים באַאַוולטע אַקטיאָרן.

אַ געוויסע דערקלערונג פֿון די מעשונעדיקע סטירעס אין זאַסלאַוסקיס כאַראַקטער קאָן אונדז געבן אַ קורצווײַליקע עקסקורסיע אין זײַן ביאָ־גראַפֿיע.

ער איז געווען אַ זון פֿון אַן אומאַניער קלייןהענדלער, וואָס איז געווען מוזיקאַל באַגאַבט און וועלכן עס האָט געצויגן צו געזאַנג, צו כאַזאָנעס. אָט די מוזיקאַלישקייט און די לעכצעניש צו מוזיק האָט רודאָלף (רוון) זאַסלאַווסקי געיאַרשנט פֿון זײַן טאַטן, וואָס פֿלעגט אים ברענגען אין טפֿילע־הויז הערן באַרימטע כאַזאָנים און האָט אים אַרײַנגעצויגן אין אַ כאַזאָנישן כאָר. נאָך קינדווײַז האָט זאַסלאַווסקי אין אָדעס געגומען אַן אָנטייל אינעם קינדער־כאָר אין דער אָפּערע „פּיקאָוואַיאַ דאַמאַ". פֿון דעמלט אָן האָט שוין דער טעאַטער־קישעף פֿונעם קליינעם זאַסלאַווסקי זיך ניט אָפּגעטאָן. בילדונג האָט ער באַקומען גאָר אַ קנאַפּע: דרײַ יאָר — אין כיידער; אַ פּאָר יאָר האָט מיט אים אין דער היים געקנעלט אַ לערער. ווען זאַסלאַווסקי איז נאָך געווען אַ קליין יינגל, זײַנען די עלטערן פֿון אומאַן אריבערגעפֿאָרן קיין אָדעס. דאָ גיט מען אים אָפּ אין דער היגער האַנטווערקער־שול. מיט גרויסן אומגעדולד האָט דער קליינער רוון אַרויסגעקוקט, ווען וועט שוין קומען אַ סאָף צו זײַן לערנען זיך אין אָט דער שול, האַגאַם ער נעמט שוין דאָ אָן אָנטייל אינעם אַמאַטאָרישן שול־קרײַז, וווּ מע פֿירט אויף גאָגאָלס „די כאַסענע". אים לאָזט שוין ניט צורו דער אָדעסער טעאַטער־וועזן. ער טרוימט וועגן אַרײַנטרעטן אין אַ טרופּע פֿונעם פּראָפֿעסיאָנעלן טעאַטער. ער לערנט זיך באַ אַ האַלב יאָר אין אַ דראַמאַטישער שול. ווען ער איז קוים פֿופֿצן יאָר אַלט, הייבט זיך אָן זײַן פֿײַנלעכער נאַוונאַד מיט די קאָלעקטיוון פֿון פֿאַרשיידענע נעבעכדיקע יידישע וואַנדער־טרופּעס, וואָס אָט ווערן זיי געבאָרן און אָט צעפֿאַלן זיי זיך. טרופּעס, וואָס זייערע אָנפֿירערס ווײַזן זיך אָפּט אַרויס, ווי אומ־בעראַכמאָנעסדיקע עקספּלואַטאַטאָרס: זייערע אַקטיאָרן הונגערן, עסן טעג באַ באַרעמהאַרציקע באַלעבעסלעך, גייען אום אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן. און דעריקער — זיי ווערן דאָ לאַכלוטן דעמאָראַליזירט. ווי אַנדערש האָט עס געקאָנט פֿאַרקומען מיט מענטשן, וועלכע מע האָט פֿאַרוואַנדלט אין שנאָ־רערס און פֿאַרשוועכט זייער מענטשן־ווירדע! שוין אָפּגערעדט פֿון דעם, וואָס מע האָט זיי געפֿילנעוועט מיט שונד־רעפּערטואַר. פֿאַרשטייט זיך,

אז אין אזא אטמאָספער איז זאסלאַווסקין געווען שווער זיך אָפּהיטן פון גײַסטיקער פאַרדאַרבנקייט און צעכראַסטעטקייט. האָט זאסלאַווסקי בעכוש דערשפּירט, וואָס פּאַר א געפאַר עס דראָעט אים מיצאַד אָט אַזעלכע טרופּעס. ער רײַסט זיך פון די קליינשטעטלדיקע גאַסטראָלן, ווו ער בידעוועט באַגלײַך מיט זײַנע כאַוויירים אַקטיאָרן. ער רײַסט זיך אין א גרויסער שטאָט. און דאָך, אַפילע אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען, האָט א בליץ געטאָן זײַן טאַלאַנט אין דער ראָל פון אַווישאַלעם (אין גאָלדפאַדנס „שולאַמיס״). אים גיט זיך אײַן דעביוטירן אין איינעם פון די וואַרשעווער יידישע טעאַטערס, ווו ער צייכנט זיך אויס אין דער ראָל פון באַר־קאָכבע. און עס ווערט קלאָר, אַז אָט דער יונגער אַקטיאָר איז א גרויס געווינס פאַרן יידישן טעאַטער.

אָבער אָנשטאָט אים צו דערמוטיקן אַף ווײַטערדיקע קינסטלערישע ניצכוינעס, אָנשטאָט אים העלפן זיך אײַנצוואָרצלען אין אַן אָנשטענדיקן וואַרשעווער טעאַטער, האָבן די וואַרשעווער אַקטיאָרן קיין וועזן פון זאסלאַווסקין ניט געמאַכט (א קלייניקייט — אַזא געפערלעכער קאָנקורענט!), און זאסלאַווסקי מוז זיך ווידער אַראָפּגליטשן אין דער פּראָווינץ. דאָ האָט אים א שפּיל געטאָן דאָס מאַזל: מע האָט אים אײַנגעלאַדן אין דער וואַנדער־טרופּע, ווו עס האָט געשפּילט עסטער־ראָכל קאַמינסקע, ווו מע האָט זיך שוין ניט באַנוגנט מיט די אַמעריקאַנער יידישע אָפּערעטן און מע האָט געשטרעבט צו רעאַליסטישער דראַמע. דערצו האָט מען אין אָט דעם קאָלעקטיוו זיך אָפּגעגעבן א דין־וועכעזשבן, אַז ס'איז ניט דערלאָזבאַר זיך צו פאַרשליסן אין די דאַלעדאַמעס פון דעם יידישן רעפּערטואַר, אַז מע באַדאַרף זיך מעצאַרעף זײַן צום אייראָפּעיִשן רעפּערטואַר.

שווימט אויף די פראַגע: פאַרוואָס האָט זאסלאַווסקי זיך ניט אײַנגעגלידערט אין דער טרופּע פון עסטער־ראָכל קאַמינסקע? פאַרוואָס האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן אַפן גליטשיקן וועג פון ווערן אליין א באַלעבאָס פון א קאָלעקטיוו, ווו דאָס ראָוו פון דער טרופּע איז באַשטאַנען פון טאַלאַנטלאָזע פּראָווינציִעלע יידישע אַקטיאָרן?

די זעלבע פראַגע שווימט אויף, אַגעוו, ווען מיר לייענען אין דער געשיכטע פונעם רוסישן טעאַטער וועגן דעם גוירל פון אזא אויסטערלישן טאַלאַנט, ווי מאַמאָנט דאַלסקי.

ווי א וויכער, פלעגט דאַלסקי זיך טראָגן פון שטאָט צו שטאָט, אַפּגיך צונויפשקראַבען טרופּעלעך, לאַכלוטן ניט איבערקלײַבן, ניט דײַגען וועגן אַנסאַמבל. און אַז מע פלעגט אים שטעלן די פראַגע: „ווי קאָנט איר, אזא גרויסער אַקטיאָר, זיך דערלויבן האָבן צו טאָן אַף דער בינע מיט ווייסטע

קאַליקעס?" פלעגט ער דערויף ענטפערן: „וואָס פינצטערער די נאַכט, אַלץ העלער פינקלען די שטערן".

און ער איז דאָך געווען איינער פון די סאַמע אָנגעזעענסטע אַקטיאָרן פונעם באַרימטן פעטערבורגער אַלעקסאַנדרינער טעאַטער, ווו עס האָבן געשפּילט אַזעלכע גרויסע, ווי וואַרלאַמאָוו, יוריעוו, סאַווינאַ, קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ.

יאָ, סײַ דאַלסקין, סײַ זאַסלאַווסקין האָט מיט אַן אומגעהייערער קראַפט געשטויסן אין אָפּגרונט די אַנאַרכאָ־אינדיווידואַליסטישע סטיכיי, וואָס עס האָט געבושעוועט אין זייערע ניט־געצוימטע נאַטורן.

און אַז זאַסלאַווסקין געלינגט באַאָבאַכטן די שפּיל פון אַזעלכע באַגאַבטע פּראָווינציעלע רוסישע גאַסטראָליאָרן, ווי פּאַוועל אָרלעניעוו, מיטראָפאַן איוואַנאָוו־קאַזעלסקי און מאַמאָנט דאַלסקי, צינדט זיך אין אים אָן אַ העליש פײַער. ער דערשפּירט, אַז ער איז בעקויעך אַרויפוואַלגערן אויף זײַנע פּלייצעס אַזעלכע וועלט־שעדעווערן, ווי אוריעל אַקאָסטאַ, האַמלעט, קין, אָסוואַלד, און זיי אײַנבירגערן אויף דער ייִדישער בינע. יאָ, ס׳איז טאַקע ריכטיק אָנגעוויזן אין דער ייִדישער פּרעסע, אַז „אין זײַן האַלדז האָט זיך געפונען אַזאַ צאַרטער אינסטרומענט, וואָס איז בעקויעך געווען אויסצושפּילן די ליר־ישסטע און איידלסטע געפילן ביז די טיפסטע טראַגישע איבערלעבונגען" (כ. גיסנצווײַג)[1]. און דערצו נאָך האָט זאַסלאַווסקי פאַרמאָגט אַ פלאַמיקן טעמפּעראַמענט און אַ מערקווירדיקע מוזיקאַלישקייט. יאָ, אָט די מוזיקאַלישקייט האָט אים ניט איין מאָל געהאָלפן אַ הייב טאָן דאָס סצענישע געשטאַלט אויף אַ באַדײַטנדיקער ראָמאַנטישער הייך, צוגעבן דעם געשטאַלט אַ פּאָעטישן כיין. דעריבער איז קעדײַ זיך דערמאָנען, ווי ער האָט געשפּילט טעוויע דעם מילכיקן, און פאַרגלײַכן זײַן טעוויע מיט דעם טעוויען, וואָס מיכאָעלס האָט אויסגעדיכטעט.

מיר ווייסן, אַז מיכאָעלס פלעגט דערהייבן זײַן טעוויע־פאַרקערפּערונג צו אַ באַדײַטנדיקער פאַראַלגעמיינערונג — ער פלעגט אין אים באַטאָנען די כאָכמע און די ווײַטזיכטיקייט פון אַ פאָלקסמענטש. אין מיכאָעלסעס פאָרשטעלונג האָט טעוויע פאַרקערפּערט די דוירעסדיקע ליידן און דעם טראַגישן גורל פונעם ייִדישן פאָלק און אין דער זעלבער צײַט — זײַן אומויסשעפּלעכע ענערגיע, געדולד און לעבנס־פייִקייט. מיכאָעלסן האָט מער פאַרכאַפּט דער טראַגישער מעהוס פון דעם דאָזיקן געשטאַלט. מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אין דער צײַט, ווען מיכאָעלס האָט געגרייט

[1] דער אַקטיאָר גיסנצווײַג — אַ דערפאַרענער טעאַטער־טוער.

זײַן טעוויען, האָבן שוין די פֿינצטערע כמארעס פֿון פֿאַשיזם פֿאַרשמירט דעם הימל פֿון אייראָפּע.

רודאָלף זאַסלאַווסקי האָט אין טעוויען אויך דערזען ניט קיין ייִדן פֿון א גאַנץ יאָר, נאָר א פֿיגור פֿון א ייִדישן האָרעפּאַשניק, פֿאַר וועמען עס האָבן זיך אָן עפֿן געטאָן ברייטע האָריזאָנטן, בא וועמען עס האָבן זיך ווי אַראָפּגעריסן הײַטלעך פֿון די אויגן, און ער האָט אָנגעהויבן זען און באַגרײַפֿן געשיכטלעכע פּראָצעסן, וואָס זײַנען פֿאַר אים א צײַט מיט יאָרן געווען ווי פֿאַרבאָרגן. ער האָט טעוויען אין א געוויסער מאָס אידעאַליזירט, אים געשילדערט אין א ראָמאַנטישער באַלויכטונג. שטרעבנדיק וואָס מער סימפּאַטיעס אַרויסרופֿן באַם צושויער, האָט זאַסלאַווסקי אויסגענוצט די מוזיקאַלישקײַט, וואָס די נאַטור האָט אים, דעם אַקטיאָר, געשענקט. ער שטעלט אַוועק טעוויען דאַוונען, און די צושויער קוויקן זיך מיט די כאַזאָנישע ניגונים, וואָס זײַנען זאַסלאַווסקין געווען אַזוי ליב, אַזוי טײַער נאָך פֿון זײַנע ייִנגלשע יאָרן, ווען ער איז געווען א מעשוררער אין א שול־כאָר. שטרעבנדיק אַרויסרופֿן באַם צושויער אַסאָציאַציעס פֿון אַן אוקראַיִנישער נאַכט, פֿילט ער אָן דעם רוים פֿונעם בינע־כאַלעל מיט טרעלן פֿון א סאָלאָוויי, מיט די ראַכוועסדיקע קלאַנגען פֿון א האַרמאָניק. נאָר דעריקער איז די אייגנאַרטיקײַט פֿון זײַן טעוויע באַשטאַנען אין דער אונטערגעשטראָכענער לעבנסלוסטיקײַט, אין דער באַטאָנונג פֿון טעוויעס הומאָריסטישער סטיכיי. אַזויאַרום פֿלעגט באַלויכטן ווערן דאָס האַמויִנישע אין זײַן טעוויען, דאָס אָפּטימיסטישע. ער פֿלעגט אַזוי קונציק אויסנוצן די קאָנטראַסטן פֿון מינאָר און מאַזשאָר אין זײַן טעוויע־פּאַרטיטור, אַז דאָס געשטאַלט פֿלעגט אַדאַנק דעם ווערן פֿאַרביקער, רײַכער. טעוויע איז אים געווען אַזוי אײַנגעגעבאַקן אין האַרצן, אַז ער האָט יאָרנלאַנג ניט אָפּגעהערט צו פֿאַרטיפֿערן דאָס דאָזיקע געשטאַלט, און דאָס האָט אים אַלץ ענגער פֿאַרבונדן מיטן מאַסעוון ייִדישן צושויער. אָט די סימפּאַטיע צום ייִדישן פֿאָלקסמענטש האָט אין זאַסלאַווסקין אַמשטאַרקסטן זיך אַנטפּלעקט אינעם פּעריאָד פֿון זײַן רײַפֿקײַט אַלס סצעניִשער מײַסטער. דאָס האָט זיך געלאָזט שפּירן אויך אין זײַן יאַנקל דעם שמיד (פֿון ד. פּינסקיס פּיעסע), אין זײַן פֿורמאַן יויעל פֿון ליבינס דראַמע „די שרעקלעכע נעקאָמע“, אין זײַן הערשעלע דובראָוונער פֿון גאָרדינס „גאָט, מענטש און טײַוול“.

זאַסלאַווסקין האָט זייער אינטערעסירט דאָס טיפּע אַרײַנדרינגען אינעם מענטשנס נעשאָמע, וואָס עס האָט זיך באַזונדערס געמערקט אין דער שפּיל פֿון פֿאַוועל אָרלעניעוו און פֿון די אויבנדערמאָנטע אַקטיאָרן. און ס'איז

ריכטיק די באהויפטונג, אז זאסלאווסקי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין איבסענס פּיעסע „די געשפּענסטער" אונטער אָרלעניעװס ווירקונג.

אין „די געשפּענסטער" האָט איבסען צו טאָן מיט דער פּראָבלעם פון פּראָטעסט קעגן די פּארגליווערטע אָנשויונגען פון דער אַזויגערופענער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. קעגן די פּיליסטערישע דערשטיקונגען בונטעוועט די הויפּט־העלדין פון איבסענס פּיעסע „דאָס ליאַלקע־הויז" („נאָרא"). עס בונטעוועט אויך דאָקטער שטאָקמאַן אין איבסענס פּיעסע „דער פאָלקס־סוינע". אָן ענלעכע פּראָבלעם, נאָר ניט אַזוי אויסגעשפּראָכן, האָט איר אויך אין „די געשפּענסטער". איבערן הויז פון דעם געזינד אַלווינג הענגט א שווערע כמארע פון פאַלשקייט, פון צוויַעס. די פּאַכדאָנישע באַלעבעסלדיקע מאָראַל, וואָס איר אידעאַלער פאָרשטייער איז דאָ דער פּאַסטאָר מאַנדערס, צעקאַליעטשעט דאָס לעבן פון דער מישפּאָכע אַלווינג. אָסוואַלדס מוטער שטרעבט צו א לעבן, וואָס איז געבויט אף יוישער, אופריכטיקייט און טרײַהייט. אָסוואַלד פילט, ווי עס פּרעסט זײַן געדאַנק, זײַן האַרץ אָט די שווערע כמארע. ער שטרעבט אָן זײַנע קויכעס צו צעטרײַבן אָט דעם קאָשמאַר. אליין א קינסטלער, האָט ער געמאָלט בילדער, וואָס זײַנען באַהעלט מיט זון, בילדער, וואָס רופן צו פרייד, צו האַנאָע האָבן פון עם לעבן. אָבער ער איז ניט אימשטאַנד גויווער צו זײַן די שרעקלעכע יערושע, וואָס איז אים איבערגעגעבן פון זײַן העפקערדיקן פאָטער, דעם אויסגעלאַסענעם לעביונג...

זאסלאווסקי האָט ניט איין מאָל געזען, ווי אָרלעניעוו שפּילט אָסוואַלדן. דאָך איז ער געווען ווײַט פון קאָפּירן אָרלעניעוון. ער האָט אין א געוויסער מאָס אַנדערש דערלאַנגט דעם צושויער דאָס פּאַטאָלאָגישע, וואָס ס'איז אייגנטימלעך געווען אָסוואַלדן. זאסלאווסקין האָט מער אינטערעסירט אָסוואַלדס געדאַנקענגאַנג.

דאָך אינעם לעצטן אקט, באַזונדערס אינעם פינאַל, פלעגט קימאַט ווי פאַרשווינדן זאסלאווסקיס צוריקגעהאַלטנקייט. ווען אָסוואַלדן איז שוין קלאָר, אז ער איז אפן ראַנד פון אומקום, מאַכט זײַן געיאָמער א גרײַלעכן אײַנדרוק — דער אקטיאָר דערשיטערט מיט דער עקספּרעסיווער שילדערונג פון אויסגאַנגלאָזער טראַגישקײַט.

אָבער לאַנג זיך קוויקן מיט אָט דער ראָל איז זאסלאווסקי ניט שײַעך געווען. דער קאָנפליקט איז אין אָט דער פּיעסע געווען פאַרוואַלירט. דערין האָט געשטעקט די סיבע פון דער ניט דינאַמישער האַנדלונג. און זאסלאווסקיס באַטור איז געווען מער געניגט צו קאָכיקער אקטיווקײַט, צו אָנגעגליטע לײַדנשאַפטן.

דעריבער האָט עס אים געצויגן צו אקאָסטאַן, וואָס פאַרמאָגט מער ראַכ־

וועס פאר שטורמישן פּראָטעסט. און דערצו זײַנען דאָ געווען אָנדײַטונגען אף הערצ:ק. דער מעכאבער פון דער דאָזיקער טראגעדיע קארל גוצקאָוו און אנדערע אווטאָריטעטע טעאטער־טוער, וואָס האָבן געהאט צו טאָן מיט אָט דער פּיעסע, האָבן אורי:עלן באטראכט ווי א העלד. און בעעמעס: אקאָסטאן איז באשערט געווען איינעם אליין קעמפן קעגן א סוינע, וועלכער האָט פארמאָגט אָן אן ערעך מער קרעפטן, ווי ער. דערמיט קאָן מען דערקלערן, וואָס אינעם מאָסקווער מעלוכישן י:דישן טעאטער האָט מען אין אקאָסטאן אקצענטירט מער דעם קאָרבן, ווי דעם העלד. מע איז דאָ געקומען צו אזא אויספיר אפן סמאך פון דער אומבאהאָלפנקײַט פון אָט דעם פּאָרשטייער פונעם פרײַען געדאנק לעגאבע דער סוויווע פון די אמסטערדאמער קאָהאָלשע טאקיפים און קלייקוידעש.

מיכאָעלס פלעגט זאָגן, אז בא אים איז וועגן אורי:עלן געווען א פּאָרשטעלונג, ווי וועגן א מענטשן מיט געבראָכענע הענט. און מיכאָעלס האָט די דאָזיקע סוביעקטיווע פּאָרשטעלונג געשילדערט דורך אן אייגנארטיקער באפּארבונג פון אורי:עלס סורדוט: אפן שווארצן פּאָן פון איין ארבל האָבן מיר פּאָפּערעק געזען א ווײַס שטרײַפּעלע, און אפן ווײַסן פּאָן פונעם צווייטן ארבל — א שווארץ שטרײַפּעלע. מאשמאָעס, עס האָט אורי:עלן געפעלט די פיי:קײַט צו פּרוכטבארער, זיגרײַכער אקציע. איז שוין קיין כידעש ניט געווען, וואָס מיכאָעלסעס אורי:על פלעגט אין א ריי סצענעס פון אָט דעם ספּעקטאקל אויסזען, ווי א פּארורטיילטער...

זאסלאווסקיס דראנג צו שפּילן אָפּט אקאָסטאן האָט געשטאמט פון זײַן באנעמען אורי:עלן, ווי א דרייסטן קעמפער, ווי א העלד. וויפל שטאָלץ, וויפל זעלבסטווירדע האָט זיך געשפּירט אין זײַנע די:אלאָגן מיט דע־סילוואַ! און דאָך האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן אויסצוראָטן פון אָט דעם סצענישן געשטאלט דעם בײַגעשמאק פון פּעסימיזם, וועלכער האָט נאָך בוילעטער זיך געמערקט אין מיכאָעלסעס סצענישער פארקערפּערונג פון אורי:על אקאָסטא.

די לעכצעניש צו הערצ:ק, צו פּארטיפּט־פּסיכאָלאָגישע געשטאלטן האָט אומפארמײַדלעך געשטויסן זאסלאווסקין צו שעקספּירן און באזונדערס צו דער קרוין פון שעקספּירס דראמאטורגיע — צו „האמלעט”.

זאסלאווסקי האָט מיט אזא אימפּעט זיך א נעם געטאָן צו דער אופירונג פון דער דאָזיקער טראגעדיע, אז עס האָט אים ניט געקלעקט קיין געדולד צו באשאפן די נייטיקע פּאָרבאדינגונגען פאר דער געהעריקער לייזונג פון אזא אופגאבע. די איבערזעצונג האָט ער פּארטרויט עפּעס א יונגנמאן, וועלכער האָט לאכלוטן דערצו ניט געטויגט און האָט פארקריפּלט שעק־

ספירס טעקסט. ניט לייגנדיק קיין אכט אף אזא כילעל־האשעם, ווי די דאַזיקע איבערזעצונג, האָט זאַסלאַווסקי בעכיפּאָזנדיק, הענדעם־פּענדעם א וואלגער געטאָן אָט דעם „האמלעט״ ראכמאָנע־ליצלאָן אף די בינע־ברעטער... טאקע מאמעש אף לײַטיש געלעכטער. אָבער נאָך דעם, ווי דאָס איז געשען, ווען ער האָט זיך אָפּגעגעבן א קלאָרן דין־וועכעזשבן, וואָס ער האָט געמאכט פון שעקספּירס שעדעווער, האָט ער פארקאטשעט די ארבל און ערשט איצט גענומען שוין מיט געהעריקן ערנסט זיך פארטיפן אין „האמלעט״.

אין א צײַט ארום האָט שוין די געזעלשאפטלעכקײַט געקאָנט זיך דער־לויבן פּאָזיטיוו אָפּשאצן זאַסלאַווסקיס שפּיל אין „האמלעט״. וועגן דעם זאָגט איידעס דער אָפּרוף וועגן ספּעקטאקל אין „לאָדזער טאגעבלאט״, אינעם נומער 120 פונעם יאָר 1913:

„דער ספּעקטאקל איז געווען א ווירקלעכער יאָמטעוו ניט נאָר פאר די ארטיסטן, נאָר אויך פאר אלע פרײַנט און ליבהאָבער פון ייִדישן טעאטער. „האמלעט״ איז אויך אף דער יונגער ייִדישער בינע אין אלגעמיין אויסגע־פירט געוואָרן גוט, ערנסט, אָנשטענדיק. די הויפּט־ראָל — דער פּרינץ האמלעט אין דער אויספירונג פון זאַסלאַווסקי — איז געווען אויסגעצייכנט און האָט באפרידיקט אויך געניטע און דערפארענע טעאטער־באַ־זוכער״.

די דאָזיקע אָפּשאצונג איז איבערגעטריבן. די עמעסע מעווינים און זאַסלאַווסקי גופע האָבן געוווּסט, אז אין אָט דער סצענישער שאפונג פעלט זאַסלאַווסקין נאָך א היפּש ביסל צו שליימעס.

די געשיכטע פון טעאטער דערציילט אונדז וועגן א שלאל מוסטערן פון סצענישע האמלעט־פארקערפּערונגען. ס׳איז אַן אומופּהערלעכער פאר־מעסט פון געניאַלע און ניט־געניאַלע שוישפּילערס: ווער וועט ריכטי־קער באנעמען דאָס דאָזיקע אויסטערלישע געשטאלט, וואָס איז פול מיט סטירעס.

בארעכנט זיך: ס׳איז א מענטש מיט א גרויסער קולטור, אַן עכטער הומאניסט, א מענטש מיט א קרישטאָל־ריינעם געוויסן. אין אים קומט שטענדיק פאָר א פארביטערטער קאמף, א געראנגל מיט זיך אליין. עס פּײַניקן אים ספּייקעס, און עס ווערט אונטערגעריסן די פאראַנטוועט־קײַט פון זײַן ווילן. דאָס אלץ מוז דער אקטיאָר אין זײַן סצענישער פאר־קערפּערונג וואָרהאפטיק שילדערן. דערבײַ קומען אוף א ריי פראגן: וואָס איז וויכטיקער באטאָנען אין האמלעטן — דעם דענקער צי דעם נעקאָמע־נעמער? דעם איבערגעגעבענעם זון, וועלכער טרוימט מיט אזא ייִראַס־האקאָווד וועגן זײַן אומגעקומענעם פאָטער, צי דעם גרויזאמען נעקאָמע־

נעמער, וועלכער שטעכט די מוטער מיט זײַנע גאַליקע פאָרווורפן, ווי מיט שפּיזן? דעם האַרציקן פרײַנט און פאַרערער פון אָפעליע צי דעם מערדער פון איר פאָטער?

פון בעלינסקיס געניער באַשרײַבונג, ווי אַזוי דער גרויסער רוסישער אַקטיאָר מאָטשאַלאָוו האָט געשפּילט האַמלעטן, איז באַוווּסט, אַז מאָטשאַלאָוו האָט אין דער סצענע, ווו ער דעמאַסקירט דעם קיניג (קימאַט ווי געכאַפּט בײַ דער האַנט דעם מערדער פונעם פאָטער!), ניט געהאַט צו זיך קיין גלײַכן — אַזוי גענ׳אַל האָט ער דאָ געשילדערט האַמלעטן דעם נעקאָמע־נעמער. אָבער וואָס שײַעך דעם צענטראַלן מאָנאָלאָג „זײַן אָדער ניט זײַן”, ווו האַמלעט דערשײַנט פאַר אונדז ווי אַ גרויסער דענקער, האָט מאָטשאַלאָוו (לויט בעלינסקיס גווּ׳עס־אײדעס) זיך באַוויזן נידעריקער פון זײַנע מעגלעכקײַטן... מאַשמאָעס, אַז אופּאַסן און פאַרקערפּערן ריכטיק דעם גאַנצן קאָמפּלעקס, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס האַמלעט־געשטאַלט, איז אומגעהייער שווער.

זאַסלאַווסקין האָט זײַן אינערלעכער כּוש אונטערגעזאָגט, אַז האַמלעטן איז פאַר אים מעגלעך שילדערן בלויז אין אַ געוויסן אַספּעקט: בלויז אין דער באַלויכטונג, וואָס איז אים מער צום האַרצן געווען און וואָס איז מער אייגנטימלעך זײַן אַקטיאָרישער סטיכיי.

יאָ, האַמלעט דער נעקאָמע־נעמער האָט, ווײַזט אויס, ניט צוגעצויגן זאַסלאַווסקיס אַקטיאָרישן טעמפּעראַמענט... דאָס לירישע, דאָס געדאַנקלעכע — אָט וואָס זאַסלאַווסקין האָט אין דער דאָזיקער ראָל געריירט און באַגײַסטערט! אין אָט די מאָמענטן פון האַמלעטס וועלט־באַאָבאַכטונג פלעגן בײַ זאַסלאַווסקין אויסוואַקסן פליגל...

אָבער ווי דערטראָגט מען אַזאַ ראַפינירטן, מיט טיפע מאַכשאָוועס אָנגעזעטיקטן טעקסט צו די צושויער, בעשאַס די איבערזעצונג פאַרנעפּלט לעגאַמרע דעם זין פון שעקספּירס דיכטערישע שורעס? מיר געדענקען, וואָס פאַר אַ גרויסער בײַטראָג אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז געווען האַלקינס וווּנדערבאַרע איבערזעצונג פון „קיניג ליר”. האַלקינס „קיניג ליר” אין ייִדיש איז דאָך אַן עמעסע אַנטפּלעקונג! און ווי גליקלעך איז דער סאָוועטישער טעאַטער, וואָס פאַרמאָגט די גענ׳אַלע שעקספּירס טראַגעדיעס אין באָריס פּאַסטערנאַקס איבערזעצונג!

איז וואָס פאַר אַ ברייִרע האָט אַ באַגאַבטער אַקטיאָר אין דעם פאַל, ווען אים קומט אויס האָבן צו טאָן מיט אַ שלעכטער איבערזעצונג? בלײַבט איין אויסוועג: זיך פאַרלאָזן אַף דעם קלייזײַען, וואָס די נאַטור האָט אים געשענקט — אַף די טעכנישע מיטלען, וואָס זײַן באַגאַבונג און דערפאַרונג פאַרמאָגן...

דעריבער איז זאַסלאַווסקין שפּילן האַמלעטן אַלע מאָל געווען אַ שווערער, אַ פּײַנלעכער גיסאָיען: די האַרבע „איוורע״ פּונעם שלעכט איבערגעזעצטן טעקסט האָט געקאָנט דערגיין צום צושויער בלויז מיט דער הילף פֿון אַן אָנגעשטרענגטער שטים, פֿון זייער אַן אויסדריקלעכער מימיק, פֿון קלוג אויסגערעכנטע פּאָזעס און טרעפֿלעך געפֿונענע פּאַוזעס. די רײַכע גאַמע שטים־רעסורסן, די מוזיק פֿון זײַן דיאַלאָג פֿלעגן אַלע מאָל באַצויבערן די מער־ווייניקער קוואַליפֿיצירטע צושויער. אָף זיי האָט טאַקע זאַסלאַווסקי געלייגט זײַנע האָפֿענונגען, ווען עס האָט געהאַלטן בײַ די סצענעס פֿון האַמלעטס כעזשבן־האַנעפֿעש.

די אינטערעסאַנטע אידייען, די אָנגעגליטע לײַדנשאַפֿטן, מיט וועלכע עס זײַנען אָנגעזעטיקט אַזעלכע פּיעסן, ווי „האַמלעט״, „אוריעל אַקאָסטאַ״, „די געשפּענסטער״, „קין״, סטרינדבערגס „דער פֿאָטער״, פֿלעגן אָפֿט ניט זײַן צוטריטלעך פֿאַר אייניקע שיכטן צושויער פֿון דער ייִדישער מאַסע. ווײַל לאָמיר זיך ניט נאַרן: דעם ייִדישן טעאַטער האָט צומייַנסטנס באַזוכט דער מיטעלער קלאַס — קליינהענדלער, באַלמעלאָכעס, ייִדישע האַלב־אינטעליגענטן.

דעריבער פֿלעגט אין די פּראָווינציעלע שטעט זאַסלאַווסקין ניט אַלע מאָל געלינגען צו האָבן אַ פֿולן זאַל צושויער אָף די ספּעקטאַקלען, ווען ער פֿלעגט אופֿירן פּיעסן פֿון דער קלאַסישער דראַמאַטורגיע. ס׳איז באַוווּסט, אַז אַן אַקטיאָר, וועלכער איז מיט לײַב און לעבן איבערגעגעבן דער טעאַטער־קונסט, קימערט זיך מער מיקויעך דעם, צי איז דער צושויער־זאַל געפּאַקט, ווי וועגן דער קאַסע. זאָל דער צושויער־זאַל אָף צוויי דריטל זײַן פֿול מיט אומזיסטיקע צושויער, אַבי ס׳איז דאָ אַ גרויסער אוילעם.

זאַסלאַווסקי פֿלעגט שפּילן מיט היסלײַוועס, ווען ער האָט געוווּסט, אַז אינעם צושויער־זאַל זיצן זײַנע „כסידים״, וואָס שאַצן הויך זײַן קונסט.

„אָט צוליב זיי, — פֿלעגט ער זאָגן, — איז קעדײַ אַ פֿלי טאָן אין די הימלען״.

אויב אין טעאַטער איז צווישן דעם אוילעם געזעסן איין מענטש, וואָס פֿאַר אים האָט זאַסלאַווסקי געהאַט אָפּשײַ, פֿלעגט די טעמפּעראַטור אינעם בינע־כאָלעל אַ שפּרונג טאָן ביז גאָר אַ הויכן גראַד. אַזוינס איז, צום בײַשפּיל, פֿאָרגעקומען, ווען אין טעאַטער איז — לויט זאַסלאַווסקיס אײַנלאַדונג — געקומען דער רוסישער באַרימטער אַקטיאָר פּ. אָרלעניעוו.

זאסלאווסקי פלעגט זיך פארגינען אָפטמאָל איבערײַסן זײַנע אייגענע גאסטראָלן און זיך לאָזן אין די שטעט, ווו אָרלעניעוו האָט גאסטראָלירט — קוקן, ווי אָט דער אקטיאָר שפּילט. ער האָט אזוינס געטאָן ניט נאָר בענעגייע אָרלעניעוון. ער פלעגט נאָכפאָרן דעם בארימטן טראגיקער מאמאָנט דאלסקי, די באוווסטע גרויסע אקטיאָרן איוואנאָוו־קאזיעלסקי, אנדרייעוו־בורלאק. זיי פלעגן אין אים אָנצינדן די לײַדנשאפט צו טראגעדיע, צו די קלאסישע פּיעסן.

זאסלאווסקי האָט מיט גרויס דערעכערעץ זיך באצויגן צו די וועלט־בארימטע פּיעסן, וועלכע ער פלעגט בא זיך אין טרופּע אופירן. מע קאָן זאָגן — מאמעש ווי צו א הייליקטום. און דאָך פלעגט טרעפן, אז זאסלאווסקיס גרײַלעכער עגאָצענטריזם פלעגט ברעכן אפילע אָט די אײַזערנע וואנט.

מע שפּילט „אוריִעל אקאָסטא". ווי אלעמאָל, האָט זאסלאווסקי געשפּילט די צענטראלע ראָל. אינעם לעצטן אקט איז פאראן אן עפּיזאָד, ווו אקאָסטא נידערט פון טרעפּ מיט א רעוואָלווער אין האנט — ער גרייט זיך מאכן א סאָף צו זײַן אייגענעם לעבן. ער גייט ארײַן אינעם צימער, ווו עס שטייט דע־סילווא און ווו יעהודיס (אקאָסטאס געליבטע) ליגט א טויטע. דאָ באדארף אקאָסטא באגיין זעלבסטמאָרד, דע־סילווא האָט דאָ א מאָנאָלאָג, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „צוויי קאָרבאָנעס זײַנען אין אונדזער קעהילע געפאלן..." און אזוי ווײַטער.

וואָס טוט זאסלאווסקי? ער שיסט אין דע־סילווא.

וואָס איז געבליבן טאָן דעם אקטיאָר, וואָס האָט געשפּילט דע־סילווא? פאלט ער, און זאסלאווסקי נעמט אויספּילן דעם מאָנאָלאָג — „צוויי קאָרבאָנעס"...

אז דער ספּעקטאקל האָט זיך פארענדיקט, זײַנען צו זאסלאווסקיִן צוגעלאָפן זײַנע מעקוראָווים (צווישן זיי — רוסישע סצענישע טוער) און גענומען ליארעמען: „גוואלד, גאזלען, וואָס האָסטו געטאָן? האָסט דאָך פארגוואלדיקט דעם אווטאָר — גוצקאָוון!!" — ענטפערט זיי זאסלאווסקי:

— וואָס זשע דען האָט איר געוואָלט? איך שפּיל אינעם ספּעקטאקל די הויפּט־ראָל — זאָל איך דעם פינאלן און עפעקטפולן מאָנאָלאָג אָפּגעבן עמעצן אנדערש?

זאסלאווסקי איז געווען ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער, וואָס האָט זיך דערלויבט אזוי אזעסדיק זיך איזדעקעווען איבערן צושויער. אָט אזעלכע אומגעלומפּערטע געגנג האָט גוירעם געווען דער אומגעהייערער פארדראָס, וואָס האָט שטענדיק געשטורעמט אין די הערצער פון פיל

גרויסע ייִדישע אַקטיאָרן מאַכמעס דער אָפּגעשטאַנענקייט פון גרויסע מאַסן ניט אַנטוויקלטע צושויער.

זאַסלאַווסקי האָט מיטן גאַנצן האַרצן געשלעפּט די ייִדישע מאַסע צו הויכער, פּראָבלעמען־רײַכער דראַמאַטורגיע — און דאָס ראָוו צושויער זײַנען געלאָפן זיך קוויקן מיט „כינקע־פּינקע", מיט „מאַלקעלע סאָלדאַט", מיט „וועלוול עסט קאָמפּאָט"...

זאַסלאַווסקי פלעגט טיילמאָל זײַן געצוווּנגען צו פאַלן אַף כיטרע האַמצאָעס, ביכדיי צו פאַרנאַרן דעם אוילעם אַף אַן ערנסטן ספּעקטאַקל. וועגן איינעם אַזאַ פאַל האָט מיר דערציילט דער אַקטיאָר מ. בראַודע.

זאַסלאַווסקי קומט מיט זײַן טרופּע קיין מאָהילעוו. ער באַפעלט צע־הענגען אַפישן, ווו ער איז מודיִע דעם אוילעם, אַז די ערשטע צוויי אָוונטן שפּילט זײַן טרופּע גאַרדינס „גאָט, מענטש און טײַוול" און „אוריִעל אַקאָסטאַ" מיטן אָנטייל פון ר. זאַסלאַווסקי. עס איז געבליבן איין שאָ ביזן אופהייבן דעם פאָרהאַנג. און בילעטן האָט די קאַסע פאַרקויפט סאַכאַקל — זעקס. האָט מען געמוזט אָפּשאַפן דעם ערשטן ספּעקטאַקל. צומאָרגנס כאַזערט זיך איבער די זעלבע געשיכטע. זאַסלאַווסקי זאַמלט צונויף זײַן איבערגעשראָקענע כעווורע און מעלדעט זיי:

— אָט וועט איר זען, אַז מאָרגן וועט אונדזער צושויער־זאַל זײַן פול, — און ער באַפעלט צעהענגען אַן אַפיש, ווו עס ווערט געמאָלדן, אַז מע שפּילט „אוריִעל אַקאָסטאַ" און דער אַרײַנגאַנג איז פרײַ.

און קאַכהאַווע: ס'איז געבליבן אַ האַלבע שאָ ביזן עפענען דעם פאָר־האַנג, און דער צושויער־זאַל איז געפּאַקט.

די אַקטיאָרן גרימירן זיך, בלויז זאַסלאַווסקי גופע האָט אַפילע ניט אָנגעהויבן זיך צו גרימירן. ער לאָזט זיך אַוועק אַף דער אַוואַנסצענע בײַ אַ פאַרמאַכטן פאָרהאַנג, הייבט אוף די רעכטע האַנט און נעמט שמועסן מיטן אוילעם:

— וואָס מיינט איר, — זאָגט ער, — רודאָלף זאַסלאַווסקי וועט אײַך שפּילן אַקאָסטאַ, און איר וועט זיך מאַכן ניט־ווייסנדיק און קיין קאָפּקע זיך ניט לאָזן קאָסטן? ווי שעמט איר אײַך ניט? אַ בולקע, אַז איר גייט קויפן אין קלייט, קומט אײַך אַפילע אַפן געדאַנק ניט אַרוף, אַז איר וועט זי אומזיסט קריגן, און דאָ, ווו מענטשן גיבן אײַך אָפּ בעשאַסן שפּילן אַ שטיק האַרץ, ווילט איר ניט אַ טראַכט טאָן, אַז דאָס זײַנען ניט קיין מאַ־לאָכים און אַז נאָכן שפּילן באַדאַרפן זיי וועטשערע עסן. גייט, זײַט מויכל, שטעלט זיך אַוועק אין דער ריי, קויפט בילעטן, און אין אַ שאָ אַרום וועלן מיר אופהייבן דעם פאָרהאַנג, און איר וועט אַזעלכס

דערזען און הערן, אז איר וועט קיינמאָל אָט דעם אָוונט ניט פארגעסן.

אָט די ווענדונג פון זאסלאַווסקין האָט געהאט א פּולע, און דער אוילעם האָט זיך א לאָז געטאָן קויפן בילעטן. זאסלאַווסקי איז אוועק זיך גרימירן.

פון דעם טאָג אָן איז אוועק ניט קיין שלעכטער באזוך פון די ספּעק־טאקלען, און די שטימונג בא די אקטיאָרן איז געוואָרן א געהויבענע.

פון דעם, וואָס דאָ איז דערציילט, איז קלאָר, אז ר. זאסלאַווסקי האָט באלאנגט צום טיפּ קינסטלער, וואָס מע רופט — א שווערער מענטש. צוריק שמועסנדיק, קאָן מען אים זייער פיל מוחל זײַן, ווען מע דערמאָנט זיך, וויפל הארץ, וויפל נעשאָמע האָט אָט דער אקטיאָר אָפּגעגעבן, ביכדיי צו באשאפן אזא אויסטערלישע פיגור, ווי זײַן טעוויע דער מילכיקער. וויפל ליבשאפט און דערעכערעץ צום יידישן הארעפּאשניק האָט באדארפט ברויזן אין זאסלאַווסקיס גאנצן וועזן, אז עס זאָל באשיינען די יידישע בינע אזא קונסט־ווערק, ווי זײַן טעוויע!

ניט אומזיסט האָט ער ערעוו זײַן פּטירע געבעטן, מע זאָל אים באהאלטן אין זײַן סצענישן טעוויע־לעוווש... אפילע מיט טעוויעס בײַטש!

* * *

טרויעריק איז געווען דער לעצטער אקאָרד פון זאסלאַווסקיס לעבנ־סימפאָניע. ער איז געוואָרן אן עכטער יוירעד. אין אלע הינזיכטן. די סיבעס זײַנען קלאָר פאר יעדן, וואָס האָט אופמערקזאם געלייענט אונדזער אָפּהאנדלונג. צו פרי, פאר דער צײַט האָט זאסלאַווסקי זיך געזעגנט מיטן לעבן, אָט פונקט ווי מאמאָנט דאלסקי (פּיאָדאָר שאליאפּינס לערער!) איז פאר דער צײַט אומגעקומען... עס האנדלט זיך ניט וועגן זײַן קאַ־טאסטראָפאלן פיזישן אומקום, נאָר וועגן דער גײַסטיקער יערידע אינעם לעצטן פאזיס פון זײַן לעבן. א גרויסן באדויערן רופט אויך ארויס דער שאָפלדיקער אונטערגאנג פון אזא געניאלן אקטיאָר, ווי מיכאיל טשעכאָוו, וועמעס טאלאנט עס האָט אזוי זיך פאנאנדערגעבליט, קאָלזמאן ער איז געווען ענג פארבונדן מיטן מאָסקווער קינסטלערישן טעאטער.

יעדער פון אָט די דרײַ האָט בעשײַטע זויכע געווען צו שטײַגן צו די העכסטע בארג־שפּיצן פון קונסט. פאר יעדן פון זיי איז געווען אָפן א ברייטער שליאך צו פאָלקס־אנערקענונג, צו אומפארגעסלעכקײַט... און יעדער פון אָט די דרײַ מעכטיקע טאלאנטן האָט זיך פארבלאָנדזשעט אף

די וועגן און אומוועגן פונעם אנארכאָ־אינדיווידואליזם. און אויב אין אמעריקע און אייניקע אייראָפּעיִשע לענדער זײַנען גרויסע אקטיאָרן גע־וואָרן פאַרפירט פונעם סטאַריזם[1], זײַנען דאָ, בא אונדז, אזעלכע מערק־ווירדיקע קונסט־טוער, ווי דאַלסקי, טשעכאָוו און זאסלאַווסקי, געפאלן א קאָרבן פון זייער גלײַכגילטיקײַט צו די גראַנדיִעזע, נײַע געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן.

דאָך וואָלט געווען ניט ריכטיק צו באַהויפּטן, אז רוּוון (רודאָלף) זאַ־סלאַווסקי האָט קיין שום שפּור ניט איבערגעלאָזן אין דער קולטור־געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק.

---

[1] סטאַריזם איז אזא מין דערשײַנונג אין דער סוויווע פון סצענישע טוער, ווען א זייער באַגאַבטער אקטיאָר (אָדער אקטריסע) טיילט זיך באַזונדערס אויס אין דער טרופּע און ווערט פאַקטיש א דיקטאַטאָר אינעם קאָלעקטיוו. סטאַר — באַטײַט אין ענגליש א שטערן, א ליכט־קוואַל.

קלאַרע יונג

נאָך איידער איך האָב געזען קלאַרע יונג און זיך מיט איר באַקאַנט, האָב איך שוין אַ סאַך וועגן איר געהערט. דאָוויד פּרישמאַנס אַן אַרטיקל נאָך אין דער וואַרשעווער צײַטונג „הײַנט" האָט אַרויסגערופֿן מײַן אינ־טערעס צו דער אַקטריסע, ווײַל איך האָב דעמלט באַטראַכט פּרישמאַנען, ווי אַן אויטאָריטעט אין הילכעס קונסט. דעריבער בין איך באַזונדערס אויפֿגערעגט געווען, ווען איך בין אין אַ זומערדיקן אָוונט אין יול 1927 געקומען אינעם מאָסקווער פּאַרק „ערמיטאַזש", וווּ עס זײַנען פֿאָרגעקומען די גאַסטראָלן פֿון קלאַרע יונג. ס'איז געווען אַ מעכטײַעדיקער אָוונט. אַזאַ רויִקער אַרום, און אַ שלאַל בונטע, דופֿטיקע בלומען. אָבער מיר איז אַלץ ניט אָנגעגאַן. מיך האָט באַהערשט איין באַגער: דערזען מיט מײַנע אויגן די קישעפֿמאַכערן, צו וועלכער עס האָבן זיך געצויגן פֿילצאָליקע ייִדישע צושויער.

לעבן דעם געבײַ, וווּ עס זײַנען פֿאָרגעקומען די ספּעקטאַקלען פֿון קלאַרע יונגס טרופּע, האָב איך דערזען אַ מענטשן אין די מיטעלע יאָרן. ווען איך באַגעגן אַזאַ פֿאַרשוין ערגעץ אין גאַס, וואָלט איך פֿאַרבײַגע־גאַנגען אָן אַ שום אינטערעס. אָף אַזויפֿיל באַשיידן איז געווען זײַן אויס־זען. איבערהויפּט — די האַלבאָשע. אויפֿן קאָפּ — אַ ביליקער צעקנייטשטער גרויער קאַרטוז, וואָס פּאַסט פֿאַר אַ דורכשניטלעכן מאַרק־פּעדלער. דאָס פּידזשאַקל — אַ צוגעטראָגנס, פֿון אַן אומבאַשטימטן קאָליר, די הויזן לײַוונטענע, ווײַזט אויס, שוין לאַנג ניט געפּרעסט. איך טו אַ טראַכט, צי עס לוינט זיך אַ פֿרעג טאָן בײַ אים, וווּ קאָן איך דאָ זען בויעז יונגוויצן, דעם ראָש פֿון קלאַרע יונגס טרופּע. איידער איך עפֿן דאָס מויל אים צו פֿרעגן, רופֿט ער זיך אָן צו מיר:

— וועמען באַדאַרפֿט איר דאָ?

— איך זוך, — ענטפֿער איך אים, — דעם פֿאַרוואַלטער פֿון דער ייִדי־שער טרופּע בויעז יונגוויצן.

— איר פֿאַרשפּאָרט שוין זוכן, איך בין בויעז יונגוויץ. ווער זענט איר און וואָס ווילט איר זאָגן?

איך רעקאָמענדיר זיך.

— א, זייער איַינגענעם. זענט איר, הייסט עס, ליובאָמירסקי? איז עס טאקע איַיער ביכל — „דער רעוואָליוציאָנערער טעאטער"?

— יאָ, דאָס האָב איך דאָ ניט לאנג אָט דעם בוך ארויסגעגעבן.

— איך האָב מיט אינטערעס געלייענט איַיער ווערק. איר זענט, ווי איך שטעל מיר פאָר, ניט קיין אקטיאָר און ניט קיין דראמאטורג. איך מוז איַיך זאָגן: איר זענט אין מיַין פאָרשטעלונג א דרייסטער קריטיקער. אזוי שארף קריטיקירן מייערכאָלדן! נו, און מיט אונדזערע ספעקטאקלען האָט איר זיך שוין באקענט?

— ניין, לעסאטע נאָך ניט. איידער איך וועל צוטרעטן צו באטראכטן איַיערע ספעקטאקלען, וויל איך זען קלארע יונג אויסער דער בינע.

— דאָס איז איַיער זאָך.

ער כאפט א קוק אף זיַין האנט־זייגערל און רופט זיך אָן צו מיר:

— אָט באלד דארף זי קומען. ס'איז שוין נאָך אכט. איך ווייס ניט, צי עס וועט איַיך געלינגען צו כאפן מיט איר א שמועס. זייער ווייניק ביזן אָנהייב. שא, אָט גייט זי טאקע!

איך טו א קוק: אין דער באגלייטונג פון צוויי פרויען דערנעענטערט זיך צו אונדז א מיטלוווקסיקע פרוי, לויטן ערשטן איַינדרוק — א יונגע.

— קלארעניו! ווו האָסטו זיך אזוי לאנג פארהאלטן? ס'איז דאָך שפעט, מע באדארף שוין אָנהייבן.

קלארע יונג ענטפערט קיין וואָרט, זי שפאנט האסטיק צו איינער פון די הינטערשטע טירן פון דער טעאטער־געביַידע. דאָ איז איר גארדעראָב־צימער. אירע באגלייטער פארלאָזן זי. קלארע טוט אָן עפן די טיר, טרעט אריבער די שוועל און פארמאכט די טיר.

— נו, — ווענד איך זיך צו יונגוויצן, — אף איַיך טאקע האָב איך געלייגט מיַין האָפענונג. טוט מיר די טויווע און באקענט מיך מיט איר.

— מעכעטייסע, — זאָגט ער, — קומט, וועל איך איַיך רעקאָמענדירן.

ער גיט מיך א נעם אונטערן אָרעם, פירט מיך צו צום גארדעראָב־צימער פון דער אקטריסע און קלאפט אָן אין טיר.

די טיר עפנט זיך. יונגוויץ שטעלט מיך פאָר:

— זיַיט באקאנט, — ער טרעט אריבער די שוועל, פארמאכט הינטער זיך די טיר.

דער צימער איז ביז גאָר העל באלויכטן. איך בין אופגערעגט. מיר שטעלט זיך פאָר, אז איך זע אָן אויסטערליש געשטאלט אין א צויבער־

שפיגל: בלויע אויגן, ווונדערבארע בלאָנדע האָר, פּאַשעט פּארקעמט. איר גראציעזע פיגור באכיינט א הימל־קאָלירניק קלייד.

און דעריקער — די באגײַסטערונג, וואָס הויערט אף איר פּאָנעם. מיר דוכט זיך, אז זי איז שוין מעגולגל געוואָרן אין דער אמעריקאנערן, וואָס עס שטייט איר פּאָר באלד צו שפּילן. מיר דוכט זיך, אז זי זעט שוין אין אָט די רעגעס קיינעם ניט אויסער דער פרוי, אין וועלכער זי באדארף זיך פארוואנדלען. איך דערשפּיר, אז איך בין דאָ לאכלוטן איבעריק, און איך וואג ניט קיין וואָרט פון מויל ארויסצוברענגען. ס׳איז דאָך בעעמעס א כילעל־האשעם מיט סטאנדארטע פראגן צעבויטען איר שטימונג. בא מיר האָט געקלעקט מוט נאָר א זאָג טאָן:

— אנטשולדיקט, איך פארשטיי, אז אונדזער שמועס מוז מען אָפּלייגן.

א ליבער שמייכל האָט באשײַנט איר פּאָנעם.

— איך בין אײַך דאנקבאר. ביטע, קומט ארײַן אין איינעם פון די נאָענטסטע טעג, בעשאס רעפּעטיציע, באטאָג.

אָפּגעזעגנט זיך, בין איך ארויס פון איר גארדעראָב־צימער און האָב פארנומען אן אָרט אין צושויער־זאל. אין עטלעכע מינוט ארום האָב איך שוין דערזען די אקטריסע אף דער בינע. די וויבראציעס פון איר שטים דערשיטערן מיט זייער עמאָציאָנעלער קראפט, מיט זייער לײַדנשאפט־לעכקײַט.

„דאָס איז די דאמע פון בראָדוויי".

יאָ, דאָס איז דאָך דער רעפרען פון דער באוווסטער אריע, ווו עס ווערט געשילדערט דער גורל פון דער געפאלענער געוועזענער צויבער־האפטער פרוי... מיט א פארכאפּטן אָטעם הער איך זיך אײַן אין אָט די הארציקע טענער.

געוועז אין מײַן לעבן ניט ווייניק מאָמענטן, ווען עכטע קונסט פלעגט בא מיר ארויסרופן א גוואלדיקע אופרעגונג — אזא צושטאנד, ווען א מענטש זאָגט זיך אליין: „איך בין אזוי גליקלעך, אז מער פעלט מיר גאָרניט".

איך וויל זיך דערמאָנען, ווען נאָך האָב איך איבערגעלעבט אזא גוואל־דיקן באהעפט מיט קונסט, ווען דו פארגעסט אלע גרויסע און קליינע דײַ־געס, וואָס דאָס לעבן טראָגט אונטער יעדן טאָג מיט דער ברייטער האנט.

יאָ, דאָס איז געוועזן, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט קארוזאָ זינגען די אריע פון נאדיר אין דער אָפּערע פון ביזע „די פּערלזוכער"! בין איך גרייט געווען צו קושן און האלדזן יעדן מענטשן, וואָס וואָלט זיך מיט מיר אין אָט דער גליקלעכער שאָ באגעגנט.

* * *

אין א היפּש ביסל פּיעסן האָט קלארע יונג געשפּילט: אוואדע אין דרײַ הונדערט, אויב ניט מער. אין דעם פּיעסע־צעטל פארנעמען א בעקאָוועדיקן פּלאץ די גרעסטע וועלט־דראמאטורגן — שעקספּיר, גאָלדאָני און אנדערע. זי האָט געשפּילט קאָרדעליִא אין „קיניג ליר“, זשעסיקא אין „שײַלאָק“, און דערצו נאָך מיט אזא פארטניאָר, ווי דער בארימטער טראגיקער שילדקרויט. געשפּילט האָט זי אויך אין די פּיעסן פון אזעלכע פּאָפּולערע דראמאטורגן, ווי זודערמאן און יאנקעוו גאָרדין. אָבער קוינע־שעם געוועזן האָט זי זיך מיט איר שפּיל אין א ריי יִדישע אָפּערעטן, באזונדערס אין די, וואָס איר באָענטסטער דראמאטורג בויעז יונגוויץ האָט פאר איר אָנגעשריבן אָדער באארבעט: „דזשײַקעלע בלאָפער“, „דאָס זעקסטע ווײַב“, „שא, דער רעבע פאָרט“, „זײַן ווײַבס מאן“.

ווי יעדער גרויסער, עכטער אַקטיאָר (אָדער אקטריסע), האָט קלארע יונג פארמאָגט איר באליבטע טעמע, וואָס פלעגט זי באגײַסטערן. עס האָט זי קעסיידער געצויגן צו דער לאגע פון א פרוי אין דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט, ווו אלץ קויפט מען און מע פארקויפט פאר געלט: ליבע, מענטשן־ווירדע און אפילע טאלאנט.

קלארע יונג פלעגט שפּילן איבערהויפּט א יונגע פרוי, וואָס ראנגלט זיך פאר איר גליק. אין אָט דעם געראנגל לאָזט זי אין גאנג קאָלערליי האמצאָעס, אף וועלכע עס איז פייִק א בורזשואזע פרוי: כיטרע געניג, שמאדשטיק, קאָקעטישע קיינדעלעך. באדארף זי בא דער נאָז פירן אירע קעגנער — איז זי ניט פויל זיך פארמאסקירן. דער צושויער ווערט אלעמאָל איבערראשט פון אירע אײַנפאלן: ווי זי דרייט זיך עס מאמזעריש אויס פון פארשיידענע ריזיקאלע סיטואציעס. מע גאפט, צוקוקנדיק זיך צו איר אומויסשעפּלעכער לעבנס־לוסטיקײַט. מע קוועלט אָן פון איר גיפטיקער איראָניע בענעגייע אירע סאָנים, וועלכע זי מאכט צום נאר. זי נעמט אויס מיט איר שטענדיקן דראנג זיך פארשלייערן.

איך געדענק אזא פאקט: אײנמאָל (דאָס האָט פּאסירט אין מאָסקווע אינעם יאָר 1944) בין איך צו איר אהיים געקומען מיקויעך א געזעגלשאפטלעכן איניען. אינדערפרי איז עס געוועזן — ארום 11 אזייגער. איך האָב זי געטראָפן אָנגעטאָן אין א זײַדענער געשטרײַפטער פּיזשאמע — הויזן און א רעקל פונעם זעלבן שטאָף.

א קורצע צײַט בין איך געשטאנען ווי פארכושט.

— עפּעס זעט איר מיר אויס, ווי צעמישט, — האָט קלארע יונג באמערקט.

— יאָ, איר האָט געטראָפן: איך האָב מיך דערמאָנט אין אײַער מאַניר אָפּט אויסנוצן אַף דער בינע הויזן. עפּשער איז שוין צײַט, נעמענדיק אין באַטראַכט אײַער עלטער, זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ סאָרט מאַסקאַראַד — ווי מיינט איר?

— ליבער פרײַנט! טעאַטער האָט זיך זײַנע טראַדיציעס, זײַנע ווירקונגס־מיטלען; מאַסקירן זיך — דאָס איז שוין אַף דער בינע אַזאַ רעגילעס, וואָס אָפּזאָגן זיך דערפון איז שוין ניט שײַעך. כאָטש אַלעמען, האָט מיך די לע־בעדיקע ווירקלעכקײַט איבערצײַגט, אַז ניט נאָר אַף דער בינע, נאָר טאַקע אינעם אַלטעגלעכן לעבן קאָן מען צומאָל ניט אָפּזאָגן זיך פון מאַסקאַראַד.

אָט הערט, וואָס מיט קלאַרע יונג פּערזענלעך האָט פּאַסירט.

דאָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1911. דעמלט האָט זי צום ערשטן מאָל איבעראַשט דעם אַמעריקאַנער ברייטן צושויער־עולעם מיט איר זייער גע־לונגענעם אופטריט אין יונגוויטצעס איבעראַרבעטונג פון ה. מײַזלס „זײַן ווײַבס מאַן“. די קלאַנגען וועגן איר גרויסן דערפאָלג האָבן שנעל זיך פאַר־שפּרייט אין אייראָפּע. אַנגאַזשירט מען זי אין לאָנדאָן. אויך דאָ ווערט מען ניספּאָעל פון איר שפּיל. איז זיך מעיאַשעוו דער דירעקטאָר פונעם וואַרשעווער עליזעום־טעאַטער און רופט זי, לויט אַן אָפּמאַך, אַרויס קיין וואַרשע! קלאַרע יונג איז געווען זיכער, אַז עפּלבוים, דער דירעקטאָר פון וואַרשעווער ייִדישן טעאַטער, וועט זי אויפנעמען ווי אַ געוווּנטשענעם גאַסט. איר אויסזען בעשאַס דער באַגעגעניש מיט אים איז גראָד געווען ביז גאָר אַ באַשיידענער: ניט אויסגעפּוצט, ניט געפּודערט זיך און דערצו אויס־געמאַטערט פון שלאָפלאָזע נעכט. אַ דאַרינקע, אַ מאָגערע. דער גרינער ראָק, אין וועלכן זי האָט זיך געיאַוועט צו עפּלבוימען, האָט איר קיין כיין ניט צוגעגעבן. פּונקט פאַרקערט: ער האָט געוואָרפן אַ גרינלעכן אָפּגלאַנץ אַף אירע אײַנגעפאַלענע באַקן. פון אַזאַ „פּרימאַדאָנע“ איז עפּלבוימען גע־וואָרן פינצטער אין די אויגן, און ער האָט גענומען זי אײַנריידן, זי זאָל פאַרקערעווען דעם דישל אַף צוריק.

„סטײַטש, — האָט געטײַנעט די אַקטריסע, — אַזויפיל געלט געפּאַטערט אַף הוצאָעס און פיל צײַט פאַרטריבן, זיך געהעצקעט פון לאָנדאָן אַהער, נו, און דער אָפּמאַך... שוואַרץ אַף ווײַס?!“

געזען, אַז ער קען זיך פון איר ניט אויסדרייען, האָט עפּלבוים אָפּגיך צונויפגעפּויקט אַ טרופּע פון אַ כאַפּטע אַקטיאָרן און מיט קלאַרע יונג זיי אָפּגעשיקט קיין לאָדזש, ווו עס האָט דעמלט ניט געשפּילט קיין ייִדי־שער טעאַטער. און דאָ האָט קלאַרע יונג דערוויזן, ווער זי איז. האָקיצער — אין דרײַ טעג אַרום האָט עפּלבוים זיך איבערצײַגט, אַז ער האָט זיך באַנאַ־רישט, און גענומען דרייען אַף צוריק: דאָס הייסט, האָכנאָעדיק, מיט גרויס

דערעכערעץ גענומען בעטן די גאסטראָליאָרקע זיך צוריקערן קיין װאַרשע. אָט די אָנשװילעכע לעקציע האָט די דאָזיקע ארטיסטן פארגעדענקט אף איר גאנצן לעבן.

אָפט פלעגן די סוזשעטן פון די קאָמעדיעס און אָפּערעטן, אין װעלכע זי האָט געשפּילט, זײַן נאַיװ, די סיטואַציעס — געקינצלטע, אומגעלומפּערטע, די פּערסאָנאַזשן — ניט קיין איבערגעשפּיצטע. אָבער װי נאָר קלארע יונג פלעגט זיך צו זיי א נעם טאָן, פלעגן די פּערסאָנאַזשן איבערגעאַנדערשט װערן — מאַמעש ניט צו דערקענען.

איר שפּיל פלעגט אופקאָכן, אופרודערן, פלעגט ארויסרופן א גרײַלעכן אינטערעס צו דעם פּארשױן, װאָס זי פלעגט פארקערפּערן אף דער בינע.

אָט נעמט, אשטייגער, „דזשײקעלע בלאָפער“, װוּ א יונגע פרױ איז געצװוּנגען זיך פארשטעלן און פארװאַנדלט װערן אין א יונגאַטש, אין א שטיװל־פּוצער. קוקט אים אָן — אָט דעם אָפּגעריסענעם, אָפּגעשליסענעם לומפּ, אָט דעם לאָבוס — איר װעט, דוכט, זיך, פאר אים קיין דרײַ גראָשן ניט געבן. נעמט די יונג און שטעלט פאר אײַערע אויגן אװעק א צױבערשפּיגל — איר שפּילעװדיקײַט, און איר דערזעט אין אָט דעם יאַנקעלע ליגנערל א מענטשן, װאָס איז אײַך זייער, זייער נאָענט, און ער װערט אײַך אײַנגעבאַקן אין האַרצן — אָט דער, מישטײנסגעזאָגט, גאָרנישט־שעבעגאָרנישט.

און מאָרגן קומט איר אין טעאַטער און דערזעט די זעלבע אקטריסע אין דעם געשטאַלט פון א געפאַלענער פרױ — אָפּן לעצטן שטאַפּל פון יערידע. און אײַער האַרץ הערט נישט אוף צו נאָגן: א באָענטע, אן אײגענע װערט אײַך די „דאַמע פון בראָדװײ“, אָט די פאַרפירערישע פרױ, װאָס איז אַזױ מאָלע־כײן געװען און איצט זינקט זי זיכער און אומפארמײַדלעך אין טהאָם ארײַן. די װיבראַציעס פון דער אקטריסעס שטים, װען זי זינגט — „אָט דאָס איז די דאַמע פון בראָדװײ“, זײַנען אַזױ עמאָציאָנעל אָנגעזעטיקט, זיי דרינגען ארײַן אַזױ טיף אין אײַער גאַנצן װעזן, אז דאָס האַרץ אײַערס צאַפּלט און צאַפּלט פיבערהאַפט.

„אָט דריקן אױס די אויגן פונעם צושױער גליק, שטראַלנדיקע פרײד, און אָט גיסן זיך טרערן אָן אופהער, טרערן פון אַנגסטן, פון מיטלײַד“, — דערציילט װעגן דער שפּיל פון קלארע יונג דער באַװוּסטער טעאַטער־קריטיקער א. ר. קוגעל אין זײַן רוסישן בוך „טעאַטראַלע פּראָפילן“.

„דאָס איז טאַקע אן אױסטערלישער ניצאָכן, — שרײַבט װעגן קלארע יונג דער מאָסקװער טעאַטער־פאָרשער ניקאָלײַ װאָלקאָװ, — אן אקטריסע זאָל אַזױ באַהערשן, אַזױ פארכאַפּן אלערליי מענטשן (אפילע ניט קיין ייִדן), װאָס פארשטייען נישט די שפּראַך, װאָס זי ברענגט ארױס פון איר

מויל״ (זע זײַן אַרטיקל אין דער רוסישער בראָשור „קלארא יונג״, וואָס איז דערשינען אינעם יאָר 1927).

דאָס זעלבע שרײַבט דער גרויסער קונסט־קענער אנאטאָלי לונאטשאר־סקי, דער ערשטער בילדונגס־קאָמיסאר פון דער ראטנמאכט:

„די ייִדישע שפּראַך איז מיר פרעמד, און האגאם איך קען דײַטש, דאָך איז מיר שווער געווען אופאסן דעם טעקסט פון דער פּיעסע. האָב איך מאשמאָעס צוגעקוקט די שפּיל פון קלאַרע יונג אין זייער נישט קיין גינ־סטיקע באדינגונגען, און דאָך איז דער אײַנדרוק אומפארגעסלעך. די שפּיל־מאנירן פון אָט דער אקטריסע זײַנען ביז גאָר פארשיידנארטיק. איך האָב די יונג געזען אין דעם געשטאלט פון אן אָפּגעריסענעם ייִנגל, דערנאָך אין דער ראָל פון א קאָקעטירנדיקער דאמע, וואָס זינגט א לידעלע וועגן א סיגארעטע. ווידער האָב איך זי געזען שפּילן א האמעטנע דאָרפס־מויד און א ווײַב א שלאק, וואָס ליארעמט און לאָזט נישט עטעמען איר אלטן מאַן דעם גוויר. און אלעמאָל האָט די יונג אײַך איבעראשט מיט שפּאָגל־נײַע אינטאָנאציעס, מיט נײַע טנועס און האוויַעס, וואָס זי האָט בערייִש אופּגע־פּאסט און עלעגאנט, פײַן דעם צושויער אונטערגעטראָגן. אלע מאָל האָט איר דערפילט איר לײַכטע איראָניע בענעגייע דעם אָדער יענעם ייִדישן טיפּ. און איר דיקציע, איר אויסשפּראך — זעלטן ווען האָב איך געהערט, א דיקציע זאָל אזוי מוזיקאל קלינגען. איר שטים האָט געקלונגען, ווי א זיל־בערן ריטשקעלע, דעריבער פלעגן אלע ווערטער, וואָס זי פלעגט פונעם מויל ארויסברענגען, קלינגען אזוי לײַכט, אזוי מעלאָדיש, אז אפילע נישט פארשטייענדיק, וואָס זי רעדט, האָט זיך געגלוסט זי הערן וואָס ווײַטער, אלץ מער״.

אזוי שרײַבט וועגן איר וואָרט־מוזיק א מענטש, וואָס די ייִדישע שפּראַך איז אים אומבאקאנט. איז שוין קיין כידעש ניט, וואָס ייִצכאָק־לייבוש פּע־רעץ פלעגט אָפּטמאָל זיך ארײַנכאפּן כאָטש אף א האלבער שאָ אין דעם טעאטער, ווו יונג האָט געשפּילט, און אף מאָרגן פלעגט ער איר זאָגן: „אוי, האָב איך האנאָע געהאט פון אײַער שיינעם ייִדיש! סארא כיטעך־האדיבער, סארא פּערלדיקע שפּראַך! א דאנק אײַך, א גרויסן דאנק!״

אָט די אלע שוואָכים, וואָס מיר האָבן דאָ נאָרוואָס ציטירט, גיבן א גאנץ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן די אייגנטימלעכקײַטן פון יונגס אקטיאָרי־שער באגאבונג. אָבער דאָס איז נאָך נישט אלץ. איר קונסט איז — כוץ אלעמען — דעריבער געווען אזוי ווירקעוודיק, וואָס זי איז געווען א כאַ־כאָמע, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס די נאטור האָט איר געשענקט א שארפן כוש, וויִאזוי מע דארף זיך האלטן אף דער בינע, אן אויסערגעוויינ־לעכן געפיל פון טאקט. שווער געווען צו געפינען נאָך אזא אקטריסע, וועל־

כע זאָל זײַן בעקויעך אזוי געשיקט זיך דורכשמוגלען פארבײַ גליטשיקע סיטואַציעס און אויסדרוקן, פּאָשעט גערעדט — צווייד״ײַטיקע כאָכמעלעך, וואָס זײַנען כאראקטעריסטיש פאר די קלאסישע און אנדערע אָפּערעטן. אי״ז טאקע גערעכט פערעץ מארקיש, ווען ער שרײַבט וועגן קלארע יונג:

„מערקווירדיק, ווי דער שונד־רעפּערטואר, וואָס געפינט זיך אין אומזאַץ פון דער ייִדישער אָפּערעטע, ווערט עפּעס פארטושט, ווען קלארע יונג רירט זיך צו אים צו...״

א ציניש פראַזע, וואָס זי באקומט פון דער סופליאָר־בודקע, פארדײַעט די יונג אזוי אגעוורכע, אומבאמערקט און לאָזט דעם צושויער זיך ניט אָפּשטעלן, נישט קאָנצענטרירן זיך אף דעם — זי גרײַפט אים גלײַך אָן (דעם צושויער) מיט א כוואַליע פון קינסטלערישע עמאָציעס, און דאָ צאָלט זי אים אָפּ פאר דער אוולע, וואָס זי איז בענעגייע אים באגאנגען, אָפּרויבנדיק בא אים דאָס ציניש, וואָס איניקע שיכטן צושויער לעקן דערפון די פינגער״ („ליטערארישע בלעטער״, נומער 25—26, יאָר 1924).

„דאָס ערשטע, וואָס איז באזונדערס ווערטפול, — שרײַבט נ. וואָלקאָוו, — ווען דו באוונדערסט איר מײַסטערשאפט, איז די אויסערגעוויינלעכע פינקטלעכקײַט און צוריקגעהאלטנקײַט פון אירע פלאסטישע מיטלען. איר טעמפּעראמענט ברעכט נישט און מאכט קיינמאָל נישט צעקראָכן דאָס אויסערלעכע געמעל.

זי ווארפט זיך נישט, זי שמיצט זיך נישט, זי באנוצט נישט קיינע ברייטע זשעסטן און בליצארטיקע איבערגאנגען, ווי אנדערע אקטריסעס. ק. יונג באגרענעצט זיך מיט קארגע קערפּער־צייכענונגען: א דריי מיט דער דלאָניע — אָנשטאָט א שווונג, א באוועגונג מיטן פינגער — אָנשטאָט א קער מיט דער דלאָניע. האקלאל, זי איז אין פראט פון שפּיל־מאנירן אויסערגעוויינלעך לאקאָניש״.

מע קאָן, מיין איך, זאָגן, אז צווישן אירע שפּיל־מאנירן און די מאנירן פון מיכאָעלסן איז געווען א געוויסע קרויוועשאפט.

אָט וואָס ער האָט אין איינעם פון זײַנע שמועסן מיט די מאָסקווער יונגע אקטיאָרן געזאָגט:

„אין די יונגע יאָרן האָט קלארע יונג פארמאָגט איר אייגענע קלינגעוורדיקע און לעבנסלוסטיקע טעמע: זי האָט מיט זיך געטראָגן מוטיקײַט. זי האָט געוועקט אינעם מענטשן א שטרעבונג צו לעבן און דערשפּירן די גוואלדיקע האנאָע פון יוגנט, פון זון, פון פרילינג. עס פלעגט פון איר שפּיל ווען־ניט־ווען א ווייע טאָן מיט סענטימענטאלקײַט. אָבער די פארומערטקײַט פלעגט — עלעהיי א לײַכט וואָלקנדל — דויערן א רעגע. און ווידער — פריילעך, לוסטיק. און אָט איז זי שוין 67 יאָר אלט און זינגט ווי־

דער וועגן פרילינג, וועגן זון, וועגן ליבע, וועגן יוגנט. און אויך איצט, ווען זי זינגט איר באַרימט לידעלע וועגן דער סיגאַרעטע, איז איר מײַסטערשאַפט, ווי פריִער, איבעראַשנדיק, אומפאַרגעסלעך. סאַרא עקספּרעסיע, ווי עס פאַרכאַפּט! נו, און איר טאַנצן... ווי זי טאַנצט עס!!"

מיר אַלע זײַנען אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון דער נאַטור. באַ יעדן פון אונדז ווערן די פיזישע קויכעס אונטערגעריסן אין די עלטערע יאָרן, און אויב אַן אַקטיאָר אָדער אַן אַקטריסע איז בעקויעך ווײַזן אַף דער בינע ווונדער אין עלטער פון 68 אָדער 70 יאָר, פאַרבלענדן אונדז די אויגן מיט אופגעשרויפטן יוגנטלעכן ברען, מיטן אימפּעט פון אַ 20־יאָריק מיידל — איז עס נאָך צו גלייבן. אַזעלכע וווּנדערבאַרע דערשײַנונגען זײַנען אונדז באַקאַנט פון דער אַלוועלטלעכער קונסט־געשיכטע. אַזעלכע באַריעשאַפטן פלעגט ווײַזן סאַראַ בערנאַר. אָבער ווען אַן אַקטיאָר אַ זאָקן אָדער אַן אַקטריסע אַ זקיינע קומט אַהיים נאָכן ספּעקטאַקל, און איר כאַפּט אַ קוק אַף אָט דעם שפּיל־פויגל אין זײַן שטייגערישער סוויווע, דערשפּירט איר שוין אין אָט דעם בינע־מעכאַשעף די מידקײַט, די צעבראָכנקײַט, וואָס הויערט איבער אַ מענטשן, וואָס עס האָט אַף זײַנע אַקסלען אַ שפּרונג געטאָן די עלטער, טוט איר אַ טראַכט: „נו, און קלאַרע יונג? איז עס אַף איר אויך כאַל געווען, בייס זי איז געווען אַ זקיינע? אָסער, צי מע האָט אַזוינס געקאָנט זאָגן. זי האָט פאַרמאָגט אַזאַ אומגעהייערע זעלבסט־דיסציפּלין, אַז ס'איז זייער שווער געווען אויסצוגעפינען אין איר הילעך, אין איר האַלטונג די סימאָנים פון אַלטקײַט".

איך געדענק אַזאַ פאַקט: איך בין צו איר אַהיים געקומען וועגן אַ געזעלשאַפטלעכן איניען. איר צימער איז געווען נישט קיין גרויסער. אַ היפּשן פּלאַץ האָט דאָ פאַרנומען אַ דיוואַן. דאָס איז, אייגנטלעך, געווען אויך איר געלעגער. פון אויבן, אַף דער אייבערשטער לײַסט פון אָט דעם דיוואַן, איז געווען צוגעמלאָכעט אַ מיניאַטיורער, אַ נידעריטשקער ביכערשראַנק, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט זייער שיינע ביכער־רוקנס, אַף וועלכע עס זײַנען געווען מיט גאָלדפאַרביקע אויסיעס אײַנקרוסטירט די נעמען פון אונדזערע ליבע, טײַערע: מענדעלע, שאָלעם־אַלייכעם, פּערעץ. בייס אונדזער שמועס האָב איך עפּעס ציטירט פון פּערעצן. קלאַרע האָט געטײַנעט, אַז מײַן ציטאַט איז נישט גאָר ריכטיק. זי טוט אַ שפּרונג אַפּן דיוואַן און באַקומט פונעם שראַנק אַרויס דעם באַטרעפנדן פּערעץ־באַנד. איצט באַדאַרף זי אַראָפּנידערן פונעם דיוואַן. זײַן אייבערשטער דעק איז אַף פּרוזשינעס. אָנבייגן זיך — מיטן רוקן צו מיר — לויַנט נישט אָט דער באַכאָמע פון קינסטלערישן געשמאַק. עס קאָן זיך באַקומען נישט קיין גראַציִעזע פּאָזע. און... קוקן קוקט אַף איר אַ מאַנצבל. וואָס טוט אונדזער

כאַכאָמע? זי שטעלט זיך אוועק אפן דיוואַן מיטן פּאָנעם צו מיר. שפּאַרט זיך צו מיטן רוקן צום ווענטל פונעם דיוואַן, די פּיס אירע נעמען בעהאַד־ראָגע זיך גליטשן איבער דער פלאַך פונעם פּליושענעם צודעק, און איר קערפּער נידערט פּאַמעלעך־פּאַמעלעך, ביז זי בלײַבט זיצן אפן דיוואַן. זי קוקט מיך אָן מיט א שעלמיש שמייכעלע, ווי איינער רעדט: „אהא, כ׳האָב דיר אָפּגעטאָן אף טערקיש, און ווייס: ס׳איז קלאָרע יונגג!״

מיר איז דאָס געפעלן, און איך זאָג איר:

— ווען איר האָט זיך ארויפגעגליטשט און א ווײַלע געבליבן זיצן, האָב איך אין אײַערע אויגן דערזען דאָס זעלבע קונדייסישע פײַערל, וואָס בא אײַער דזשייקעלע בלאָפּער האָט א שעמעריר געטאָן, בעשאַס איר האָט א זאָג געטאָן אײַער קליענט, א יונגן באָכערל: „ווײַז נאָר אהער דײַן ציגאַר, וועל איך א ציִ טאָן״. ווען איר שפּילט דזשייקעלען דעם שטיוול־פּוצער, ווילט זיך וויסן, ווו האָט איר אזוי בעריִש געפּאַקט און באַנומען אלע ווילױנגערישע פּאָסטעמקעס פון אזא מײַדים, ווי דזשייקעלע?

— אויב איר האָט שוין זיך פאַרינטערעסירט, פונוואַנען שטאַמען אָט די טנועס און האַווײַעס, וואָס איך דעמאָנסטריר בעשאַסן שפּילן דזשייקע־לען, וועל איך אײַך אופמישן א פּאָר זײַטעלעך פון מײַן קינדהײַט.

אין אונדזער געסל (אין זלאָטשעוו — מײַן געבורט־שטאָט) זײַנען בא איינעם פון אונדזערע שכײנים געווען דרײַ יינגלעך. מיט צוויי פון זיי — קימאַט אין דעם עלטער, וואָס איך, פלעג איך גערן זיך שפּילן. אלע זייערע יינגלשע גענג פלעג איך נאָכמאַכן. זיי זײַנען געווען ווילדע מאַזיקים. בא זייער טאַטן איז געווען א כאַוער, טאָדרעס האָט מען אים גערופן. געוווינט אף דער פּויערשער גאַס. ער האָט געהאַט א גאָרטן, ווו עס זײַנען גע־וואַקסן עפּל, בארן און אנדערע פּיירעס. זײַנען זיך מעיאַשעוו די צוויי קליינע יאַטן, וואָס איך האָב מיט זיי זיך געשפּילט, און ריידן צווישן זיך אָפּ ארויסגאַנווענען א קױשל עפּל פון טאָדרעסעס גאָרטן. איינער פון זיי האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן און מיר מעגאַלע־סאָד געווען, וואָס זיי האָבן פאַרטראַכט טאָן אינעם נאָענטסטן שאַבעס. דעם זעלבן טאָג זאָגט מיר איי־נער פון זיי: „מע וועט באַדאַרפן קלעטערן אף די ביימער. דו — אויך. עס קאָן זײַן, אז דו וועסט צערײַסן דאָס קליידל. ווייסט, וואָס מיר וועלן טאָן? כ׳וועל דיר ברענגען מײַנע א פּאָר אַלטע הייזלעך. איך האָב זיי שוין לאַנג ניט אָנגעטאָן״.

שאַבעס באַטאָג האָבן מיר אַרום צוויי אזייגער זיך געלאָזן גיין צו טאָד־רעסן. געוויר געוואָרן, אז ער און זײַן ווײַב שלאָפן, האָב איך אפגיך פון

זיך אראָפּגעוואָרפן דאָס קליידעלע און ארופגעכאפּט די הייזלעך. מיר האָבן זיך א וואָרף געטאָן קלעטערן אף טאַדרעסעס פּארקן. מיר זײַנען שוין קימאט געווען פון אויבן. הייבט אָן האווקען א הונט אינעם שאָכנס הויף. זײַנען מיר אין איין אויגנבליק אראָפּגעשפּרונגען און זיך געלאָזן לויפן אין איין אָטעם. בעשאסן לויפן האָב איך דערשפּירט, ווי גוט עס איז אין די הייזלעך — א מעכײַע! פון דעמלט אָן איז מיר געוואָרן ניכע אָפּט איבער־צוטאָן זיך אין ייִנגלשע הויזן. איך האָב שטארק כיישעק געהאט אָנטייל צו נעמען אין נאָך פארשיידענע שמאדשטיק, וואָס אָט די כאוויירים מײַנע פּלעגן אָפּטאָן.

— ליבע קלארע, — זאָג איך איר, — דאָס, וואָס איר האָט נאָרוואָס דער־ציילט, מאכט קלאָר, וויַאזוי ס׳איז אײַך געלונגען ארײַנצודרינגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון אײַער דזשייקעלע בלאָפּער. ניט ווייניקער אינטערעסאנט איז, וואָס איר האָט מיט אזא זיכערקײַט, אזוי עפעקטפול געשפּילט דאָס קליינע רעבעלע אין דער אָפּערעטע „שא, דער רעבע פאָרט״.

— זעלבסטפארשטענדלעך, — רופט זיך אָן קלארע יונג, — זײַנען ניט פון הימל מיר אראָפּגעפאלן אָט די אײַנפאלן, וואָס דער צושויער באמערקט, בעשאס איך שפּיל דאָס רעבעלע. דאָ האָט מיר, ווײַזט אויס, אין א געווי־סער מאָס געהאָלפן די דערמאָנונג וועגן א געשיכטע, וואָס איינער פון מײַנע באקאנטע האָט מיר דערציילט. אין איינער פון די גאליציאנער שטעט איז געווען א רעבע, וואָס איז באַרימט געווען מיט זײַן כאָכמע. ווי גע־וויינלעך, פלעגן צו אים פון פארשיידענע קאנטן זיך יאָגן גרויסע סאָכרים צוליב זייערע דינטוירעס, און אָט דער רעבע איז געווען א גרויסער בעריע זיי אויסצוגלײַכן. בא דעם רעבן איז געוואקסן א בענאַק, וועלכער האָט אין עלטער פון עלף יאָר שוין ארויסגעוויזן גרויסע קענטענישן אין געמאָרע, פּאָסקים. אלע ארומיקע האָבן אין איין קאָל באהויפּטעט: אָט דער וועט דעם טאטן איבערשטײַגן!

אז דער רעבע איז געשטאָרבן, פילן זיך די כסידים פאריאָסעמט: מיט וועמען האלט מען זיך אָן אייצע, ווען עס ווערט עפּעס קאָשע?

— שא, ייִדן, דײַגעט ניט, — טוט איינמאָל א זאָג דער עלטסטער גאַ־בע, — דער רעבע, אָלעווהאשאָלעם, האָט אונדז איבערגעלאָזן א טײַערן יוירעש — נאָכעמצען. ער וועט אונדז אָן אייצע געבן ניט ערגער פונעם אלטן צאדיק.

און מע האָט באשלאָסן: זאָל נאָכעמצע אויסגלײַכן די צדאָדים, ווען עס קומט צו א דינטוירע. און ס׳איז אוועק א גאנג: סאָכרים קומען מיט זייערע מאכלויקעסן, און נאָכעמצע געפינט א פשאָרע.

איינמאָל זײַנען געקומען עטלעכע סאָכרים און געמאָלדן, אַז מע באַדאַרף א דינטוירע. און א דינטוירע א הארבן, א פארפּלאָנטערטן. זעצט מען זיך אוועק צען אזייגער אינדערפרי מיט נאָכעמצען און מע שארפט זיך די מויכעס. פינף שאָ איז מען געזעסן. קוים־קוים צעביסן דאָס ביז גאָר הארטע ניסל. אלע גרײַלעך מיד. עס כאלעשט דאָס הארץ — מע איז טויטהונגעריק. די שאַמאָסים אײַלן זיך, גרייטן צום טיש. און אָט האָט מען זיך שוין אויסגעזעצט בא א לאנגן טיש. מע טוט זיך א כאַפּ — נישטאָ נאָכעמצע. לויפט מען אים זוכן. אהער, אהין — נישטאָ! ווי אין וואסער ארײַן!

דערווײַל ווערן די האכאָנעס צום מאָלצײַט פאָרגעזעצט. די קעכן נידערט אראָפּ אין קעלער ארויסבאקומען פון די פעסער זויערע אוגערקעס, געזײַערטע קרויט. דער קעלער א גרויסער, א לאנגער, א ברייטער. זי טוט א קוק — נאָכעמצע רײַט אף א צאַפּ.

— ניוניטשקע, מײַן קרוין! — האָט זי אף אים אויסגעראטשעט א פּאָר צעשראָקענע אויגן. — וואָס טוט זיך עס מיט דיר? אלע זיצן שוין באם טיש, און דו באַווערעסט זיך דאָ מיט א צאַפּ! מארש פון קעלער!

ווען די קעכן איז ארויס פון קעלער, האָט זי באגעגנט איינער פון די סאָכרים, וואָס האָבן מיט נאָכעמצען דאָ ניט לאנג זיך געגריבלט אין דער לאָדעניש. א ייִדענע מיט א לאנגער צונג, קאָן די קעכן זיך ניט אײַנהאלטן און רוימט דעם סויכער אײַן, אַז זי האָט נאָרוואָס געזען אין קעלער נאָכעמצען רײַטנדיק אף א צאַפּ.

ווען דער מאָלצײַט האָט זיך פארענדיקט און דער אוילעם האָט ביסלעכווײַז זיך גענומען ארויסרוקן פונעם עסצימער, נעמט אָט יענער סויכער און טוט א רוף נאָכעמצען אין א באזונדערן צימער און טוט אים א פרעג:

— ווי געשיקט זיך עס: אזא לאמדן, אזא כאריף, ווי איר, רעב נאָכעמצע, זײַט איר א באלן רײַטן אף א צאַפּ? איך פארשטיי ניט!

— וואָס איז דאָ דער כידעש, — רופט זיך נאָכעמצע אָן, — איך בין דאָך פּאָרט קימאט ווי א קינד — גלוסט זיך מיר א שפּיל טאָן, ווי אלע ייִנגלעך פון מײַן עלטער. זיי שפּילן אין פּילקע, שפּרינגען איבער ברייטע רינשטאָקן, קלעטערן אף ביימער. און מיר איז אלץ פארבאָטן. טו איך מיך א לאָז שפּילן מיט ייִנגלעך — מאכט מען א גוואלד: „עס פּאסט נישט! צו דיר קומען סאָכרים זיך האלטן אָן אייצע, און דו ווילסט זיך שפּילן, ווי א קינד. וואָס פאר א פּאָנעם האָט עס?" אָבער עס גלוסט זיך מיר פּאָרט זיך א שפּיל טאָן. מוז איך באהאלטענערהייט כאָטש מיטן צאַפּ זיך שפּילן.

— אָט די געשיכטע איז פאר מיר געווען גענוג באלערעוודיק. כוץ דעם, האָט דער דעמלט באריממטער ליטעראטור־ און טעאטער־קריטיקער דאָוויד פרישמאן מיר דערציילט ניט קיין אויסגעטראכטע געשיכטע, וואָס דער־

מאָנט אין א געוויסער מאָס די מײַסע, וואָס איך האָב אײַך נאָרוואָס דערציילט. אָט דער פרישמאַן האָט אפילע אָנגעשריבן אַף אָט דער טעמע א פאמפלעט, ווו ער דעמאסקירט א יונג רעבעלע, וואָס האָט פארכאַפּט די מאכט אין רעבנס הויף.

— איר דארפט וויסן, כאָשעווער כאַווער, — זאָגט ווײַטער קלארע יונג, — אז איך גיי קיינמאָל ניט האכנאָעדיק נאָכן אווטאָר. איך דערלויב זיך אין אייניקע פאלן א געוויסע פרײַהײַט בענעגייע דעם טעקסט. גרייטנדיק זיך שפּילן אין דער אָפּערעטע „שא, דער רעבע פאָרט", האָב איך באשלאָסן א פאָר טאָן צום סאדעגורער רעבן, א קוק טאָן, ווי:אזוי איז מען דאָרט זיך נויהעג. קומען אהין אזוי, אז אלע זאָלן וויסן, אז קלארע יונג איז באַם רעבן אין הויף, איז ניט שײַעך געווען: דאָס וואָלט מיר קאַליע געמאכט די גאנצע מאראָכע... האָב איך געפּאקט א מאלבעש פון אן אָרעמער יידענע און בין געקומען פויעלן באַם רעבן — ער זאָל גאָט בעטן, אז מײַן קראַנקער בעניאָכיד זאָל געזונט ווערן. אונטער אָט דעם אויסרייד האָב איך צוויי טעג באַם רעבן אין הויף זיך אומגעדרייט. א שארפע ריע פארמאָג איך, ווייסט איר אליין, האָב איך דאָ דערזען ניט ווייניק אזוינס, וואָס עס איז מיר פאר אָט דער אָפּערעטע צוניץ געקומען.

* * *

מיר האָבן אין דעם ארטיקל א היפּש ביסל געשמועסט וועגן דער אויסטערלישער עקספּרעסיע פון אָט דער אקטריסע, אז זייער פיל ניט־יידן האָבן א גרויסע האנאָע געהאט פון איר שפּיל. און דאָך איז קלארע יונג געווען אן עכטע יידישע אקטריסע. זי האָט זיך אמבעסטן געפּילט אַף דער בינע פונעם יידישן טעאטער. דאָס יידישע שארפזיניקע וואָרט, די יידישע ליד, דער יידישלעכער טאנץ האָבן אַף אזויפיל דורכגעדרונגען איר גאנצן וועזן, אז אָפּזאָגן זיך דערפון און אוועק אַף דער ניט־יידישער בינע וואָלט פאר איר באטײַט זיך אָפּזאָגן פון זיך גופע.

די קונסט פון קלארע יונג האָט אין מעשעך פון העכער פופציק יאָר פארשאפן מיליאָנען אירע צושויער אן עסטעטישע האנאָע. זי איז אויסגעווען ווו די וועלט האָט אן עק: אייראָפּע, אמעריקע, דאָרעם־אפריקע, אווסטראליע, יאפּאָניע... און אומעטום האָט איר זוניקע קונסט געפאנגען יידישע און ניט־יידישע הערצער. גרײַז־גראָע לײַט פלעגן פארשיקערטע אוועק פון אירע ספּעקטאקלען.

ניט איין מאָל פלעגט איר אויסקומען גאסטראָלירן אינעם ראטנפארבאנד. איר קלאָרער פארשטאנד, איר איבערגעשפּיצטער כוש האָט איר

אונטערגעזאָגט: מע באַדאַרף זיך מעצאַרעף זײַן צום אײגנאַרטיקן, צום פרײדפולן לעבן פונעם ראַטנפאַרבאַנד. און זי האָט אנטשײדן זיך אָפּגעקערעוועט פונעם אַלטן, אויסגעטראָטעטענעם וועג און מיט לײַב און לעבן זיך געלאָזט אויף נײַע וועגן. זי איז געוואָרן אַ סאָוועטישע קונסט־טוערן. אויף אירע קאָנצערטן האָבן געקלונגען נײַע לידער: וועגן סאָציאַליסטישער בויונג, וועגן לאַנדשוץ, וועגן דעם באַנײַטן ייִדישן לעבן. און די דאַנקבאַרע צושויער האָבן זי אויפגענומען מיט דעם זעלבן ענטוזיאַזם, וואָס פריִער.

* * *

אין סעפּטעמבער 1949 ווער איך געוואָר, אַז קלאַרע יונג האָט זיך צוריקגעקערט קיין מאָסקווע פון איר גאַסטראָל־רײַזע. בין איך אוועק צו איר.

— איך שטעל מיר פאָר, אַז די רעדאַקציעס קוקן שוין אַרויס אויף דער פרײלעכדיקער נײַסן, וואָס איר וועט זײ ברענגען נאָך אײַער באַגעגעניש מיט מיר, — זאָגט די אַקטריסע.

— יאָ, — זאָג איך, — אַלע אײַערע גוטעפרײַנט האָבן זיך שוין שטאַרק פאַרבענקט נאָך אײַך. און אין דער ערשטער ריי — אונדזער ריווע באַיאַרסקע, זי כאַלעשט אײַך זען.

— דאָס ווייס איך, טײַערינקער, און מיר איז טאַקע אַזוי ליב, וואָס אַלע גוטעפרײַנט טראָגן זיך אַרום מיטן געדאַנק וועגן מיר. אָבער זאָגט מיר דעם עמעס: וועלכע רעדאַקציע וויל געבן אַ ברייטן פלאַץ פאַר אײַער מיטײלונג וועגן מײַנע לעצטע גאַסטראָלן. ניט אומזיסט דאָך האָט איר זיך געאײַלט שוין אויפן צווייטן טאָג נאָך מײַן קומען קיין מאָסקווע מיך צו באַזוכן.

איך האָב אויפמערקזאַם זיך אײַנגעקוקט אין די לוסטיקע פײַערלעך, וואָס האָבן געטאַנצט אין אירע קלוגע אויגן, און עס האָט מיר אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. אוי, טראַכט איך מיר, ווי אַכזאָריעסדיק איז דאָס לעבן! עס זײַנען דאָך געווען צײַטן — דוכט זיך, דאָ ניט לאַנג, — ווען אָט די קלאַרע האָט אָפּטשעפּען זיך ניט געקענט פון דער מאַכנע קאָרעספּאָנדענטן, וואָס פלעגן זי באַפאַלן און צורו ניט געלאָזן, זי זאָל וואָס מער און אויספירלעכער דערציילן וועגן איר שפּילן, זינגען און בִכלל וועגן אירע פּערזענלעכע אָנגעלעגנהײַטן. ביז הײַנטיקן טאָג ווילט זיך איר ניט גלייבן, אַז די שכינע, וואָס האָט אויף איר אַזויפיל יאָרן גערוט, האָט זיך שוין פון איר אָפּגעטאָן...

זי האָט זיך א הייב געטאָן פון איר שטול, צוגעגאנגען צו מיר, אוועקגעלייגט ביידע הענט אף מײַנע אקסלען און אזוי געטרוילעך, מיט אזאַ קינדישער נאַיווקײַט אין די אויגן געזאָגט:

— נו, ליבינקער, וואָס שווײַגט איר? זיי (דאָס מיינט זי די רעדאקציעס) ווארטן דאָך אף גוטע נײַסן וועגן קלארע יונג.

ווען עס עפנט זיך אין אָט דער מינוט א גרוב און איך פאל אהין ארײַן, וואָלט מיר ליבער געווען, ווי אויסהאלטן איר דורכדרינגלעכן בליק.

— איר האָט א טאָעס, מײַן כאָשעווער פרײַנט. די רעדאקציע האָט ניט בעדייע געהאט מיך צו אײַך שיקן, מאכמעס אונדז איז שוין גוט באוווסט אײַער רעפּערטואר און ווי דער אוילעם נעמט אײַך אוף. האלעווײַ אף אַלע אונדזערע עסטראדע־טוער געזאָגט געוואָרן! און אז אײַך האָט מען ליב און מע שעצט אײַך אומאָפּהענגיק פון דעם, צי איז אײַער רעפּערטואר אן אלטער צי א נײַער, ווייסט איר אליין גאנץ גוט. איך בין צו אײַך געקומען, ווי א שליִעך־ציבור דעמאָנסטרירן אונדזער אומרו, אונדזער דײַגע פאר אײַער געזונט־צושטאנד. איז דאָס פאר אײַך קארג?

זי האָט אראָפּגענומען אירע הענט פון מײַנע אקסלען, זיך א לאָז געטאָן צו דער קושעטקע, און איר קערפּער האָט זיך א וואלגער געטאָן אפן ווענטל.

א ווײַלע זײַנען אירע אויגן געווען פארמאכט. ווען זי האָט זיי געעפנט, זײַנען זיי שוין געווען ווי אויסגעלאָשן. די הענט פארבראָכן.

— איר ווייסט, מײַן פרײַנט, — האָט זי נאָך א געווויסער פּויזע איבערגעריסן די שטילקײַט, — א מענטש, וואָס עס ברויזן אין אים נאָך לײַדנשאפטן, קאָן ניט לעבן מיטן נעכטיקן טאָג. איך ווייס, אז מײַן צויבערקראפט פון יענע יאָרן קאָן איך צוריק ניט כאפּן. די כוואליעס היספּײַלעס, וואָס דאָס פאָלק פלעגט מיר פריִער, אין די יונגע יאָרן, שענקען, קוילערן זיך שוין ניט אין מײַן זײַט. אָבער איך מוז דאָך קריגן דעם יאשער־קויעך, וואָס העלפט דעם קינסטלער הײַנט האלטן אין געפענקעניש דעם צושויער, דעם צוהערער.

— הערט זיך אײַן, טײַערע קלארע, — האָב איך אנטשיידן צו איר זיך אָנגערופן, — באם ייִדישן פאָלק איז נאָך ניט אויסגעלאָשן די גרויסע ליבע צו זײַן קלארען, וואָס האָט געגעבן אזויפיל פרייד, אזויפיל נאכעס־רועך. מע וועט נאָך ניט איין שיינע לעגענדע שאפן לעקאָוועד אײַער נאָמען. וויפל מאָל וועט מען נאָך אײַך צום גוטן דערמאָנען! און צי וועט די אָדער יענע רעדאקציע ווידעראַמאָל זיך נעמען אײַך רימען, דאָס איז, גלייבט מיר, ווי א טראָפּן אין יאם לעגאבע דעם אָפּשײַ, וואָס פּילט אָן אונדזערע הערצער, ווען מיר דערמאָנען אײַער נאָמען.

איך האָב באַ דער גרויסער קינסטלערן פאַרבראַכט נאָך אַ האַלבע שעה.

אַז איך בין אַרויס פון איר וווינונג, האָט אַ פאַרשײַטער ווינט זיך געשפּילט מיט די געלע פּאַטלעס פון די ביימער, וואָס אין הויף, ווו זי האָט געוווינט. ס'איז דאָך שוין געווען סענטיאַבער, אָנהייב האַרבסט.

און באַ מיר אין מויעך האָבן אַ שפּיל געטאָן די קלאַנגען פון פּאָול ווערלען:

אוי, דאָס טרויעריקע לידל,
וואָס עס שפּילט דער פּידל
פונעם טיפן האַרבסט...
ווי עס רײַסט דאָס האַרץ
באַ מיר, באַ דיר
פון אָט דער נאָגנדיקער מאַניר.

זײַן ראַק נאַוועגאַד — דאָס קאָן צעברעכן אַפילו גיבורים. און נאָך אַלעמען — פאַרט אַ זקיינע... האָט זי אונטערגעריסן איר געזונט. זי האָט נאָך לאַנג געקענט לעבן, ווען זי זאָל געווען באַ זיך פועלן לעבן בעשאַלווע, זאַרגלאָז. אָבער איר ברויזנדיקער גײַסט האָט אָן די בינע־ברעטלעך לעבן נישט געקאָנט. און זי איז געפאַלן פאַר דער צײַט.

אף לאַנג וועט איר שטראַלנדיק געשטאַלט פאַרבלײַבן אינעם זיקאָרן פונעם פאָלק!

שלוימע מיכאָעלס

(אַרײַנפיר)

אין מיכאָעלסן פלעגט אונדז קוידעמקאָל איבעראַשן זײַן כאָכמע. ווי א פאַרביקער פײערווערק פון א ראַקעטע, אַזוי פלעגן אונדז באַצויבערן די ווערטער, וואָס פלעגן, ווי פערל, זיך שיטן פון זײַן מויל. עס האָט באַזונדערס געפינקלט זײַן כאַריפעס, זײַן פּאַראַדאָקסאַלקײַט. אין זײַן כאָכמע האָט זיך דײַטלעך אַנטפּלעקט די ייִדישע פּיקכעס.

אייניקע פאָרשער (און איך אויך בעטויך־קלאַל) זײַנען נויטע געווען באַהויפּטן, אַז דאָס גרינטלעכע אין זײַן וועלט־אָנשויונג איז סקעפּטיציזם. יאָ, סקעפּטיציזם איז אים טאַקע ניט געווען פרעמד, אָבער דער איקער אין זײַן וועלט־עמפּינדונג איז געווען לעבנסלוסטיקײַט. ער האָט געגלייבט, אַז דאָס ליכטיקע איז אַלעמאָל גרויוער דאָס פינצטערע, וואָס אין לעבן. עלע ניט, וואָלט ער ניט באַשאַפן אַזאַ כיעסדיקן ספּעקטאַקל, ווי „פרייי־לעכס" אינעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער. מע דאַרף ניט פאַר־געסן, אַז מיכאָעלס האָט דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל געשטעלט נאָך דעם, ווי היטלער האָט אומגעבראַכט זעקס מיליאָן ייִדן. בלוט האָט געטריפט פון מי־כאָעלסעס האַרצן יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט וועגן דעם זיך דערמאָנען. אָט די וווּנד האָט ביז זײַן לעצטן אָטעם בא מיכאָעלסן זיך ניט פאַרהיילט. דאָך איז דער ספּעקטאַקל „פריילעכס" אָנגעזעטיקט מיטן גלויבן אין די אומויסשעפּלעכע קרעפטן פון פאָלק.

מיכאָעלס פלעגט צײַטנווײַז אַף דער בינע אויסזען, ווי א קינד: אין דער ראָל פון רעב אַלטער, אינעם געשטאַלט פון שימעלע סאָראָקער און אַפילע אין טרואַדעק. אין אָט די געשטאַלטן פלעגט א שעמעריר טאָן דאָס אומיטלבאַרע, וואָס טוט זיך א ווײַז בא יעדן פון די, ווער עס האָט נאָך ניט אָנגעווירן די טײַערע אייגנשאַפט, וואָס מע רופט — קינדערשע אומיטלבאַרקײַט.

מיכאָעלס פלעגט בעשאַס זײַנע אַרויסטרעטונגען באַהויפּטן: „אין יעדן מענטשן זע איך עפּעס טרוימערישעס, א שטיקעלע דאָן־קיכאָט. און מיר

גלוסט זיך מעלאמעד־זכוס זײַן, רײַנוואשן מענטשן". און אין א ריי געשטאלטן, וואָס ער האָט אָף דער בינע באשאפן, האָט אזא טענדענץ ווירקלעך זיך אָנגעמערקט. אזוי קומט עס אויס אָף דער בינע. ווי זשע זעט מיכאָעלס אויס אין לעבן?

אים האָט זיך קיינמאָל ניט אײַנגעגעבן פאָטער צו ווערן פון דער איראָניע, וועלכע איז אים אזוי אייגנטימלעך געווען. אָט די איראָניע בענעגייע לעבעדיקע פארשוינען, אפילו בענעגייע זײַנע מעקוראָווים, איז געווען אן אומבעראכמאָנעסדיקע. זי האָט ניט געשוינט אפילו גאָר נאָענטע און דערצו נאָך מענטשן, וועלכע זײַנען גאָט די נעשאָמע שולדיק, וועלכע האָבן אים עמעס ליב געהאט. ניט זעלטן פלעגט ער זיך גופע אויסלאכן.

מיכאָעלס איז געווען א בעריע אונטערצוטראָגן אויסגעשערזינע עמעסן, ווי אן אנטפלעקונג, ער האָט באזיצט די פייזקײַט צו דערלאנגען אָט די עמעסן אין אן אומדערוואַרטן אספעקט.

זײַנע סצענישע געשטאלטן האָבן אויסגעזען, ווי א ריי בוילעט אויסגעקלעפטע סקולפטורן. עס האָט זיך געדאכט, אז זײַנע זשעסטן, זײַנע באַוועגונגען זײַנען פינקטלעך אויסגערעכנט. אָסער, אויב איר וואָלט דאָ געפונען עפעס איבעריקס, צופעליקס. אז ער פלעגט שפילן, האָט איר אין אָט דעם אקטיאָר געשפירט א מערקווירדיקע אינערלעכע קאָכעניש, אָבער דאָס איז ניט געווען אָט יענע צעקאָכטקײַט, וואָס זעענדיק זי, ווילט זיך זאָגן: „דער מענטש איז עפעס שטארק אופגערודערט!" ניין, יעדע שאפונג זײַנע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר אויסדויער, מיט איר דיטלעכקײַט, מיט איר אויסדריקלעכקײַט. א באזונדערס שטארקן אײַנדרוק פלעגט מאכן דאָס וואָרט, וואָס מיכאָעלס פלעגט פון מויל ארויסברענגען — אזוי וואָגיק, אזוי אימפּאָזאנט איז עס געווען.

* * *

מיכאָעלס האָט זייער טאקטיש, זייער פּאָרזיכטיק זיך נויהעג געווען בענעגייע די קאָמפּאָזיטאָרן און קינסטלער, וועלכע פלעגן האָבן צו טאָן מיט דער קינסטלערישער אויספורעמונג פון דעם אָדער יענעם ספעקטאקל.

אָט האָט מיכאָעלס, לעמאָשל, אויסגעהערט די מוזיק, וואָס דער קאָמפּאָזיטאָר האָט לויטן אופטראָג פון דער רעזשי אָנגעשריבן פאר דעם קומענדיקן ספעקטאקל.

— אָ! — זאָגט מיכאָעלס. — עס האָט בא אײַך גאָר ניט שלעכט זיך באקומען.

אוועק א שטיקל צײַט. ווידער א באגעגעניש פון מיכאָעלסן מיט דעם

זעלבן קאָמפּאָזיטאָר. עס האנדלט זיך וועגן מוזיקאלן פראגמענט, וואָס דער קאָמפּאָזיטאָר האָט צוגעזאָגט פארפולקומען. ער איז גרייט אויסהערן מיכאָעלסעס קריטישע באמערקונגען. מיכאָעלס באציט זיך, דוכט זיך, גאנץ פּאָזיטיוו צום קאָמפּאָזיטאָרס אָפּגעטאָנענער ארבעט. נאָר פּלוצעם טוט ער זייער גוטמוטיק א זאָג: „ווי מיינט איר, אָט דאָ, אין אָט דער שטעל פון דער פּארטיטור וואָלט ניט געשאדט אָט אזוי (דערביי נעמט מיכאָעלס זינגען א מאָטיוו, וועלכן ער רעכנט, ווי א מער געלונגענעם). נו, און אָט יענע, די צווייטע שטעל פון אייער פּארטיטור, וואָלט איך אייך געייצעט אזוי מאכן" (און ער נעמט מיט זיין שטים דורכזינגען דעם מאָטיוו, וואָס איז אים צום הארצן...).

אָט אף אזא מין אופן פלעגט מיכאָעלס פויעלן בא זיין מיטשעפער (באַם קאָמפּאָזיטאָר, באַם מאָלער־דעקאָראטאָר) דאָס, וואָס אים האָט באפרידיקט.

מיכאָעלס איז א שטיק צייט געווען אן אָנהענגער פון א. מ. גראַנאָווסקיס טעאטראלע אָנשויונגען. מיכאָעלס האָט זיך זייער קריטיש באצויגן צו די שפּיל־מאַנירן פון די טאַלמידים פונעם מאָסקווער יידישן טעאטראלן טעכניקום, וואָס זיי האָבן געיארשנט אין די זעלבסטעטיקע דראמקרייזן אָדער פון די ביז־אָקטיאבערישע פּראָפעסיאָנעלע טעאטערס. אָט די מאַנירן זיינען געווען דילעטאנטישע, טראפארעטע. דעריבער פלעגט מיכאָעלס, צוטרעטנדיק צו די לימודים, וואָס האָבן געהאט א שייכעס צו סצענישער פּראקטיק, אלע מאָל וואָרענען זיינע טאַלמידים: „אלץ, וואָס איר האָט געטאָן ביז איצט אין פראט פון טעאטער־שפּיל, זאָלט איר פארגעסן".

ווען מע נעמט דערציִען אן אקטיאָר אן אָנפאנגער, איז דער איקער, — האָט מיכאָעלס באהויפּט, — אומופהערלעך סטימולירן, וועקן זיין אקטיאָרישע פאנטאזיע. איינער פון די סאמע ווירקעוודיקע מיטלען אין אָט דעם פראט איז געווען — דורך דעם אָדער יענעם נעפלהאפטן רעמעז מיטרייסן, באגייסטערן דעם טאַלמיד. מיכאָעלס פלעגט, לעמאָשל, א זאָג טאָן די טאַלמידים: „אָט האָט איר אייך אזא מין וואָרט, ווי „נו" — טראכט אויס א קליינינקן סוזשעט, ווו מע קאָן אויסנוצן אָט דעם „נו". אויב איר וועט אזא סוזשעט צוטראכטן, באקומט איר בא מיר דעם טעקסט פון א קליינעם סצענישן עטיוד".

מיכאָעלס פלעגט פאָרלייגן זיינע טאַלמידים עטלעכע אָפּגעזונדערטע ווערטער, וואָס האָבן קיין שום שייכעס איינס צום צווייטן ניט געהאט, און די דערצויגלינגען האָבן פון די געגעבענע ווערטער געדארפט קאָנסטרויִרן א קליינעם עפּיזאָד. אפן סמאך פון אָט דעם עפּיזאָד פלעגט מיכאָעלס פארפאסן אן אינסצענירונג, וועלכע מע האָט געקאָנט אויסנוצן פאר א סצענישן עטיוד. אָט אזעלכע אופגאבן פלעגט מיכאָעלס פאָרלייגן אומגעצוווּנגען.

ווער עס האָט כיישעק געהאַט, פלעגט זיך באַשעפטיקן מיט אַזעלכע עקס־פּערימענטן. קעדייַ אַרויסצורופן די פאַנטאַזיע פונעם אַקטיאָר, פלעגט מי־כאָעלס צומאָל עפּעס אונטערזאָגן דעם טאַלמיד מיט דער הילף פון דער אָדער יענער אַסאָציאַציע.

מיכאָעלס האָט זייער פיל געטאָן צוליב דער אַלזייַטיקער אַנטוויקלונג פון זייַנע טאַלמידים. אין אָט דעם לערן־אַנשטאַלט האָט מען אייַנצייַטיק מיט אַזעלכע ספּעציעלע לימודים, ווי שפּראַך־קענטעניש, ריטמיק, אַקראָ־באַטיק, טענץ אאַז״וו, געלערנט אויך ביאָלאָגיע, מאַטעמאַטיק, הומאַניטאַרע וויסנשאַפטן.

מיכאָעלס פלעגט שטענדיק וואָרענען זייַנע טאַלמידים: „געדענקט, ניט נאָר דאָס וואָרט באַדאַרף באַ אייַך קלינגען וואָגיק, דייַטלעך — אייַנצייַטיק באַדאַרפן אַלע אייַערע איבֿרים זיך מעצאַרעף זייַן צו דער סצענישער האַנדלונג״. דעריבער פלעגט מיכאָעלס אין סאַמע אָנהייב פון די לימודים שטעלן דעם טראָפּ אויף פיזישע איבונגען. מע האָט זיי אויסגענוצט צוליב דערגאַנצן, אויסדריקלעכער דערלאַנגען דאָס וואָרט.

מיכאָעלס האָט, אַרבעטנדיק מיט זייַנע טאַלמידים, אַלע מאָל אויסגענוצט די אוצרות פון דער רוסישער קולטור — ער פלעגט געבן אָנצוהערן: „מיר לעבן אין דער אַטמאָספער פון צוויי קולטורן — די ייִדישע און די רוסישע. און אויב מיר שעפּן פון אָט די ברונעמס, באַדאַרף באַ אונדז זיך באַקו־מען אַ סינטעז״.

אָפט פלעגט ער אינעם סאַמע אָנהייב פונעם לערנייאָר פירן מיט די טאַלמידים אַ שמועס וועגן גאָגאָלס „שינעל״ — ער האָט, קענטיק, שטאַרק זיך מעהאַנע געווען מיט דער קינסטלערישער שליימעס און פילאָסאָפישער טיפקייַט פון דעם דאָזיקן ווערק.

געבראָכענע הענט

(אוריִעל אַקאָסטאַ)

איך בין געקומען אָפן ספּעקטאַקל „אוריִעל אַקאָסטאַ״. דער צושויער־זאַל איז האַלב ליידיק. דאָס איז געווען אום זונטיק, ווען די מערהייַט מאָ־סקווער טעאַטערס זייַנען געוויינלעך געפּאַקט. דאָס האָט מיך פאַרכידעשט.

שלוימע מיכאָעלס האָט שוין באַוויזן צו יענער צייַט ווערן דער ליבלינג פון די, וועלכע האָבן באַזוכט אָט דעם יונגן טעאַטער.

איך מוז באַטאָנען, אַז נאָך אין מייַנע יוגנט־יאָרן האָב איך געזען דעם

באַוווּסטן אַקטיאָר מאַמאָנט דאַלסקי אין דער ראָל פון אוריִעל אַקאָסטאַ, און זייַן שפּיל האָט זיך איינגעקריצט אין מייַן זיקאָרן.

עס עפנט זיך דער פאָרהאַנג. די פּרעכטיקע דעקאָראַציעס פונעם קינסטלער נאַטאַן אַלטמאַן לאָקן די אויגן פון די צושויער. און אָט הייבן אָן אַף דער בינע זיך פאַנאַנדערוויקלען די געשעענישן.

אַף דער בינע האָט זיך באַוויזן דער צענטראַלער העלד פון דער פאָרשטעלונג — אוריִעל. זייַן אויסזען האָט מיך איבעראַשט. מיר איז געווען פריקרע דער פאַריק קוטשעראַווע געלבלעכע האָר (דאַלסקי האָט געשפּילט אין אַ שוואַרצן פאַריק). נאָך מער האָט מיך פאַרכידעשט דער סורדוט מיט די פאַרשיידנקאָליריקע אַרבל — שוואַרצע און ווייַסע.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָט מער פון אַלץ מיך פאַרינטערעסירט, וויאַזוי וועט קלינגען דער טעקסט פון דער טראַגעדיע בא מיכאָעלסן און צי וועט דער אַקטיאָר זייַן בעקויעך צו פאַרכאַפּן, אויפרודערן די צוהערער. איינגיכן האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז דער אַקטיאָר פילט זיך עפּעס, ווי אין קלעם.

עמעס, אייניקע פּאָזעס אוריִעלס זייַנען געווען עפעקטפול, און דעמלט האָט זיך פאַר אייַערע אויגן אַנטפּלעקט אַ שיינע סקולפּטור. איך האָב מיט אומגעדולד אַרויסגעקוקט אַף דעם מאָמענט, ווען דער אַקטיאָר וועט מיך מיטרייַסן מיט זייַנע איבערלעבונגען, אָבער אַזוינס האָט ניט פּאַסירט. זייַן פּאַטאָס איז געווען אַן אויפגעבלאָזענער, אַ געמעלאָכעטער — בין איך געבליבן קאַלט, האַגאַם צייַטנווייַז האָט די טעכנישע זייַט פון דעם אַקטיאָרס שפּיל מיך באַפרידיקט. אָבער וואָס קומט דערפון אַרויס? זייַנען טאַקע פיל צושויער פאַרבליבן גלייַכגילטיק.

פונקט אַזאַ אייַנדרוק פון מיכאָעלסעס שפּיל האָט בא מיר זיך באַקומען, ווען איך האָב דורכגעקוקט דעם ספּעקטאַקל „פאַרטאָג“ (דראַמאַטורג — א. ווייַטער), וואָס גראַנאָווסקי האָט אויפגעפירט אין אָט דעם טעאַטער און וווּ מיכאָעלס האָט געשפּילט דעם זיידן.

דעם זעלבן אייַנדרוק האָבן אָט די ספּעקטאַקלען געמאַכט אויך אַף אַנדערע צושויער. אין דעם האָב איך מיך איבערצייַגט, ווען איך האָב איבערגעלייענט די קורצע אָפּשאַצונג, וועלכע דער באָלשעוויק מאָראָזאָוו האָט פאַרעפנטלעכט אין דער צייַטונג „עמעס“ (נומ. 95, יאָר 1922). אָט וואָס דאָרט איז געשריבן: „ס'איז ניט שייַעך פילנעווען מיט ראַפינירטער קאַמער־קונסט די ייִדישע מאַסע, וועלכע האָט ערשט דאָ ניט לאַנג זיך געקוויקט מיט אַזעלכע ביליקע אָפּערעטן, ווי „כינקע־פינקע“ אָדער „מאַלקעלע סאָלדאַט“. דאָס וואָלט באַטייַט פאַרוואַנדלען דעם נייַעם ייִדישן טעאַטער אין אַ זאַמלפּונקט פאַר נעפּמאַנישע מעפונאָקים און צעשרויפטע אינטעליגענטן. מען מוז מודע זייַן, אַז די ספּעקטאַקלען „אוריִעל אַקאָסטאַ“ און

„פארטאָג" זײַנען שטארק פארנעפּלט. דער צושויער פארשטייט ניט, וואָס אף דער בינע טוט זיך. מיר באדארפן אזא טעאטער, וועלכער זאָל זײַן צוטריטלעך פאר די מאסן".

מיך האָט שטארק געצויגן א שמועס טאָן מיט מיכאָעלסן מיקויעך זײַן אוריִעל אקאָסטא. די יאָרן לויפן... און איך האָב אלץ ניט געקאָנט פויעלן בא זיך דולן מיכאָעלסן א מויעך בענעגייע אָט דער פראגע. און עס איז טאקע גאנץ נאטירלעך: ס'איז ניט אזוי לײַכט מאָביליזירן אזא שטענדיק פארהאוועטן קולטור־טוער צוליב א שמועס וועגן אן ארבעט, וואָס ער האָט שוין לאנג אָפּגעטאָן, און דערצו נאָך, וואָס זי האָט איבערגעלאָזן נאָכן געזעגענען זיך מיט איר א טערפּקע שפּור...

סאָפּקאָלסאָף איז געקומען די געלעגנהײַט: איך בין אין פעווראל 1932 ארײַן צו מיכאָעלסן מיקויעך א געזעלשאפטלעכן איניען. איך האָב אים געטראָפן איינעם אליין אין, זײַן קאבינעט. טכילעס האָבן מיר געשמועסט וועגן דעם איניען, וואָס צוליב אים בין איך אהער געקומען. נאָך דעם האָב איך א פרעג געטאָן מיכאָעלסן, מיט וואָס קאָן מען דערקלערן אזא פאקט, וואָס דער ספּעקטאקל „אוריִעל אקאָסטא" איז אזוי גיך ארויסגעפאלן פונעם רעפּערטואר פונעם טעאטער. און ענדלעך האָב איך אויסגעדריקט מײַן פארוואונדערונג — לעמיי רעכענען א סאך צושויער, אז די ראָל אקאָסטא איז מיכאָעלסעס א דורכפאל.

מיכאָעלס האָט א קליינע ווײַלע זיך פארטראכט. דערנאָך האָט ער גענו־מען ריידן.

— יאָ, צום באדויערן, קאָן מען עס ניט אָפּלייקענען: די צושויער איז דער ספּעקטאקל „אוריִעל אקאָסטא" געווען ניט צום הארצן. וואָס אָנבאַ־לאנגט מיך גופא און די איבעריקע אָנטיילנעמער פון דעם ספּעקטאקל, זײַ־נען מיר טאקע אומצופרידן געבליבן מיט אונדזער ארבעט. שולדיק איז אין א באדײַטנדיקער מאָס דער רעזשי־מײַסטער א. גראנאָווסקי: ער האָט אָפּגעשוואכט די איניציאטיוו פון די אקטיאָרן — שוין צופיל דערעכערעץ האָבן זיי געהאט פאר אים. מע מוז אנערקענען, אז גראנאָווסקי האָט אין דעם פאל קיין האָניק ניט געלעקט. אים איז באשערט געווען פארשווענדן א שלאל ענערגיע און צײַט, קעדיי צו באקעמפן די כאאָטישקײַט אין די זשעסטן און באוועגונגען, וואָס זײַנען געווען אזוי אייגנטימלעך אונדז, אָנ־פאנגער, דאָס ראָוו — געוועזענע אמאטאָרן. איז דעם רעזשי־מײַסטער אויס־געקומען, גרייטנדיק זיך צו די רעפּעטיציעס, אָנצייכענען די סכעמע פון די באוועגונגען, וואָס די אקטיאָרן האָבן באדארפט ארויסברענגען, שפּילנ־דיק די אָדער יענע סצענע. אָט אזא מין ראציִאָנאליסטישן צוגאנג צום אק־טיאָרס פּלאסטיק קאָן מען פארגלײַכן מיט דער ארבעט פון א מאשינען־

קאָנסטרוקטאָר, וועלכער כעזשבנט פּינקטלעך אויס מיט דער הילף פון מאַטעמאַטיק די באַוועגונגען פון זייַן מאַשין. אַזאַ אַרבעט־מאַניר בענעגייע די אַקטיאָרן האָט באַ גראַנאָווסקין זיך שוין אויסקריסטאַליזירט בעשאַס גרייטן דעם ספּעקטאַקל „גאָט פון נעקאָמע". דער דאָזיקער רעזשי־מייַסטער האָט באַרעכטיקט זייַן מעטאָד דערמיט, וואָס ער האָט געמוזט דיסציפּלינירן די אומדערפאַרענע, רויע אַקטיאָרן, וועלכע זייַנען געווינט געווען, שטרעבנדיק אויסדריקן זייערע עמאָציעס, באַנוצן היפּערטראָפירטע, כאאָטישע זשעסטיקולירונג. דער פּויעל־יויצע פונעם רעזשי־מייַסטערס דיקטאַטור בעשאַס רעפּעטירן „אוריִעל אַקאָסטאַ" איז געווען אַ קלאָגעדיקער: די אַקטיאָרן זייַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מאַריאָנעטקעס.

— איַיערע האַשאָרעס, — האָב איך מיך אָנגערופן, — איז שווער צו באַשטרייַטן. דאָך רעכן איך, אַז די שוועריקייַטן, וואָס איר האָט באַגעגנט אַף איַיער וועג צום אוריִעל־געשטאַלט, האָבן געשטאַמט פון נאָך אייניקע סיבעס. גראַנאָווסקיס אווטאָריטעט, זייַן דיקטאַטאָרישע האַלטונג האָבן טאַקע געהאַמעוועט די איניציִאַטיוו פון די אַקטיאָרן. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. מע קאָן ניט איגנאָרירן די מיינונג, אַז איַיערע אויסערלעכע אייגנטימלעכקייַטן, ווי, לאָמיר זאָגן, איַיער נידעריקער וווקס, האָבן אויך געשפּילט אַ נעגאַטיווע ראָל. מע דאַרף זיך אויך רעכענען מיט דעם פאַקט, וואָס איַיער סצעניִשע דערפאַרונג איז דעמלט געווען נאָך קנאַפּ. ביפראַט, אַז די צושויער, וואָס האָבן באַזוכט איַיער ספּעקטאַקל, האָבן שוין געהאַט געזען אין אָט דער ראָל אַזעלכע באַרימטע מייַסטערס, ווי דאַלסקי, לענסקי, סטאַניסלאַווסקי.

— דאָך, — האָט מיכאָעלס געגומען דערווידערן, — ליגט דער שווערפּונקט ניט אין אָט די נאָרוואָס אָנגעוויזענע מאָטיוון. מיר האָבן מיט אייַך נאָך ניט באַרירט די סאַמע וויכטיקע סיבע פון דעם ספּעקטאַקלס מאַפּאָלע. די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס דער אווטאָר פון אָט דער פּיעסע גוצקאָוו און פיל סצעניִשע טוער האָבן באַטראַכט אוריִעלן, ווי אַ העלד. איינדערעמעסן: אוריִעל אַקאָסטאַ האָט זיך געראַנגלט מיט אַ סוינע, וועלכער איז אָן אַן ערעך מעכטיקער געווען פון אים. דאַקעגן האָבן מיר — אַ. גראַנאָווסקי און איך — דערזען אין אוריִעלן בלויז אַ קאָרבן. אונדזער שטאַנדפּונקט האָט זיך באַזירט אַף דעם פאַקט, וואָס אוריִעל איז געווען אומבאַהאָלפן לעגאַבע די אַמסטערדאַמער ראַבאָנים און זייערע אָנהענגער, די גווירים־מעיוכאָסים.

איך האָב מיר אין מייַן פאַנטאַזיע אויסגעמאָלט אוריִעלן, ווי אַ מענטשן מיט געבראָכענע הענט. דעריבער האָב איך געבעטן אונדזער האַלבאָשעמייַסטער (דעם קאָסטיומער), אַז ער זאָל אַפּן פאָן פונעם שוואַרצן אַרבל

פון מײַן סורדוט אײַנמאָנטירן אינמיטן א ווײַסן פאס און אפן פאָן פונעם ווײַסן ארבל — א שווארצן פאס. אזויארום האָב איך אָנשוילעך סיגנאליזירט דעם צושויער מיקויעך דער געבראָכנקײַט פון אורזיעלס געמיט. אָנן בעעמעס, וואָס איז עס פאר א העלד, אז ער איז מאכטלאָז בענעגייע האנדלונג! און ווי איך האָב מיך ניט באמיט פארטיידיקן אורזיעלס אידייִשע פאָזיציעס, האָט דער צושויער דערשפירט, אז דער אקטיאָר האָט איבערנאָטירלעך זיך אָנגעשטרענגט. האקלאל, עס האָט זיך באקומען דאָס, וואָס איר רופט אָן — אופגעבלאָזענער פאטאָס. סײַוויסײַ — האָט געטראכט דער צושויער — איז מײַן אורזיעל פארורטיילט.

— יאָ, — בין איך מאסקים געווען מיט מיכאָעלסעס ארגומענט, — אזא פאָרשטעלונג וועגן אײַער אקאָסטא האָט אין א באדײַטנדיקער מאָס אינספירירט אויך נאטאן אלטמאנס מאָנומענטאלע דעקאָראציע, וואָס האָט אָפגעשפיגלט דעם אלטפרענקישן גוויריש־ייִכעסדיקן שטייגער. לעגאבע אָט די אימפאָזאנטע פאלאצן פלעגט די קליינינקע באשיידענע פיגור פונעם אקטיאָר באָטל ווערן און זײַן פאטאָס האָט אויסגעזען אומנאטירלעך.

ס'איז געווען נאָך א סיבע, וועלכע האָט געשטערט דעם אקטיאָר קריגן כיין אין די אויגן פון די צושויער: די ליבע פון אורזיעל אקאָסטא צו יעהודיס פארנעמט א גרויס אָרט אין דער דאָזיקער טראגעדיע. אינעם מאָסקווער ייִדישן טעאטער האָט מען, גרייטנדיק די דאָזיקע פיעסע, אָט דעם וועזנטלעכן קאָמפאָנענט אָפגערוקט אפן הינטערגרונט. דאָס האָט אָפגעשוואכט דעם עמאָציאָנעלן פאָטענציאל פון דער פאָרשטעלונג. האָט עס אין א באדײַטנדיקער מאָס גוירעם געווען די טרוקנקײַט, מיט וועלכער עס האָט געוויייעט פון אײַער שפיל אין אורזיעל־ראָל.

— איך מיין, אז איצט איז אײַך שוין אלץ קלאָר, — האָט מיכאָעלס געזאָגט.

א פשאָרעמאכער ווערט אן אזעספאָנעם

(רעב אלטער)

ווען כ'האָב דאָס ערשטע מאָל געזען מיכאָעלסן אין דער ראָל פון רעב אלטערן (אין שאָלעם־אלייכעמס איינאקטער „מאזלטאָוו”), האָט מיך שטארק איבערראשט די אויסערגעוויינלעכע בוילעטקײַט און קלאָרקײַט פון אָט דעם געמעל. דער פאָנעם־אויסדרוק, די אינטאָנאציע, די זשעסטן — אלץ איז דאָ געווען העכסט איבערצײַגנדיק און אומבאשטרײַטבאר. איך בין געווען זיכער, אז טאקע נאָר אזוי און ניט אנדערש באדארף מען מאָלן רעב אל־

טערן. מיר האָט זיך געדוכט, אז דער דאָזיקער אקטיאָר האָט מאטעמאטיש באַרעכנט די ליניעס פון די זשעסטן, זייער צאָל, ווי אויך די פויזעס.

די האנדלונג פונעם איינאקטער „מאזלטאָוו" קומט פאָר אין קיך בא א ייִדישן גוויר. די הויפט־פערסאָנאזשן זײַנען דאָ דעם גווירס מעשאָרסים און זייער אָפטער גאסט רעב אלטער דער פאקנטרעגער. דער גרונט־מאָטיוו איז דאָ — דער פראָטעסט פון די מעשאָרסים קעגן דער ברוטאלער באציִונג פון זייערע באלעבאטים. רעב אלטער, דער אָרעמער מויכער־ספאָרים, איז א גוטער פרײַנט, א יעדיד פון אָט די דערנידעריקטע. אגעוו, שאדכנט ער זיך צו דער קעכן ביילע, האגאם אָט די לעכצעניש איז זייער שעמעוודיק, זייער באשיידן און דערי̆בער זייער רירנדיק. רעב אלטער איז א טרוימער.

ווער עס לייענט די פיעסע „מאזלטאָוו", באטראכט רעב אלטערן ניט אנדערש, ווי א דערוואקסן קינד. וועגן רעב אלטערס קינדערשער נאַיִווקײַט זאָגן איידעס אפילע די נעמען פון די ביכער, וואָס ער ברענגט צום לייע־נען זײַנע קוינים — דער קעכן ביילע, פראדל דער פאָקאָיאָווע, דעם לאקיי כאיִם. אָט האָט איר אײַך די נעמען פון אָט די מײַסע־ביכלעך:

„א ווילדער נעגער אין א רויטן גארטל מיט צען אָנגעלאָדענע פיסטוילן און זעקס דאמען, וועלכע מע האָט מיט דער הילף פון קישעף פארוואנדלט אין טויבן, אָדער דאָס פינגערל פון שלוימע האמעלעך".

„א קעניג אין געפענקעניש באם אײַז־אָקעאן, אָדער די צעשפאלטענע ליפ".

„א שווארצער ציגײַנער מיט זילבערנע קנעפּ אין א רײַטוואָגן, אָדער די גלעזערנע פייסעכדיקע קאטשלקע".

אָט אזעלכע מײַסעס רייצן די פאנטאזיע פון רעב אלטערן און זײַנע קונדן. מיינט איר עפשער, אז ער לייענט נאָר אזעלכע ביכער? אים איז ניט פרעמד די ציִוניסטישע ליטעראטור. נאָך מער: ער איז אין א געוויי־סער מאָס באהאוונט אויך אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראטור. אָבער פון אָט די אלע יעדיִעס איז בא אים אין קאָפּ געבליבן א נאַיִווער, א מעשונע־דיקער מישמאַש, סײַ די, סײַ יענע פארטיי זײַנען אין זײַן פאָרשטעלונג פאָלקס־פארזאָרגער. פארדאמען די אָדער יענע מענטשן — דאָס לייגט זיך אים ניט אפן סייכל. אף אלעמען געפינט ער א זכוס. ער איז אפילע אף ביילע דער קעכנס באלעבאטים ניט אופגעבראכט. און ווען ביילע טוט א זאָג: „בעסער א מיסע־מעשונע אף מײַנע באלעבאטים, איידער עס זאָל, כאָלילע, עפעס שאטן די סיציליסטן", רײַסט זי רעב אלטער א דערשראָ־קענער איבער: „וואָס האָב איך צו זיי".

זײַן ווייכלײַביקײַט, זײַן פשאָרעמאַכערישע נאַטור ברענגט דערצו, אַז
ער באַשולדיקט קײנעם ניט און פאַלט אַף קײנעם ניט אָן.

אינעם אַלטן ביז־אַקטיאַבערישן טעאַטער האָבן אַפילע זײער באַגאַבטע
אַקטיאָרן רעב אַלטערן געשילדערט, ווי אַ שטײגערישן פאַרשױן: זײ
האָבן דעריקער באַטאָנט זײַן נײגונג צו אַ שנאַפּס, זײַן כײשעק צו בײלע
דער קעכן. אָט די פּראָטים האָבן דעם צושױערס אױפמערקזאַמקײַט אָפּגע־
ווענדט פון רעב אַלטערס אינערלעכן וועזן. רעב אַלטערס טאָך פלעגט
דערטרונקען ווערן אין אָט דעם שטראָם עכט־שטײגערישע פּראָטים.

האָט זיך מיר געגלוסט געוויר ווערן בא מיכאָעלסן גופע, וו:אַרום
איז אים געלונגען צו דערלאַנגען אָט דאָס געשטאַלט אַזוי, אַז דאָס קאָמי־
שע, וואָס אין אָט דעם נעפעש, ווערט אָפּגערוקט אַפן הינטערגרונט, און
מיר ווערן ווילנדיק־ניט־ווילנדיק דורכגעדרונגען מיט אַ מין דערעכערעץ
לעגאַבע אים.

ס׳זײַנען אַוועק צוויי כאַדאָשים, זינט כ׳האָב באַזוכט אָט דעם שאָלעם־
אַלײכעם־אָוונט. איך בין געשטאַנען באַם אַרײַנגאַנג פון דער טעאַטער־
געבײַדע און האָב געוואַרט, ביז עס האָט דאָרט זיך פאַרענדיקט די רעפּע־
טיציע, און מיכאָעלס האָט זיך באַוויזן. דערנעענטער איך מיך צו אים
און זאָג:

— איך רעכן, אַז איר וועט מיר ניט אָפּזאָגן און דערקלערן: וואָס
איז די סיבע, וואָס אײַער שפּיל אין דער רעב אַלטער־ראָל פאַרכאַפּט אַזױ
אַפילע די צושױער, וואָס האָבן שױן געזען אונדזערע סאַמע טאַלאַנטפולע
אַקטיאָרן אין אָט דער ראָל?

— איך וױיס, — זאָגט מיכאָעלס, — מײַן ברודער כאַ:ים האָט מיר דער־
צײלט, אַז אײַך האָט שטאַרק פאַרינטערעסירט מײַן רעב אַלטער. איז הערט
זיך אײַן: אַף מיר גופע, ווען איך האָב דורכגעלײענט „מאַזלטאָוו“, האָט
רעב אַלטער געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ מאָדנעם נעפעש. ס׳איז שױן
אַזאַ שטײגער: ווען אַן אַקטיאָר פּאַקט אַזאַ ראָל, ציט עס אים וואָס מער
אױסלאַכן, כױזעק מאַכן פון אָט אַזאַ פאַרשױן. אָבער ווען איך האָב געגנו־
מען טיפער זיך אַרײַנטראַכטן אין אָט דעם געשטאַלט, האָב איך פאַרשטאַ־
נען, אַז האַגאַם רעב אַלטער איז זײער קאָמיש, אָבער שאָלעם־אַלײכעם
האָט דאָך אַרײַנגעפירט רעב אַלטערן אין דער פּיעסע ניט צוליב
קיצלען די צושױער. עמעס, אין דער פּיעסע זײַנען רעב אַלטערס קאָמישע
געננג זײער פאַרביק געשילדערט. אָבער זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ווער
פון אונדז זעט ניט אױס קאָמיש ווען־עס־איז? ווער פון אונדז איז רײן
פון כעסרױנעס? צוליב וואָס זשע טױג עס צעשמירן, אונטערשטרײַכן די
האַוױַעס פון אָט אַזאַ שטילער טױב, ווי רעב אַלטער? ער איז דאָך אַן

אונדזעריקער, אַן אייגענער, אַ לײַבלעכער קאָרעוו פֿון אַלע אונטערדריקטע, באַאוּוולטע. ווער ס'איז באַקאַנט מיט אָט דער פּיעסע, דער ווייסט, אַז די איקער־אידיי איז דאָ — דער פּראָטעסט פֿון די מעשאָרסים קעגן דער ברוטאַלער באַציִונג פֿון די באַלעבאַטים. רעב אַלטער ווערט אונדז אײַנגעבאַקן אין האַרצן, ווי אַ מענטש, וואָס קאָן קיין אוולעס ניט לײַדן. און דער איקער: אָט די ליבשאַפֿט צו באַליידיקטע מענטשן איז ניט פּאַסיוו, זי איז אַקטיוו. איר געדענקט דאָך דעם סאַמע פּאַטעטישן מאָמענט צום סאָף פֿון דער פֿאָרשטעלונג: ווען ביילעס באַלעבאָסטע, די גווירנטע, רײַסט זיך אַרײַן אין קיך, ווי אַ וויכער, און פֿאַלט אָן אויף די מעשאָרסים מיט קלאָלעס און זידלערײַען, ווערט רעב אַלטער די מינוט ניכטער און רופֿט אויס:

— די ציצילִיסטן זאָגן: „אַ קלאָג צו דײַן קאָפּ!"

נאָך מער: ער כאַפּט אַ שײַטל האָלץ און טוט עס אַ הייב איבער איר קאָפּ (די באַלעבאָסטע טוט בעשאַס־מײַסע אַ פֿאַל אויף די קני).

דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ סימבאָלישער זשעסט. אַזאַ זשעסט האָט איר ניט אין שאָלעם־אַלייכעמס טעקסט. דאָס האָט דער רעזשי־מײַסטער אויף זײַן אַכרײַעס צוגעגעבן. אָט דער זשעסט איז באַרעכטיקט, מאַכמעס ער פֿאַרשטאַרקט דעם טאָן פֿון סאָציאַלן פּראָטעסט, האַגאַם רעב אַלטער דער פּשאָרעמאַכער, דער מעכעטייסעניק ווערט דאָ פֿאַרוואַנדלט אין אַ מיליטאַנטישן אַזעסניק.

— מיך האָט, דעם עמעס זאָגנדיק, — מיש איך מיך אַרײַן אין מיכאָעלסעס רייד, — ביז גאָר איבעראַשט די צוריקגעהאַלטנקײַט פֿון אײַערע זשעסטן, די אויסגערעכנטקײַט און קאַרגשאַפֿט פֿון אײַערע באַוועגונגען, מיט וועלכע עס צייכנט זיך אויס אײַער שפּיל.

— פֿאַרגעסט ניט, — זאָגט מיכאָעלס, — אַז מײַן לערער איז א. מ. גראַנאָווסקי און ער איז איינער פֿון מאַקס ריינהאַרטס בעסטע טאַלמידים. האָט ער טאַקע מיך אויסגעלערנט, וויאַזוי אַן אַקטיאָר באַדאַרף זיך האַלטן אויף דער בינע. מיר, אַקטיאָרן, האָבן לויט דער אָנווײַזונג פֿון א. מ. גראַנאָווסקי גענומען אין באַטראַכט געוויסע פֿעלערן, וואָס זײַנען געווען אייגנטימלעך דער מערהײַט אַקטיאָרן פֿונעם ביז־אָקטיאַבערישן יידישן טעאַטער. איינער פֿון אָט די פֿעלערן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין זייערע זשעסטן, אין זייערע באַוועגונגען האָט געהערשט עפּעס אַ מין אַנאַרכיע — זיי זײַנען געווען כאַאָטיש. די זשעסטן פֿון אַן אַקטיאָר, זײַנע באַוועגונגען באַדאַרפֿן זײַן אויסדערוויילטע, אויסגעשפּראָכענע. באַוועגלעכקײַט און אומבאַוועגלעכקײַט אויף דער בינע זײַנען אונטערגעוואָרפֿן געוויסע געזעצן. היט מען זיי ניט אָפּ, איז די קונסט פֿון אַקטיאָר ווײַט פֿון שליימעס.

אָבער דער איקער איז — טיף אַרײַנדרינגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פונעם פּאַרשוין, װעלכן מיר שילדערן אױף דער בינע.

מיך האָבן אין רעב אַלטערס האַלטונג אינטערעסירט גראַד די מאָמענטן, װען ער איז פאַרטיפט אין זײַנע מאַכשאָװעס. דעריבער האָב איך געלייגט װייניק אַכט אױף דעם, װאָס רעב אַלטער איז געװען בעגילופן, אונטערן גלעזל. ס׳איז מיר אַפן געדאַנק ניט געקומען, אַז מײַן רעב אַלטער מוז אױסזען, װי אַ פליאַסקעדריגע, װי עס פּאַסירט מיט דאָס ראָװ באַטרונקענע. די היפּשע פּאָרציע מאַשקע, װאָס ער האָט אין זיך אַרײַנגעקנאַקט, האָט ניט געשטערט דער קאָנצענטרירטקײַט פון זײַן געדאַנק און ניט אָפּגענומען בא אים דעם מאָס־געפיל, די פײַזקײַט פאַרבלײַבן צוריקגעהאַלטן. און אָנשטאָט אונטערצושטרײַכן די צעשרויפטקײַט פון אַ שיקערן בען־אָדאָם האָב איך דעמאָנסטרירט רעב אַלטערס געפיל פון מענטשן־װירדע. איך האָב מיך פאָרגעשטעלט: דאַפקע אין בעגילופנדיקן צושטאַנד איז רעב אַלטער פאַרטיפט אין באַטראַכטן זײַן אייגענעם גורל און דעם גורל פון זײַנע אַרומיקע.

— און דאָך, — זאָג איך, — שפּריצט פון אײַער שפּיל מיט איראָניע די גאַנצע צײַט פון אָט דעם ספּעקטאַקל.

— װי זשע קאָן עס אַנדערש זײַן? האַגאַם איך גופע בין צו רעב אַל־טערן דורכגעדרונגען מיט סימפּאַטיע און טו אַלץ, אַז דער צושױער זאָל אים ליב האָבן, שטערט עס מיר ניט צו איראָניזירן בענעגייע אָט דעם פּאַרשוין. אַזאַ באַפאַרבונג גיט צו נאָך מער כיין מײַן רעב אַלטערן.

אָפּגעשניטענע פליגל

(בינימין)

צוליב אַן איניען בין איך אַרײַנגעקומען אינעם מאָסקװער ייִדישן טעאַטער. האָט מען מיכאָעלסן צו װיסן געגעבן, אַז איך װיל זיך מיט אים טרעפן. האָט ער מיך אײַנגעלאַדן. פונעם ערשטן בליק איז מיר געװאָרן קלאָר, אַז מיכאָעלס איז גוט געשטימט. װענד איך מיך צו אים:

— װעדליק איך זע, איז בא אײַך גאָר אַ געהױבענע שטימונג.

— יאָ, יאָ, — האָט ער באַשטעטיקט, — אַזױ איז עס טאַקע. בא אונדז אין טעאַטער גרייטן מיר אַ נײַעם ספּעקטאַקל — „מאַסאָעס בינימין האַ־שלישי”. אַזאַ אַרבעט באַפליגלט און דערקװיקט.

— קאָנקרעט, — זאָג איך, — אָט די צוגרייטונג באַטראַכט אײַער גאַנצער קאָלעקטיװ, װי אַן אױסערגעװיינלעכע געשעעניש.

— אוואדע, אוואדע, — איז מיכאָעלס מאסקים, — איך פערזענלעך באַ־טראַכט עס, ווי א צוגרייטונג צו א גרויסן יאָמטעוו. איר נעמט נאָר אין באַטראַכט, אז בעמעשעך פון די לעצטע צוויי יאָר איז מיר ניט באַשערט געווען צו שפּילן אזא אויסטערלישע ראָל, ווי בינ יאָמין. סײַ די ראָל פונעם שווינדלער שינדל (אינעם ספּעקטאַקל „137 קינדער־הײַזער”, וואָס איז בא אונדז אופגעפירט געווען אינעם יאָר 1926), סײַ די ראָל, מישטיינסגעזאָגט, פונעם וויסנשאפטלער טרואַדעק, וואָס איז אופגעפירט אינעם אָנהייב פונעם לויפנדן יאָר, — קיין איינע פון אָט די ראָלן האָט מיך אזוי ניט אופגערר־דערט, ווי די בינ אָמין־ראָל.

אײַך איז, מינאָסטאם, באוווסט, אז איך זע אין יעדן מענטשן א שטיק דאָן־קיכאָט — איך זע זײַן טרוימערישקײַט, ווי אויך זײַנע שווינדלערישע בייגונגען. אָט דעם געדאנק האָב איך שוין ארויסגעזאָגט אין איינער פון מײַנע עפנטלעכע ארויסטרעטונגען. אָפּטמאָל איז מײַן צוגאנג צו מענטשן פול מיט ראַכמאָנעס און מיטגעפיל. דערפון שטאמט מײַן שטענדיקע שטרעבונג געבן דעם מענטשן א מעגלעכקײַט זיך צו פארטיידיקן. דאָס אַלץ האָט א שײַכעס אויך צום הויפּט־פּערסאָנאזש, צו בינ יאָמינען, וועלכן איך גרייט מיך שפּילן אינעם נאָענטסטן ספּעקטאַקל.

בינ יאָמין איז א קאפּצאָנישער טוישעוו פונעם פּארוואָרפענעם שטעטל טונעיאַדעווקע. ס׳איז א פארכושטער נעפעש, וואָס רײַסט זיך, ווי פון אַן אײַזערנער קייט, וואנדערן. אים ציט אומופהערלעך אין פאנטאסטישע לענדער. אים סארפעט דער באגער אופצוזוכן די לעגענדארע „רויטע ייִדעלעך”, די צען שוואָטים, וואָס זײַנען מיקאדמוינים פארבליבן שטעקן ערגעץ הינטער די האָריי־כוישעך. בינ יאָמין טרוימט, אז דאָרט וועט מען אים זאלבן פאר א קייסער, און דעמלט וועט ער אויסלייזן אלע ייִדן פון יעסורים און דערשלאָגנקײַט. אָט דער טרוים באגײַסטערט און העלפט אים איבערצוטראָגן די ליידן אין זײַן שמוציקן שטעטל טונעיאַדעווקע. אָט דער טרוים שטויסט בינ יאָמינען צו אוואנטיור־טאַטן. אין אַן אוואנטיור ציט ער ארײַן זײַן סאמע נאָענטן כאווער סענדערל די ייִדענע. און זיי לאָזן זיך אוועק אין דער ברייטער וועלט. נאָך א ריי קאָמישע פּאסירונגען קערן זיך אָט די ביידע וואנדערער צוריק קיין טונעיאַדעווקע.

אוואדע ווייסט איר דעם דאָזיקן סוזשעט. דערציילט האָב איך אים אײַך אינקורצן, קעדיי צו דערקלערן אונדזער צוגאנג צו דער אידיי פון דעם ווערק. ווער עס האָט מיט קאָפּ געלייענט דאָס ווערק, דער ווייסט געוויס, אז מענדעלע מויכער־ספאָרים האָט זיך געשטעלט א ציל — מיט דער גאנ־צער קראפט פון זײַן סאטירע אויסלאכן דעם נעבעכדיקן שטייגער פון די טונעיאַדעווקער טוישווים. יאָ, אין אָט דעם ווערק זײַנעם קאנסנט און

דעמאסקירט דער מעכאבער דעם שמוץ, די אָפּגעשטאַנענקײַט און אַלט־פרענקישקײַט פֿונעם ייִדישן פּאַטריאַרכאַלן שטייגער, ווו עס פּרוכפּערן און מערן זיך אַזעלכע אומבאַהאָלפענע פֿאַרשווינען, ווי בּיניאָמין און סענדערל.

מיר, די אַנטיילנעמער פֿונעם צוקינפֿטיקן ספּעקטאַקל, לייענען צווישן די שורעס פֿון מענדעלעס טעקסט דאָס, וואָס דער אויטאָר האָט ניט דער־זאָגט. אייגנטלעך, באַמיִען מיר זיך פֿאַרטיפֿערן די פּראָבלעם, וואָס מענ־דעלע האָט געלייגט אין גרונט פֿון זײַן ווערק. דער איקער איז דאָך ניט די כויזעקמאַכערײַ איבער אַזעלכע אומבאַהאָלפענע נעפּאַשעס, ווי בּיניאָ־מין און סענדערל, דער איקער איז — שילדערן זייער טראַגיזם, דער איקער איז — אַ הומאַנישער צוגאַנג צו אָט די באַאוולטע און דערנידעריקטע. די טראַגישקײַט באַשטייט דאָך אין דעם, וואָס זייער נאַיִווקײַט ווערט צעטראָטן דורך דער דורכגעטריבנקײַט פֿונעם האַנדל־וואַנדל; זייער טרוים צעטרעטן די קנאַקערס, וואָס יאָגן זיך אין איין אָטעם נאָך גוזמעדיקע רעוואָכים. און אין דער זעלבער צײַט זײַנען אָט די צוויי פֿאַרשווינען קאָ־מיש, ווײַל עס ווייעט פֿון זייערע פֿאַרשטעלונגען מיט מיטלאַלטער, מיט אַ מערקווירדיקער באַגרענעצטקײַט.

מענדעלע מויכער־ספֿאָרים זעט אין בּיניאָמינען אַ ייִדישן דאָן־קיכאָט. ער דעמאַסקירט אים און לאַכט אים אויס. איך רעכן אָבער, אַז כויזעק מאַכן פֿון בּיניאָמינען איז ניט מײַן הויפּט־אויפֿגאַבע. סײַ איך, סײַ מײַן פּאַרטניאָר זוסקין האָבן געהאַלטן פֿאַר דאָס וויכטיקסטע — אַנטפּלעקן די ליידן און די באַדנלאָזיקײַט פֿונעם נאַיִוון און ערלעכן פֿאַלקסמענטש, וועלכן ס׳איז אויסגעקומען זיך צוזאַמענשטויסן מיט דער אומבעראַכמאָ־נעסדיקער ווירקלעכקײַט.

— ס׳איז אינטערעסאַנט צו וויסן, — רוף איך מיך אָן צו מיכאָעלסן, — וועלכע אַסאָציאַציעס זײַנען אין אײַער פֿאַנטאַזיע געבוירן געוואָרן, ווען איר האָט גענומען זוכן די מיטלען, וואָס זײַנען נייטיק צוליב דער בּיניאָ־מין־פֿאַרקערפּערונג.

— איר ווייסט געוויס, — ענטפֿערט מיכאָעלס, — ווען איך קאָנצענטריר מײַן אויפֿמערקזאַמקײַט אויף דעם אָדער יענעם מענטשן, שטעלט זיך מיר פֿאָר, אַז איך גיי צו צו עפּעס אַ סוידעספּולער דערשײַנונג. באַ אונדזערע אַמאָליקע דענקער געפֿינען מיר אַזאַ מין זאָג: יעדער מענטש איז אַ גאַנצע וועלט פֿאַר זיך.

אָט דעם סאָד, אָט די געהיימניש זוך איך אין יעדן געשטאַלט, וואָס איך גרייט מיך באַווײַזן אויף דער בינע. אָט נעמט, לעמאָשל, בּיניאָמינען. ער שטעלט זיך מיר פֿאָר עלעהיי אַ פֿויגל, באַ וועמען מע האָט אָפּגעהאַקט

די פליגל. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די באהאנדלונג פון ביניאָמינס האלבאָשע, פרעגט מיך דער קינסטלער: „וואָס פאָדערט איר?" — האָב איך געענטפערט: „מע דארף, אז עס זאָל מיר זײַן ענג אונטער די פּאכוועס. איך זאָל האָבן א געפיל, עלעהיי מע שנײַדט אונטער בא א פויגל די פליגל". דאָס וועט מיר העלפן צו מיטפילן דעם געשטאלט, וואָס עס שטייט מיר פאָר צו פארקערפּערן.

— האָט איר אין מענדעלעס טעקסט געפונען א רעמעז אף אן ענלעכער אסאָציִאציע?

— יאָ, — האָט מיכאָעלס באשטעטיקט, — דאָרט איז טאקע דאָ עפּעס אזוינס, וואָס האָט א שײַכעס צו אזא מין אסאָציִאציע. אָט וואָס מענדעלע שרײַבט אינעם אָנהייב פון זײַנע „מאסאָעס":

„די וווּנדערלעכע מײַסעס וועגן די רויטע ייִדעלעך און וועגן די צען שוואָטים זײַנען טיף ארײַנגעדרונגען אין ביניאָמינס נעשאָמע, און פון דעמלט אָן איז אים עפּעס ווי ענג געוואָרן אין זײַן שטעטל, אים האָט עס אלץ געצויגן אין די ווײַטע מעקוימעס..."

— אגעוו, — זאָגט מיכאָעלס, — איז עפּשער ניט קעדײַ איצט אנטפּלעקן אלע סוידעס פון מײַן אקטיאָרישער לאבאָראטאָריע. ווען עס וועט פּארטיק ווערן דער ספּעקטאקל, וועט פאר אײַך ניסגאלע ווערן די קאָנקרעטע פארקערפּערונג פון מײַנע האשאָרעס.

און אָט זיץ איך אינעם צושויער־זאל און קוק מיך צו, ווי מע שפּילט „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי". א באגײַסטערטער האָט מיכאָעלס געשפּילט. ער האָט, קאָנטיק, פאר זיך אוועקגעשטעלט א קאָמפּליצירטע אופגאבע: אויסדריקן דאָס טראגישע דורך דעם קאָמישן. עס איז מאמעש געשען א נעס: דער נעבעכדיקער, דער אָרעמער ביניאָמין, וועלכן מיכאָעלס האָט פארוואנדלט אין א היספּײַלעספולן גליקזוכער, אין אן ענטוזיִאסט, האָט אויסגעזען קימאט ווי א העלד. אָנגעטאָן אין א שמאטעוואטער קאפּאָטע, אין קורצינקע פּלודערלעך, אונטער וועלכע עס טאַרטשען די טאכטוינים; דעם קאָפּ דעקט צו א שפּיציקע יארמלקע, וואָס גיט צו ביניאָמינען גאָר קנאפּ כיין. נו, און דער גרינגער שארף אף זײַן האלדז, וואָס הארמאָנירט קלאל ניט מיט דער גאנצער האלבאָשע; געלע, שפּיצעכיקע ברעמען; דאָס בערדל איז מײַסע טאלמיד־כאָכעם פארדרייט און איז ענלעך אף א מאָ־טשאלקע... מיט איין וואָרט, דער אויסזען איז מעשונעדיק. עפּעס גאָר קיין מענטש ניט — א סטראשידלע!

אָבער וואָס מער איר פארטיפט זיך אין דער שפּיל פונעם אקטיאָר, גייט אײַך שוין ניט אָן זײַן אויסזען. אײַך פארכאפּט דער עקסטאטישער גלאנץ פון זײַנע אויגן, דער קאָפּ, וואָס איז עטוואָס פאריסן, און די אויגן,

וואָס זײַנען געווענדט אין די מערכאקים. דער פאטאָס, מיט וועלכן מיכאָעלסעס שפּיל איז דורכגעדרונגען, ברענגט דערצו, אַז איַיך ווײַזט זיך אויס: ס׳איז דאָך אַן אַפּאָלאָגיע, אַ ליבע־געזאַנג בינאָמינען; עפּעס איַיז מיכאָעלס קעמוי באָטל געוואָרן אין זײַן שאַפונג. אָט ווי טיף דער אַקטיאָר האָט באַוויזן צו באַגרײַפן בינאָמינען. ווער עס האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט מיכאָעלסעס שפּיל, האָט דערפילט אין איר אַ לײַכטע איראָניע, אָבער אין דער איראָניע האָט לעגאַמרע געפעלט אַזוינס, וואָס זאָל אויסזען ווי אַ באַליידיקונג לעגאַבע בינאָמינען. מיכאָעלסעס צוגאַנג צו בינאָמינען איז געווען באַהויכט מיט עכטן הומאַניזם.

דאָס צונויפפּאָרן סענטימענטאַלקײַט מיט איראָניע, דאָס אויסמישן פּאַטאָס און פּאַראָדיע האָט דערגרייכט צו אַזאַ מאַדרייגע, אַז ס׳איז געווען שווער זיך פאַנאַנדערקלײַבן, ווו איינס האָט זיך פאַרענדיקט, און ווו דאָס צווייטע האָט זיך אָנגעהויבן.

צו אַזאַ הויכן גראַד האָט זיך דאָ אַ הייב געטאָן די קונסט דערפאַר, וואָס מיכאָעלס האָט זייער ערנסט באַנומען זײַן אויפגאַבע. אייגנטלעך, איז דאָך בינאָמין — טראָץ דעם טיפן טראַגישן טאָך זײַנעם — פּאָרט אַ קאָמישער פּערסאָנאַזש. האָט טאַקע דער אַקטיאָר באַדאַרפט פאַרמאָגן אַ גרויסן טאַקט, אום ניט אַראָפּגליטשן זיך צו ווולגאַרן קאָמיזם. דאָ האָט אויך געהאָלפן די קלוג־אויסגערעכנטע קאָנטראַסט־שפּיל: אויסערלעך אַ פּליאַסקעדיגע, אָבער סאַראַ בונטאַרישע נעשאָמע, סאַראַ אומרו, סאַראַ מאָראַלישע זויבערקײַט דאָס דאָזיקע קליינע מענטשעלע פאַרמאָגט.

שטאַרק איבעראַשט האָט די צושויער די צוריקגעהאַלטנקײַט, די לאַקאָנישקײַט אין די מאַנירן פונעם אַקטיאָר. אָט האָט איר די ערשטע סצענע פונעם ערשטן אַקט. אַ וואַנדערנדיקן מויכער־ספאָרים האָט אַרומגערינגלט אַ כאַפּטע טונעיאַדעווקער ייִדן. בינאָמין איז אויך דאָ. דער אוירעך דערציילט וועגן ווײַטע־ווײַטע מעקוימעס, דערין אויך וועגן ערעץ־ייִסראָעל און יערושאָלאַיִם. בינאָמין איז אויסער זיך. ער ווערט שטאַרק צעקאָכט. וויִאַזוי זשע דריקט עס זיך אויס? בינאָמינס אויגן ברענען, און ער גלעט אַזוי צאַרט די האַנט פון אַ ייִנגעלע, וואָס האָט זיך צו אים צוגעטוליעט. ער נעמט דאָס ייִנגעלע אַרום. און ווען דער אוילעם קלײַבט זיך שוין אַוועקגיין, דערווײַטערט זיך בינאָמין מיט דעם ייִנגעלע, וואָס ער האָט פעסט אַרומגענומען.

און אָט האָט איר איַיך נאָך אַן עפּיזאָד, וואָס קומט גלײַך נאָך דעם נאָרוואָס באַשריבענעם. בינאָמין באַווײַזט זיך אויף דער וואַנסצענע. שוין איינער אַליין. זײַנע אויגן דריקן אויס אַ גוואַלדיקן אומרו. דער מענטש איז ווי אַ צעפלאָכטער. עס דוכט זיך, אַז ער זעט אַפילע ניט, וואָס

ארום אים טוט זיך. פון גרויסער אופרעגונג איז זײַן שטים א הייזעריקע. עס רײַסן זיך ארויס פון זײַן מויל איינציקע ווערטער: „יערושאָלאַיִם... מעדינאס־ייִסראָעל... אָט... פאר די אויגן...״ אין דער זעלבער צײַט שטרעקט ער אויס די רעכטע האנט. זי ציט זיך לאנגזאם ארוף. די פינגער וויברירן אינעם ריטם פון דער אָרקעסטער־מוזיק. די אינטאָנאציע, דער אין זיך אײַנגעהאלטענער און אָנגעשטרענגטער פאטאָס, די וויברירונג פון די פינגער, אף וועלכע עס טאנצן ליכט־שטראלן, — דאָס אלץ ווירקט אף די צושויער, וועלכע דערשפירן א טיפע איבערלעבונג אין די געציילטע ווערטער, וואָס האָבן זיך דאָ נאָרוואָס געלאָזט הערן. האגאם ס׳איז טיף דער זין פון אָט דער בינאָמין־פארקערפערונג, האגאם זי אנטהאלט אין זיך א געוויסע פילאָסאָפישע אָנדײַטונג, דאָך איז די דאָזיקע סצענישע שפראך צוטריטלעך, פארשטענדלעך פאר די ברייטע מאסן צושויער.

מיט וואָס דערקלערט עס זיך, וואָס אף מיכאָעלסעס בינאָמין הויערט אזא כיין? טײַלווײַז איז דערצו גוירעם די אויסטערלישע רויִקײַט, וואָס ווייעט פון מיכאָעלסעס שפיל. און רויִק איז דער אקטיאָר דערפאר, וואָס ער איז זיכער, אז ער האָט געפונען די סאמע פולקומע פאָרם פאר זײַן סצענישער שאפונג. בלויז פולקומע קלאסישע ווערק צייכענען זיך אזוי אויס מיט זייער פארגאנצטקײַט און זאָגן איידעס וועגן דער אויסטערלישער מײַסטערשאפט פון זייערע באשעפער.

און נאָך א זאך: די זייער געלונגענע פאָרם פון אָט דעם ספעקטאקל איינגאנצן גענומען און ביפראט פון מיכאָעלסעס שפיל האָט זיך ארויסגעוויזן זייער צוטריטלעך פאר מאסן ניט־ייִדישע צושויער.

ניט געקוקט אף דער אויסערגעוויינלעכער הארמאָנישקײַט און טעאַטראַלישקײַט פון אָט דעם ספעקטאקל און די מערקווירדיקע אקטיאָרישע דערגרייכונגען פון מיכאָעלסן און זוסקינען, האָט די דאָזיקע פאָרשטעלונג גוירעם געווען פארשיידענע און אין א געוויסער מאָס סטירעסדיקע אָפּשאצונגען פון דער קריטיק. איינציקע פון אָט די אָפּשאצונגען האָבן אָפּגעשפיגלט די שטימונגען פון אָט יענעם קורצטערמיניקן געשיכטלעכן פּעריאָד, ווען א טייל פון דער ייִדישער באפעלקערונג פון ראטנפארבאנד איז נאָך ניט געווען ארײַנגעצויגן אינעם הארעפּאשנעם לעבן פון אונדזער לאנד, — האָבן בינאָמינס באָדנלאָזע טרוימען וועגן ערעץ־ייִסראָעל געקאָנט אופוועקן א געוויסן מיטגעפיל, א געוויסע בענקעניש אין די הערצער פון געוויסע שיכטן דעקלאסירטע ייִדן.

וועגן דעם זאָגט איידעס אויך אזא עפּיזאָד, וואָס האָט פּאסירט אינעם יאָר 1931. איך בין געקומען אינעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער אפן ספעקטאקל „מאסאָעס בינאָמין האשלישי״, וואָס איז שוין לאנג גע־

ווען פאַרעכנט אינעם גאָלדענעם פּאָנד פונעם רעפּערטואַר פון אָט דעם טעאַטער. ווען איך האָב נאָכן אויסטאָן דעם מאַנטל זיך שוין געגרייט שטײַגן אױף די טרעפּ, וואָס פירן אין צושויער־זאַל, דערזע איך דאָוויד בערגעלסאָנען. טוט ער מיר א זאָג מיט א כיטרע שמייכעלע:

— ווי קומט איר הײַנט אהער? איר האָט דאָך, מינאַסטאַם, שוין ניט איין מאָל געזען אָט דעם קליינבירגערלעכן ספּעקטאַקל...

קוק איך אים אָן א פאַרכידעשטער. האָט ער פאַרשטאַנען, אז בא מיר איז שטאַרק אָפּגעפרעגט דאָס, וואָס ער האָט אזוינס א זאָג געטאָן. רופט ער זיך אָן:

— אויב איר מיינט, אז דאָס האָב איך אָט דעם ספּעקטאַקל געקרוינט מיטן טיטל „קליינבירגערלעכער״, האָט איר טאַקע א טאָעס. דאָס האָבן אײַערע טעאַטער־קריטיקער אזוי אָט דעם ספּעקטאַקל באַנומען.

און ער האָט זיך הילכיק צעלאַכט.

האָב איך פאַרשטאַנען, אז ער האָט אין אָט דעם מאָמענט געקראָגן כיישעק איראָניזירן איבער אָט יענע קריטיקער, וואָס האָבן געטאָן אַלץ, וואָס מעגלעך איז, קעדיי קאָמפּראָמעטירן דאָס דאָזיקע אויסטערלישע קונסט־ווערק.

דער לופטמענטש

(רעאַליזם און פאַנטאַסטיק)

מיכאָעלסן איז געווען ניכע צו געבן דערקלערונגען וועגן די ראָלן, וואָס אים איז אויסגעקומען צו שפּילן.

אייניקע פון מײַנע באַקאַנטע האָבן מיך געבעטן, אז איך זאָל א פּרווו טאָן זיך דערשלאָגן בא מיכאָעלסן אן ענטפער אױף די פראַגן, וואָס זײַנען בא זיי אנטשטאַנען נאָכן דורכקוקן דעם ספּעקטאַקל „לופטמענטש״ אינעם טעאַטער. די פראַגן זײַנען דעריקער נעגייע געווען מיכאָעלסעס שפּיל אין דער ראָל פון מענאַכעם־מענדל.

מיכאָעלס, דער קריטיקער אויסלענדער און איך האָבן זיך צוזאַמענגע־טראָפן אינעם קאַבינעט פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער (אױף מיי־כאָעלסעס נאָמען). עס האָט זיך געהאַנדלט מיקויעך דעם אַרבעטס־פּלאַן פון אָט דעם קאַבינעט אינעם יאָר 1947. ס׳איז געקומען צו רייד אויך אזא טעמע, ווי מיכאָעלסעס שפּיל אין דעם „לופטמענטש״. זאָג איך, ווענדנדיק זיך צו מיכאָעלסן:

— אײַך וועט ניט פארכידעשן מײַן מיינונג, אז צווישן דעם מענאכעם־מענדל, וואָס איר האָט געשפילט אין „אגענטן", און דעם מענאכעם־מענדל, וואָס איר האָט דעמאָנסטרירט אין „לופטמענטש" און אינעם פילם „ייִדישע גליקן", איז א קאָלאָסאלער אונטערשייד?

— מיך ווונדערט בעשום־אויפן ניט אײַער סוואָרע, — רופט זיך אָן מיכאָעלס, — עס וואָלט ניט ריכטיק געווען צו באהויפטן, אז צווישן אָט די צוויי סצענישע פארקערפערונגען איז קיין שום קרויוועשאפט ניטאָ. סײַ דאָ, סײַ דאָרט פיגורירט מענאכעם־מענדל, ווי א קאָרבן פון קאפיטאליסטישער, נאציאָנאלער און סאָציאלער רעכטלאָזיקײַט און אונטערדריקונג. סײַ דאָ, סײַ דאָרט באדארף מען מענאכעם־מענדלען באטראכטן, ווי א טראגיקאָמישע פיגור. דער אונטערשייד באשטייט אָבער אין דעם, וואָס רוקן מיר ארויס אפן פאָדערגרונט אין דעם אָדער יענעם פאל. ווען איך שפיל מענאכעם־מענדלען אין „אגענטן", באמי איך זיך באטאָנען זײַן אימפעטפולע לאָהעטקײַט צו אזשיאָטאזש, צו ריזיקאלער קאָמערציעלער געשעפטמאכערײַ, צו ספעקוליאטיווע קאָמבינאציעס, האקלאל, — איך באמי זיך שארף אויסמאָלן א ייִדישן דרייקאָפ.

אין דער זעלבער צײַט האָב איך געשטרעבט אויסצודריקן די קאָנוווּלסיווע אָנשטרענגונגען און מאטערנישן פונעם ייִדישן לופטמענטש, וואָס כאפט זיך אָן, ווי איינער, וואָס טרינקט זיך, אָן א שטרוי, אבי ווי־עס־איז לעבן בלײַבן. שטרעבנדיק אמשארפסטן שילדערן מענאכעם־מענדלס אימפעט, האָב איך מאקסימאל אויסגענוצט אויסערלעכע דינאמיק. מינאסטאם געדענקט איר, אז מײַן מענאכעם־מענדל פליט ארײַן אין וואגאָן, מאמעש ווי א באָמבע. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט פון ערגעץ ארויסגעשפרונגען, עלעהיי א קאָרעק פון א פלאש מיט שאמפאניער־ווײַן. ניט נאָר די באוועגונגען מענאכעם־מענדלס זײַנען פלינק, האסטיק, נאָר אויך זײַן זשעסט. דער אויפן פון זײַן ריידן — פול מיט אָנגעשטרענגטקײַט, לײַדנשאפטלעכקײַט. מענאכעם־מענדלס אופגעברויזטקײַט האָב איך געמוזט מאָלן אין א קאָכיקן ריטם: אָט טוט ער א שפרונג פון זײַן פלאץ, פונקט ווי מע וואָלט אים אָפגעבריט, אָט טוט ער זיך א כאפ באם מאנישקע־קאָלנער, פונקט ווי ס'איז אים ענג, ווי עס שטיקט אים. באזונדערס האָב איך געלייגט אכט אף זײַנע באוועגונגען, ווען ער גראָבט זיך אין פאָרטפעל, זוכנדיק א סטראכיר־בלאנק. איר געדענקט, מינאסטאם, אָט די בליצשנעלע, פיבערהאפטע האנט־באוועגונגען!

— מיט וואָס נאָך דערקלערט זיך דער פאקט, וואָס אינעם געמעל פון אײַער מענאכעם־מענדל־פארקערפערונג האָט די אויבערהאנט גענומען די ריין־אויסערלעכע דינאמיק? — פרעג איך מיכאָעלסן.

— איך באדארפט ניט פארגעסן, — האָט מיכאָעלס מיר דערקלערט, — וועגן דער ווירקונג פון אזעלכע נאָוואטאָרישע טעאטער־קאָלעקטיוון, ווי דער מייערכאָלד־טעאטער, דער קאמער־טעאטער (אונטער א. טאַיראָווס אָנפירונג), ווו דעם אקטיאָרס שפּיל איז געווען אָנגעזעטיקט מיט אויסערלעכער דינאמיק. אָבער איך בין זיך מודה, אז וואָס מער איך האָב זיך פארטיפט אין דעם טאָך פון אזא טיפּ, ווי מענאכעם־מענדל, אלץ מער האָב איך מיך איבערצייַגט, אז אויסערלעכע דינאמיק אליין איז ניט אימשטאנד אלזייַטיק ארומצוכאפּן דעם כאראקטער פון אָט דעם לופטמענטש. דעריבער באדארף מען די סצענישע פארקערפּערונג, וואָס איך האָב פאר מייַן מע־נאָכעם־מענדלען געפונען אין „אגענטן", באטראכטן, ווי א פּרווו, ווי אן אריינפיר־עטיוד צו די וואריאציעס אף דער זעלבער טעמע, וואָס איך האָב פארווירקלעכט אין ספּעקטאקל „דער לופטמענטש" און אינעם פילם „ייִדישע גליקן". אָבער בעשאס אין „אגענטן" שטרייַך איך אונטער דע־ריקער מענאכעם־מענדלס אימפּעט (זייַן אימפּולסיווקייַט) אין געיעג נאָך נייַע אוואנטיוריסטישע אונטערנעמונגען, שטעל איך אינעם פילם און אינעם ספּעקטאקל „דער לופטמענטש" דעם טראָפּ אף די ליידן, אף די יעסורים פון אָט דעם שלימאזל.

דער ספּעקטאקל „דער לופטמענטש" און דער פילם „ייִדישע גליקן" האָבן מיר געגעבן א סאך ברייטערע מעגלעכקייַטן אויסצומאָלן די באָדנ־לאָזיקייַט פון אָט די פארשוינען, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אף פארשיידענע האמצאָעס, קעדיי ווי־עס־איז באוואָרענען זייער עקזיסטענץ. אָט פיגורירט מענאכעם־מענדל ווי א קאָמיוואָיאזשאָר, אָט איז ער א קלאָגעדיקער ביר־זשע־מעקלער, און אָט איז ער, מישטיינסגעזאָגט, אזא בעריע א שאדכן, וואָס שאדכנט צונויף — מיט דער הילף פון נאָך אזא מאזלדיקן פארשוין, ווי ער אליין, — א מויד מיט א מויד...

אָט אזוי פּלאצן איינס נאָך איינס, ווי זייפנבלאָזן, זייַנע כאלוימעס, זייַנע פּלענער.

ס'איז מיר שווער צו באגרייַפן די אָנפאלן פון דער טעאטראלער קרי־טיק אף דער שטעלונג „דער לופטמענטש". מע האָט צו אונדז טייַנעס, לעמיי האָבן מיר מענאכעם־מענדלען דערלאנגט דעם צושויער אין א לי־רישער באלויכטונג. לעמיי ווייעט פון מייַן שילדערונג מיט גוטמוטיקייַט, און דער ספּעקטאקל אינגאנצן גענומען איז באהעלט מיט לייַכטן הומאָר. יאָ, מענאכעם־מענדל איז טאקע אן אָפּגעשלאָגענע הוישייַנע, א היסטאָריש קאפּאָרע־הינדל, אָבער איך באטראכט אים בעשום־אויפן ניט, ווי א מין רויבפויגל. מיך רירט זייער די טראגישקייַט פון מענאכעם־מענדלס גוירל, מאכמעס איך באטראכט אים, ווי א קאָרבן פון דער קאפּיטאליסטישער

אָרדענונג. אָט פאַרוואָס מײַן מענאַכעם־מענדל איז דורכגעדרונגען מיט לירישער איראָניע און ניט מיט סאַרקאַזם.

— איר באַטאָנט, — רײַס איך מיך אַרײַן אין מיכאָעלסעס רייד, — אַז שטרעבנדיק בווּלעטער און אויסגעשפּראָכענער באַלויכטן אָט דעם פּאַרשוין אינעם לעצטן ספּעקטאַקל און אינעם פילם, האָט איר געפונען נײַע אויסדרוק־פאָרמען, נײַע פאַרבן. מיר דוכט זיך, אַז איר האָט אין אַ געוויסער מאָס אויסגענוצט די טראַדיציעס פונעם פּסיכאָלאָגישן טעאַטער און אַז זיי האָבן אײַך געהאָלפן טיפער, ערנסטער שילדערן די פאַרורטיילטקײַט פון אַ לופטמענטשן. נאָך אַלע מײַסעס איז מיר אויסגעקומען טשיקאַווע אַזאַ מין רעזשי־אײַנפאַל סײַ אינעם ספּעקטאַקל, סײַ אינעם פילם: מע האָט באַדאַרפט כאַראַקטעריזירן מענאַכעם־מענדלס פיזישן זעלבסטגעפיל נאָכן קראַך פון זײַנער אַ ריזיקאַלער אונטערנעמונג. ווײַזט דער רעזשי־מײַסטער די צושויער מענאַכעם־מענדלען, ווי ער אײַלט זיך אין אַפּטייק. אַזוי סיגנאַליזירט די רעזשי מענאַכעם־מענדלס נערוון־אויפטרייסלונג. שוין זשע האָט די רעזשי און טאַקע איר גופא ניט געפונען קיין מער אינטערעסאַנטע פאַרבן אין מענאַכעם־מענדלס לעבנשטייגער?

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, — האָט מיכאָעלס מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן גענומען דערווידערן, — דאָס איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַ פּרימיטיווער און אַנטי־עסטעטישער אײַנפאַל בענעגייע דער כאַראַקטעריסטיק פון אָט דעם פאַרשוין. איר באַדאַרפט אָבער זיך אָפּגעבן אַ קלאָרן דינווּעכעשבן, אַז אונדזער טעאַטער האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן קיין נייגונג צו זײַן אַ מעפּונעק, אַ געפּעסטעטער עסטעט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אויסווײַלן די אַמשטאַרקסטן ווירקזאַמע מאַנירן בעשאַס כאַראַקטעריזירן דעם אָדער יענעם פּערסאָנאַזש. האָט דאָך מייערכאָלד זיך דערלויבט אַוועקשטעלן אינעם ספּעקטאַקל „זעמליאַ דיבאָם" אויף דער בינע אַן עמער (אייגנטלעך, איז עס געווען אַ מין נאַכט־טעפּל) מיט דער אויפשריפט — „צאַרסטווּי נאַ סלאַוווּ" („זאָלסט קיניגן און באַרימט זײַן") און אַוועקזעצן אויף אָט דעם „טראָן" דעם אַקטיאָר זײַטשיקאָוו. אַזעלכע אַנטי־עסטעטישע שפּיצלעך זײַנען דעמלט געווען אַ וואָכעדיקער גאַנג. אָבער פאַרוואָס האָט די טעאַטער־קריטיק פאַרשוויגן דעם רעאַליסטישן קורס פונעם טעאַטער, וואָס האָט זיך דײַטלעך אַנטפּלעקט אינעם סטיל פון אָט דעם ספּעקטאַקל און באַזונדערס אין דער סצענישער פאַרקערפּערונג פון מענאַכעם־מענדל?

— אײַער פאָרוווּרף איז ניט שײַעך באַשטרײַטן, — בין איך מאַסקים מיט מיכאָעלסן, — אָבער איר וועט געוויס ניט אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז אין רעאַליסטישן געוועב פון אײַער מענאַכעם־מענדלען זײַנען מערק־

באַר שטריכן פון גאָר אַן אַנדער נוסעך. נעמט אין באַטראַכט, אַז סײַ אינעם ספּעקטאַקל, סײַ אינעם פילם באַלאַנסירט אײַער מענאַכעם־מענדל אַף אַ דינינקן געדער (צוים), ווו רעאַליטעט גרענעצט מיט פאַנטאַסטיק. אָט זײַנען בײַשפּילן:

אינעם פילם האָט איר אײַך אַזאַ עפּיזאָד: מענאַכעם־מענדל דער קאָמיוואָיאַזשאָר באָדט זיך. אַ נאַקעטער, דער קאָפּ צוגעדעקט מיט אַ הוט. צו אים דערנעענטערט זיך אַ פּאַרשוין. ווײַזט אויס, אויך אַ קאָמיוואָיאַזשאָר. מענאַכעם־מענדל כאַפּט פון זיך אַראָפּ דעם הוט — אויס דרעכערעץ פאַר אָט דעם פּאַרשוין. און עס קומט פאָר צווישן זיי אַ שמועס. קאָנטיק — אַ זאַכלעכער. איז וואָס איז געווען די קאַוואָנע פונעם רעזשיסער, וואָס האָט ער אַף אַזאַ אויפן געצילט זאָגן די צושויער?

— שוין זשע האָבן די טעאַטער־קריטיקער זיך ניט אָנגעשטויסן, — האָט מיט פאַרדראָס געזאָגט מיכאָעלס, — אַז ווײַזנדיק אָט די סצענע, האָט די רעזשי בעדייע געהאַט באַטאָנען דעם קאָמיוואָיאַזשאָרס פאַרכושטקײַט, אַז אַ לופטמענטש איז קאַפּאַבל אויסנוצן יעדע סיטואַציע — זאָל זי זײַן באַקוועם, זאָל זי זײַן אומגעלומפּערט — אַבי אויספירן זײַנע ריזיקאַלישע אסאָקים?

— נו, מיילע, — זאָג איך, — עפּשער זענט איר אין דעם פּראַט גערעכט, עפּשער האָט די קריטיק דאָ טאַקע איבערגעזאַלצן. אָבער אינעם זעלבן ספּעקטאַקל „דער לופטמענטש" האָט איר אַזאַ סצענע, וואָס זי פאַרענטפערן מיט דעם אָדער יענעם טערעץ איז ניט שײַעך. איך מיין די סצענע, ווען מענאַכעם־מענדל יאַוועט זיך צום טערקישן סולטאַן אין דער ראָל פון אַ דיפּלאָמאַט. אָט די סצענע איז אַ כויזעקמאַכערײַ איבער די ייִדישע קלאַלטוער, וואָס האָבן געפירט אונטערהאַנדלונגען מיטן טערקישן סולטאַן מיקויעך אַ מאַנדאַט אַף אַ ייִדישער מעלוכע אין פּאַלעסטינע. ס'איז קלאָר, אַז די דאָזיקע סצענע שמעקט מיט פאַנטאַסטיק. זי טראָגט אַריבער מענאַכעם־מענדלס געשטאַלט פון דער רעאַלער וועלט אין אַן אומרעאַלער.

— איז וואָס זשע ווילט איר דערמיט זאָגן? — האָט מיכאָעלס אַ ברויגעזדיקער דערווידערט, — אַז פאַנטאַסטיק איז שאָלעם־אַלייכעמען פרעמד? האָט איר ווירקלעך פאַרגעסן זײַן „פּאַרקישעפטן שנײַדער", זײַן נאָוועלע „פינף און זיבעציק טויזנט", זײַן פּיעסע „די גאָלדגרעבער"? אין אָט די ווערק צווינגט אונדז דער שרײַבער אַריבערשפּאַנען די שוועל פון דער רעאַלער וועלט און זיך אַרײַנכאַפּן אין דער וועלט פון פאַנטאַסטיק. איז פאַרוואָס פאַלן אַף אונדז אָן די קריטיקער, ווען מיר דערלויבן זיך אַריבערפירן דעם צושויער פון רעאַלן צו פאַנטאַסטישן?

די גילגולים פון דעם שנײַדער סאָראָקער

ריידנדיק וועגן דער פּיעסע „לופטמענטש״, האָט מיכאָעלס געגעבן אָנצוהערן, אַז מיט פאַנטאַסטיק ווייעט אויך פון שאָלעם־אַליכעמס פּיעסע „דאָס גרויסע געווינס״. אינעם מאָסמעליט האָט דער ספּעקטאַקל געטראָגן דעם נאָמען „צוויי הונדערט טויזנט״. די געשיכטע, ווי סאָראָקער געווינט צוויי הונדערט טויזנט און פאַרלירט זיי אינגיכן און קערט זיך ווידער אום אין זײַן קאַפּצאַנישער סוויווע, האָט א נאָענטע שײַכעס מיט סאָראָקערס ארויסזאָגונג: „אָט וועט איר באַלד דערהערן, וואָס פאַר א כאָלעם האָט סאָראָקערן זיך געכאָלעמט...״ יאָ, עס איז טאַקע עפּעס עלעהיי א כאָלעם.

די פּיעסע איז רײַך מיט מעשונעדיקע סיטואַציעס. ווירקלעך: ס'איז שווער צו גלייבן, אַז סאָראָקער זאָל זײַן אַזוי אומגעהייער לײַכטזיניק, אַז ער זאָל פּאַרטרויען די צוויי קלוימערשטע קינאָ־קנאַקערס אונטערשרײַבן דעם טשעק. און זיי האָבן טאַקע אָנשטאָט פופצן טויזנט ארײַנגעמעלאָכעט הונדערט פופציק טויזנט. וואָלט סאָראָקער א ווײַלע צוגעוואַרט, ביז עס וועט ארײַנקומען זײַן טאָכטער ביילקע, וועלכע האָט צוגעזאָגט דעם טאַטן באַוואָרענען דעם אייסעק מיטן טשעק, וואָלט שוין אַלץ רעכט געווען. אָבער סאָראָקערס אומגעדולד און אַמראַצעס שטויסן אים אַף א מעשוגענעם שריט: ניט צוגעוואַרט, ביז ביילקע וועט ארײַן, האָט ער זיך פאַרלאָזט אַפן יוישער פון די קינאָ־קנאַקערס. און זיי, שווינדלערך, האָבן אָפּגעטאָן זייער שוואַרץ שטיקל ארבעט... איז עס דען ניט קיין פאַנטאַסטיק?

לאָמיר זיך דערמאָנען נאָך איין קאָמישן עפּיזאָד, וואָס כאַראַקטעריזירט סאָראָקערן, ווי זייער א נאַיוון נעפּעש. איך מיין דאָ זײַן פּאָדערונג בעשאַסן צונויפשטעלן דעם קאָנטראַקט: מע זאָל פאַרפּיקסירן, אַז ער, סאָראָקער, זײַן ווײַב און זייערע לײַבלעכע קרויווים האָבן דאָס רעכט אומזיסט צו באַזוכן קאָלערליי קינאָ־סעאַנסן, וואָס מע ווײַזט אַפן עקראַן. וואָס קאָן מען שוין זאָגן וועגן אַזאַ געשעפטמאַן, וואָס רעכנט, אַז דאָס איז דער איקערדיקער פּונקט פונעם קאָנטראַקט?

אָט אַזעלכע האַשאָרעס האָט ש. מיכאָעלס ארויסגעזאָגט אין א מעסיבע פון זײַנע מעקוראָווים. איך בין אויך דערבײַ געווען.

— איז מיט וואָס דערקלערט איר סאָראָקערס מעשונעדיקע גענג? — האָט מיכאָעלסן א פרעג געטאָן איינער פון אונדזער מעסיבע.

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? — רופט מיכאָעלס זיך אָן. — אויב איר

וועט טיפער זיך אריינטראכטן אין מיין סאָראָקערס האַנדלונג, וועט איר זיך איבערצייגן, אַז איך שפּיר אינפאַנטילישקייט אין סאָראָקערס כאַראַק־טער, און קאַלזמאַן מע נעמט זיך אויסדריקן אָט די אינפאַנטילישקייט, קאָן מען זיך ניט באַגיין אָן דעם גראָטעסק־מעטאָד.

נאָך אָט דעם שמועס מיט מיכאָעלסן האָב איך באַשלאָסן ווידעראַמאָל דורכקוקן דעם ספּעקטאַקל „צוויי הונדערט טויזנט". און ווירקלעך: לע־כאַלהאַפּאָכעס צוויי עפּיזאָדן פון אָט דעם ספּעקטאַקל האָבן מיך איבער־צייגט, אַז מיכאָעלסעס האַשאָרע איז געווען באַגרינדעט. ווער עס האָט געזען אָט דעם ספּעקטאַקל, דער וועט ניט פאַרגעסן דעם מאָמענט, ווען שימעלע שרייבט אונטער דעם טשעק. מיכאָעלס דעמאָנסטרירט ביז גאָר דייטלעך, סאַרא אַנאַלפאַבעט שימעלע איז — אַפילו אונטערשרייבן דעם טשעק איז אים זייער שווער. ער דאַרף זיך גוואַלדיק אָנשטרענגען: בעשאַסן אונטערשרייבן שטעקט ער אַזש די צונג אַרויס! נאָך מער — ער פאַרייסט אַרוף דעם לינקן פוס. אָט די מאַנירן זאָגן איידעס, אַז סאָראָקער איז אַ דערוואַקסן קינד.

סאָראָקערס אינפאַנטילישקייט אַנטפּלעקט זיך היפּשלעך אויך אינעם אָנהייב פונעם צווייטן אַקט, ווען זיין עטי־מעני כאַפּט פון אים אַ פּסאַק דערפאַר, וואָס זי גיט אים ניט אָפּ דעם קאָוועד, וואָס ער פאָדערט: ער איז דאָך שוין מער ניט שימעלע דער שניידערוק, ער איז דאָך שוין דער גוויר סעמיאָן מאַקאַראָוויטש. און אָט בעט ער — אין דער מאַניר פון אַ צעפּעסטעטע קינד — אַ ביסל איינגעמאַכטס בא זיין מאַדאַם (און ער רופט זי, כאַסוועכאָלילע, ניט אָן עטי־מעני, נאָר טאַקע בעפיירעש — ערנעסטינע יעפימאָוונע).

אָט די העלע פאַרבן זיינען טאַקע אַ גרויס געווינס פאַר אַזאַ אַקטיאָר, ווי מיכאָעלס: מיט זייער אומגעריכטקייט, מיט זייער אומדערוואַרטקייט און טשיקאַוועס נעמען זיי מאַמעש אין געפענקעניש דעם צו־שויער.

דאָך מוז מען אונטערשטרייכן, אַז אָט די אינפאַנטילישע שטריכן זיי־נען ניט דער איקער אין דער קאָנסטרוקציע פון אָט דעם געשטאַלט.

עס זיינען פאַראַן מאָמענטן, ווען מיכאָעלסעס סאָראָקער ווערט פאַר אונדז ניסגאַלע, ווי אַ פאַרשוין, וואָס איז קאַפּאַבל טיף זיך פאַרטראַכטן איבער דער אָדער יענער סיטואַציע, וווהין דער גורל האָט אים אַ שליי־דער געטאָן. דעמלט פאַרגעסט איר זיינע קינדערשע פּאָסטעמ־קעס.

אַזאַ מין מאָמענט האָט איר, ווען סאָראָקער לאָזט זיך אוועק אין אַ

טאַנץ נאָך דעם, ווען די קינאָ־שווינדלער האָבן אויסגענאַרט דעם טשעק און זײַנען אוועק. אין אָט דעם טאַנץ איז פֿאַרבאָרגן א טיפֿער געדאַנק. דאָ גייט ניט אין דעם, וואָס סאַראָקער האָט מיט די צוויי קנאַקערס אַרײַנ־געכאַפּט אַן איבעריק ביסל מאַשקע לעקאָוועד דער דאַזיקער סימכע. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, איז בא סאַראָקערן דער קאָפּ פֿאַרטשאַדעט. אָבער עס איז קלאל ניט קיין פּאַשעטער טאַנץ. סאַראָקער הייבט אָן שפּירן, אַז מע האָט אים באַשווינדלט. עס איז שווין א טאַנץ פֿון זיך באַדענקען. סאַראָקער הייבט אָן זיך אָפּגעבן א כעזשבן, אַז ער האָט זיך פֿאַרפּלאָנ־טערט אין שקאָרים־פּענטעס און אַז, אין טאָך גערעדט, איז אַזוינס דאָס גאַנצע לעבן, וואָס אַרום אים. דעריבער האָבן מיר אין אָט דעם מיכאָעלס־סאַראָקער־טאַנץ געשפּירט האַגאַם זייער א צוריקגעהאַלטענעם און דאָך אַן אָנגעשטרענגטן כעזשבן־האַנעפֿעש.

דער גאַנצער צושויער־זאַל האָט מיט א פֿאַרכאַפּטן אָטעם נאָכגעשפּירט אָט די מיסטעריע. די צושויער האָבן בעפּיירעש מיטגעפֿילט סאַראָקערן. עס האָט א ריס געטאָן באַם האַרצן, וואָס מע האָט אַזוי באַאַוולט א פּאָ־שעטן מענטשן.

אין דער זעלבער צײַט האָט דער אַקטיאָר ניט געקאַרגט קיין איראָניע, קיין גראָטעסק־פֿאַרבן לעגאַבע זײַן סאַראָקער אין די מאָמענטן, ווען עס פֿלעגט אין שימעלען א קאָך טאָן די לײַדנשאַפֿט פֿון א פֿרעכן אופֿגעקו־מענעם גוויר.

אין אָט דעם פּראַט איז אומפֿאַרגעסלעך די סצענע פֿונעם ערשטן אַקט, ווען סאַראָקער ווערט געוויר, אַז ער האָט געוווּנען צוויי הונדערט טויזנט. שימעלע איז אַזוי געפּלעפֿט, אַז די פּיס האָבן בא אים ווי זיך אונטערגע־האַקט — ס׳איז ניט געשטאַנען, ניט געזעסן. ביינע־לעביינע טוט אָן אַף זײַן קאָפּ די טאָכטער זײַנעביילקע עפּעס א שמינדער, ענלעך אַף א פֿאַרבונדענעם זאַק. עס האָט גאָר קיין אויסזען פֿון א זאַק ניט, ס׳איז קעמוי א דרײַעקעכיקער האָמענטאַש... פּלוצעם טוט סאַראָקער זיך א ריס פֿון זײַן מעשונעדיקער פֿאַרגליוערטקײַט, גלײַכט זיך אויס, און עס באַ־קומט זיך א פּאָזע פֿון א מין נאַפּאָלעאָן. אויס שטומעניש — ער נעמט דאַבערן.

— וואַרט נאָר! וואַרט, — מעלדעט ער גײַוועדיק, — איך וועל אײַך נאָך ווײַזן, ווער שימעלע סאַראָקער איז און וואָס שימעלע סאַראָקער קאָן!

טכילעס זעט אויס מעשונע־ווילד אָט די קאָמישע מעטאַמאָרפֿאָזע. אָבער פּרוווט אופֿמערקזאַם באַטראַכטן די שימעלע־פֿיגור, וועט אין איר פֿולן

גלאַנץ זיך אַנטפּלעקן, מישטיינסגעזאָגט, די פֿילאָסאָפֿיע פֿון אַן אופֿגעקו־מענעם פֿאַרשוין.

ווען איך האָב געזען מיכאָעלסעס שפּיל אין אָט דער סצענע, ווי אויך דעם עפּיזאָד פֿון דריטן אַקט, ווען דער פֿריש געבאַקענער גוויר סאָראָקער איז מעכאַבעד מיט אַ וויזיט דעם מעיוכעסדיקן גוויר פּײַן, האָב איך מיך דערמאָנט אָן מאָליערס קאָמעדיע — „אַ באַלעבאָסל, וואָס האָט זיך אײַנ־געקויפֿט אין ייִכעס".

אינגיכן איז מיר אויסגעקומען צו האָבן אַ שמועס מיט אייניקע צו־שויער. געווען זײַנען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז שאָלעם־אַליכעם האָט „דאָס גרויסע געווינס" אָנגעשריבן אונטער דער השפּעה פֿון מאָליערס קאָמעדיע. באַשליס איך: ווי נאָר איך וועל מיך טרעפֿן מיט מיכאָעלסן, וועל איך אים פֿרעגן. אינגיכן האָט אַזאַ באַגעגעניש פּאַסירט. דערציי́ל איך אים, אַז אייניקע צושויער זעען אין זײַן סאָראָקער־געשטאַלט ענלעכס צו מאָליערס זשורדען.

מיכאָעלס האָט זיך אָנגעכמורעט און זאָגט:

— באַטראַכטן מײַן סאָראָקער, ווי זשורדענס אַ שטיקל קאָרעוו, איז ריזיקאַל. ווער ס'איז באַקאַנט מיט דער קאָמעדיע „אַ באַלעבאָסל, וואָס האָט זיך אײַנגעקויפֿט אין ייִכעס", דעם איז קלאָר, אַז מאָליער מאַכט דורכויס כויזעק פֿון זײַן „העלד". ער שילדערט זײַן זשורדען, ווי אַ נעג־גאַטיווע סאָציאַלע דערשײַנונג. שאָלעם־אַליכעם האָט אַזאַ ציל פֿאַר זיך ניט געשטעלט. אויב ער לאַכט שוין יאָ אויס סאָראָקער דעם שנײַדער, טוט ער עס בלויז בעמעשעך פֿון אַ קורצער ווײַלע — דעמלט, ווען סאָ־ראָקער ווערט פֿאַרבלענדט פֿונעם גאָלד־שימער. וואָס איז שײַעך מאָליערן, שפּירט איר פֿונעם אָנהייב ביזן סאָף פֿון דער קאָמעדיע זײַן פֿאַראַכטונג בענעגייע זשורדענען. אין די סצענעס אָבער, ווו סאָראָקער איז אַן עכטער אמכאָ, איז שאָלעם־אַליכעמס הומאָר בענעגייע שימעלען גוטמו־טיק.

שאָלעם־אַליכעם באַטראַכט סאָראָקערן, ווי אַן ערלעכן האָרעפּאַשניק, ווי אַן עכטן אמכאָ, וועלכער האָט בלויז צײַטווײַליק זיך געלאָזן פֿאַרפֿירן. דערפֿאַר אָבער האָט שאָלעם־אַליכעם געפֿונען אַ שלאַל כּיִעסדיקע פֿאַרבן צוליב אויסמאָלן סאָראָקערס עמעסע פֿרייד, ווען פֿון די צוויי הונדערט טויזנט האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בייזער כאָלעם, און שימעלע איז ווידער געוואָרן אַן אמכאָ, ווי פֿריִער.

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, האָט אָט דער איניען זיך ניט געקאָנט באַגיין אָן אַ שפּרונג פֿון רעאַליסטישע פּאָזיציעס אין דער פֿאַנטאַסטיק־ספֿערע. אָבער וועגן דעם האָבן מיר מיט אײַך שוין איינמאָל געשמועסט.

א נאַיווער נויקעם

(דער טויבער)

אין דעקאַבער 1929 האָב איך באַגעגנט די באַוווּסטע אַקטריסע פון דעם ייִדישן טעאַטער סאַרע ראַטבוים.

מיר איז גראָד אויסגעקומען צו גיין אין דער זעלבער ריכטונג, וואָס זי. דערציילט זי מיר, אַז היינט באַדאַרף אינעם טעאַטער פאָרקומען אַ פּראָדוציר־באַראַטונג וועגן אַנטשיידענע ענדערונגען אינעם רעפּערטואַר פון דעם טעאַטער. און זי לייגט מיר פאָר בייצווויינען אויף אַט דער באַראַטונג. איך האָב זי באַדאַנקט פאַר דער איינלאַדונג און בין געקומען. דער טאָן־געבער איז דאָ געווען שלוימע מיכאָעלס. זיין אַרויסטרעטונג האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ פּראָגראַם־רעדע.

— קיינער וועט ניט וואַגן באַשטרייטן דעם פאַקט, — האָט מיכאָעלס געזאָגט, — אַז די דערגרייכונגען פון אונדזער טעאַטער זיינען זייער באַ־דייטנדיק. אַ סימען האָט איר אייך, אַז אונדזער טעאַטער האָבן פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט ניט נאָר די פּאַרטיי און די סאָוועטישע רעגירונג, נאָר אויך די פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכע טוער פון מייִרעוו־אייראָפּע, ווו אונדזער טעאַטער האָט מיט צוויי יאָר צוריק גאַסטראָלירט. דאָך טאָרן מיר זיך ניט פאַרכלינען אין אָט די שוואָכים, אַז מיר זאָלן פאַרגעסן וועגן אונדזערע פעלערן. פאַר אונדז אַלעמען איז ניט קיין נייס, אַז אונדזער רעפּערטואַר־ליניע האָט זיך פאַרהאַקט אין אַ טעמפּן ווינקל.

מיר האָבן אַ לאַנגע צייט זיך פאַרנומען מיט דעמאַסקירן די נעגאַטיווע דערשיינונגען אינעם אַוועגער פונעם ייִדישן פאָלק. די צענטראַלע פיגורן פון אונדזערע ספּעקטאַקלען זיינען געווען אָדער לופטמענטשן, ווי מענאַ־כעם־מענדל, אָדער אַזעלכע באַדנלאָזע טרוימער, ווי ביניאָמין האַשלישי אָדער רעב אַלטער. אָבער אָט די פאַרשוינען זיינען דאָך ניט געווען די טאָנגעבער אינעם לעבן פונעם ייִדישן פאָלק. האָרעפּאַשניקעס — אַרבע־טער, באַלמעלאָכעס, אָנגעשטעלטע — אָט ווער עס זיינען געווען די עמעסע מעיוכאָסים. איז שוין צייט, אַז מיר זאָלן אויף אונדזערע בינע־ברעטער שילדערן זייערע מאַכשאָוועס, זייערע האָפענונגען, זייערע פרייד און ליידן. דאָס ייִדישע פאָלק האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל רעוואָליוציאָנערע טוער. און מיר זיינען גרויסע באַלכויוועס לעגאַבע אָט די העלדישע פאַר־שטייער פון אונדזער פאָלק. זייער טעטיקייט האָט ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג אין אונדזער רעפּערטואַר.

צום שלוס פון זיין רעדע האָט מיכאָעלס געמאָלדן, אַז די אָנפירונג

פונעם טעאטער האָט געפּויעלט באַם שרײַבער ד. בערגעלסאָן, אַז ער זאָל פאַרן טעאטער אינסצענירן זײַן נאָוועלע „דער טויבער", וועלכע ער האָט נאָך געהאַט אָפּגעדרוקט אינעם קיִעווער ייִדישן אַלמאַנאַך (אינעם יאָר 1910).

דערנאָך האָט מיכאָעלס זיך אָנגערופן צו די פאַרזאַמלטע:

— מינאַסטאַם געדענקען ניט אַלע פון אײַך דעם אינהאַלט פון דער דאָזיקער נאָוועלע. וועל איך אײַך אינקורצן דערמאָנען...

— ס'איז קלאָר, כאַווײרים, — זעצט פאָר מיכאָעלס, — אַז דער טויבער איז איינער פון די אומגליקלעכסטע קאָרבאָנעס פונעם קאַפּיטאַליזם. אין דעם באַשטייט דאָך דאָ דער טראַגיזם, וואָס פון אַלע אַרומיקע מיל־אַר־בעטער איז ער לעסאַטע טויב בענגייע דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, וואָס וואַקסט אַרום און אַרום. עפּעס זאָגט אים דאָס האַרץ, עפּעס דערשפּירט ער, נאָר ער איז — אַדאַנק זײַן מוירעדיקער דערשלאָגנקייט — ניט אימשטאַנד באַנעמען דעם טאָך פון די נײַע ווענדונגען אינעם אַרומיקן לעבן. דאָס איז אַ טראַגעדיע פון אַן איינזאַמען מענטשן. דער טויבער זעט אויס, ווי אַ זײַטיקער לעגאַבע דעם האַלב־סטיכישן, האַלב־באַוווּסטזיניקן פּראָטעסט פון די מיל־אַרבעטער, וואָס גיסט זיך סאָפּקאָלסאָף אויס אין אַ שטרײַק.

דעם טויבנס האַנדלונג איז ווי פון אַן אָפּגעזונדערטן יאָכיד — אַן אַנאַרכישע, אַף אייגענער אַכרײַעס. זײַן טראַגעדיע באַשטייט דעריקער אין דעם, וואָס דערפילנדיק דעם סאָציאַלן אומרעכט, איז ער ניט אימשטאַנד מאַכן דעם געהעריקן אויספיר. ער האַקט אָפּ באַם ביקס בעהיימע דעם עק. וואָס איז דאָס פאַר אַן אופטו? ס'איז ניט מער, ווי אַ קינדערישער רעפּ־לעקס...

האַגאַם מיכאָעלס האָט בעקיצער מיטגעטיילט דער פאַרזאַמלונג דעם אינהאַלט פון דער צוקינפטיקער פאָרשטעלונג, דאָך האָבן אַלע אַרומיקע אין זײַנע רייד דערשפּירט, אַז אָט די דראַמע רעגט אים ביז גאָר. און דער איקער — דאָס געשטאַלט פונעם טויבן. באַ אונדז אַלעמען איז קיין סאָפּעק ניט געווען, אַז מיכאָעלס וועט אונדז אײַנגיכן דערפרייען מיט אַ באַדײַטנדיקער אַקטיאָרישער דערגרייכונג. און מיכאָעלסן איז געלונגען צו געפינען אַ פאַרטיפטע אינטערפּרעטאַציע פון דעם דאָזיקן פּערסאָנאַזש אין זייער אַן אויסדריקלעכער פאָרם. דערגרייכט האָט ער עס אַדאַנק דער מערקווירדיקער איינפאַכקײַט פון קלאַנג און פּלאַסטיק.

ווי נאָר דער טויבער פּלעגט באַטרעטן די בינע־ברעטער, פּלעגט זײַן אויסזען איבעראַשן די צושויער: אַ באָרוועסער, אַן אָפּגעריסענער, די ברוסט אַנטבלויזט.

מיר טרעפן דעם טויבן, ווען אין אים טליִען נאָך אייניקע טיף־מענטש־לעכע געפילן. וויפל צופרידנקייט האָט געשטראַלט אין זיינע אויגן, ווען ער האָט געגלעט זיין טאָכטערס שאַלעכל, עפּעס פונקט ווי ער וואָלט איר קאָפּ גלעטן.

א באַזונדערע אופּרעגונג פלעגט אַרויסרופן אינעם צושויער־זאַל די סצענע, ווו עס קומט פאַר א שמועס צווישן דעם טויבן און דעם ביקס שאַמעס, יאָסעלע באָבצעס.

ווי שטיל, ווי ווייך עס האָבן געקלונגען דעם טויבנס ווערטער:

— איך בין בא אים טויב געוואָרן, באַם ביק (ער ווייזט אף די אויערן). איך הער גאָרניט. איך שעם מיך... אָבער צייטנווייז, ווען זי, עסטער, רעדט צו מיר, הער איך (ער שמייכלט). זי — עסטער... האַ? עסטער...

אין אָט דער געהויבענער שטימונג רייסט זיך אַריין די אָפּשטויסנדיקע פּראָסטקייט פון יאָסעלע באָבצעס.

יאָסעלע באָבצעס! פאַר 18 רובל א כוידעש — א כעזשבנפירער, א פּריי־קאַשטשיק, א מעשאָרעס און א שפּיאָן באַם באַלעבאָס. אָט דער יאָסעלע באָבצעס קריגט אינגמיטנדערינען כיישעק זיך איזדיעקעווען איבערן טויבן. ער ווייזט מיט די הענט, אַז דעם טויבנס טאָכטער איז שוואַנגער: ביקס בענאַק האָט זי „כאַסענע" געמאַכט. דער טויבער ווערט מאַלע־רעציכע, פון זיין גאָרגל רייסט זיך אַרויס א שוידערלעכע רעוועריי. ווי א ווילדע בייזע כייע טוט ער זיך א וואָרף אף יאָסעלען און נעמט אים וואָרגן.

אָט אַזעלכע האַסטיקע איבערגאַנג פון רויקן צושטאַנד צו גרימצאָרנ־דיקע אויפרייסן זיינען געווען ניט איין מאָל: דער גראַפיק פון אָט דער ראָל איז בא מיכאָעלסן געווען געבויט אף פּלוצעמדיקע אופשוווּנגען און נידערפאַלן פונעם טויבנס שטימונג. אייגנטלעך, איז עס געווען א גאַלעריי סקולפּטורישע פּאָזעס. צווישן זיי האָט זיך אויסגעטיילט א לייטמאָטיוו־פּאָזע. ס'איז אומפאַרגעסלעך אָט דער מענטש מיטן פעסט פאַרדריקטן פויסט אפן קאָפּ. אָט די פּאָזע מיכאָעלסעס איז געווען אויסגעשפּראָכן סימבאָליש: עס האָט אויסגעזען, ווי אָט דער מענטש וואָלט פּיינלעך, אָנ־געשטרענגט זיך פאַרטראַכט מיקויעך זיין טראַגישן גוירל און וויאַזוי זיך נויקעם צו זיין פאַר זיין צעטראָטן, צעקאַליעטשעטן לעבן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין אָט דעם פויסט איז קאָנצענטרירט דעם טויבנס גרימצאָרן. דער פויסט איז געווען א מין ברענפּונקט, ווו עס האָבן זיך געקרייצט די אומצופרידנהייט־שטראַלן פון אַלע דערשלאָגענע, פאַרשטויסענע און דער־

ווײַל נאָך מאכטלאָזע ארבעטער, וועלכע האָבן צוזאמען מיט אים געארבעט אין ביקס מיל.

אָט די פּאָזע מיכאָעלסעס איז געווען באגרינדעט.

„דאָס איז דעם טויבנס נאטירלעכער זשעסט, — האָט מיכאָעלס דערקלערט בײַס אײַנער פון זײַנע עפנטלעכע ארויסטרעטונגען, — אָט דער זשעסט האָט א געוויסע שײַכעס צום טויבנס פּראָדוציר־פּראָצעס: מיטן פויסט ווישט ער דאָך געוויינלעך אָפּ דעם שווייס פונעם אייבערשטן טייל פון קאָפּ. מיד פון דער שווערער ארבעט, בלײַבט ער א ווײַלע פארגליווערט אין אָט דער פּאָזע — ווי פארזונקען אין מאכשאָוועס".

אַף דער דאָזיקער פּאָזע און אַף די האסטיקע איבערגענג פון פארגליווערטן צו צעבושעוועטן צושטאנד האָט זיך באזירט די סצענישע איבערצײַגעוודיקײַט, מיט וועלכער מיכאָעלסעס געשטאלט פונעם טויבן האָט זיך אויסגעצייכנט.

די ראָל פונעם טויבן איז אין מיכאָעלסעס שילדערונג דערוואָקסן ביז די מאסשטאבן פון א שעקספּיריש געשטאלט — אַף אזויפיל איז אָט די פיגור געווען מאָנומענטאל.

ס'איז אוועק אַן ערעך צוויי כאדאָשים, זינט מע האָט אין טעאטער אופגעפירט בערגעלסאָנס „דער טויבער", — באגעגן איך מיכאָעלסן. מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט וועגן די לעצטע געשעענישן אין דער טעאטערוועלט; אויך וועגן דעם ספּעקטאקל „דער טויבער".

— ס'איז קיין שום סאָפעק ניט, — האָב איך פאָרלויפיק באמערקט, — אז דער טויבער איז אײנע פון אײַערע סאמע געלונגענע שאפונגען, דאָך רופן ארויס אייניקע אייגנשאפטן פון אָט דעם ספּעקטאקל דערווידערונגען און ספּייקעס.

— יאָ, איך שטויס מיך אָן, — באשטעטיקט מיכאָעלס, — וואָס עס באַפרידיקט ניט אײַך פערזענלעך, ווי אויך אנדערע פרײַנט פון אונדזער טעאטער. און עס האָבן זיך שוין טאקע געפונען אין אונדזער סוויווע קריטיקער — זיי באהויפּטן, אז דער גרונט־פעלער פון אָט דעם ספּעקטאקל איז זײַן פינאל: דער דראמאטורג און די אָרגאניזאטאָרן פונעם ספּעקטאקל האָבן — לויט דער מיינונג פון אָט די מעווינים — אים ניט גענוג דורכגעטראכט. איר געדענקט אוודע, אז די פאָרשטעלונג פארענדיקט זיך מיטן טויבנס ניט געלונגענעם פרווו צו דערהארגענען דעם ביק. די צושויער ווייסן פאָרויס, אז דער ביק האָט געמאכט די פּלייטע. דעריבער זעט אויס בא די צושויער קאָמיש די לעצטע שלימאזלדיקע אָנשטרענגונג פונעם טויבן. דאָס שוואכט אָפּ אין א גרויסער מאָס דעם טראגישן אײַנדרוק,

וואָס באַדאַרף זיך אײַנקריצן אינעם צושויערס זיקאָרן. עס קומט אויס, אַז סײַ דער דראַמאַטורג, סײַ דער רעזשיסער האָבן פֿאַרזען אַ פּאַשעטן פֿאַקט: ביק האָט דאָך געוווּסט, אַז דער טויבער שאַרפֿט די האַק, האָבנדיק אין זינען טאַקע אים גופֿא — ביקן. שוין זשע האָט ער זיך ניט געקאָנט באַוואָרענען מיט אַ טיכטיקן נאַכט־שומער, וועלכער זאָל ניט דערלאָזן דעם טויבן אין ביקס דירה?

אָבער דערמיט ענדיקן זיך ניט די טענות פֿון אונדזערע קריטיקער. זיי ווײַזן אָן נאָך אויף אַ בלויז פֿונעם ספּעקטאַקל. זיי זײַנען ניט צופֿרידן, וואָס די מיל־אַרבעטער זעען אויס, ווי אַ גרויע, ניט־דיפֿערענצירטע מאַסע — אַלע יעוואָנים האָבן דאָ איין פּאָנעם... דאָס זעצט אַראָפּ דעם סאָציאַלן אָפּקלאַנג פֿון ספּעקטאַקל.

אַ באַזונדערע אַכטונג פֿאַרדינט נאָך איין טענה פֿון אונדזערע קריטיקער: דער טויבער איז, סײַ אינעם טעקסט פֿון דער פּיעסע, סײַ אינעם ספּעקטאַקל, איזאָלירט ניט נאָר פֿון דער אַרבעטער־מאַסע, נאָר אַפֿילו פֿון דעם סאַמע נאָענטן מענטשן — פֿון דער טאָכטער עסטער. און ווירקלעך: בעמעשעך פֿונעם גאַנצן ספּעקטאַקל האָט איר ניט קיין איין באַגעגעניש פֿונעם טויבן מיט זײַן עסטער, — קיין איין דיאַלאָג מיט איר.

מע קאָן פֿונעם עמעס ניט אַוועקגיין — שוין צופֿיל פֿינצטערע פֿאַרבן האָט דער דראַמאַטורג דאָ געלאָזן אין גאַנג.

— יאָ, יאָ, — רײַס איך מיך אַרײַן אין מיכאָעלסעס רייד, — מיט אָט דער באַהויפּטונג האָט איר טאַקע געטראָפֿן אין רעכטן פּינטל. קיין איין ליכטיקער שטראַל רײַסט זיך ניט אַרײַן אין זײַן פֿינצטערן מאַזל. געשיקט זיך עס, אַז אַ מענטש זאָל זיך פֿאַרכלינען אין איינע צאָרעס, ראַק אין יעסורים, אָן אַ שטיקעלע נעכאָמע?

— זעט איר, מײַן פֿרײַנט, — נעמט מיכאָעלס דערווידערן. — דאָ האָט איר שוין אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס: אַ נעכאָמע־שטראַל האָט דאָפֿקע זיך יאָ אַרײַנגעריסן אין אָט דער כאַשכעס. איר געדענקט דען ניט, אַז דעם טויבנס שאַרפֿער ווייטעק ווערט אויף עטלעכע רעגעס געלינדערט? אַז אויף איין אויגנבליק יאָוועט זיך אויף זײַן פּאָנעם אַ שמייכל? ווען דער טויבער באַקלאָגט זיך אויף זײַן טויבקײַט, שטרײַכט ער אונטער, אַז ווען עסטער האָט מיט אים אַ שמועס, הערט ער און זײַן פּאָנעם ווערט באַלויכטן מיט אַ שמייכל. דאָס זעלבע, ווען ער גלעט עסטערס שאַרף... ווען ניט אָט די ליכט־ און שאָטן־שפּיל, וואָלטן מיר באַם צושויער אָפּגענומען דעם כיישעק צו באַזוכן דעם ספּעקטאַקל.

הוילע מאָרעשכוירע באַגײַסטערט ניט

(יוליס)

אין יול 1931 האָב איך זיך געטראָפן מיט מיכאָעלסעס ברודער כאַים. גלײַך דערשפּיר איך, אַז ער איז שטאַרק אומרויִק.

— וואָס זענט איר אַזוי אופגערודערט, רעב כאַים?

— מײַן שלוימע איז עפּעס ניט אופגעלייגט, האָט ער מיך אויך אָנגעשטעקט מיט זײַן שלעכטער שטימונג.

— וואָס איז די מײַסע?

— שלוימען באַפרידיקט ניט די נײַע פּיעסע, וואָס ער האָט זיך גענומען אופירן אין טעאַטער און אין וועלכער אים וועט אויסקומען צו שפּילן די צענטראַלע ראָל.

— איך האָב געהערט, אַז די נאָענטסטע שטעלונג פונעם טעאַטער איז „פיר טעג" (לויט דאַניעלס ראָמאַן — „יוליס"). איז עפּשער טאַקע וועגן איר האַנדלט זיך עס?

— יאָ, — האָט כאַים געענטפערט, — טאַקע אָט די פּיעסע האָט אַזאַ אומרו אַרויסגערופן בא שלוימען. איר ווייסט דאָך, אַז אופירן אַן אינסצענירונג פון אַ ראָמאַן, פון אַ דערציילונג אָדער פון אַ פּאָעמע איז צומאָל אַ סאַך שווערער, ווי אַ גרייטע פּיעסע. אין אַזעלכע פאַלן קאָן מען זיך גיכער ריכטן אַף אַ מאַפּאָלע, ווי אַף אַ דערפאָלג.

— אָבער די ברייִרע איז דאָך בא אײַער שלוימען. אויב ס'איז אַ סאָפעק, צי דער ספּעקטאַקל וועט זײַן געלונגען, קאָן ער דאָך פון דער פּיעסע זיך אָפּטרייסלען.

— זיך אָפּזאָגן פון אָט דער פּיעסע איז קימאַט ניט מעגלעך, — האָט כאַים גענומען דערווידערן, — דאָס איז דאָך די ערשטע ערנסטע פּיעסע אַף דער טעמע וועגן בירגערקריג, וואָס מע האָט פאָרגעלייגט דעם טעאַטער. נעמט נאָר אין באַטראַכט: קימאַט אַלע אָנגעזעענע טעאַטערס אין מאָסקווע און אין אַנדערע גרויסע שטעט פון אונדזער לאַנד האָבן שוין אופגעפירט פּיעסן פון אָט דעם מין (ווי, צום בײַשפּיל, „ליובאָוו יאַראָוואַיאַ", „שטאָרם", „דער בונט", „דער פּאַנצער־צוג 69־14"). דער מאָסקווער ייִדישער טעאַטער איז אין דעם פּראַט אָפּגעשטאַנען. דעריבער פילט זיך אונדזער שלוימע אַזוי אין קלעם. יאָ צופרידן, ניט צופרידן — מוז מען פאַרקאַטשען די אַרבל און זיך אַ נעם טאָן צו דער אַרבעט.

— איך האָב דעם ראָמאַן „יוליס" שוין לאַנג געלייענט און געדענק

שוואך דעם סיפּער־האַמײסע. עפּשער קאָנט איר, רעב כאַים, אײנקורצן מיר דערמאָנען דעם אינהאַלט?

— מעכעטײסע. די דײַטשישע אָקופּיר־אַרמײ האָט פאַרלאָזן די שטאָט ווילנע. די פּפּ״ס און דער „בונד״ זאָגן זיך אָפּ העלפן יוליסן און זײַן אָט־ריאַד צו פאַרפעסטיקן די ראַטנמאַכט — די מאַכט פון די האָרעפּאַשניקעס אין ווילנע. דאָס פאַרגרינגערט די פּױלישע לעגיאָנערן אַרומצורינגלען די געבײַדע פונעם ראַט, ווו עס האָט זיך פאַרבאַריקאַדירט דאָס הײַפל באָל־שעוויקעס — יוליס מיט זײַנע כאַװײרים. די, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם ראַט, פאַרמאָגן אָן אָן ערעך מער קראַפט, ווי די באַלאַגערטע. יוליס קוקט אַרויס אַף דער הילף פון א באָלשעוויסטישן פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, וועלכער דערנעענטערט זיך צו ווילנע. יוליסעס כעזשבן איז אַזאַ: פיר טעג מוז מען זיך פאַרטײדיקן, קעדײ צו קריגן די מעגלעכקײט זיך פאַרײ־ניקן מיטן פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. דער סױנע אָבער שלאָפט ניט — זײַן קלעם בענעגײע די באַלאַגערטע ווערט אַלץ ענגער, און עס ווערט פאַר־לוירן די לעצטע האָפענונג. דאָס הײַפל באָלשעוויקעס מיט יוליסן אין דער שפּיץ, ניט וועלנדיק לעבעדיקערהײט אַרײַנפאַלן אין די הענט פונעם סױנע, באַשליסן באַגײן זעלבסטמאָרד. אָט אַזאַ איז די מײַסע.

— א גרויסן דאַנק אײַך, — זאָג איך, — רעב כאַים.

און מיר זעגנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

אין צוויי טעג אַרום האָב איך זיך באַגעגנט מיט מיכאָעלסן. מיר האָט זיך געגלוסט צו הערן פון זײַן מויל די לעצטע נײַס אין דעם יידישן טעאַ־טער.

— סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש! ס׳איז אָן עמעס, אַז אײַער קאָלעקטיוו טרעט צו צו אַרבעטן איבער דער אינסצעניזונג פונעם ראָמאַן „יוליס״?

מיכאָעלס האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, א קרעכץ געטאָן און געזאָגט:

— דעם עמעס זאָגנדיק, איז עס גאָר א קנאַפּע סימכע.

— פאַרוואָס? ס׳איז דאָך דער ערשטער פּרווו אופצופירן אין אײַער טעאַטער א פּיעסע וועגן בירגערקריג? אונדזער געזעלשאַפטלעכקײט וועט געוויס באַגריסן אײַער נײַעם שריט.

— כאַפּט זיך ניט, — רײַסט מיך מיכאָעלס איבער, — לעסאַטע ווייסט מען נאָך ניט, צי אונדזער נײַע שטעלונג וועט זוכע זײַן באַגריסט צו ווערן. עמעס טאַקע, וועגן דעם ראָמאַן „יוליס״ האָבן מיר שוין געהערט א סאַך גוטע אָפּשאַצונגען מיצאַד יידישע לײענער און קריטיקער, אָבער וואָס איז שײַעך דער פּיעסע...

בעשאַס־מײַסע האָט מיכאָעלס ווידער א מאָך געטאָן מיט דער האַנט. נאָך א קורצער פויזע האָט ער פאָרגעזעצט:

— די דאָזיקע פּיעסע פאַרמאָגט א היפּש ביסל שטרויכל־שטײנער. איר געדענקט דעם פינאַל: די גאַנצע גרופּע באָלשעוויקעס באַגייט זעלבסט־מאָרד. דאָס אַליין צעשרויפט ניט נאָר די צושויער, נאָר אויך די אַקטיאָרן. די צענטראַלע פּערזאָן פון דער פּיעסע, יוליס, געפינט זיך אין אַזא לאַגע, אַז ער האָט ניט די מעגלעכקײַט צו זײַן בעעמעס אַקטיוו. אײנס איז יאָ פּאַר אים מעגלעך: ריידן. צו וואָס טויג א פּיעסע וועגן בירגערקריג, ווו דער צענטראַלער העלד קאָן בלויז דאַרשענען, אָבער ענדערן די סיטואַציע איז ער הילפלאָז? עס שנײַדט זיך אַרײַן טיף אין זיקאָרן זײַן אויסגעשריי: „פיר טעג! פיר טעג! וואָס וואָלט אָך מײַן פּלאַץ געטאָן אָן עכטער באָל־שעוויק!״

עס איז זייער שווער צו שפּילן אַזא מין אָנפירער, וואָס פּאַלט אַרײַן אין ספּייקעס, וואָס קאָן ניט געפינען קיין אויסוועג פון א ריזיקאַלער לאַגע. און אונדזער קאָלעקטיוו הערט ניט אויף צו טײַנען אין איין קאָל: „בלויז איר גופא זענט אימשטאַנד ראַטעווען די שטעלונג — גיט אײַער האַסקאָמע שפּילן יוליס! פאַרשטייט איר דאָך, אַז אָפּזאָגן זיך פון אָט דער ראָל איז ניט שײַעך. איר האָט אין איר דאָך פאָרט די הערצאַיִק פון אונד־זער צײַט. האָב איך פאַרביסן די ליפּן און האָב אָף מײַנע פּלייצעס אַרופּ־געוואָלגערט אָט דאָס אומגעהייער שווערע פּעקל. איצט נאָך א זאַך. די פּיעסע איז אָנגעשפּיגעוועט מיט דרײַ מיטינגען. און וויסן זאָלט איר, אַז קינסט־לעריש דערלאַנגען דעם צושויער בלויז איין מיטינג איז זייער שווער. מיר פאַרמאָגן איצט א סאַך ספּעקטאַקלען, ווו פאַלקס־פאַרזאַמלונגען, מיטינגען שטעלן מיט זיך פאָר א וועזנטלעכן קאָמפּאָנענט פונעם ספּעקטאַקל. איז מעגסט זײַן מיט זיבן קעפּ — איז א סאָפּעק, צי וועט זיך דיר אײַנגעבן אַרויסוויַזן א פרישגעבאַקענע האַמצאָע באַם אָרגאַניזירן אַזא מין מאַסעווע סצענע. דער דראַמאַטורג האָט באַשטאַט זײַן פּיעסע „פיר טעג״ אַזש מיט דרײַ מיטינגען. איז כאָטש טו זיך אָן א מײַסע — אָבער דו ביסט מעכוייעוו אַזוי דערלאַנגען דעם צושויער אָט די סצענעס, אַז עס זאָל אים ניט זײַן דערווידער.

דער סאַמע פאַרדריסלעכער פעלער פון דער פּיעסע באַשטייט אין דעם, וואָס איבער אַלע געשעענישן הויערט האָפענונגסלאָזיקײַט. אין דער גרעס־טער מאָס האָט עס א שײַכעס צום יוליס־געשטאַלט.

איך האָב שוין אַמאָל געזאָגט, אַז מיר איז אָנגענעם, ווען איך דער־שלאָג זיך, אַז דער צושויער זאָל דערשפּירן, ווי איך שליס מיך איבער פון מינאָר צו מאַזשאָר, פון דעם קאָמישן צו דעם טראַגישן. איך טו עס, קעדיי

צו אנטפּלעקן מײַן װעלט־עמפּינדונג. די יוליס־ראָל פֿאַרמאָגט ניט אַזעלכע מעגלעכקײַטן. אָבער דאָרט, װוּ עס זײַנען ניטאָ קײנע װידערשפּרוכן, קײנע סטירעס, דאָרט, װוּ די נאַטור פֿונעם געשטאַלט איז ניט קאָמפּלי־ צירט, דאָרט, װוּ דאָס געשטאַלט אַנטפּלעקט זיך ניט דורך סטירעס, דאָרט האָט איר ניט קײן ריטם אינעם געשטאַלט. דאָרט האָט איר אײן גאַנג — אַ שטאַרקע נאָטע, װעלכע װאַריִירט זיך אויף אײנעם און דעם זעלבן אופֿן. אַזאַ מין אַקטיאָר, װי איך, צעשרויפֿט עס בלויז און באַגײַסטערט ניט. דעריבער רעכן איך, אַז די ראָל אַקאָסטאַ, װאָס איך האָב געשפּילט, איז אַ דורכפֿאַל. פּונקט אַזוי קאָן איך ניט באַטראַכטן װי אַ דערגרײכונג די באַדכן־ראָל אינעם ספּעקטאַקל „באַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״.

דערמיט האָט זיך פֿאַרענדיקט אונדזער שמועס.

װען איך האָב באַזוכט דעם ספּעקטאַקל „פֿיר טעג״, האָב איך מיך איבערצײַגט, אַז מיכאָעלס איז געװען גערעכט.

אינדערעמעסן: װי האָט אויסגעזען יוליס, װעלכן מיכאָעלס האָט אונדז געװיזן? ער איז געװען אָנגעכמורעט, אײַן זיך פֿאַרשלאָסן. אָט פֿלעגט ער זיך באַװײַזן אין דער מאַסע, אין דער סוויווע פֿון זײַנע כאַװײרים; אָפּגע־ געבן פֿאַראָרדענונגען, דערקלערונגען, אַרויסגעזאָגט זײַן מײנונג און איז פֿאַרשװוּנדן. װי ער פֿלעגט זיך באַװײַזן אויף דער בינע, האָט מען עס באַ־ טאָנט מיט װאַרפֿן אויף אים אַ ליכט־שטראַל, עלעהיי ער איז אַ העלד לע־ גאַבע דעם האַמון. אָבער װאָס איז עס פֿאַר אַ פֿירער? זײַנע װאַקלונגען, זײַן אומבאַשלאָסנקײַט האָבן קײן שום שײַכעס ניט געהאַט צו העלדיש־ קײַט. פֿון מיכאָעלסעס יוליס האָט איר ניט געשפּירט אָט יענע הײסע שטראָמען, װאָס זײַנען נײטיק צו נעמען אין געפֿענקעניש די הערצער פֿון די צושויער. מיט טרוקנקײַט, מיט רעטאָריק האָט געװײעט פֿון אַזאַ יוליס. דעריבער איז נאַטירלעך, װאָס מיכאָעלס האָט קײן כײשעק ניט געהאַט צו שפּילן די דאָזיקע ראָל, און עס איז אים קײן שאָד ניט געװען איבערגעבן זי אַן אַנדער אַקטיאָר.

אַ טראַמפּלין צו אַ העכערן שפּרונג

(זײַװל אַװאַדיס)

אַ פּאָר װאָכן נאָך דער פּרעמיערע „מישפּאָכע אָװאַדיס״ האָב איך אינעם מאָסקװער אַקטיאָרן־קלוב געטראָפֿן דעם פֿאָלקס־אַרטיסט בינ‏יאָמין זוסקין.

זאָג איך אים:

— איך באגריס אײַך מיט נאָך א ניצאָכן.

— וואָס פאר א ניצאָכן האָט איר עס בעדייעו?

— איך האָב אין זינען דעם ספּעקטאקל „מישפּאָכע אָוואדיס" און אין דער ערשטער ריי — מיכאָעלסעס נײַע שאַפונג. זײַן זײַוול אָוואדיס איז א נײַ געווינס.

— איך מוז אײַך זאָגן (זאָל עס בלײַבן צווישן אונדז), — רופט זיך אָן זוסקין, — מיכאָעלס גופע שאַצט ניט אָפּ אזוי קאטעגאָריש אָט די נײַע ראָל, ווי איר. דאָס איז, לויט זײַן מיינונג, אוואדע ניט קיין דורכפאל, אָבער אויך ניט קיין מערקווירדיקע דערגרייכונג. ווילט איר — וועל איך אײַך מעגאלע־סאָד זײַן: אויב מיכאָעלס נעמט זיך ארבעטן איבער א נײַער ראָל און באוואָרנט זיך מיט א דובליאָר (און אין אָט דער נײַער ראָל דובלירט אים דער אקטיאָר מייער שטיימאן), באדארפט איר זיך אָנשטויסן, אז ער באטראכט די נײַע ראָל, ווי א באשיידענע דערגרייכונג. ווּעהאָרײַע: אזעלכע ראָלן, ווי רעב אלטער („מאזלטאָוו"), קיניג ליר, בינימין („מאַסאָעס ביניאָמין האשלישי"), מענאכעם־מענדל („דער לופטמענטש"), האָט מיכאָעלס געשפּילט אָן א דובליאָר. קיינער פון די אקטיאָרן האָט אפילע ניט געטרוימט וועגן־עס־איז אים צו פארבײַטן אין איינער פון אָט די ראָלן. נאָך מער: עס זײַנען געווען פאלן, ווען מיכאָעלס איז געווען ניט געזונט, ווען די טעמפּעראטור האָט בא אים דערגרייכט אכט און דרײַסיק מיט א האלבן, האָט ער זיך געלאָזט אין טעאטער שפּילן רעב אלטערן אין „מאזל־טאָוו". די אקטיאָרן פלעגן זיך שושקען: „עפּעס א דיבעק זיצט אין אים: מיט אזא טעמפּעראטור שפּילן אף דער בינע!!!"

— מאשמאָעס, — זאָג איך, — אז ווײַט ניט אלע פאָדערונגען מיכאָעל־סעס האָט דאָס זײַוול־געשטאלט באפרידיקט.

— פארשטייט איר דאָך, — דערקלערט מיר זוסקין, — אז בלויז מיכאָעלס גופע קאָן אײַך געבן אן ענטפער אף אָט דער פראגע. איך האלט, אז עס לוינט אײַך באטראכטן אָט דעם ספּעקטאקל אינגאנצן גענומען און באזונדערס די סצענישע זײַוול־פארקערפּערונג און דערנאָך א שמועס טאָן מיט מיכאָעלסן.

אינגיכן האָב איך באזוכט אָט דעם ספּעקטאקל, ווו עס ווערן באוויזן די נײַע באציִונגען צווישן די בירעָבידזשאנער יידן און ניט־יידן, וואָס וווינען אין אָט דעם קאנט, און ווו עס ווערט באטאָנט זייער אכרײַעס פאר באשיצן די גרענעץ פון פארשיידענע דיווערסאנטן. דעם רעזשיסער מי־כאָעלס איז געלונגען באשאפן אין אָט דעם ספּעקטאקל די אטמאָספער, וואָס האָט געהאָלפן דעם צושויער ריכטיק באנעמען און אָפּשאצן די פאסירונגען, וואָס האָבן זיך אנטפּלעקט אף דער בינע. עס האָט געלאָקט

דאָס אויג דער בירא־טייַך, וואָס איז באַצייַנט מיט די גרינע סאָפּקעס, די נייַע הייַזער, וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אין טייַך.

צוליב דעם טאַקע האָט מאַרקיש אָנגעשריבן די פּיעסע, קעדיי צו דעמאָנסטרירן די ליבע צום היימלאַנד פון דעם פּליטן־טרייַבער זייַוול און זייַן מישפּאָכע.

טכילעס האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ איז אין דער מישפּאָכע אָוואַדיס קעשורע, אַז זייַוול באַדאַרף פולשטענדיק זייַן צופרידן: איין זון איז דער ראַיקאָם־סעקרעטאַר, דער צווייטער — אַ גרענעץ־שוימער; דער דרייטער — אַ פּליטן־טרייַבער; די טאָכטער — אַ פּילאָט; זייַוול גופע איז דער פּאָרזיצער פון פּליטן־טרייַבער־קאָלווירט. דאָך האַלט זייַוול, אַז צום גליק פעלט נאָך עפּעס: עס לאָזט אים ניט צורו די אָפּוועזנהייַט פון זייַן פערטן זון, וועלכער האָט צוריק מיט עטלעכע יאָר פאַרלאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד און איצט וויל ער זיך אומקערן אַהיים. זייַוול וויל פּויעלן בײַ זייַן זון, דעם ראַיקאָם־סעקרעטאַר, אַז ער זאָל אים אַרויסהעלפן אין אָט דעם איניען, אָבער יענער וויל ניט הערן און ניט וויסן.

און נאָך. זייַוול איז ניט אימשטאַנד אײַן זיך גויוער צו זייַן אַלטע אָבערגלויבנס: די טאָכטער קלייַבט זיך כאַסענע האָבן מיט אַ רוסישן יונגנמאַן, און דעם ייִנגסטן זון איז געפעלן געוואָרן אַ קאַזאַטשקע, און ער וויל, זי זאָל זייַן ווייַב ווערן.

דאָס אַלץ זייַנען, אייגנטלעך, קלייניקייַטן לעגאַבע דעם גרויסן בראָך, וואָס האָט פּאַסירט מיט זייַוולען און זייַן געזינד: בעשאַס אַ צוזאַמענשטויס מיט דיווערסאַנטן איז דערהאַרגעט געוואָרן זייַוולס זון, דער גרענעץ־וועכטער. איז נאָך קאַרג: איז זיך מעיאַשעוו זייַוולס דריטער זון קאַלמען און מעלדעט, אַז ער איז גרייט פאַרבייַטן דעם אומגעקומענעם ברודער און פאַרנעמען זייַן פּאָסט אין דער גרענעץ־וואַך. ס'איז ניט שווער זיך פאַרצושטעלן, סאַראַ שטורעם עס האָט גענומען בושעוועץ אין די הערצער פון זייַוולען און זייַן פרוי סאָרע. אינדערעמעסן, איין זון איז נאָוועגאַד ערגעץ ווייַט פון זייַן היים, דעם צווייטן האָט מען אומגעבראַכט, און דער דרייטער איז זיך מאַפקיר — שטעלט דאָס יונגע לעבן אין קאָן.

דאָך — נאָך אַ שווערן איבערלעבן קאַמף נעמט די אויבערהאַנט דער אַכרייַעס־געפיל לעגאַבע דעם פאָטערלאַנד, וואָס זייַן זון האָט זיך צוליב דעם געזעגנט מיט דער ליכטיקער וועלט. אין אַ קורצער צייַט אַרום נעמט עס אַ סאָף צו די וואַקלונגען. טאַטע־מאַמע באַגלייטן פייַערלעך, ווי אַף אַ כאַסענע, דעם זון, וואָס לאָזט זיך אוועק אַף דער גרענעץ־וואַך.

די פּאַטעטישע אַטמאָספער, די באַזונדערע שטימונג, מיט וועלכער עס האָט געוויעט פון דער בינע — דאָס אַלץ האָט פאַרכאַפּט די צושויער,

האגאם ניט אלץ, וואָס מיר האָבן דאָ געזען און געהערט, האָט אופגעטרייסלט.

מײַן פערזענלעכע אופמערקזאמקײַט האָט מער פון אלץ צוגעצויגן מיכאָעלסעס שפיל אין דער זײַוול־ראָל. דער שווערער ריטם פון זײַוולס באוועגונגען, זײַן קארגער, אָבער ברייטער זשעסט — אין דעם אלעם האָט זיך געשפירט זײַוולס קרעפטיקײַט, די האלטונג פון א גוואר. דער צושויער האָט געגלייבט, אז ער זעט פאר זיך א האָרעפּאשניק, וואָס האָט בעמעשעך פון זײַן גאנצן לעבן זיך געראנגלט מיט דער סטיכיי. דער צושויער האָט געגלייגט אכט אף דעם פאקט, וואָס זײַוול דענקט א סאך און איז צוריקגעהאלטן אין ריידן. דער אקטיאָר האָט פיל געטאָן, קעדיי צו אנטפלעקן פאר אונדז זײַוולס אינערלעכן וועזן, זײַנע איבערלעבונגען, די סטירעסדיקײַט און די ליידן פון אָט דעם פארשוין.

מײַן פארשטאנד האָט דאָס אלץ באנומען, אָבער איבעראשט בין איך ניט געווען, ווי עס פלעגט מיט מיר פאסירן, ווען איך האָב מיכאָעלסן געזען אין אזעלכע ראָלן, ווי רעב אלטער, ביניאָמין, שימעלע סאָראָקער. מיך האָט געוואונדערט, וואָס אָט דער ספעקטאקל האָט בא מיר קיין היספּײַלעס ניט ארויסגערופן. עפּעס ווי א גרויסער פרעגצייכן האָט געהויערט איבער אָט דעם ספעקטאקל און באזונדערס — איבערן זײַוול־געשטאלט.

אינגיכן בין איך געוויר געוואָרן פונעם אָקטיאָר שטיימאן, אז אין א וואָך ארום באדארף אין טעאטער פאָרקומען א פראָדוציר־בעראטונג וועגן דעם נײַעם ספעקטאקל. שטיימאן האָט מיר פאָרגעלייגט צו קומען אין טעאטער א שאָ פאר דער פארזאמלונג — ווײַל איך האָבן די מעגלעכקײַט א שמועס טאָן מיט מיכאָעלסן מיקויעך דער פאָרשטעלונג „מישפּאָכע אָוואדיס". איך בין געקומען באצײַטנס און האָב געבעטן מיכאָעלסן א שמועס צו טאָן מיט מיר ביזן אָנהייב פון דער פארזאמלונג.

דאָס ערשטע, וואָס מיכאָעלס האָט מיך געפרעגט, איז געווען:

— אײַך איז געפעלן דער ספעקטאקל „מישפּאָכע אָוואדיס"?

— דער ספעקטאקל איז אינטערעסאנט, — האָב איך געענטפערט, — גופע די טעמע איז אן אקטועלע, א פרישע.

— ריכטיק. אונדז האָט זייער דערפרייט פ. מארקיש, ווען ער האָט אונדז פאָרגעלייגט אופירן זײַן פּיעסע. מיר האָבן מיט גרויס האסמאָדע זיך א נעם געטאָן פאר איר. נאָר אויב איר האָט געהאלטן פאר נייטיק א שמועס צו טאָן מיט מיר מיקויעך אָט דעם ספעקטאקל, איז א סימען, אז עס לאָזן אײַך ניט צורו געוויסע ספּייקעס.

— יאָ, כ׳וועל ניט לייקענען. איר האָט געטראָפן. אויב ריידן מיקויעך דעם ספעקטאקל אינגאנצן גענומען, האָט ער אַרײַנגעטראָגן א געוויסן בײַטראָג אין אונדזער טעאטער־אויסקומעניש. אָבער איין זאך זעט מיר אויס טשיקאווע: פארוואָס האָט דאָס זײַוול־געשטאלט, וואָס איר האָט אויסגעמאָלט, בא מיר ניט ארויסגערופן אזא מין היספּײַלעס, ווי אײַער רעב אלטער, שימעלע סאָראָקער, ביניאָמין און נאָך אנדערע אײַערע שאפונגען?

— איך האלט, — האָט מיכאָעלס געזאָגט, — אז דער דראמאטורג האָט ניט דערפירט אָט די פּיעסע צום גראד פון שליימעס. איינער פון די סאמע וויכטיקסטע פעלערן פון דער פּיעסע באשטייט אין דעם, וואָס דער דראמאטורג האָט זיך דאָ ניט באגרענעצט מיט איין קאָנפליקט. איך האָב דאָ אין זינען דעם איקערדיקן קאָנפליקט, ווען זײַוולען קומט אויס באקעמפן אין זיך זײַן פּאָטערישן געפיל — די מוירע פאר קאלמענס לעבן, וואָס שטייט אין געפאר. דער דראמאטורג האָט דאָך אינעם געוועב פון דער פּיעסע אַרײַנגעפלאָכטן נאָך איין קאָנפליקט — דעם געראנגל פון זײַוולען מיט זײַן זון דעם ראיקאָם־סעקרעטאר פארן רעכט פונעם פארבלאָנדזשעטן זון זיך צוריקקערן אהיים. יעדער דראמאטישער קאָנפליקט איז בעקויעך פארכאפּן דעם צושויער, קאָלזמאן די פּערזאָן, וואָס קעמפט פאר א געוויסן אינטערעס, פּירט א פארביסענעם אקשאָנעסדיקן קאמף פארן אינטערעס. אָבער ווי קומט עס פאָר מיט זײַוולען? ער ווײַזט ניט ארויס קיין אנטשיידנקײַט. ער איז נאָכגיביק. איז וואָס איז דער פּויעל־יויצע? דער קאָנפליקט צאנקט און ווערט סאָפקאָלסאָף אויסגעלאָשן. איז דען זײַוולס פּאסיווקײַט בעקויעך א קאָך טאָן דעם אקטיאָר? און אויב אינעם אקטיאָר צינדט זיך ניט אָן דאָס לײַדנשאפט־פײַערל, ווי:ארום איז עס מעגלעך, אז ער זאָל דערשיטערן דעם צושויער?

כוץ דעם, קומט אין זײַוולען פאָר א געראנגל מיט די רעשטן פון רעליגיעזע אָבערגלויבנס: ער איז קעגן געמישטע כאסענעס. פונדעסטוועגן האָט זײַן טאָכטער כאסענע מיט א רוסישן יונגנמאן, און דער זון ברענגט אין טאטנס שטוב א קאזאטשקע. פירט דען זײַוול אין אָט דעם פראט א הארטנעקיקן קאמף? איז וואָס זשע קומט ארויס פונעם דראמאטורגס באמיונגען צו שילדערן זײַוולען, ווי א פערזענלעכקײַט מיט אן אויסגעשפּראָכענעם כאראקטער?

אָט די אלע וואקלונגען, ספּייקעס, וואָס זײַוולען קומט אויס איבערצולעבן, זײַנען גוירעם די סיטואציעס, אין וועלכע דער דראמאטורג שטעלט זײַוולען אוועק. אָבער איר טוט נאָר א טראכט: ווי איז די לאגע פונעם אקטיאָר, וועלכער שפּילט זײַוולען? אים בלײַבט איינס: לירישע מאכשאָווועס. דער פּויעל־יויצע איז געפּענטעטקײַט, א געוויסע צעשרויפטקײַט. איז

דען שײַער, אז דער אקטיאָר זאָל אַף אזא אויפן מיטרײַסן, נעמען דעם צו־שויער אין געפענקעניש?

— איר ווייסט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, — רוף איך מיך אָן צו מי־כאָעלסן, — אין אײַער זײַוול־פארקערפערונג דערנעענטערט איר זיך צו דער טעמע — מוטיקײַט, גערעכטיקײַט, צו דער טעמע היימלאנד. אָבער איר זײַט געבליבן שטעקן אינמיטן וועג. אויב דאָס איז ווירקלעך אזוי, פאר־שטיי איך שוין, פארוואָס מיך באפרידיקט ניט אין דער פולער מאָס דאָס זײַוול־געשטאלט, וואָס איר האָט אַף דער בינע פארקערפערט.

— אײַער כוש האָט אײַך ניט אָפּגענארט, — איז מיכאָעלס מאסקים, און א ברייטער שמייכל האָט באלויכטן זײַן פּאָנעם, — דאָס זײַוול־געשטאלט, וואָס איך שפּיל, באדארף מען טאקע באטראכטן, ווי א מין צוגרייט־עטאפּ, ווי א טראמפּלין צו א העכערן שפּרונג. איך גרייט מיך אופירן א ספּעק־טאקל, ווו די טעמע מיקויעך היימלאנד וועט פאנאנדערגעוויקלט ווערן אין איר פולער ברייטקײַט, ווו זי וועט א שעמעריר טאָן גאָר אַף אַן אנדער מין אויפן. אָבער אויב איר וועט א פּרווו טאָן זיך דערגרונטעווען, וואָס אזוינס האָב איך פארטראכט, וועט עס זײַן אַן אומזיסטע טירכע. לעסאטע איז נאָך צו פרי די קאָרטן אופדעקן. מיר וועלן לעבן — וועלן מיר זען.

א מאָדנער קיניג ליר

עס האָט זיך געענדיקט דער ספּעקטאקל „קיניג ליר" אינעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאטער. איך אײַל מיך אהיים. באם ארויסגאנג באמער־ק איך צוויי באיאָרטע מאנצבלען, וואָס פירן לעבהאפט א שמועס. קאָנטיק, זיי זײַנען אופגערודערט. איך בין נײַגעריק צו וויסן, וועגן וואָס זיי שמועסן.

...מער פון אלץ, — מעלדעט איינער פון זיי, — האָט מיך פארכידעשט מיכאָעלס אין דער ראָל פון ליר. מיר איז אויסגעקומען עטלעכע מאָל צו זען, ווי בארימטע אקטיאָרן האָבן געשפּילט אָט די ראָל. האָב איך מיר פארגלײַכט זייער שפּילן מיט מיכאָעלסעס. איך וועל לעסאטע גאָרניט ריידן וועגן דעם אויסערלעכן אויסזען פון מיכאָעלסן אין דער דאָזיקער ראָל. דאָס איז א באזונדערע פראגע. מיך אינטערעסירט קוידעמקאָל, וועלכע מיט־לען, וועלכע מאנירן באנוצט מיכאָעלס, קעדיי איבערצײַגן מיך און אנ־דערע צושויער, אז ער שילדערט אונדז דעם עמעסן, דעם שעקספּירישן ליר. אָפּט זײַנען זײַנע באוועגונגען, זשעסטן און מימיק פון מײַן שטאנד־פונקט באַרעכטיקט. אָבער אנדערע פארשטיי איך ניט.

איר געדענקט דעם אָנהייב פון דער פערטער סצענע אינעם ערשטן אקט? ליר קערט זיך צוריק פון יאגד, וואָס ער האָט דורכגעפירט אין דער

באַגלייטונג פֿון זײַן סוויטע. האַגאַם מיר זעען נאָך ניט דעם קיניג, אָבער פֿונדערווײַטנס לאָזן זיך שוין הערן וויל־יונגערישע קלאַנגען פֿון אַ יעגער־ליד. און אָט דערזעען מיר דעם קיניג. אַ שלאַנקע, אַ יונגע פֿיגור. דאָס גענגעלע, דאָס האַלטן זיך — עלעהיי אַ יונג מיט שפּאָרן. פֿריילעך, לוסטיק איז זײַן געזאַנג. ווי זשע געשיקט זיך עס, אַז אַן אַכציקיאָריקער זאָקן זאָל זײַן אַזוי מונטער, אַזוי אויפֿגעלייגט, אַזוי זאָרגלאָז? איר געדענקט דאָך, ווי ער האָט אויסגעזען אינעם אָנהייב פֿונעם ערשטן אַקט: אַ צעשרויפֿטער, אַ מאָרעשכוירעדיקער אַלטיטשקער, קוים־קוים באַוועגט ער זיך צו זײַן קיניגלעכן טראָן.

— יאָ, יאָ, עמעס, — רופֿט זיך אָן זײַן כאַווער, — אינעם אָנהייב פֿונעם ערשטן אַקט איז עס טאַקע אַ צעקראָכענער נעפֿעש — מאַמעש אַן אַלטע באָבעצי. און מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער שלעפּט זיך קוים. ביז איך טאַקע געוואָרן ביז גאָר געפּלעפֿט, ווען ס׳קומט פֿאָר לירס שטורמישער צוזאַמענשטויס מיט זײַן עלטערער טאָכטער האָנערילי. זי האָט צום טאַטן טײַנעס, לעמײַ האָט ער געלאָזן די כעווערלײַט פֿון זײַן סוויטע צו בושעווען. לירן פֿאַרדריסט עס ביז גאָר. ער טוט האַסטיק זיך אַ ריס פֿון קענטס הענט און לויפֿט הענדעם־פּענדעם פֿון לינקס אויף רעכטס. און גלײַך צוריק — אויף לינקס. דאָ שטײַגט ער אימפּעטפֿול, לײַכט און גראַציעז, ווי אַן אַכצניאָריק באָכערל, אויף די טרעפּ, וואָס פֿירן אַרויף צו דער טעראַסע, וווּ עס געפֿינט זיך האָנערילי. ס׳איז מאַמעש דערשיטערנדיק. וואָס זאָגט איר דערויף?

— איז הערט זשע אויס, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, — האָב איך מיך אַרײַנגעמישט אין זייער שמועס, — דאָ האָט איר אײַך צו טאָן מיט זייער אַן אינטערעסאַנטער האַמצאָע פֿון דער רעזשי און טאַקע פֿונעם אַקטיאָר גופֿע. און אַנדערש, ווײַזט אויס, האָט עס זײַן ניט געקאָנט. אַדעראַבע, באַרעכנט זיך, וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען: אַ מענטש האָט פֿון זיך אַראָפּגעשלײַדערט קאָלעררליי דײַגעס, האָט גענומען לעבן גאָר אויף אַן אַנדער מין אופֿן — נאַטירלעך, שפּירט ער זיך פֿונדאָסנײַ געבוירן, און עס האָט אין אים די יוגנט אַ קאָך געטאָן.

— אָבער פֿאָרט איז עס ניט צו באַגרײַפֿן, — האָט איינער פֿון אָט דעם פֿאָרל זיך אַרײַנגעריסן אין מײַנע רייד. — איר געדענקט דאָך די סצענע, ווען מע טראָגט לירן אַרײַן אַ פֿאַרכאַלעשטן; ער איז קימאַט ווי פֿון זינען געוואָרט. איר זעט אַ צעבראָכענעם זאָקן, קוים וואָס ער באַוועגט זיך. אָבער אין דער לעצטער סצענע פֿונעם ספּעקטאַקל... ווידער אַן איבעראַשונג: מע פֿירט אין טעאַטער אַרײַן לירן מיט קאָרדעליאַ. געבונדענע, ניט אָפּצורײַסן דעם טאַטן פֿון דער טאָכטער. צוקוקנדיק זיך צו לירן, ווערסטו דער־

שטוינט — א מין עלאַסטישע, א מין גראַציעזע פיגור בא לירן... נו, און דער יוגנטלעכער ברען אין לירס אויגן?

— יאָ, — נעם איך מיך דערקלערן, — כ'האָב געהאַט א פערזענלעכן שמועס מיט מיכאָעלסן און האָב אים ארויסגעזאָגט מײַנע ספּייקעס בענעגייע לירס מעשונעדיקע מעטאמאָרפאָזעס.

— מיר האָט זיך געדוכט, — האָט מיכאָעלס מיר געענטפערט, — אז לירס לעבנסוועג אין אָט דער טראַגעדיע פירט אים ניט פון פארעלטערטקײַט צום קיווער, נאָר פון אן אלטער אָפגענוצטער אידעאָלאָגיע צו א באנײַטן שטורמישן און אָן אן ערעך ייִנגערן געדאנקענגאנג. אינדערעמעסן, פארוואָס האָט ליר זיך אָפגעזאָגט פונעם קיסריי־האמאלכוס און זײַן קיניגרײַך צעטיילט צווישן האָנערילע און רעגאנע? דערפאר, וואָס ער האָט ביז גאָר זיך אָנגעזעטיקט מיט אומבאגרענעצטער מאכט און באשלאָסן עפּעס ווי אפצולאָכעס טאָן דער גאָרער וועלט. אָפגעלעבט א היפּש ביסל יאָרן (אכציק יאָר!) און דאָך געבליבן באם קלאָרן סייכל, זײַענדיק איינער פון די מעכטיקסטע הערשער, האָט ליר זיך פארטראכט, וואָס איז דער טאכלעס פונעם מענטשנס לעבן. אין וואָס, אייגנטלעך, באשטייט דער גרעסטער כּיעס פונעם לעבן: אין מאכטהאָבערײַ, אין פרײַהײַט, אין אשירעס צי אין פארדווייקעטער און טרײַער ליבע? און עפּשער איז דאָס אלץ ניט מער, ווי פוסטע כאלוימעס, וואָס פארנעפּלען בלויז דעם עמעסן טאָך פונעם מענטשנס קיעם? עפּשער איז גאָר דער איקער דעם מענטשנס פערזענלעכקײַט גופע, זײַן אלמעכטיקער „איך“? עפּשער זײַנען אָט יענע האסאָגעס מינדערווערטיק אין פארגלײַך מיט דעם מענטשנס פערזענלעכקײַט... און ליר באשליסט פּרובירן די קרעפטן פון זײַן „איך“ — ער נעמט קעגנשטעלן זײַן „איך“ אלע אויסגעשריִענע ווערטן...

אָבער שפּעטער, ווען אף זײַן קאָפּ האָבן געגומען האָגלען שווערע ניסיוינעס, האָט ער פארשטאנען, אז זײַן פריִערדיקע פאלשע אידעאָלאָגיע האָט באנקראָטירט, און ער איז געוואָרן אן אָנהענגער פון א פּראַגרעסיווער און ריכטיקער אידעאָלאָגיע. מאשמאָעס, אז עס האָט פאר אים זיך אנטפּלעקט א וועג פון פארעלטערונג צוריק צו א צווייטער יוגנט.

— יאָ, — רופט זיך אָן איינער פון מײַנע מיטגייערס, — ווערליק איר האָט אונדז דערקלערט, הייבן מיר אָן צו פארשטיין אייניקע קאָנטראסטן, וואָס מיר האָבן באמערקט אין דער שפּיל פון מיכאָעלסן. און דאָך זײַנען פאר אונדז ניט קלאָר נאָך מאָמענטן פון זײַן שפּיל. באזונדערס טשיקאווע האָט זיך אונדז אויסגעוויזן די סצענע בעשאסן שטורעם, ווען ליר פרעגט עדגארן: „ווער ביסטו געווען?“ ענטפערט עדגאר: „א כאזער, א פויליאק, א פוקס — א גאנעפעץ, א וואָלף לויט זײַן פרעסערישער גיריקײַט, א הונט

לויט זײַן בײַזקײַט, א לײב לויט זײַן זשעדנעקײַט״. גלײַך נאָך דעם, ווי עדגאר ענטפערט לירן אף זײַן פראגע, נעמען אלע דרײַ — עדגאר, ליר און דער לעץ — האווקען, ווי הינט. זאָגט אונדז, אדעראבע, וויאזוי דערקלערט מיכאָעלס אזא מין אקטיאָרישן אײַנפאל?

— אײַער פראגע איז פארשטענדלעך, — רוף איך מיך אָן, — אז מע האָט מיכאָעלסן בעשאס איינער פון זײַנע עפנטלעכע ארויסטרעטונגען געשטעלט די זעלבע פראגע, האָט ער געזאָגט: „זאָל אײַך ניט זײַן קיין כידעש, וואָס בעשאסן שטורעם האָבן דרײַ מענטשן פלוצעם גענומען בילן, ווי הינט. דאָס דאָזיקע בילן איז א מיטל צו טראנספאָרמירן שעקספירס בילדערישקײַט אין אז אקטיאָרישער שפראך: דער מענטש זאָגט ניט — „סע טוט מיר וויי״, נײַערט ער בילט. צו אזא אויספיר בין איך געקומען נאָך דעם, ווי איך האָב אבסאָליוט קאָנקרעט אופגעפאסט שעקספירס בילדערישן מאטעריאל.

— איך צווייפל, צי אזא דערקלערונג קאָן באפרידיקן אלע צושויער. ס׳איז קלאָר, אז אין דער שטורעם־סצענע באמיט זיך שעקספיר אונדז דערווײַזן, אז ערשט דעמלט האָבן אין לירס באוווסטזײַן אופגעוואכט די סאמע דערהויבענע מענטשלעכע געפילן. ליר פארטראכט זיך דאָס ערשטע מאָל, זינט ער לעבט, וועגן דעם גורל פון פיל פארוואָרלאָזטע און שוצלאָזע מענטשן — ביז איצט האָט ער עס קיינמאָל אין זינען ניט געהאט.

איר, אומגליקלעכע לײַט, עס טרײַבט
דער שטורעם־ווינט אײַך אום, און ווער און ווו
איר זאָלט ניט זײַן — אנטבלויזטע אָרעמקײַט
עס קוקט ארויס דורך טיר און פענצטערלעך
פון אײַער אָפּגעריסן קלייד: ווער וועט
באשיצן אײַך, דאָס לײַב דערווארעמען
אין אזא נאכט! ווי ווינציק כ׳האָב אמאָל
געזאָרגט פאר דעם...

איז שוין גענוג, אז ליר נעמט אין אזא מאָמענט רײַסן אף שטיקער זײַן האלבאָשע: ס׳איז א נאטירלעכער פּראָטעסט קעגן זײַן אייגענער פארוואָרלאָזטקײַט, און אין דער זעלבער צײַט זאָגט איידעס אָט דער טאט, אז ליר סאָלידאריזירט זיך מיטן אָרעמען פילאָסאָף — מיט עדגארן. וואָס זשע טויג דאָ דאָס בילן? עס מאכט בלויז א קאָמישן אײַנדרוק. נאָך מער: אדאנק דעם בילן ווערט אין א געוויסער מאָס באָטל לירס פילאָסאָפישער געדאנקענגאנג...

— א סוואָרע איז עס, דוכט זיך, א גלײַכע סוואָרע, — באמערקט איינער פון דעם פּאָרל. — איז אויב איר האָט א מעגלעכקײַט זיך דערגרונטעוועט צו מיכאָעלסעס אקטיאָרישע אײַנפאלן, וועט איר זײַן אזוי גוט און אונדז דערקלערן אייניקע מעשונעדיקע זשעסטן מיכאָעלסעס, וואָס אונדזער

פארשטאנד איז ניט אימשטאנד זיי צו באגרײַפן: אָט, צום בײַשפּיל, ווען מע דערמאָנט האָנעריליעס נאָמען, פארשטעלט ליר דאָס פּאָנעם מיט ביידע הענט. ביסלעכווײַז נעמען לירס הענט זיך גליטשן איבערן פּאָנעם פון אויבן אראָפּ. דער צושויער מיינט, אז ליר וויל פארבאָרגן די טרערן, וואָס רינען פון זײַנע אויגן. און עפּשער באטײַט עס, אז אין לירס מויעך איז דורכגעפלויגן א פּײַנלעכער געדאנק... אין אלגעמיין איז שווער זיך אָנצושטויסן, וואָס איז דער אקטיאָר אויסן מיט אָט דעם זשעסט.

— אויך מיר דוכט זיך, אז אָט דער זשעסט איז ניט קלאָר, — בין איך מאסקים, — און עמעץ האָט טאקע בא מיכאָעלסן געבעטן א דערקלערונג. האָט מיכאָעלס געענטפערט: „דאָס גליטשן זיך פון די הענט איבערן פּאָנעם זאָגט אָן דעם צושויער, אז ליר באמיט זיך אראָפּצורײַסן א מין שפּינוועבס, וואָס שטערט זײַן ריִע. אנדערש גערעדט: ליר באמיט זיך פּאָטער צו ווערן פון דער פארבלענדעניש, וואָס האָט אים פריִער געשטערט צו דערקענען האָנעריליעס פארדאָרבנקײַט". פון מיכאָעלסעס שטאנדפּונקט איז אָט דער זשעסט בארעכטיקט, אָבער דעם צושויער איז שווער אים ריכטיק אויסצוטײַטשן.

— מיר איז שווער צו באנעמען, — האָט באמערקט דער צווייטער פון מײַנע מיטגייער, — לירס גיפּטיק געלעכטערל. די טראגעדיע הייבט זיך אָן מיטן קיניגס כיכיקען, און אז ער האלט באם שטארבן — ווידער געכיכיקעט. נאָך מער: א ריי סצענעס, ווו ליר פיגורירט, הייבן זיך אָן און פארענדיקן זיך מיט אָט דעם כאראקטעריסטישן כיכיקען. אזא מין האלטונג מיצאד דעם קיניג שטויסט מײַן געדאנק צו באטראכטן אָט דעם ליר, ווי א מעטורעף אָדער ווי א מין לעץ.

— איך האלט, — רײַס איך אים איבער די רייד, — אז מיכאָעלסעס קאוואָנע איז אין אָט דעם פּראט געווען — אָנדײַטן דעם צושויער אף אָט דעם פּאטאָלאָגישן, וואָס האָט אין א געוויסער מאָס דעמלט באהערשט דעם קיניג. ס'איז געווען, קאָן מען זאָגן, א ביטערע כויזעקמאכערײַ איבערן האווייל־האוואָלים. דעם צושויער האָט עס אויסגעזען, ווי עס וואַלט כיכיקען אן אלטיטשקער, וועלכער איז אויווערבאָטל. אזעלכע פארשיפרירטע מאָמענטן האָט איר ניט ווייניק בא לירן. נאָרוואָס האָב איך מיך דערמאָנט נאָך א מערקווירדיקן מאָמענט פון ערשטן אקט. ליר האָט נאָך ניט באוויזן צו דעקלארירן זײַן באשלוס מיקויעך צעטיילן די מעלוכע — טײַט ער עפּעס מיט א פינגער פון דער רעכטער האנט. עס זעט אויס, ווי ער וואָלט ציילן די מיטגלידער פון זײַן סוויטע. פּונקט אזוי איז ער זיך נויהעג אין דער סצענע, ווען ער מישפּעט זײַנע צוויי פארדאַרבענע טעכטער. מיכאָעלס מוז עס טאָן לויט זײַן אינערלעכער שפּירונג — דער דאַזי־

קער זשעסט העלפט אים אין זײַן שפּיל. אָבער דעם צושויער זעט עס אויס מעשונע־מאָדנע...

מײַנע מיטגייער האָבן כּיישעק געהאַט מיר פאַרלייגן נאָך פראַגן בע־נעגייע מיכאָעלסעס ליר־פאַרקערפּערונג, אָבער איך האָב מיך געאײַלט און בין געווען געצווונגען מיט זיי זיך צו שיידן.

יאָ, מיכאָעלסעס ליר־פאַרקערפּערונג האָט פאַרמאָגט א היפּש ביסל באַדינגלעכע מאָמענטן, וואָס מע קאָן באַשטרײַטן. און פאַרקערט: מיכאָעל־סעס שפּיל האָט אין דער זעלבער צײַט פאַרמאָגט א ריי אומבאַשטרײַט־בארע מאָמענטן. אין אַזעלכע סצענעס פלעגט ער זיך פאַר אונדז אנט־פּלעקן, ווי א באַדײַטנדיקער רעאַליסטישער אַקטיאָר, וואָס איז בעקויעך צו אַנטבלויזן די טיפסטע, די סאַמע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון מענטשנס נעשאָמע דורךווירקעוודיקע עכט־טעאַטראַלישע מיטלען. אַזעלכע סצענעס פלעגן דערשיטערן יעדן: סײַ א דערפאַרענעם, סײַ א רויען צו־שויער. פּאַשעט דערפאַר, ווײַל אין אָט די סצענעס פלעגט מיכאָעלס אויסנוצן קלאָרע, ניט קיין פאַרשטעלטע מאַנירן. צו אַזעלכע האָט באַלאַנגט די פינאַלע סצענע: ליר און די טויטע קאָרדעליא.

ליר האָט אַרײַנגעטראָגן די טויטע קאָרדעליא (זי איז בא אים איבערן אַקסל איבערגעבויגן). פאַרזיכטיק, ניט געאײַלט זי אַוועקגעלייגט אַף דער אַוואַנסצענע. ער שטעלט זיך אַף די קני, טוט זי צערטלעך א ריר. עפּעס ווי א האָפענונג־פונק וואָלט אַף זײַן שטערן דורכגעשוועבט: עפּשער וועט קאָרדעליא לעבעדיק ווערן... אָבער קאָרדעליא בלײַבט ליגן אומבאַוועגלעך. ליר שטייט אויף. פאַר וועמען זאָל ער אויסגיסן די אומדערטרעגלעכע יעסורים? דערזעט ליר דעם הערצאָג אַלבאַני — ער שטייט אינעם רעכטן בינע־ווינקל. דערנענטערט זיך ליר צום הערצאָג, הייבט אויף די רעכטע האַנט. לירס פינגער באַוועגן זיך א ווײַלע. דעם צושויער איז קלאָר: דאָס זײַנען וואַקלונגען. אַלבאַני איז דאָך געווען לירס א פרײַנט. נאַרוואָס האָט זיך געענדיקט די שלאַכט, און ליר איז דאָך געווען אינעם מיליטערישן לאַגער פון אַלבאַניס קעגנער... עטלעכע סעקונדעס יִישעוו־האַדאַאַס, און ליר קערעוועט זיך אָפּ פון אַלבאַני. אויסגעקערעוועט זיך מיטן רוקן צום צושויער, גייט ליר פאַרבײַ דער לעבעדיקער ריי זעלנער, וועלכע זײַנען אויסגעשטעלט אין דער פאָרם פון א האַלבן רינג. דרײַ מאָל טוט ער א זאָג מיט א פאַרדומפּענער שטים: „קלאַגט! קלאַגט! קלאַגט!" אָבער די זעלנער קוקן אים גלײַכגילטיק אָן: וואָס גייט זיי אָן קאָרדעליאַס טויט, וויפל טײַערע, נאָענטע כּאַווײרים האָט יעדער פון זיי נאַרוואָס פאַרלאָרן אין שלאַכט, און וויפל מאָל האָט יעדער פון זיי גופע געזען דעם טויט פאַר די אויגן! ליר קערט זיך אום מיטן פּאָנעם צו די צושויער — אים

ווילט זיך אזוי א ליארעם טאָן, אז די גאנצע וועלט זאָל דערהערן. אָבער אָנשטאָט שרײַען פארווארפט ער דעם קאָפּ, פארהייבט איבער אים א האנט מיט א צעעפנטער דלאָניע (עלעהיי א שירעם איבערן קאָפּ), און פון זײַן מויל לאָזט זיך הערן א דינער אויסגעצויגענער קרעכץ: א־א־א! אָט אזוי קרעכצט א קינד פון היציקער קראנקײַט אָדער א מענטש, אַף וועמעס קאָפּ מע האָט ארופגעוואָרפן א קישן און מע שטיקט אים. עס זעט אויס, ווי ליר וואָלט זיך באמיִען זײַן טיפן צאר אינווייניק, אין זיך פארטרײַבן.

און אָט איז ער לעם קאָרדעליִא, לאָזט זיך אראָפּ אַף די קני און נעמט האסטיק, האמעטנע זי צופּן, און פון זײַן גאָרגל רײַסן זיך ארויס ווילדע, אָפּגעריסענע אויסגעשרייען: „א־א־א־א!" דאָס האָבן, ווײַזט אויס, אין לירן דערוואכט די סאמע ווילדע אטאוויסטישע דערשרעק־אינסטינקטן. דאָס איז פארכידעשטקײַט און איינצײַטיק גרויל לעגאבע דער סוידעסדי־קײַט פונעם מענטשנס גוירל... עס לויפן דורך געציילטע סעקונדעס, און דער סטיכישער אופברויז פון א כײַע לעשט זיך אויס. עס האט ווידער אופגעוואכט דער באוווסטזײַן, און עס פלאקערט שטורמיש אוף דער פראָטעסט:

...א פערד, א הונט,
א מויז — זיי לעבן, לעבן, און דו, מײַן קינד,
דו אָטעמסט ניט.

ס׳איז אן אויסגעשריי פון טיפן הארצן, ס׳איז א טײַנע צום אומבעראכ־מאָנעסדיקן גוירל.

און ווידער אנשוויגן געוואָרן. אָבער אין דרײַ סעקונדעס ארום צע־רײַסט לירס כיכיקען די שטילקײַט. מעגלעך, אז דאָס לאכט ער אויס זיך גופע, זײַן אומזיניקן פראָטעסט. און אָט נעמט ער רופן דעם לעץ — ס׳איז דאָך זײַן בעסטער פרײַנט. ניטאָ דער לעץ! דעמלט ווענדט ער זיך צום לעצטן מאָל צו קאָרדעליִא. שטיל, טרויעריק, ביז גאָר צארט און פאר־צווייפלט זאָגט ער:

דו וועסט שוין מער צו אונדז
ניט אומקערן זיך קיינמאָל... קיינמאָל... קיינמאָל...

שטיל־שטיל הייבט ער אָן זינגען זײַן יעגער־ליד. בעשאס־מײַסע פאלט דער קאָפּ זײַנער מאכטלאָז. קענט כאפּט אונטער לירס פאלנדיקן קערפּער און לייגט אים אוועק הארט לעם קאָרדעליִא. עס פאלט צו די טויט־שטיל־קײַט.

איך האָב מיך געפלײַסט מער־ווייניקער פּינקטלעך צו באשרײַבן, ווי מיכאָעלס פלעגט שפּילן די פינאלע סצענע פון דער טראגעדיע.

דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן דאָ באַשריבן, איז פון אָנהייב ביז סאָף ריינע טעאַטראַליזאַציע. מעגלעך, אַז אַזוינס איז אין דערווירקלעכקייט ניט שײַעך. דאָך איז אָט די סצענע פונעם אָנהייב ביזן סאָף רעאַליסטיש. זי איז דורכגעדרונגען מיט לײַדנשאַפטלעכע און ריכטיקע געפילן. פאַר דעם צושויער איז אַלץ באַרעכטיקט. אַלץ איז דאָ עמאָציאָנעל, און אין דער זעלבער צײַט לייגט זיך עס אויפן מויעך.

אַזעלכע טיף רעאַליסטישע און מיט הויכער פּאַטעטיק אָנגעזאַפּטע סצענעס פלעגן מיר אין מיכאָעלסעס שפּיל באַמערקן מער, ווי די סצענעס, וווּ מיכאָעלס פלעגט אַרויסווײַזן אַ נייגונג צו קאָמפּליצירטע, אָבער פאַרשטעלטע, פאַרשיפרירטע מאַנירן.

און דאָ טאַקע, אין דער שלוס־סצענע, גיט זיך טיילווײַז אײַן מיכאָעלסן קינסטלעריש אויסצודריקן לירס אופאַסונג, זײַן נײַע קאָנצעפּציע, וואָס שטרײַכט אונטער דעם בראָך פון זײַן אינדיווידואַליסטישער וועלט־אָנשויונג, דעם באַנקראָט פון זײַן „איך", וועלכן ער האָט געפּרוווט קעגנשטעלן דעם אָביעקטיוון וועלט־סיידער.

דער געראַנגל אַרום טעוויען

איך בין געזעסן אויף אַ באַנק ניט ווײַט פונעם מאָסקווער יידישן טעאַטער. זע איך: עס דערנעענטערט זיך סאָרע ראָטבוים, איינע פון די פירנדיקע אַקטריסעס פונעם מאָסמעליט. הייב איך מיך אויף און לאָז מיך גיין אַנטקעגן.

— באַ אונדז, — זאָגט זי, — האָט זיך נאָרוואָס פאַרענדיקט די רעפּעטיציע, און איך קלײַב מיך אַהיים אָפּרוען. באַם אַרײַנגאַנג אין דער טעאַטער־געבײַדע באַגעגנט מיך דער דיכטער שמואל האַלקין. נאָך מיט אַ פּאָר טעג צוריק, ווען איך האָב מיט אים דורכן טעלעפאָן זיך דורכגעשמועסט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וואָלט אַ באַלן געוועזן זיך טרעפן מיט מיכאָעלסן און מיט אים ריידן מיקויעך דעם ספּעקטאַקל „טעוויע דער מילכיקער".

— אויב אַזוי, — זאָג איך איר, — וועל איך מיך אַרײַנכאַפּן אין טעאַטער, עפּשער וועט מיר געלינגען זיך דורכשמועסן מיט האַלקינען ביז זײַן באַגעגעניש מיט מיכאָעלסן.

אָפּגעזעגנט זיך מיט דער ראָטבוים, בין איך אַוועק אין טעאַטער. געשטיגן אויפן צווייטן שטאָק, באַמערק איך זיי ביידן — האַלקינען און מיכאָעלסן. זיי האָבן שוין גענומען שפּאַנען צו מיכאָעלסן אין קאַבינעט,

ווען האַלקין האָט מיך באַמערקט, טוט ער מיר אַ זאָג מיט אַ ליבן שמייכל:

— אָ, זייער גלײַך, וואָס איר זענט דאָ. עס שאַדט ניט, אַז איר זאָלט נעמען אָן אָנטייל אין מײַן געשפּרעך מיט מיכאָעלסן. עס האַנדלט זיך מיקויעך מיכאָעלסעס צוגאַנג צום טעוויע־געשטאַלט. איר זענט דאָך אַ פּרעסע־טוער, וועט איר עפּשער אויסנוצן אונדזער שמועס און וועט אים אין דער פּרעסע פֿאַרעפֿנטלעכן, אויב, פֿאַרשטייט זיך, מיכאָעלס וועט ניט דערווידערן.

— מעכעטײַסע, — רופֿט זיך אָן מיכאָעלס, — איך דערווידער ניט.

מיר זײַנען אַרײַן אין מיכאָעלסעס קאַבינעט. און אינגיכן האָט זיך אָנגעהויבן דער שמועס.

ריידנדיק וועגן די פּלענער פֿון דעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער און וועגן דעם באַזוך פֿון זײַנע ספּעקטאַקלען, האָט האַלקין מיך אַ פֿרעג געטאָן, פֿאַרוואָס האָב איך אין אונדזער סאָוועטישער ייִדישער פּרעסע ניט געשריבן וועגן דעם ספּעקטאַקל „טעוויע דער מילכיקער". איך האָב געענטפֿערט, אַז מיר איז ניט אינגאַנצן קלאָר מיכאָעלסעס צוגאַנג צו דער טעוויע־פֿיגור.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשפּרעך וועגן דעם, ווי האָבן די בעסטע ייִדישע אַקטיאָרן אויפֿגעפּאַסט טעוויען. דאָ איז אַרויסגעשווומען די פֿראַגע וועגן טעוויעס פּסוקים־אויסטײַטשונג. אָט לאָמיר נעמען „מי במים ומי באש". טעוויע טײַטשט אים: „ווער עס פּאָרט רײַטנדיק און ווער עס גייט צופֿוס". אָדער — „רפאנו, אדוני, ונרפא". טײַטשט טעוויע: „גאָטעניו, שיק אונדז צו אַ רעפֿוע — אַ קרענק וועלן מיר אַליין קריגן".

— איך מיין, — רופֿט זיך אָן מיכאָעלס, — אַז טעוויעס אייגנאַרטיקע אויסטײַטשונג פֿון די טאַלמודישע און ביבלישע מעמרעס שטאַמט דערפֿון, וואָס די כאַכמע פֿונעם טאַלמוד און פֿון דער ביבל איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טויטער דאָגמע. די כאַכמיי־האַטאַלמוד זײַנען פּאַשעט ניט אימשטאַנד געווען צו דערקלערן אַ סאַך סטירעס פֿונעם פֿאָלקס לעבן, די נײַע סאָציאַלע פּראָצעסן און ענדערונגען. דאָס פֿאָלק האָט דערשפּירט אַז דאָס נײַע און זוכט אַן ענטפֿער. דאָס פֿאָלק קאָן זיך שוין ניט באַנוגענען מיט די דערקלערונגען, אַז דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת (אַ דאָר גייט אַוועק און אַ דאָר קומט, און די ערד בלײַבט שטיין אייביק), דאָס הייסט, אַז די אײַנגעשטעלטע נאָרמעס זײַנען אַ געזעץ, וואָס קאָן ניט אָפּגעשאַפֿן ווערן.

האַלקין האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס און גענומען ריידן:

— הערט זיך אײַן: אין טאָך גערעדט, קאָן מען אײַער האַשאַרע —

אינגאַנצן גענומען — ניט אָפּוואַרפֿן, זי אַנטהאַלט אין זיך אַ געזונטן קערן, אָבער לויט מײַן מיינונג — זײַט איר געגליכן צו איינעם, וואָס האָט, אויסגיסנדיק דאָס וואַסער פֿון דער מולטער, אַרויסגעוואָרפֿן מיטן וואַסער אויך דאָס קינד. ווײַדליק איך האָב אײַך פֿאַרשטאַנען, קומט בײַ אײַך אויס, אַז אַלץ, וואָס אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט, איז שוין אָפּגעפֿרעגט און פֿאַרוועלקט. פֿאַרוואָס ווילט איר זיך ניט דערמאָנען אַזאַ אַפֿאָריזם: „אַ גוואַר איז דער, וואָס קאָן אײַן זיך באַקעמפֿן שעדלעכע תאווות”. צי לאָמיר נעמען דעם אַפֿאָריזם: „פֿאַראַן אַ צײַט פֿאַר פֿלאַנצן, און אַ צײַט פֿאַר אַרויסרײַסן דאָס פֿאַרפֿלאַנצטע”. דאָס איז דאָך בעפֿײַרעש אַ רוף צום קאַמף קעגן דאָגמאַטישקייט. נאָך מער — דאָס איז אַ רוף צו רעוואָליוציאָנערן טאַט. דערויף גיט אַן אָנדײַטונג אויך דער אַפֿאָריזם „עת לעשות לאדוני — הפרו תורתך” — עס קומט אַ צײַט, ווען מע דאַרף אויוועקזײַן אַף אַ דאָגמע, וואָס מע האָט געהאַלטן פֿאַר אַ חוק.

מיכאָעלס האָט אַ קליינע ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און האָט געזאָגט:

— איך רעכן זיך ניט פֿאַר אַזאַ באַגרענעצטן פֿאַרשוין, וואָס איז קאַפּאַבל מעוואַטל זײַן אַלץ, וואָס אונדזערע חכמים האָבן אַמאָל געזאָגט. אָבער איר ווייסט דאָך ניט ווייניקער, ווי איך, אַז די הויפּט־אײַנשטעלונג פֿון אונדזערע אַמאָליקע חכמים איז געווען אײַנשמועסן דעם פֿאָלק, אַז האַכנאָע פֿאַרן שיקזאַל, צופֿרידנקייט מיטן באַשערטן גורל איז איינע פֿון די איקערדיקע גוטע מײַלעס, און אַז „וואָס גאָט טוט, איז אַלץ צום גוטן”.

— אוודאי, — זאָגט האַלקין, — בין איך, פּונקט ווי איר, ניט קיין אָנהענגער פֿון האַכנאָע, פֿון נאָכגיביקייט. פֿאַרגעסט אָבער ניט, אַז ראַבי אַקיווע האָט אינספּירירט און געבענטשט באַר־קאָכבען אויפֿהייבן די מערידע־פֿאָן און זיך לאָזן אין קאַמף מיט די רוימישע חיילעס. די זעלבע ראָל האָבן געשפּילט די מאַקאַבייער, ווען זיי האָבן מיטגעריסן די יידישע מאַסן זיך ראַנגלען מיט די סאָנים, וואָס האָבן פֿאַרשקלאַפֿט דאָס יידישע פֿאָלק. מאַשמאָעס, אַז דער רוף צו האַכנאָע איז ניט אַלע מאָל געווען גילטיק, און ניט אַלע אונדזערע חכמים האָבן עס באַטראַכט, ווי אַ מיצווע.

— פֿונדעסטוועגן מיין איך, — האָט מיכאָעלס איבערגעשלאָגן האַלקינען, — אַז מיר זײַנען מיט אײַך פֿאַרקראָכן אין צו ווײַטע דראָכים. און איך שטויס מיך אָן, אַז אײַך אינטערעסירט בײַ הײַנטיקן טאָג דאָס הײַנטצײַטיקע.

— יאָ, איר זײַט טאַקע גערעכט, — רופֿט זיך האַלקין אָן, — מיר האָט זיך געגלוסט דערגרונטעווען זיך, אין וואָס, אייגנטלעך, באַשטייט דער

ווענטלעכער אונטערשייד צווישן אײַער אופירונג פון טעוויען און די אופירונגען, וואָס אנדערע אָנגעזעענע סצענישע טוער האָבן אונטערגע־טראָגן די צושויער.

— קוידעמקאָל באשטייט דער אונטערשייד צווישן אונדזער ספעקטאקל און די ספעקטאקלען פון אונדזערע פאָרגייער אין דעם, וואָס זייער ציל איז געווען אַן אנדערער. זיי האָבן זיך געפלײַסט באווײַזן אף זייערע בינע־ברעטער א ריי שטייגערישע בילדער פונעם לעבן פון א ייִדישן האָרעפּאשנעם געזינד. דערצו האָבן זיי פּאָסמאקעוועט די הומאָר־שפּרענ־קעלעך, וואָס זײַנען מיט א ברייטער האנט צעשאָטן אף די זײַטלעך פון שאָלעם־אליייכעמס ווערק. ווי צו גאָר א באזונדער כאריפעסל האָבן זיי זיך צוגעכאפּט צו טעוויעס אויסטײַטשן פארשיידענע ביבלישע און אנדערע טאלמיד־כאָכעמשע מעמרעס. דאָס טראגישע האָט זיך דאַ געראנגלט מיט דעם קאָמישן. אזויארום פלעגט פאָרקומען גאָר א שוואכער אָפּגלאנץ פון די וויכטיקע פּראָבלעמען, וואָס דער מעכאבער האָט ארויסגערוקט אין זײַן „טעוויען". אנדערש איז דער צוגאנג פון אונדזער קאָלעקטיוו. די גרויסע סאָציאלע פראגן, וואָס שאָלעם־אליייכעם האָט בארירט, גייען דורך, ווי א רויטער פאָדעם, אין אונדזער אינסצענירונג.

אין די אופירונגען פון אונדזערע פאָרגייער זײַנען דער איקער געווען די שטייגערשע סצענעס. מיר האָבן דעם טראָפּ געשטעלט אף די טראגע־דיע־מאָמענטן. בא אונדזערע פאָרגייער איז עס געווען א פאמיליען־דראמע. מיר אָבער האָבן אינעם גוירל פון טעוויעס געזינד דערזען אַן אָפּשפּיגלונג פונעם גוירל פונעם ייִדישן פאָלק אינגאנצן גענומען. דעריבער זײַנען אין גרונט פון אונדזער ספעקטאקל די צוויי דיאלאָגן, וואָס קומען פאַר צווישן טעוויען און זײַנע טעכטער האָדל און כאווע.

איך האָב דאָ אין זינען, ערשטנס, די שורעס פון האָדלס בריוו צו טעוויען, ווו זי שרײַבט: „עס לעבט אין מיר א טיפע האָפענונג, אז איב־גיכן וועט בא אײַך אלעס זיך ענדערן, אז עס וועט א שײַן טאָן די זון און עס וועט ליכטיק ווערן. און אונדז וועט מען צוזאמען מיט אנדערע צוריקלאָזן פונעם גאָלעס, און מיר וועלן זיך א נעם טאָן די וועלט איבער־קערן".

דער צווייטער כוט־האשעדרע פון אונדזער פאָרשטעלונג איז געווען דאָס אויסטײַנען זיך פון טעוויעס טאָכטער כאווע, וועלכע האָט, צו טע־וויעס גרויסן באדויערן, זיך פארליבט אינעם אוקראַינישן באָכער פעדקע. „מענטשן האָבן אליין זיך צעטיילט, — טײַנעט זי לײַדנשאפטלעך, — אף ייִדן און ניט־ייִדן, אף באלעבאטים און קנעכט, אף רײַכע און אָרעמע..."

ווען איך פלעג בײַזײַן אף די טעוויע־ספעקטאקלען פון אונדזערע פאַר־

גייער, ווו עס האָבן אַפּט געשפּילט זייער באַגאַבטע אַקטיאָרן, פלעגט מיך פאַרדריסן דער פּויזענדיקער שטייגעריזם פון אַט די ספּעקטאַקלען. אין אונדזער ספּעקטאַקל „טעוויע דער מילכיקער" האָב איך מיך געפּליִעט אַנטפּלעקן די פּאָעזיע פונעם קאָנפליקט צווישן טעוויען און זײַנע טעכטער, דעם פּײַנלעכן פּראָצעס, וואָס קומט פאָר אין טעוויעס באַוווסטזײַן, ביז ער באַנעמט דעם נײַעם עמעס. האקלאל, איך האָב מיך באַמיט, אַז דער גאַנצער ספּעקטאַקל זאָל זײַן אָנגעזעטיקט מיט פּאָעזיע. אין דעם פּראַט האָט מיר אַ היפּש ביסל געהאָלפן מײַן מוזיקאַלע פאַנטאַזיע. ווער עס האָט אופמערקזאַם זיך אײַנגעהערט אין דער מוזיק, מיט וועלכער אָט דער ספּעקטאַקל איז געווען באַרײַכערט, דער האָט געוויס אופגעכאַפּט צוויי לייטמאָטיוון, וואָס האָבן דאָ אַלעמאָל געקלונגען. דער ערשטער: „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קאַשע". דער צווייטער לייטמאָטיוו: „אַך טי, מיקיטקאַ..." אָט די צוויי ניגונים זײַנען אַ מוזיקאַלער אַקאָמפּאַנעמענט צו די צוויי גרונט־פּראָבלעמען, וועגן וועלכע מיר האָבן שוין דאָ מיט אײַך גערעדט.

אייגנטלעך, וועמען באַמי איך מיך אײַנצושמועסן, אין וואָס באַשטייט די אייגנאַרטיקײַט פון אונדזער צוגאַנג צו „טעוויע דער מילכיקער"? איר, שמועל האַלקין, זײַט אַ דיכטער און אַ דראַמאַטורג, און איר, כּאַוווער ליובאָמירסקי, זײַט ניט דאָס ערשטע יאָר אַ טעאַטער־קריטיקער. מײַן אייצע: קוקט נאָכאַמאָל דורך דעם ספּעקטאַקל, און דעמלט וועלן מײַנע מאָטיוון עפּשער זײַן לאַכלוטן איבעריק.

איך האָב געפּאָלגט מיכאָעלסן און בין געקומען דורכקאָנטראָלירן מײַנע אײַנדרוקן פונעם ספּעקטאַקל „טעוויע דער מילכיקער", וואָס איך האָב געהאַט געזען בלויז איין מאָל. יאָ, איך האָב טאַקע דערשפּירט די פּאָעטישע אַטמאָספער פונעם ספּעקטאַקל. און ווירקלעך: דאָס ערשטע מאָל, זינט עס עקזיסטירט דער מאָסמעליט, האָט דער צושויער דאָ דערהערט היספּײַלעסדיקע רייד פון אַ פּאָשעטן האָרעפּאַשניק וועגן גרינעם שמעקעוודיקן גראָז, וועגן דעם שיינעם בלויען הימל, וועגן דופּטיקע סאָסנעס. קיינמאָל — ביז אָט דעם ספּעקטאַקל — האָט ניט באַכיינט אָט די בינע אַזאַ צווײַגהאָפּטיקער בוים מיט אַזאַ ריזיקער פאַטלע בלעטער און פרילינג־צוויט (דער צושויער איז צוגעוווינט געווען אָנצוקוקן אויף אָט דער בינע קאַפּצאָנישע הײַזקעס). פון די כּײַעס האָט מען דאָ נאָר געקאָנט אָנקוקן מענדעלעס קליאַטשע...

גוואַלדיקע עמאָציעס האָט דאָ אַרויסגערופן די מוזיק. רעוואָליוציאָנערע לידער, וואָס עס האָט מיט זיך געבראַכט דאָס יאָר 1905... אוקראַיִנישע פאָלקסלידער האָבן דאָ געזונגען טעוויעס טעכטער, אַרבעטנדיק אויפן גאָרטן.

און דאָמינירט האָבן די לייטמאָטיוון, וועגן וועלכע ס'איז שוין פריִער געזאָגט געוואָרן.

און דעריקער — מיכאָעלס גופא. אין זײַן טעוויען האָט דער צושויער דערזען די וווּנדערבאַרע לעבנספייִקייט און דעם שטאַנדהאַפטיקן אָפּטימיזם פון די ייִדישע הערעפּאַשנע מאַסן. דער אַקטיאָר האָט באַשאַפן אַ מאָנומענטאַלע פיגור. באַזונדערס רירנד זײַנען געווען די מאָמענטן פון טעוויעס מאַכשאָוועס.

צום בײַשפּיל, דער מאָמענט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן פאַרשאַדכענען האָדלען. לייזער־וואָלף דער קאַצעוו האָט שוין טאַקע געפּויעלט זײַנס: טעוויע איז מאַסקים, אַז האָדל זאָל ווערן לייזער־וואָלפס קאַלע. דער קאַצעוו גייט אַוועק אַ צופרידענער — ער האָט זײַנס אויפגעטאָן. מיכאָעלס הייבט זיך אויף פון באַנק. מיט שווערע טריט, וואַקלדיק גייט ער צו צום סלופּ, וואָס אויף אים שפּאַרט זיך אָן דער דאַך פון זײַן דירע. צוגעשפּאַרט צום סלופּ דעם קאָפּ, וואָס איז פריטשמעליעט פון דער נאַרוואָס אויסגעטרונקענער מאַשקע לייזער־וואָלפס, שטייט טעוויע אַ ווײַלע שווײַגנדיק. און אָט הייבט ער אָן שטיל־שטיל זינגען: „אָך טי, מיקיטקאַ, מיקיטקאַ, שטאָ ס טעבאָ בודעט?” עס זעט אויס, אַז ער פלײַסט זיך צו פאַרדעקן זײַנע טרויעריקע מאַכשאָוועס, זײַן כאַראָטע. דעם צושויער איז שוין דאַפקע קלאָר דער אונטערטעקסט פון אָט דעם לידל: „אוי, גאָטעניו, טאַטע זיסער, וואָס האָב איך, גאַזלען איינער, דאָ אָפּגעטאָן — פאַרקויפט די טאָכטער פאַר אַ לינדזון־קוליש”.

מע האָט געהאַט צו מיכאָעלסן טײַנעס: סטײַטש, ער האָט שוין צופיל געדיכטע פינצטערע פאַרבן אײַנגעטיילט אָט דעם ספּעקטאַקל. איינער אַ קריטיקער האָט געשריבן, אַז דער פינצטערער שאָטן פונעם טראַגישן אַקטיאָר האָט באַדעקט דעם גאַנצן ספּעקטאַקל.

עס פלעגן אין מיכאָעלסעס פאַרקערפּערונג זעלטן אַ שעמעריר טאָן די פונקען פון טעוויעס לעבנסלוסטיקײַט, עפּעס ווי אַ זעלטענער שטראַל פון אַ געדיכטער כמאַרעס־אָנשיכטונג.

מע באַדאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז בעשאַס מיכאָעלס האָט געגרייט זײַן טעוויע־געשטאַלט, האָבן די פינצטערע כמאַרעס פונעם פאַשיזם שוין געהאַט פאַרשמירט דעם הימל פון גאַנץ אייראָפּע. אין אָט דער צײַט האָבן די אידייען פון פעלקער־פרײַנטשאַפט, פון קאַמף פאַר פרײַהײַט באַזונדערס הילכיק געקלונגען אין דער לופט.

אָט די געדאַנקען האָבן געקראָגן זייער קלאָרן אויסדרוק אין דער שלוס־סצענע פונעם ספּעקטאַקל, ווו טעוויע און זײַנע טעכטער זיצן אויף די קלומקעס לעבן דער אויסגעליידיקטער, פוסטער שטוב. זיי גרייטן זיך

פארלאָזן זייער באַטקאָװשטשינע, זייער דאָרף, פונוואַנען מע טרײַבט זיי ארויס לויטן אוקאַז פונעם קייסערס טשינאָװניקעס. זיצנדיק אַף די פּעק, לייענען זיי האָדלס בריוו פון סיביר, ווו זי שרײַבט, אַז אינגיכן וועט איבער רוסלאַנד נעמען שײַנען די פרײַהײַטס־זון.

* * *

דרײַ אָנגעזעענע געשטאַלטן פון ייִדישע האָרעפּאַשניקעס האָט מי־כאָעלס באַשאַפן: דעם טויבן אין בערגעלסאָנס „דער טויבער", זײַוול אָוואַדיס אין מאַרקישעס „מישפּאָכע אָוואַדיס" און טעוויען אין שאַלעם־אַלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער".

טעוויע איז אָן שום סאָפעק איינע פון מיכאָעלסעס גרעסטע דערגריי־כונגען און ניט נאָר מיצאַד אַקטיאָרישער מײַסטערשאַפט, נאַר אויך אין פראַט פון רעזשי־קונסט. אין דעם ספּעקטאַקל האָט מיכאַעלסעס רעזשי־קונסט דערגרייכט קלאָרקײַט, איבערצײַגעוודיקײַט, שליימעס.

בּיניאָמין זוסקין

זוסקין איז געבוירן געוואָרן אין פּאָנעוועזש (געוועזענע קאָוונער גובּערניע) אינעם יאָר 1899. דער טאַטע — אַ שנײַדער, אַ בּאַלעבּאָס פון אַ קליינעם וואַרשטאַט, ווו סע האָבּן געאַרבּעט עטלעכע שנײַדער־געזעלן. פון קליינוויײַז אויף פלעגט בּיניאָמינען ציִען אין רוישיקן וואַרשטאַט, צו די זינגעוודיקע, פילדערנדיקע שנײַדער־געזעלן. דאָפקע אָט דאַ, אינעם טומל, אינעם שטענדיקן הו־האַ איז אים געווען ניכע, ליגנדיק מיטן בּויך אַף אַ בּאַרג סקוירע (צײַג), וואָס מע האָט אָפּגעגעבּן אין גענײ, גרייטן די אוראָקן. בּיכלאַל אַ היפּש בּיסל פון זײַנע ליידן און פריידן איז געווען פאַרבּונדן מיטן שנײַדער־וואַרשטאַט. דאָ פלעגט ער דערשמעקן קאַלעריי נײַסן און טאַקע אַהער אליין בּרענגען די פרישגעבּאַקענע נײַס, וואָס ער האָט ערגעץ־ווו געפּאַקט.

ווו ס'איז ענג און טומלדיק, ווו ערגעץ אַ געזעלשאַפטלעכער אופּברויז — אַהאַ! — דער קליינער בּיניאָמין (ניאָמקע) איז דאַ.

ווי דער שטייגער איז געווען בּאַ ייִדן, האָט מען זוסקינען גאַר פרי אָפּגעגעבּן אין כיידער. ניאָמקע איז דעמלט נאָך אַפילע קיין פינף יאָר ניט אַלט געווען.

ער איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון אַ מעלאַמעד, וואָס איז געווען אַ שטיקל אויסנאַם לעגאַבּע אַנדערע שטעטלדיקע מעלאַמדים: דאָס איז געווען זייער אַ לעבּעדיקער מענטש, וואָס איז זיך גאָר ניט שלעכט בּאַגאַנגען מיט זײַנע טאַלמידים. פון פאַנאַטיזם, פון פרומקײַט איז ער געווען ווײַט. דער קליינער בּיניאָמין האָט אין זײַנע אויגן געהאַט אַ בּאַזונדערן כיין, טאַקע מיט זײַן קענען „פאַרשטעלן זיך" און „נאָכקרימען" אַ מענטשן מיט אַלע פּישטשעווקעס.

עס קומט אַמאָל אַרײַן אין כיידער אַ מאַמע — געבּראַכט איר זון עסן, צי אַ רוף טאָן אים צוליבּ עפּעס אַ היימישן איניען, — אַ ייִדענע מיט די עמעסע יאַכנישע אָפּשפּיצלעך און טנועס. דערזעט זי דער מעלאַמעד, טוט ער אַ רוף זוסקינען און רוימט אים אײַן שטילערהייט:

— אנו, ניאָמקע, כאַפּ נאָר א קוק אַף אָט דער ייִדענע!

און דער קליינער זוסקין ווייסט שוין, וואָס ער האָט צו טאָן. ער פלעגט דערנאָך קאָפּירן די מאַנירן, די טנועס פון אָט דער ייִדענע, און דער מעלאַמעד פלעגט אָנקוועלן.

„דער אַלטער קלוגער מעלאַמעד רעב הענעך, — האָט דערציילט זוס־קין, — האָט בא אונדז אין שטאָט געהאַט א שעם פון א מאַדנעם נעפעש — א פאַרשלעפּטע קרענק! פון יעדן אָפּגעשפּעט, שטענדיק זיך געוויצלט. געכאַפּט א היפּשן טרונק יאַמטעוו־צײַט אָדער אַף א וועלכער־ס׳איז סימכע, פלעגט ער נעמען „שפּילן קאָמעדיעס״ (אַזוי פלעגט מען זיך אויסדריקן מיקויעך זײַנע שטיק) — נאָכמאַכן דעם היגן דיקן כאַזן רעב שלוימע (וועלכער האָט אין שטאָט געשעמט פאַר א פּרעסער), ווי יענער דערמאַנט זיך אינמיטן דאַווענען געפּילטע פיש און אײַלט זיך מאַכן דאָס דאַווענען בעקיצער, אַבי וואָס גיכער אַנטלויפן און זיך נעמען צו דער אַכילע; באַ־ווײַזן, ווי א גוויר אַן אַמהאָרעץ קוקט אין זײַן אָפענעם סידער, ווי א האָן אין בנײ־אָדאָם: ער ווייסט ניט, פונוואַנען אָנצוהייבן... פּלוצעם וואַרפט רעב הענעך פון זיך אַראָפּ די קאַפּאָטע און נעמט מיט יוגנטלעכן ברען טאַנצן מיט יונגוואַרג.

ווען מע האָט מיך צו אים אין כיידער אָפּגעגעבן, בין איך נאָך קיין פינף יאָר ניט אַלט געווען. בא אים האָב איך געלערנט עטלעכע יאָר דורכ־אַנאַנד. מיר האָבן ביידע באַנאַנד זיך ליב געקראָגן. דער רעבע פלעגט אָפט קומען צו אונדז אַהיים צוגאַסט. פּונקט ווי אונדזער גאַנץ הויזגעזינד, האָט ער ליב געהאַט הערן, ווי מע לייענט שאָלעם־אַלייכעמען״.

זוסקין האָט ניט פאַרגעסן א מערקווירדיקע סצענקע, וואָס דער רעבע רעב הענעך האָט איינמאָל מײַסטערהאַפט אָפּגעשפּילט.

דאָס איז געווען אין יאָר 1905. בעשאַס דער דעמאָנסטראַציע, וואָס איז אין אָט דעם טאָג פאָרגעקומען, האָט מען דערהאַרגעט א פּריסטאַוו. אין שטאָט האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערזוכונגען. מע האָט זיך אויך אַרײַנגע־כאַפּט צו זוסקינס מעלאַמעד. בא זוסקינען אין קעשענע איז גראַד געלעגן דעמאָלט א קינדערשער פּיסטויל, וואָס איז געווען צוגעגרייט באַצײַטנס, עטלעכע כאַדאָשים פאַר פּורים. דערזען דעם פּאָליציאַנט אין כיידער, גייט זוסקין צו צום רעבן און רוימט אים אײַן א סאָד:

— איר ווייסט, רעבע, בא מיר אין קעשענע איז דאָ געווער, א פּיסטויל. דער רעבע האָט אים גאָרניט געענטפערט.

ווען דער פּאָליציאַנט האָט פאַרענדיקט די אונטערזוכונג אין די שכײ־נישע צימערן און איז אַרײַן צוריק אין לערנצימער, האָט דער רעבע

בעריזש אָפּגעשפּילט א סצענע, אז דער פּאַליציאַנט וועט דאַ, קלוימערשט, באלד פּאקן דעם עמעסן פארברעכער.

— ארעסטירט אים! — גיט ער א זאָג צום פּאַליציאַנט, אָנווייזנדיק אפן קליינעם ביניאָמין. — ער האָט בא זיך געווער!

* * *

דאָך, אפילע בא אזא פריילעכן רעבן, איז זוסקינען געווען לאנגווייליק אין כיידער. דער כומעש מיט ראשע, די פּסוקים האָבן אים גאָר קנאפּ אינ־טערעסירט. עס האָט אים געצויגן צום קאָכיקן לעבן. די גוואלדיקע ענער־גיע, וואָס האָט געזאָדן אינעם קליינעם יינגל, האָט געזוכט אן אויסוועג; זי האָט איין אים געשטורעמט און געפּאָדערט, ער זאָל זי ארויסברענגען.

און דאָס לעבן האָט אים איינגיכן אונטערגעטראָגן א מאמאַשעסדיקע טועכץ.

ביניאָמינס טאטע איז געווען א גאבע פון פּאָנעוועזשער „לינאס־הא־צעדעק", דער אָרגאניזאטאָר און אָנפירער פון דער געזעלשאפט „הילף פאר אָרעמע און קראנקע יידן".

„פון זינט איך געדענק, — האָט דערציילט זוסקין, — איז מיין טאטע שטענדיק געווען דער אָנפירער פון אָט דער געזעלשאפט. א מעטופּל מיט קינדער און ארייַנגעטאָן אין א שלאל אייגענע דייַגעס, האָט ער, פאר־שטייט זיך, ניט געהאט די מעגלעכקייַט ווי געהעריק זיך אָפּגעבן די אסאָקים אין אָט דער כעוורע. אז איך בין אונטערגעוואקסן און שוין גע־האט זיך אויסגעלערנט שרייבן, האָט מיך דער טאטע אוועקגעזעצט איבער די גראָבע ביכער פון אָט דער כעוורע, און מיר איז אויסגעקומען טאָג־טעגלעך צו עטלעכע שאָ פארשרייבן מיין טאטנס אייַנגייערס, וואָס ניי־טיקן זיך אין אומזיסטיקע הייל־מיטלען, און זיי ארויסגעבן טאלאָנעס אין די אפּטייקן, צו די דאָקטוירים. איך האָב מיך מיט ברען א נעם געטאָן צו דער ארבעט. יעדן טאָג פלעגט מיר אויסקומען האָבן צו טאָן מיט צענדליקער מענטשן: פּראָפעסיאָנעלע שלעפּערס,ווירקלעך קראנקע, ווי אויך אזעלכע, וואָס מאכן בלויז דעם אָנשטעל; מיט בארייַדעוודיקע ווייַ־בער, וואָס פלעגן מיר — א קינד! — אויסדערציילן זייערע שווערע הער־צער — אלצדינג וועגן זייערע כאלאסן און פאמיליען־צאָרעס. אויך מיט דערשלאָגענע, פארלוירענע, שעמעוודיקע באלמעלאָכעס, וואָס זייער פאר־דינסט פלעגט קוים קלעקן אף אָנצוהאָדעווען דאָס געזינד. עס פלעגן פאר מייַנע אויגן דורכגיין אלטע לייַט, יוגנט, קינדער — גאנצע כאָפּטעס און אייַנציקווייַז. איך האָב אין שטאָט געקענט לאכלוטן אלע קאפּצאָנים,

איך בין אויסגעוואקסן צווישן יידישע באַלמעלאָכעס, אַזויאַרום האָב איך מײַנע קינדער־יאָרן, ווי אויך מײַן יוגנט, פאַרבראַכט אין דער סאַמע געדיכטעניש פון די יידישע האַרעפּאַשניקעס פון אונדזער שטאָט.

פון יענער צײַט איז דאָס ייִנגל געוואָרן אַן אייגענער מענטש אין דער וועלט פון אָרעמעלײַט, פון געפאַלענע, דערשלאָגענע, דערנידעריקטע מענטשן. ער האָט געטאַנצט אויף זייערע כאַסענעס, געהוליעט אויף זייערע סימכעס, האַקלאַל, ער איז געווען זייערער אַ לײַבלעכער גוטערברודער. באַזונדערס האָט ער זיך געצויגן צו די סאַמע אומבאַהאָלפענע, צו אַט אַזאַ, לעמאָשל, ווי דער שלעפּער רעב אויזערל.

זייער טשיקאַווע דער קאָנטראַסט — רעב אויזערל און זײַן ווײַב. דאָס ווײַב — אַ מאַכינע, אַ יידענע מיט אַ דונערדיקער מאַנצבלשער שטים, מיט אַ רויטן פּאַרצעף, מיט בלוט אָנגעגאָסן. און רעב אויזערל — לעגאַבע איר — אַן אייפעלע: אַ קינדערש פּענעמל, אַ בלאַסינקער, אַן אַ באָרד, אַ קוויטשיק קעלעכל, ער פלעגט פון איר כאַפּן די עמעסע פּעטש".

ס'איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַ רײַכע גאַלעריי טיפּן פון דער יידישער טאָרבע־וועלט זוסקינען איז אויסגעקומען צו באַגעגע־נען. (שפּעטער וועלן מיר זען, ווי זוסקין האָט דאָס אין זײַן שעפערישער אַרבעט אויסגענוצט).

האַקלאַל, דער פּולס פון געזעלשאַפטלעכקײַט האָט אין אים פון קליינ־ווײַז אָן האַסטיק געשלאָגן, און ניט אומזיסט האָט מען אים פון קליינוווײַז אָן גערופן — „סקאַראָספּעלקאַ".

נאָר ס'וואָלט געווען אַ טאָעס צו מיינען, אַז זוסקין איז פון קליינווײַז אויף שוין געוואָרן „אַן אַלט קעפּעלע".

ווי אַלע קינדער, האָט עס אים געצויגן צו קינדער־שפּיל, צו שפּילצײַג. זוסקין געדענקט נאָך ביז הײַנט זייער גוט אַ פּאָנעוועזשער צעלניק־קרע־מער, וואָס די גאַנצע סכוירע זײַנע איז צוזאַמענגעשטאַנען פון שפּיל־צײַג און האָט באַטראָפן געציילטע עטלעכע רובל. פלעגן אין קראָם אַרײַנקומען עטלעכע קוינים פאַראַמאָל, האָט דער קרעמער געערעדט מיט זיי אַלעמען איינצײַטיק און דערבײַ זשאָנגלירט מיט דער סכוירע זײַנער, זיך געוואָרפן, זיך געשמיצט, פּונקט ווי באַ אים אינווייניק וואָלטן געאַר־בעט עפּעס געהיימע ספּרוזשינקעלעך. אייניקע אויסערלעכע מאַנירן פון אָט דעם קרעמער האָט זוסקין אויסגענוצט אין דער פּלאַסטיק פון זײַן סאָלאָווייטשיק אין „200.000".

זוסקין איז געניגט געווען צו פאַרשיידענע קינדערשע שטיפערײַען און שקאָצישע גענג. ער פלעגט ניט אָפּשטיין פון זײַנע כאַווירים. דאַרף מען אָפּטאָן עפּעס אַ שפּיצל — אַהאַ, דער קליינער ניאָמע איז דאָ.

קעדוימע: א כאסענע אין שטאָט, מע שטעלט א כופּע. בינימין וואַקסט דיר אויס אונטער דער כופּע. אוועקגעשטעלט זיך פּונקט אנטקעגן דער קאַלע און געמאַכט אזא זויערע מינע, אז די קאַלע האָט באַדאַרפט זײַן פון אײַזן, זי זאָל בעשאס־מײַסע זיך ניט צעלאַכן. ניט געלונגען, די קאַלע זאָל זיך צעלאַכן, איז — א קנאַק דעם כאָסן איבערן הוט.

זיצן באם טיש און עסן, ווי א סטאַטעטשנער כעוורעמאַן, איז ניט שײַעך געווען. אָפט פלעגט ער זײַן מאַלצײַט פּראַווען אפן דאַך אָדער שטעקנדיק ערגעץ עפּעס אף א פּלויט. עמעס, ער האָט פאַר דעם טײַער באַצאָלט: ער איז איינמאָל אראָפּגעפאַלן פונעם דאַך, זיך צעפּלעטשט די נאָז און טיפע שראַמען אפן פּאָנעם געקראָגן. דאָס האָט אים אָבער ווייניק אָנגעלערנט. ער האָט ווידער געטאָן זײַנס. און ווי האָט עס אנדערש געקאָנט געמאָלט זײַן?

אָבער ער האָט נאָך, אלס קינד, געהאַט זײַנע אייגענע פאַרגעניגנס, ווי, אשטייגער, צוזען און צוהערן, ווי אין מאַרק שילטן זיך צוויי זיצער־קעס מיט טויטע קלאָלעס; שיטן אויס איינע אף דער אנדערער די גאַנצע טויכעכץ... איינע שילט מיט א פאַלצעטל, די צווייטע — מיט א באַס. דאָס איז מאַכמעס קאָנקורענץ... שטענדיק קימאַט הייזעריק פון אומופּהערלעכן שילטן און שרײַען.

מיד פון א גאַנצן טאָג ארומלויפן, פון צענדליקער אסאָקים, קאַטאָוועס־לעך, שטיפערײַען, כאַפּט זיך ארײַן דער קליינער בינימין צווישן טאָג און נאַכט אין קלויז ארײַן. דאָ וועט ער אויך עפּעס „נאַשן". דאָ זיצן אָפט באַטלאָנים און דערציילן מײַסעס. זוסקין האָט ליב געהאַט אויסהערן זייערע מײַסעס אָדער גאָר כאַפּן א כאַזאָניש שטיקל. מיט א מאָדנער קראַפט האָט עס אים נאָך געצויגן אין דער ווײַבערשער שול: ער האָט ליב געהאַט זיך אײַנהערן אין די קלאַנגען פון די ווײַבערשע טכינעס, פון זייערע יעלאָלעס. נאָך מער טשיקאַווע זײַנען פאַר אים געווען די מעשונעדיקע האַוויײַעס, די גרימאַסן, וואָס די ווײַבער פלעגן בעשאַס־מײַסע מאַכן. באַאָ־באַכטן אָט די סצענעס איז פאַר אים געווען איינער פון די גרעסטע פאַר־געניגנס. דאָס האָט אים געגעבן אָט יענע אויצרעס פּאַלקלאָר, וואָס ער האָט גאַנצע הויפנס דערנאָך ארײַנגעבראַכט אין זײַנע בעסטע ארבעטן...

* * *

אכוץ אָט די אלע אײַנדרוקן פונעם ארומיקן שטייגער, האָט זוסקין געקראָגן א שטיקל יעניקע אויך פונעם אלטן ידישן טעאַטער. פּונקט אנטקעגן דער דירע, וווּ זוסקינס פאַמיליע האָט געוווינט, איז געווען א

גערא־מע, גרויסע געבײַדע, וואָס איר באַלעבאָס פלעגט זי פאַרדינגען די אָנגעפאָרענע ייִדישע טרופּעס.

אין די יאָרן 1909—1911 האָבן איבער די שטעט און שטעטלעך פונעם געוועזענעם טכום גאסטראָלירט ניט ווייניק ייִדישע וואַנדער־טרופּעס. די נעמען פון אָט די אַקטיאָרן (דאָסראָוו פון זיי זײַנען געווען באַ זיך אין קאָלעקטיוו די פּרעמיערן) זײַנען געווען זייער פּאָפּולער. ווער האָט אין פּאָנעוועזש און אין אַנדערע שטעטלעך ניט געהאַט קיין ידיעה (פאַרשטע־לונג) ניט נאָר וועגן גאָלדפאַדענען, נאָר אויך וועגן אַוראָם פישזאָנען, וועגן ספּיוואַקאָווסקין, קאָמפּאַנייעצן, גוזיקן, מישוראַטן, וואָס זײַנען גע־שטאַנען אין דער שפּיץ פון אָט די טרופּעס?

דער רעפּערטואַר פון אָט די טרופּעס איז צומייניסטן באַשטאַנען פון אַוראָם גאָלדפאַדנס פּיעסן: „די קישעפמאַכערן" (אָדער „די באָבע־יאַכנע"), „שמענדריק", „צוויי קונילעמל" „אייראָפּייער אין אַמעריקע". דאָס זײַנען געווען אָדער פאַמיליען־מעלאָדראַמעס (ווי „די קישעפמאַכערן"), אָדער זיטן־קאָמעדיעס מיט אַן אָפּנייג צו בופאָנאַדע, ווי, צום בײַשפּיל, „שמענ־דריק" (דער ייִדישער מיטראָפאַנושקע), „צוויי קונילעמל" (אַ מין פאַרס).

אין אַ ריי פּיעסן האָט גאָלדפאַדן כויזעק געמאַכט פון אָבערגלויבנס („די קישעפמאַכערן") און פון אַ פאַרדאָרבענער דערציִונג („שמענדריק").

זייער באַליבט באַם אוילעם זײַנען דעמלט געווען אויך גאָלדפאַדנס העראָישע דראַמע „באַר־קאָכבע" און זײַן מעלאָדראַמע „שולאַמיס".

דעם פּאָשעטן אוילעם פלעגן אין יענער צײַט צוציִען אויך שאָמערס, לאַטײַנערס און גורוויטשעס אָפּערעטן. די מוזיקע אָפּערעטן זײַנען געווען צוגעפּאַסט צום געשמאַק פון דער אָפּגעשטאַנענער קליינשטעטלדיקער, קליינבירגערלעכער מאַסע.

אין פּאָנעוועזש (ווו זוסקין האָט אין יענער צײַט געוווינט) פלעגן פון צײַט צו צײַט זיך באַווײַזן אויך ערנסטע טעאַטראַלע קאָלעקטיוון, ווי, לעמאָשל, די „ליטעראַרישע טרופּע", וואָס פלעגט צומייניסטן שפּילן די פּיעסן פון יאַנקעוו גאָרדין, דאָוויד פּינסקי, לעאָן קאָבריןן, ליבין און וואָס האָט פאַרמאָגט אַזעלכע טאַלאַנטפולע, קולטורעלע אַקטיאָרן, ווי עסטער־ראָכל קאַמינסקע, יאַקאָוו ליבערט, ווײַסמאַן, לייזער זשעליאַזאָ, מייערסאָן, רודאָלף זאַסלאַווסקי.

אַלעמאָל, ווען ס׳פלעגט קומען צו פאָרן אַ ייִדישע טרופּע, פלעגן די אַקטיאָרן צום אַלעם ערשטן זיך אַרײַנכאַפּן צו די זוסקינס; ס׳איז שוין געווען באַוווּסט, אַז דאָ וועט מען קריגן קימאַט אַלץ, וואָס עס קאָן צוניץ קומען פאַר אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג: מעבל, קאָסטיומען אאַוו.

זוכן דירעס פאַר די אַקטיאָרן — דאָס איז שוין געווען ביניאָמינס כאַ־

זאָקע. ער האָט עס געטאָן מיט גרויס פרייד. דער קליינער בינ־אָמין פלעגט נאָך דערצו ביגנייווע שלעפּן פון דער קיך ברויט, פאַרשיידענע מײַכאָלים און האָדעווען די קלענערע אַקטיאָרן, וואָס זײַנען שטענדיק קימאַט געווען הונגעריק.

פאַרשטייט זיך, אַז בינ־אָמין איז הינטער די קוליסן געווען אַ גאַנצער בעל־הבית. און עס איז אים טאַקע אײַן לעבן געשטאַנען: ער האָט שטאַרק ליב געהאַט צוקוקן זיך, ווי די אַקטיאָרן גרימירן זיך און מעסטן אָן די קאָסטיומען. און ווי נאָר ער פלעגט בלײַבן אַליין אינעם טואַלעט־צימער, פלעגט ער אַפּגיך אַרופכאַפּן אויף זיך אַ פּאַריק און אָנקלעפּן אַ באָרד — אָן עמעצע באָרד. ניט פון וואַטע־אַפּפּאַל, וואָס ער פלעגט בא זײַן טאַטן אין וואַרשטאַט אופהייבן פון דיל און מיט אַ שנירעלע זיך אונטערבינדן.

די אַקטיאָרן האָבן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, באַמערקט בינ־אָמינס גלוסט צו פאַרשטעלן זיך, צו שפּילן טעאַטער, און זיי פלעגן זאָגן:

— אָט דער יאָט וועט געוויס אויסוואַקסן אַן אַקטיאָר.

* * *

נאָך גאָר אַ קליין יינגל האָט זוסקין שוין זיך באַקאַנט מיט שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, ווי אויך מיט אייניקע מענדעלעס און י.־ל. פּערעצעס.

„שאָלעם־אַלייכעמס פּאָעטישע געשטאַלטן, — האָט דערציילט זוסקין, — האָבן באַרײַכערט מײַן לעבן פון די סאַמע פריִע קינדער־יאָרן. מײַן טאַטע האָט ליב געהאַט אין די זעלטענע שאָען פון אָפּרו, נאָך דעם שווערן אַר־בעטס־טאָג, צונויפנעמען אונדז, קינדער, און לייענען שאָלעם־אַלייכעמס אומפאַרגעסלעכע קינדערשע דערציילונגען. איך האָב נאָך ניט געקענט לייענען און האָב מיט אומגעדולד געוואַרט אויף די גליקלעכע מינוטן, ווען דער טאַטע וועט ווידעראַמאָל האָבן אַ מעגלעכקײַט דורכצולייענען פאַר אונדז די ווערק פון דעם באַליבטן שרײַבער. די העלדן פון די שאָלעם־אַלייכעמישע קינדער־דערציילונגען, נאַיִווע, לירישע, רירנדיקע, האַרציקע, זײַנען געוואָרן מײַנע קינדהײט־פרײַנט. איך האָב אומופהערלעך געטראַכט וועגן זיי, נאָכגעמאַכט זיי. פון דעמלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן מײַן גרענעצ־לאָזע ליבע צום גרויסן שאָלעם־אַלייכעמען, דעם סאַמע נאָענטן שרײַבער מײַנעם, וואָס זײַן שאַפונג נערט מיך אַלע מײַנע יאָרן.

איך געדענק, ווי זייער אָפּט, הויפּטזאַכלעך אין די יאָמטעוו־טעג, פלעגט זיך בא אונדז צונויפנעמען די גרויסע מישפּאָכע. עס פלעגן קומען די שכיינים, און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם פלעגן מיר אַלע אופמערקזאַם הערן שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונגען, מוירע האָבנדיק דורכלאָזן איין וואָרט.

דאָס לייענען פֿלעגט אָפֿט איבערגעריסן ווערן דורך א הילכיקן געלעכטער, אָפֿט פֿלעגט עס ארויסרופֿן זיפֿצן, טרערן.

איך דערמאָן מיך אָן דעם ביכער־פּאַרקויפֿער, דעם טובערקוליאָזן כּײַקל, וואָס פֿלעגט אָף פּראָקאַט געבן די באַלמעלאָכעס, קעכנס און פֿריקאַ־שטשיקעס דינינקע ביכעלעך פֿון דער אויסגאַבע „פֿאַמיליען־ביבליאָטעק". זײַנע „קליענטן", וועלכע האָבן געוווינט מיט מיר אין איין הויף, האָבן געצוווּנגען מיך, א ייִנגעלע, וועלכער האָט זיך נאָרוואָס אויסגעלערנט לייענען, איך זאָל זיי צו עטלעכע מאָל איבערלייענען די פֿאַרשמאָלצעוועטע ביכעלעך פֿונעם „שרײַבער, וואָס רופֿט ארויס געלעכטער, וואָס שרײַבט פּונקט אזוי, ווי סע פּאַסירט אין לעבן, און וואָס מיט זײַנע מעשׂיות דערגייט ער צו דער נעשאָמע" — ווי זיי פֿלעגן אָפֿט זיך אויסדריקן. איך האָב ליב געהאַט באַאָבאַכטן, וויאַזוי עס פֿלעגן זיך ענדערן די פּענעמער פֿון מײַנע צוהערער — באַלמעלאָכעס, קעכנס. צווישן מײַנע שטענדיקע צוהערער (די פּאַרלעזונגען פֿלעגן פּאַרקומען אום שאַבעס) איז אויך געווען אונדזער שאָכן, א באַלעגאָלע, וועלכער האָט פּאַשעט פֿאַרגעטערט שאָלעם־אלייכע־מען. הערנדיק זײַנע דערציילונגען, האָט ער אָדער הילכיק געלאַכט מיט זײַן דונערדיקער שטים אָדער שווער געזיפֿצט, זאָגנדיק דערבײַ: „אוי, ווי איז מיר, ווי איז מיר!"

— גאָט זאָל העלפֿן, אז די האַנט פֿון אָט דעם שאָלעם־אלייכעמען זאָל קיינמאָל ניט ווי טאָן און ער זאָל שרײַבן און שרײַבן פֿאַר אונדזערע ברידער, — פֿלעגט ער זאָגן אַלע מאָל, ווען איך פֿלעג פֿאַרענדיקן דאָס לייענען.

איך געדענק אַן אַנדער שאָכן אונדזערן, וואָס האָט זייער ליב געהאַט שאָלעם־אלייכעמען. דאָס איז געווען דער הינקעדיקער שוסטער עליע, א ווייניק־איווּרעדיקער, וואָס האָט אָט די דינינקע ביכעלעך געלייענט טראַ־פּנוויִז און נאָך יעדער מיט מי דורכגעלייענטער פּראָזע פֿלעגט ער הויך ארויסזאָגן זײַן אַנציקונג.

אָט זע איך פֿאַר מײַנע אויגן נאָך איין שאָכן אונדזערן, דעם „פֿריילעכן קאַפּצן", דעם שנײַדער אַנשל, דעם „גרויסן ספּעציאַליסט אָף לייגן לאַטעס", ווי מע האָט אים גערופֿן. דער דאָזיקער מענטש איז א טיפּיש שאָלעם־אלייכעמישער העלד — א גרויסער שלימאַזל, וועלכן עס האָט זייער שווער זיך געלעבט. א טובערקוליאָזע פֿרוי, קראַנקע קינדער, א מוירעדי־קער דאַלעס... דאָך פֿלעגט ער באַ זיך קיינמאָל ניט אַראָפּפֿאַלן. מיט זײַנע לידלעך, אַפֿאָריזמען און גלײַכווערטלעך, וועלכע ער פֿלעגט שעפּן פֿון שאָלעם־אלייכעמס ווערק, פֿלעגט ער אַלעמען לוסטיק מאַכן.

— פֿונוואַנען קען שאָלעם־אלייכעם מיך, מײַן הויזגעזינד, מײַן לעבן? —

פלעגט ער פרעגן. — פונקט ווי שאָלעם־אַלייכעם וואָלט עס פון מיר אַראָפּגעשריבן, — פלעגט ער זאָגן, אויסהערנדיק די געשיכטעס פון שאָלעם־אַלייכעמען וועגן דעם אָדער יענעם העלד.

ווען אונדזער שאָלעם־אַלייכעם וואָלט, כאַלילע, אָף דער וועלט ניט זײַן, וואָלט געווען אומדערטרעגלעך שווער און אומעטיק צו לעבן אָף דער וועלט, — פלעגט פאַרענדיקן דער פאַרגאַפּטער אַנשל״.

* * *

די שטאָט פּאָנעוועזש איז געלעגן ניט ווײַט פונעם פראָנט־פּאַס. ווי באַוווּסט, האָבן די שוואַרצמייעניקעס דעמלט אַרויסגעלאָזט קלאַנגען, אַז אַלע ייִדן זײַנען שפּיאָנען און טראָגן אָפּ די דײַטשן, די עסטרײַכער אַ סאַך מילכאָמע־סוידעס. איז אָף פּאָנעוועזש געפאַלן דער זעלבער גוירל, וואָס נאָך אָף אַ סאַך ייִדישע יִישוּווים פון מײַרעוו־קאַנט, וועלכע זײַנען געווען נאָענט צום פראָנט פון די קריגס־אָפּעראַציעס.

און דאָך אין אַזעלכע טראַגישע טעג האָבן ייִדן ניט פאַרלאָרן דעם מוט. און זוסקין געדענקט טשיקאַווע מאָמענטן, ווען אייניקע ייִדן האָבן געמונ־טערט דעם אוילעם מיט קאָמישע געַנג, מיט אומדערוואַרטן לוסטיק לאַכן.

עס הייבט זיך אָן איינער פון די שווערסטע פּעריאָדן אין זוסקינס לעבן — דער וואַנדער־פּעריאָד. אים, ווי אַנדערע בעזשענצעס, קומט אויס זיך אַרומוואַלגערן אין טעפּלושקעס, אין די באַרימטע בעזשענסקע באַראַ־קעס. אים קומט אויס נעמען אָן אומיטלבאַרן אָנטייל אין דער הילף־אַרבעט לעטוויוועס די פאַרוואָרלאָזטע פּליטים. גרויסע מאַסן פאַרכוישעכ־טע, פאַריאָמערטע טראָגן זיך דורך פאַרבײַ אים...

זוסקין מיט זײַן געזינד בלײַבן שטעקן אין דער שטאָט פּענזע. לעבן אָפּן כעזשבן פון די עלטערן איז שוין ניט שײַעך. מע דאַרף מיט אייגענער פּראַצע פאַרדינען אָף אַ שטיקל ברויט. זוסקין מאָלט שילדן, פּלאַקאַטן און פאַרדינט זיך ערלעך זײַן אויסקומעניש. עס פעלט אים בילדונג. דער מיל־כאָמע־שטורעם האָט אים אַרויסגעריסן פונעם דריטן קלאַס פון רעאַל־שול, און זוסקין טרעט אַרײַן אין פערטן קלאַס אין דער פּענזער רעאַל־שול. (ער איז שוין דעמלט אַלט געווען זעכצן יאָר).

עס ציט אים אָבער צו טעאַטער. אַגעוו, האָט אין פּענזע געשפּילט ניט קיין שלעכטע רוסישע טרופּע. ס׳איז געגנוג אָנצורופן אַזעלכע פּאָפּולערע אַקטיאָרן, ווי אַי. אַ. סלאָנאָוו (וועלכער האָט ביז דעמלט געשפּילט אינעם קיִעווער סאָלאָווצאָוו־טעאַטער און שפּעטער אינעם סאַראַטאָווער טעאַ־טער), דעם אַלזײַטיק באַגאַבטן ד. פּ. סמירנאָוו, די זייער פּאָפּולערע

אקטריסע ס. אי. זשווירבליס (וועלכע האָט אויך א צײַט געשפּילט אינעם קיִעווער סאָלאָווצאָוו־טעאַטער).

אין פענזע פלעגן פון צײַט צו צײַט גאַסטראָלירן די סאַמע באַרימטע אַקטיאָרן און אַקטריסעס: וואַרלאַמאָוו, דאַווידאָוו, פּלעוויצקאַיאַ. דאָס רוישיקע, קאָכיקע טעאַטראַלע לעבן פון פענזע האָט צום גוטן געווירקט אויך אַף די ראַיאָנע שטעטלעך און דערפער, וואָס אַרום פענזע. דאָ האָט געהאַלטן אין איין בלײַען די טעאַטראַלע זעלבסטעטיקײַט, פון וועלכער עס שטאַמען אַזעלכע גרויסע טעאַטער־טוער, ווי ווסעוואָלאָד מייערכאָלד, אָרלאָוו־טשוזשבינין און א ריי אַנדערע.

זוסקין פלעגט ניט דורכלאָזן קיין איין גאַסטראָל. ער פלעגט אָפט זיך אָפּזאָגן פון דעם סאַמע נייטיקן אין זײַן אויסקומעניש און קויפן בילעטן. אין דער זעלבער צײַט הייבט ער אָן זיך אינטערעסירן מיט ליטעראַטור וועגן טעאַטער. אָבער צו פּראַקטישער טעאַטראַלער אַרבעט האָט ער דעמלט קיין שײַכעס ניט געהאַט.

און בלויז א צופאַל האָט זוסקינען אַרײַנגעצויגן אין דער ספערע פון טעאַטער־שפּיל.

אין פענזע האָט דאַן עקזיסטירט א „געזעלשאַפט פאַר קולטורעלע פאַר־ווײַלונגען”. די דאָזיקע געזעלשאַפט פלעגט אָרגאַניזירן ספּעקטאַקלען, יִדישע אָוונטן, קאָנצערטן לטובת די יִדישע היימלאָזע.

טרעפט זיך, זוסקין גייט פאַרבײַ דער געבײַדע, ווו די מיטגלידער פון אַט דער געזעלשאַפט פלעגן אָרגאַניזירן זייערע אונטערנעמונגען, און ער הערט — א כאָר זינגט. א יִדישער כאָר. עס האָט אים א ציִ געטאָן א קוק טאָן, וואָס טוט זיך דאָ. און ער איז אַהין אַרײַן. דאָרטן איז שוין אָן זוסקינען געווען געגנוג אוילעם — זײַטיקע מענטשן, וואָס האָבן אויס נײַגער זיך אַהער אַרײַנגעכאַפּט און האָבן, נאַטירלעך, געשטערט דער רעפּעטיציע. האָט מען גענומען טרײַבן פון זאַל די זײַטיקע און מע האָט זוסקינען אויך געבעטן בימכילע „נעמען זיך דעם וועג”. אין דעם יונגן זוסקינען האָט א קאָך געטאָן די אַמביציע:

— איך בין ניט געקומען אַהער גלאַט אַזוי צוקוקן — איך וויל אויך אָנטיילנעמען אינעם ספּעקטאַקל.

פרעגט מען אים, וואָס קאָן ער צוגרייטן צום אָוונט, ענטפערט ער:

— שאָלעם־אַלייכעמס „פונעם פּריזיוו”.

און זוסקין האָט זיך גענומען געשמאַק גרייטן דעם „פּריזיוו” און האָט אים מיט גרויס דערפאָלג אָפּן אָוונט פון דער געזעלשאַפט דורכגעלייענט.

אָט די ערשטע עפנטלעכע אַרויסטרעטונג זוסקינס איז פאָרגעקומען דעם 21 סענטיאַבער 1916 יאָר.

ווי שטאַרק דער אײַנדרוק פֿון זײַן אַרויסטרעטונג איז געווען, קאָן מען זען פֿון אַ רעצענזיע וועגן דעם אָוונט. דער רעצענזענט זאָגט בנוגע, אַז דעם פֿאָרלעזער זוסקין שטייט פֿאָר אַ באַדײַטנדיקע אַקטיאָרישע צוקונפֿט.

אַזוי־אַרום האָט זוסקין זיך אַרײַנגעצויגן אין דער טעאַטראַלער אַרבעט פֿון אָט דער געזעלשאַפֿט. ער האָט דאָ אָנטיילגענומען אין עטלעכע ספּעקטאַקלען: אין צוויי שאָלעם־אַלייכעם־אָוונטן, אין מאַרק אַרנשטיינס — „דאָס אייביקע ליד“ און יאַנקעוו גאָרדינס — „דער ייִדישער קיניג ליר“.

אײַנגיכן האָט זוסקינען אויפֿגעהערט צו באַפֿרידיקן די אַרבעט אין אָט דעם ליבהאָבערישן קרײַז, ווײַל דאָ האָט געפֿעלט ערנסט און קולטור אין דער אַרבעט, און זוסקין האָט אין אַ קורצער צײַט אַרום דעם קרײַז פֿאַרלאָזן. אַגעוו, האָט ער געהאַלטן בײַ פֿאַרענדיקן די רעאַל־שול. דאָס לערנען האָט געפֿאָדערט אַ סך צײַט. און כּוץ דעם, איז ער נאָך געווען פֿאַרנומען אויף אַ שטעלע אויך.

* * *

נאָך דער פֿעברואַר־רעוואָליוציע האָט זיך אין פּענזע אויסגעבילדעט אַ יוגנטלעכע קולטור־געזעלשאַפֿט. דער אַקטיוו פֿון אָט דער געזעלשאַפֿט האָט אָרגאַניזירט אַ ייִדישע ביבליאָטעק. מע האָט זיך אַפֿילו געקליבן אָרגאַניזירן אין פּענזע אַ ייִדישן פֿאַרלאַג. זוסקין האָט זיך אַקטיוו אײַנגעשלאָסן אין דער אַרבעט פֿון אָט דער נײַער יוגנטלעכער קולטור־געזעלשאַפֿט און האָט אויף זיך גענומען אָרגאַניזירן בײַם אָרטיקן אַרבעטער־קלוב אַ ייִדישן דראַמאַטישן קרײַז, וועלכן ער האָט בעדייע געהאַט פֿאַרוואַנדלען אין אַ סטודיע.

זײַנע אָפֿטע אַרויסטרעטונגען אין די פֿאָרשטעלונגען פֿונעם קרײַז האָבן צוגעצויגן צו אים די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די אָרטיקע טעאַטער־טוער. נאָך איינער אַזאַ אַרויסטרעטונג איז מען צו אים געקומען פֿונעם אָרטיקן רוסישן טעאַטער און מע האָט אים פֿאָרגעלייגט אַרײַנצוטרעטן אין דער טרופּע פֿונעם רוסישן טעאַטער. זוסקין האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער האָט געהאַלטן, אַז פֿריִער פֿאַר אַלץ דאַרף ער קריגן העכערע בילדונג. אין אַ קורצער צײַט אַרום איז זוסקין מיט דער אָנגרײַפֿנדיקער רויטער אַרמיי אויפֿן קאָלטשאַק־פֿראָנט אַרײַנגעפֿאַלן אין סווערדלאָווסק. ער טרעט אַרײַן אַלס סטודענט אינעם היגן באַרג־אינסטיטוט. אָבער דער דראַנג צו טעאַטער האָט אים אויך דאָ ניט אָפּגעלאָזט. גראָד איז דאָ געווען אַ ייִדישער דראַמקרײַז, און זוסקין האָט דאָ ווידער גענומען שפּילן. כּוץ דעם, האָט

אים די פּאַליט־פּאַרוואַלטונג פונעם אוראַלער מיליטערישן קרייז צוגע־צויגן — אַלס מיטגליד פון איר טעאַטער־סעקציע — צו אָרגאַניזירן אַ מיליטערישן פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער און זעלבסטעטיקע רויטאַרמייִשע קרייזן. דער טעאַטראַלער טעטיקייט האָט זוסקין אַזויאַרום אָפּגעגעבן אַ סאַך צייט אויך דאַן, ווען ער איז געווען אַ סטודענט. אין אַ צייט אַרום האָט ער באַקומען אַ בריוו פון אַ כאַווער פון מאָסקווע. אינעם בריוו האָט אים דער כאַווער דערציילט, אַז אין מאָסקווע האָט זיך געגרינדעט אַ ייִדישע דראַמאַטישע סטודיע און אַז דאָרטן שטודירט שוין די דראַמאַטישע קונסט איינער פון זוסקינס פּענזער כאַווערים. דער דאָזיקער כאַווער אייצעט זוסקינען איבערצופּאָרן קיין מאָסקווע, אַריינטרעטן אין מאָסקווער באַרג־אינסטיטוט און גלייכצייטיק — אין דער מאָסקווער דראַמסטודיע. אין אַ יאָר אַרום איז זוסקין געקומען קיין מאָסקווע און זיינע סטודענטישע דאָקומענטן אַריבערגעפירט פונעם סווערדלאָווסקער באַרג־אינסטיטוט אינעם מאָסקווער.

די ערשטע טריט

זוסקין איז אָנגעקומען אינעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער, ווען די פּראָדוציר־אַרבעט איז שוין דאָ געווען אין פולן ברען. דער פּעדאַגאָגישער אַרבעט, דער סיסטעמאַטישער דערציִונג פונעם אַקטיאָר האָט דער אָנפירער פונעם טעאַטער שוין ניט אָפּגעגעבן קיין צייט. לויט זיין איבערצייגונג, איז דער אָנפאַנגלעכער סטודיע־פּעריאָד שוין געווען אַ פאַרענדיקטער.

זוסקין איז אַלס אַקטיאָר געווען גאָר יונג, רוי. האָט אים דער רעזשי־מייסטער דיקטירט: דאָ דאַרף מען אַזעלכע זשעסטן, דאָרט דאַרף מען אַזעלכע באַוועגונגען. קיין שום מאָטיווירונג פון דער אָדער יענער באַוועגונג, פון דעם אָדער יענעם זשעסט האָט דער רעזשיסער ניט געגעבן. רעפּעטירט האָט מען דאַן שאָלעם־אַלייכעמס „ס׳א ליגן״. אָט איז אינקורצן דער אינהאַלט פון אָט דעם סקעטש: צוויי ייִדן זיצן אין אַ אייזנבאַן־וואַגאָן און שמועסן זיך דורך מיקויעך זייער שטעטל, פונוואַנען זיי ביידע שטאַמען, מיקויעך די איינוווינער. איינער פון אָט די צוויי ייִדן, אַ פּיינער רעכילעסניק, בעט דעם צווייטן, ער זאָל אים אויסדערציילן פאַרשיידענע קלאַנגען וועגן דעם אָדער יענעם טוישעוו פונעם שטעטל. דער פלוי־דערזאַק, וואָס דערציילט אָט די אַלע מייסעס, טוט זיך אַלע מאָל אַ כאַפּ, אַז ער בעבעט שוין צופיל, און טוט אַ זאָג: „נאָר ס׳א ליגן״.

זוסקין האָט געשפּילט דעם ליגנער. דעם רעזשיסערס מאַטעמאַטישע אויסגערעכנטקייט פונעם אַקטיאָרס זשעסט האָט זיך דאָ באַזונדערס גע־וואָרפן אין די אויגן: די גאַנצע צײַט פונעם שמועס זיצן ביידע ייִדן אויף אַ באַנק. די אונטערשטע טיילן פון זייערע קערפּערס זײַנען ווי צוגע־קלעפּט צו דער באַנק, די האַנט־באַוועגונגען — האַסטיקע, סטיליזירטע, עלעהיי מאַריאָנעטקעס. דאָס איז געווען אַן עקספּרעסיאָניסטישער אײַנ־פאַל — אַזוי־אַרום אויסצודריקן די דינאַמיק פונעם ייִדישן זשעסט. נאָך יעדן דינאַמישן אויפבריוז פלעגן אָט די צוויי פּאַרקילטע פיגורקעס (זוס־קין און ראָגאַלער) דערמאָנען אַ באַרעליעף.

זוסקין האָט זיך געפלײַסט דורכצומאַכן אַלע באַוועגונגען, אַלע מיזאַנ־סצענעס, וואָס דער רעזשיסער האָט דיקטירט, אָבער זיי זײַנען אים אויס־געקומען מעשונע־ווילד. ער האָט ניט פאַרשטאַנען די פּרינציפּן, וואָס זײַנען געלייגט געוואָרן אין גרונט פון אָט דער אַרבעט, ער האָט ניט באַ־נומען ניט אָט דעם אייגנאַרטיקן סטיל, ניט די דעטאַלן, וואָס שטרײַכן אונטער דעם סטיל.

אומצופרידן מיט זײַן לאַגע, איז ער בא זיך אין די אויגן שטאַרק אַראָפּ־געפאַלן. אָט וואָס ער גופא דערציילט אונדז אין זײַן קלייניגקער סקיצע „מיכאָעלס אָן גרים":

„ס'איז געווען אין איינעם פון די ווינטערדיקע אָוונטן פונעם יאָר 1921. נאָכן ספּעקטאַקל, אַ פאַרמאַטערטער, אַ צעשרויפטער פון אַ סאַך שלאָפ־לאָזע נעכט, זיץ איך מיר אינעם פּוסטן פאָיע פון דער קליינינטשקער סטו־דיע, ווו דער מעלוכישער ייִדישער טעאַטער פלעגט שפּילן זײַנע ערשטע ספּעקטאַקלען. פּײַנלעכע ספּייקעס — שוין דאָס וויפלטע מאָל! — האָבן געעגבערט מײַן מויעך: וואָס טוט מען? עפשער זאָל איך מיך געזעגענען מיטן געדאַנק וועגן קונסט און זיך צוריקקערן אינעם באַרג־אינסטיטוט, וועלכן איך האָב פאַרלאָזן צוליבן טעאַטער? שוין היפּשע עטלעכע כאָדאָ־שים, אַז איך בין אַן אַקטיאָר, און אָנשטאָט נאַכעס, וואָס איך האָב וועגן אים אַזוי געטרוימט, פיל איך גאָר אַ ביטערע אַנטוישונג, ספּייקעס, אומרו... לאַנג בין איך אַזוי געזעסן פאַרזונקען אין אָט די שווערע מאַכשאָוועס... פּלוצעם דערפיל איך — עמעץ גלעט צאַרט די האָר פון מײַן קאָפּ. איך קוק מיך אום — מיכאָעלס! לאָזט זיך אויס, אַז שוין עטלעכע טעג טשאַ־טעוועט ער נאָך מיר. אים האָט זייער באַאומרויִקט מײַן געדריקטער צושטאַנד.

— שליסט מיך אויס פון דער טרופּע, — רוף איך מיך אָן צו אים.

— וואָס איז די מײַסע? — טוט ער אַ פאַרכידעשטער אַ פרעג.

— אזוי, — זאָג איך, — איך הייב ניט אָן פאַרשטיין, וואָס וויל מען פון מיר אין דער ראָל, וואָס איך דאַרף שפּילן אין „ס'א ליגן". מאַשמאָעס, אַז דאָ אין טעאַטער איז פאַר מיר קיין פּלאַץ ניטאָ.

מיכאָעלס האָט מיך אוועקגעזעצט לעבן זיך, ער האָט גענומען גענוי אַנאַליזירן מײַן אַרבעט און בעשאַס־מײַסע אָנגעוויזן אויף מײַנע פעלערן. מיר האָבן געשמועסט וועגן אַ סך פּראָבלעמען, וועלכע האָבן גאָר אַ נאָענטע שײַכעס צו דער קאָמפּליצירטער, שווערער אַקטיאָרישער פּראָפע־סיע. אָט דער שמועס איז געווען בלויז אַן אָנהייב פון אונדזער שפּעטע־רער און פאַרזענלעכער פרײַנטשאַפט, וואָס האָט וואָס ווײַטער אַלץ מער זיך פאַרשטאַרקט, נאָך מער — זי האָט אויך באַשטימט מײַן שפּעטערדיקן אַקטיאָרישן גוירל".

מיכאָעלס האָט זוסקינען באַקענט מיט די הויפּט־פּרינציפּן, אויף וועלכע עס האָט זיך דאַן באַזירט די שפּעטערישע אַרבעט פונעם מאָסקווער מעלו־כישן ייִדישן טעאַטער.

דער ערשטער ניצאָכן

(באָבע־יאַכנע)

אין פעווראַל 1923 האָט מיך באַגעגנט איינער פון די מאָסקווער טעאַ־טער־קריטיקער. אַלע מאָל, ווען ער פלעגט מיך באַגעגענען, פלעגט ער מיך פאַרהאַלטן און מיר פלעגן כאַפּן אַ שמועס וועגן די מערקווירדיקע טעאַטראַלע געשעענישן.

— האָט איר געהערט, — ווענדט ער זיך צו מיר, — אַז אינעם ייִדישן טעאַטער רעפּעטירט מען געשמאַק גאָלדפאַדנס „די קישעפמאַכערן". ס'איז קימאַט קיין איין ייִדיש שטעטל ניטאָ, וווּ די אײַנוווינער זאָלן ניט זײַן באַקאַנט מיט אָט דער פּיעסע. שוין אַוואַדע פערציק יאָר, זינט די וואַנ־דערנדיקע ייִדישע טרופּעס זײַנען דעם ייִדישן עולעם מעהאַנע מיט אָט דעם אַנטיק. וואָס פאַר אַ נײַ וואָרט קאָן דער מאָסמעליט מיט אָט דעם ספּעקטאַקל זאָגן דעם מאָסקווער צושויער, וואָס האָט אַזויפיל טעאַטראַלע כידושים געזען און וואָס איז אַזאַ מעפונעק, ביפראַט אַז מע האָט אויף דער בינע פונעם מאָסמעליט שוין געוויזן „אוריעל אַקאָסטאַ", „גאָט פון נעקאָ־מע" און אַ ריי איינאַקטערס אָפּן שאָלעם־אַלייכעם־אָוונט?

— מיר פאַרזענלעך, — האָב איך דערווידערט, — ווילט זיך דאַפקע אָנקוקן אינעם מאָסמעליט אַזאַ מין ספּעקטאַקל. איך האָב די „קאָלדוניע" געזען אינעם אַלטן ייִדישן טעאַטער, אַז איך בין אַלט געווען פערצן יאָר.

כ׳האָב שוין אפילו פאַרגעסן דעם אינהאַלט. אויב איַיך איז ניט שווער, זיַיט אַזוי גוט און דערציילט מיר אים איַינקורצן.

— פאַרוואָס ניט? איז הערט זיך איַין. געווען אַזאַ ייִד אַ מעיובעס. גע־הייסן האָט ער אוורעמצע. איז באַ אים געשטאָרבן דאָס וויַיב. אין אַ פּאָר יאָר אַרום נאָך איר טויט האָט דער אַלמען כאַסענע געהאַט. אָט די ייִדענע, וואָס ער האָט אין שטוב אַריַינגעפירט, האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ וויַיב — אַ שלאַק. איר האָט זיך פאַרגלוסט פּאָטער צו ווערן פון אוורעמצעס טאָכ־טער מירעלע (אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן). איז זי זיך מעיאַשעוו, אָט די ייִדענע, און סקאָמפּאַנייעט זיך מיט דער אָרטיקער אַלטער שווינדלערן — מיט דער באָבע־יאַכנע (די קישעפמאַכערן), און יענע גיט איר אָן אייַצע אונטערצוואַרפן איר מאַן אוורעמצען פאַלשע באַנקנאָטן. איַינגיכן מאַסערט מען רעב אוורעמצען און מע אַרעסטירט אים. מירעלען פאַרנאַרט די באָבע־יאַכנע צו זיך אַהיים, און איר אַגענט עליאָקום פאַרקויפט דאָס מיידל אין אַ טערקישן האַרעם. ווען מירעלעס כאָסן ווערט דערפון געוווירע, נעמט ער זי זוכן. אים העלפט מיט דער וואַנדערנדיקער פעדלער האַצמאַך. די פּיעסע ענדיקט זיך מאַזלדיק: מירעלען געפינט מען, דעם טאַטן אירן, אוורעמצען, באַפריַיט מען פון טורמע, און די שטיפמוטער באַסיע מיט איר באַל־יויעץ די באָבע־יאַכנע קריגן אַ מיִעסן פּסאַק. אָט האָט איר איַיך דעם אינהאַלט פון אָט דער שטיק.

קאָן איך טאַקע ניט באַגריַיפן, וואָס דער טעאַטער האָט זיך גענומען אונדז מעכאַבעד זיַין מיט אַזאַ כאַריפּעסל.

— איך זע ניט, — נעם איך דערווידערן, — קיין שום טשיקאַוועס אין אָט דער אונטערנעמונג. אָט האָט דאָך דער וואַכטאַנגאָוו־טעאַטער אויס־געקראַצט די „פּרינצעסן טוראַנדאָט״, וואָס דער איטאַליענישער דראַמאַ־טורג גאָצצי האָט אַמאָל אָנגעשריבן, און האָט באַשאַפן אַ ספּעקטאַקל, וועלכער האָט אַלעמען דערשיטערט מיט זיַין אָריגינעלקיַיט און מיט זיַינע נאָוואַטאָרישע האַמצאָעס. נו, און דער ספּעקטאַקל „די גריל אויפן אויוון״, וואָס מע האָט אופגעפירט אין דער ערשטער סטודיע פונעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער? איז דען דאָ דער סוזשעט ניט נאַיוו? דעריבער האַלט איך, אַז איַיער סקעפּטיציזם בענעגייע דער ניַיער שטעלונג פונעם מאַסמעליט איז ניט באַגרינדעט.

— מעגלעך, אַז איַיער סוואָרע האָט אונטער זיך אַ מער פעסטן באָדן, ווי מיַינע, — האָט זיך מיַין קאָלעגע אָנגערופן, — אַלנפאַלס, איז שוין ניט וויַיט דער טאָג, ווען מע וועט אונדז וויַיזן די „קאָלדוניע״־פּרעמיערע — עפּשער וועלן מיַינע ספּייקעס דעמלט אוועק מיטן ווינט און מיטן רויך.

און מיר האָבן זיך צעשיידט.

אין אַ וואָך אַרום האָט מען געוויזן די פּרעמיערע. דער ספּעקטאַקל איז געווען זייער עפעקטפול. ער האָט מיטגעריסן מיט זײַן פילפאַרביקייט, מיטן שלאַל מוזיקאַלע קלאַנגען, דער ריטם איז געווען אַ קאָכיקער. גוט דורכגעטראַכט האָט דאָ אַלץ דער רעזשי־מײַסטער אַ. גראַנאָווסקי. איסאַק ראַבינאָוויטשעס קינסטלערישע אויספאָרמונג, וואָס איז געווען אויסגעהאַלטן אינעם קאָנסטרוקטיוויסטישן סטיל, האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט אָנפילן דעם גאַנצן בינע־כאָלעל מיט דער שפּיל פון די אַקטיאָרן. פון די הײַזקעס פונעם דאָ אויסגעבויטן קליינעם שטעטל האָט געווייעט מיט שאַגאַלס עקספּרעסיווקייט. די דינאַמיק פון דער אַקטיאָרישער שפּיל איז געווען אַזוי שטורמיש, אַזוי וויכערדיק, די פאַרבן פון דער אַקטיאָרישער האַלבאָשע און פון זייער גרים זײַנען געווען אַזוי בלענדנדיק, אַז די צושויער זײַנען מאַמעש פאַרשיקערט געוואָרן, עלעהיי זיי האָבן זיך אָנגעטרונקען מיט שטאַרקן ווײַן. און דער סטיל פונעם ספּעקטאַקל אינגאַנצן גענומען? דאָ האָט טריומפירט דער גראָטעסק. ס'איז געווען אַן עמעסער יאָמטעוו סײַ פאַר די צושויער, סײַ פאַרן טעאַטער. ס'איז דאָ אַפילע קיין זייכער ניט געווען פון דעם, וואָס כ'האָב אַמאָל אָנגעקוקט אינעם אַלטן ייִדישן טעאַטער. דאָרטן איז אַף אַלצדינג — אַף דער שפּיל פון די אַקטיאָרן, אַף זייער האַלבאָשע, אַף זייער אַרט ריידן, אַף זייערע מאַנירן — אַף אַלץ האָט געהויערט דער שטייגער, בעשאַס דאָ האָט געהערשט דאָס מײַסעדיקע. אַף דער אַפיש האָבן מיר דאָ געלייענט: „אַ פאָלקס־שפּיל לויט גאָלדפאַדן”. דאָס האָט באַטײַט, אַז דער רעזשי־מײַסטער אַ. גראַנאָווסקי האָט געשטעלט דעם טראָפּ אַף דער מאַסקעס־שפּיל. מיכאָעלס, דער וואַנדערנדיקער פּעדלער האָצמאַך, האָט זיך געשפּילט מיט דער מאַסקע פון אַ ייִדישן מאַרשאַלעק, וואָס האָט אין אַ געוויסער מאָס דערמאָנט פיגאַראָ. גערטנער האָט זיך געשפּילט מיט דער מאַסקע פון אַ ייִדישן גאַזלען (עליאָקום). שטיימאַן — מיט דער מאַסקע פון אַ ייִדישן מאַסקיל (מאַרקוס — מירעלעס כאָסן).

דער גרונט־ציל פון דער שטעלונג איז באַשטאַנען אין דער שטרעבונג וואָס מער כיעס צוטיילן די צושויער: מע האָט דאָ כויזעק געמאַכט פונעם אָפּגעלעבטן אַלטפּרענקישן ייִדישן שטייגער. דער ספּעקטאַקל איז געווען אָנגעזעטיקט מיט אַקטועלער סאַטירע: מע האָט אויסגעלאַכט אַזעלכע דערשײַנונגען אינעם ייִדישן לעבן, ווי אָבערגלויבנס, שאָוויניזם.

באַזונדערס פאַרינטערעסירט די צושויער האָט די שפּיל פונעם יונגן, נאָך גאָר קנאַפּ דערפאַרענעם אַקטיאָר בעניאָמין זוסקין, וואָס איז אין אָט דעם ספּעקטאַקל אַרויסגעטראָטן אין דער ראָל פון דער קישעפמאַכערן, דער באָבע־יאַכנע. זוסקין האָט מעכײַע־מייסים געווען די טראַדיציעס פונעם אַמאָליקן פּורימשפּילערישן קאָמיקער מאָנדריש. דערצו האָט ער זײַן

שפּיל באַרײַכערט מיט די מאַנירן פון די סאָוועטישע צירק־קלאָונעס, מיט די מאַנירן, וואָס מיר האָבן באַמערקט אין דער פּראַקטיק פון די אַקטיאָרן פונעם מייערכאָלד־טעאַטער און פונעם וואַכטאַנגאָוו־טעאַטער.

אין פולן העסקעם מיטן גראָטעסק־סטיל, וואָס האָט געהויערט איבער אַט דעם ספּעקטאַקל, האָט דער רעזשי־מײַסטער אַקשאָנעסדיק געשטויסן זוסקינען צו פאַנטאַסטיק, צו אַ מעשונעדיקן אויסזען פון דער באָבע־יאַכנע. עס זײַנען פאַרשוווּנדן די כאַראַקטער־שטריכן פון אַ קליינשטעטלדיקער בייזער יידענע, וואָס זײַנען אייגנטימלעך געווען פאַר די באָבע־יאַכנעס פונעם אַלטן ייִדישן טעאַטער. אויף דער בינע האָבן מיר דערזען אַ מעכאַשייפע פונעם אַלגעמיין־אייראָפּעיִשן פאָלקלאָר. און קעדיי דער צושויער זאָל גלייבן, אַז דאָס איז אַ ייִדישע מעכאַשייפע, האָט מען צו איר שטערן מיט אַ רעצוע צוגעבונדן אַ טפילן, נאָך אַ טפילן האָט מען אָנגעטשעפּעט אויף דער לינקער האַנט. ריידן האָט די באָבע־יאַכנע זעלטן גערעדט. ס׳איז געווען עפּעס אַ מין מעשונעדיקער געזאַנג. ס׳איז אָפט געווען אַ מין רעטשיטאַטיוו, וואָס איז געווען אָנגעפּילט מיט די אינטאָנאַציעס, וואָס זוסקין האָט געהערט אין די סינאַגאָגאַלע טפילעס. די האַוויײַעס, די שפּרינגערײַען פון דער באָבע־יאַכנע האָבן דערמאָנט אָן די בופאָנישע אָפּשפּיצלעך פון אַ צירק. קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, ווי אויטרירט, ווי מעשונעדיק ס׳איז געווען סײַ די אינטאָנאַציאָנאַלע, סײַ די פּלאַסטישע פּאַרטיטור פון דער באָבע־יאַכנע־ראָל.

מע דאַרף אָבער אונטערשטרײַכן, אַז אויף אָט דעם פאַנטאַסטישן פאָן פלעגן צומאָל זיך דורכרײַסן רעאַליסטישע מאַנירן. דאָס פלעגט פּאַסירן דעמלט, ווען דער רעזשי־מײַסטער פלעגט ניט מיסברויכן מיט עקסצענטריק.

מוסטערהאַפט איז אין דעם פּראַט געווען די מאַרק־סצענע, ווען מירעלע טוט זיך אַ כאַפּ, אַז מע האָט בא איר דאָס געלט פון קעשענע אַרויסגעגאַנוועט, און זי טוט מיט אַ ביטערן געוויין זיך אַ וואַלגער אויף דער ערד. די באָבע־יאַכנע (וואָס האָט אַליין דער שטיפמוטער באַסיען געגעבן די אייצע, וויאַזוי מירעלען צו באַוואָלען) זיצט לעבן מירעלען און באַדויערט זי קלוימערשט. דער צושויער הערט, אַז אירע טענער, וואָס דריקן אויס מיטלײַד, זײַנען פאַלש, און דאָס אינערלעכע וועזן פון דער באָבע־יאַכנע ווערט גלענצנד דעמאַסקירט דורך זוסקינס עכט־יאַכנישע טענער, וואָס קלינגען רעאַליסטיש.

געווען אויך אַנדערע מאָמענטן, ווען דאָס געשטאַלט פלעגט ניט דערטרונקען ווערן אין אַ מאַבל פון איבערגעטריבענער פּאַראָדיע. אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט דאָס געשטאַלט ווערן רײַכער און עמאָציאָנעל פאַר־

כאַפּן דעם צושויער. אזוי איז עס, לעמאָשל, אינעם ערשטן אקט, ווען די באָבע־יאכנע פלײַסט זיך ארײַנארן מירעלען צו זיך מיט די ווערטער:

— קום, קום, קום צו מיר, קום צו מיר, טאָכטער מײַנע!

מירעלע פאלט צו צום לייטער, קלאמערט זיך אין אים פעסט אײַן און יאָמערט:

— ניין, ניין, ניין, ניין, ניין — כ'וועל צו דיר אהיים ניט גיין!

און די קישעפמאכערן טוט א שפרונג אפן לייטער, ציט זיך אויס, ווי לאנג זי איז, צעשפרייט איבער מירעלעס קאָפּ די הענט, ווי פליגל פון א רויבפויגל, און זעצט פאָר:

— קום, קום, קום צו מיר, קום צו מיר, טאָכטער מײַנע!

דאָס איז געווען אײנער פון די שארפסטע טעאטראלע מאָמענטן אין דער „קישעפמאכערן". און אין דער זעלבער צײַט איז עס ניט געווען בלויז א פארשפּיצטע אויסערלעכע מאניר.

ווען כ'האָב אין א כוידעש ארום נאָך דער פרעמיערע באגעגנט זוסקינען, האָב איך אים געבעטן דערקלערן די מאָטיוון פון זײַן היספּײַלעספּערער שפּיל אין דער דאָזיקער ראָל.

— מיר איז די דאָזיקע ראָל געווען צום הארצן, — זאָגט מיר זוסקין, — איך האָב דאָ געהאט די פולע מעגלעכקײַט אויסלאכן דעם אָפּגעשטאנענעם שטייגער פונעם ייִדישן שטעטל, כויזעק מאכן פון די ווײַבערשע יעלאָלעס איבערן טײַטשכומעש, וואָס כ'האָב אין די קינדער־יאָרן זיך אָנגעהערט. עס האָט מיך אויך געצויגן איראָניזירן איבער דעם אלטן ביזאָקטיאבערישן ייִדישן טעאטער, וואָס די אמעראצעס און האמעטנעקײַט פון זײַנע פּראָווינציִעלע טוער פלעגט מיך פארדריסן.

אוואדע האָט אײַך געכידעשט, וואָס אין מײַן באָבע־יאכנע לאָז איך אין גאנג זייער פיל בופּאָנאדע. ס'איז קלאָר, אז איך און אנדערע טוער פון אונדזער קאָלעקטיוו האָבן זיך ניט געקאָנט אָנשטעקן מיט די מאנירן פון די יונגע סאָוועטישע טעאטערס, וואָס זײַנען געווען פארכאַפּט פון רעוואָליוציִאָנערער סאטירע. און דאָס האָט בעמיילע גוירעם געווען אין אן אומבאַגרענעצטער מאָס אויסצונוצן בופּאָנאדע, גראָטעסק. מיר האָבן אופגעהויבן די פאָן פונעם קאמף קעגן אָפּגעלעבטס און פארשימלטס.

— מיר ווילט זיך, — זאָג איך זוסקינען, — איר זאָלט מיר דערקלערן, פארוואָס קלינגען אין אײַער ראָל צומאָל באסאָווע, צומאָל פאלצעט־קלאנגען.

— אָט די קלאנגען, — זאָגט מיר זוסקין, — האָב איך פארגעדענקט פון מײַן קינדהײַט. מײַנע עלטערנס דירע איז געשטאנען לעבן מארק. געווען איז זי אָפּגעצאמט מיט א הילצערנעם פארקאן. איך האָב ליב

געהאט ארופקלעטערן אף אָט דער מעכיצע און באטראכטן דעם הר־הא פונעם מארק־אוילעם. מײַן אופמערקזאמקײַט האָבן באזונדערס צוגעצויגן צווײ אלטע יִדישע הענדלערקעס. זײ האָבן קאָנקורירט, געהאנדלט מיט אלטן רויכוואַרג. פלעגן זײ אײנע די צווײטע שילטן. בא אײנער איז געווען א קוויטשיק קעלכל. בא דער צווײטער — א באס. איך בין געווען אנציקט פון אָט דעם אײגנארטיקן דועט. ווען איך האָב געגומען ארבעטן איבער דער באָבע־יאכנע־ראָל, איז מיר אפן געדאנק געקומען א שקאָצי־שער אײַנפאל: אויסנוצן אָט די בײדע טעמברען. דאָס איז געווען א טרעפ־לעכער אײַנפאל, מאכמעס ער האָט הארמאָנירט מיט דער עקסצענטרישער באפארבונג פון דער באָבע־יאכנעס פלאסטיק.

מײַן האמצאָע איז געפעלן געווען דעם רעזשי־מײַסטער, און מײַן שפיל האָט געקראָגן דערפון אן אײגנארטיקן בײַטאם.

ביכלאל האָט ניט נאָר מײַן ראָל זיך אויסגעצײכנט מיט עקסצענטריזם. עקסצענטרישקײַט איז געווען אויך אין דער שפיל פון מיכאָעלסן, ווי אויך בא אנדערע אָנטײלנעמער פון אָט דעם ספעקטאקל. דער עקסצענטריזם, אלס איקערדיק געווער פונעם גראָטעסק, וועט נאָך לאנג הערשן אין אונדזער טעאטער.

ראכמאָנעס האָבן און אויסלאכן

(סאָלאָווײטשיק)

דאָס איז געווען אין מײַ 1923. אף דער טווערסקאיא־גאס (איצט גאָרקי־גאס) איז געווען א קלײט, וווּ מע האָט געקאָנט קויפן קינדערשע שפּיל־צײַג. דאָ האָב איך זיך געטראָפן מיט זוסקינען.

— ווי קומט איר אהער? — פרעגט ער מיך. — בא אײַך איז דאָך קײן קלײנוואַרג ניטאָ?

— מײַן פרוי האָט געבעטן, איך זאָל קריגן אן אויטאָמאָביל פאר אונדזער שאָכנס ײנגעלע. דאָס דאָזיקע יאטל איז אונדזערער אן אָפטער גאסט. נו, און איר — ווי קומט איר אהער?

— איך בין אהער געקומען ניט ווי א קוינע. מיך האָט פארינטערעסירט אָט דער פריקאשטשיק. קוקט נאָר אָן, ווי ער ארבעט עס מיט די הענט: ווי ער זשאָנגלירט עס מיט די קוגלען און מיט אנדערע שפּילצײַגן. ווי בעריזש ער דעמאָנסטרירט זײַן סכוירע די קוינים!

— א מאָדנע זאך, — רוף איך מיך אָן, — אינעם מאָסקווער צירק וועט איר געפינען זשאָנגליאָרן, וואָס אָט דער נעפּעש איז לעגאבע זײ א שנעק.

— יאָ, אוואדע, — איז זוסקין מיט מיר מאסקים, — אָבער דאָ איז גאָר עפּעס אנדערש. אָט דער פּריקאשטשיק דערמאָנט מיר א שפּילצייַג־הענדלער, וואָס איך האָב געזען אין אונדזער שטעטל. אז איך בין נאָך א קליין ייִנגל געווען, פלעג איך אָפּט באזוכן אונדזער פּאָנעוועזשער שפּילצייַג־געוועלב. איך האָב געהאט א ווילדע האנאָע בעשאסן אָנקוקן, ווי דער קלייטניק ארבעט. זייַן געשיקטקייַט, זייַן גאלאנטע האלטונג לעגאבע די קוינים האָט מיך אזוי אנציקט, אז ביז הייַנטיקן טאָג קאָן איך עס ניט פארגעסן.

— איך רעכן, — זאָג איך, — אז ניט קיין איינפאכער נייַגער האָט אייַך איצט א שטויס געטאָן דערפרישן אייַערע זיכרוינעס.

— אייַער האשאָרע איז ריכטיק, — ענטפערט מיר זוסקין, — איך האָב אייַך שוין אמאָל געזאָגט, אז ווען איך גרייט מיך שפּילן א נייַע ראָל, זוך איך א לעבעדיקע מאָדעל. און אויב איך געפין אזוינס, גיט עס א מעכטיקן שטויס מייַן פאנטאזיע, און עס ווערן בא מיר געבוירן דרייסטע, אומדערוואַרטע שפּיל־מאנירן. באטראכטנדיק די ארבעט פון אָט דעם פּריקאשטשיק און פון זייַן אמאָליקן פאָרגייער, ווער איך באריייַכערט מיט פרישע פארבן. יאָ, איך וועל זיי אויסנוצן אין מייַן נייַער ראָל, אין דער ראָל פונעם שאדכן סאָלאָווייטשיק, וועלכן איך שפּיל אין אונדזער ספּעקטאקל „צוויי הונדערט טויזנט".

העיויס איך האָב נאָך ניט געהאט געזען אָט דעם ספּעקטאקל, מאכמעס אינעם טאָג פון דער פּרעמיערע בין איך גראָד אין מאָסקווע ניט געווען, האָב איך מיך צוגעייַלט גיין קוקן אָט דעם ספּעקטאקל, וועגן וועלכן איך האָב שוין געהערט פיל שוואָכים.

זוסקינס ערשטער ארויספאָר האָט איבערראשט ניט נאָר מיך, נאָר אויך אלע צושויער: דער אקטיאָר איז, האלטנדיק א רויטן שירעם, אראָפּגעפלויגן פון אויבן אפן בינע־פּלאנשעט.

„נו, — טראכט איך מיר, — דאָס איז א קונץ, וואָס דער רעזשי־מייַסטער גראנאָווסקי האָט צוגעטראכט. מיט וואָס אָבער איז בארעכטיקט אזא מאָדנע מיזאנסצענע? ס'איז דאָך ניט גלאט אזוי זיך א האמצאָע צוליב פארווייַלן דעם אוילעם". און אין מייַן זיקאָרן איז אופגעשווומען דעם קינסטלער שאגאלס א בילד, וואָס שילדערט א ייִדישן לופטמענטש, ווי ער פליט איבער די דעכער פון זייַן שטעטל. מאשמאָעס, איז סאָלאָווייטשיקס אראָפּפלי א מין רעמעז אף זייַן סאָציאלן וועזן: ער איז דאָך אויך א ייִדישער לופטמענטש. דער רעזשיסער האָט זיך מיט אָט דעם אופטו ניט באנוגנט: אין עטלעכע מינוטן ארום טוט דער זעלבער זוסקין בליצארטיק א שפּרונג אף א הויכן בייַדל, וואָס איז געשטאנען לינקס

אף דער בינע. פונדאנען זאָגט סאָלאָווייטשיק אָן אלע אָנווענדע א וויכטיקע בסורע: ער לייגט פאָר א שידעך — סאָראָקערס טאָכטער ביילקע זאָל ווערן א קאלע. דער כאָסן אירער זאָל זײַן קאָלטון, דער אופראווליאיושטשי פונעם היגן גוויר פײַן. קלאָר, אז דער רעזשי־מײַסטער טרײַבט דעם אקטיאָר ניט גיין, ווי אלע מענטשן, נאָר פליִען. ס׳איז אן אָנדײַטונג דעם צושויער אף סאָלאָווייטשיקס אויסטערלישער עקספּאנסיווקײַט, אף זײַן גרײַלעכער היספּײַלעס. איבעראשנדיק איז נאָך אזא אָפּשפּיצל פונעם רעזשי־מײַסטער: ווען סאָלאָווייטשיק נעמט דערציילן וועגן סאָראָקערס גרויסן געווינס, טוען צו אים זיך א לאָז אלע סאָראָקערס קרעדיטאָרן: דער קאצעוו, דער באָקאליי־קרעמער, די מיטניטשקע. סאָראָקער מיט זײַן עטי־מעני — אויך אינמיטן. אלע זײַנען געבליבן שטיין איינער הינטערן צווייטן. סאָלאָווייטשיק טוט א מאך מיט דער האנט, און די גאנצע שערענגע טוט בליצארטיק א פאל, פונקט ווי זאנגען, וואָס מע האָט זיי מיט א קאָסע אונטערגעשניטן.

סאָלאָווייטשיק ווערט אזויארום פארוואנדלט אין א בופאָנעם שפּילער. יאָ, אינעם ערשטן און צווייטן אקט דערמאָנט זײַן שפּיל די מאנירן פונעם פורימשפּילערישן מאָנדריש.

גאָר אין אן אנדערער באלויכטונג דערזעען מיר אָט דאָס געשטאלט אינעם דריטן אקט. דאָ שפּראָצן שוין ארויס סאָלאָווייטשיקס רעאליסטישע כאראקטער־שטריכן. און דער איקער — די לירישקײַט, וואָס האָט דאָ באדײַטנדיק זיך אנטפּלעקט אין זוסקינס באגאבונג.

אומפארגעסלעך איז די סצענע, וואָס קומט פאָר אין פּײַנס גאסטצימער (אינעם דריטן אקט). אפילע אויסערלעך זעט דאָ סאָלאָווייטשיק אויס אנדערש, ווי אינעם ערשטן און צווייטן אקט. דאָרט האָבן מיר געזען א געשיקטן, א קוועקזילבערדיקן סימכע־דריידל. אפילע די האלבאָשע האָט אים באכיינט. און עס האָט ניט געקאָנט קומען אפן געדאנק, אז דאָס איז א שלימאזל. גאָר אנדערש איז עס אינעם דריטן אקט. אפילע אויסערלעך האָט סאָלאָווייטשיק שטארק זיך געענדערט: קורצינקע ברייטע הויזן, א שווארצער לעפישער סורדוט; א פארשטויבטער, א פארפעטסטער און צעקנייטשטער שווארצער הארטער קאפעליוש. און דער איקער — דאָס כניפעדיקע מאיאָפעסדיקע שמייכעלע. דאָס אלץ האָט אונטערגעשטראָכן סאָלאָווייטשיקס איינזאמקײַט אפן באל באם גוויר פּײַן.

ער האלט אין איין בייגן זיך פאר די באלעבאטים אף רעכטס און אף לינקס, אָבער קיינער לייגט ניט קיין אכט אף אים: ניט די מעיוכאָסים, די פּײַנס, ניט זײַן געוועזענער יעדיד, שימעלע סאָראָקער. בא די סאָראָקערס האָט סאָלאָווייטשיק זיך געקוויקט מיט דער האָפענונג אויסשאדכענען זיי־

ער טאָכטער ביילקע מיט קאָלטונען. כוץ אַלעמען, האָט ער זיך דאָרט גע־פילט, ווי א „נאש בראט". האגאם סאָראָקער איז שוין געוואָרן אויס שימעלע דער שניַידער, נאָר סעמיאָן מאקאראָוויטש, אָבער פאָרט — אמכאָ. אָבער דאָ, בא די פּיַינס... אַלע ארום אים טאנצן, מע איז זיך מעסאמייעך. און ער? וואָס איז ער, ווער איז ער? אַן אונטערלעקער. קיין איין דאמע וועט זיך ניט דערלויבן גיין מיט אים צום טאנץ. אָבער וואָס וועט זיַין פונעם זיצן? כאפּט ער א שטול — עלעהיי א דאמע, — און לאָזט זיך אין קריַיז טאנצן. אָט אזוי האָט די בורזשואזע סוויווע פארוואנדלט א מענטש אין א „מענטשן". אזויארום איז שוין אויס פאנטאסטיק, אויס גראָטעסק. רעאַליזם איז איצט דער נוסעך פונעם אקטיאָר. זיַין העלד איז פארדיַיגעט. אָט דאָ האָט א בליאסק געטאָן זוסקינס באליבטע טעמע — די טעמע פון א קליין מענטשעלע, וואָס איז דערשלאָגן מאכמעס סאָציאַלער אומגליַיכהיַיט.

עמעס טאקע, אָט דער איבערגאנג אין מינאָר, אָט דער מאָמענט, ווען דעם צושויער האָט געריסן דאָס הארץ, פלעגט ניט לאנג דויערן — דער אקטיאָר האָט דאָך — אין גרונט גענומען — כויזעק געמאכט פון זיַין פּערסאָנאזש... אין זוסקינען האָט דאָך געבושעוועט דער דראנג אויסצולאכן די פארגאנגענהיַיט. אין אים האָט געבושעוועט די סטיכיי, וועלכע האָט אזוי טריומפירט אין זיַין באָבע־יאכנע פונעם ספעקטאקל „די קישעפ־מאכערן".

עס האָט מיך שטארק א ציִ געטאָן זיך טרעפן מיט זוסקינען. און אָט האָט דער דריטער אקט זיך געענדיקט, און איך בין אוועק הינטער די קוליסן. דערזען זוסקינען, זאָג איך אים:

— מיך האָט פארכידעשט דער קאָנטראסט צווישן איַיער שפּיל אין די ערשטע צוויי אקטן און אינעם דריטן אקט. וואָס באטיַיט עס?

— כ'וואָלט איַיך גערן געענטפערט, — זאָגט זוסקין, — אָבער איר פארשטייט דאָך, אז איך בין איצט נאָך אינגאנצן אופגערודערט, און ס'איז מיר שווער צו קאָנצענטרירן מיַינע געדאנקען. נעמט זיך אָן מיט געדולד — כ'וועל איַיך אינגיכן שריפטלעך ענטפערן.

זוסקין האָט זיַין האווטאָכע מעקיַיעם געווען: אין א וואָך ארום קריג איך פון אים א בריוו. אָט וואָס ער שריַיבט:

„ריכטיק פארשטיין און באנעמען שאָלעם־אַלייכעמען האָט מיך אויס־געלערנט דער מאָסמעליט. אונדזער טעאטער האָט אופגעדעקט די סאָציאַלע וואָרצלען פון שאָלעם־אַלייכעמס שאפונג. שאָלעם־אַלייכעמס געלעכטער איז א געלעכטער דורך טרערן. ער איז ווייטעקדיק. דעם גרויסן שריַיבער טוט ווי דאָס הארץ, וואָס די קאפּיטאַליסטישע סיסטעם האָט אזוי צעקאַ־ליעטשעט מענטשן, אזוי צעטראָטן זייער מענטשן־ווירדע. דאָס קאָמישע,

וואָס עס אנטהאלט אין זיך שאָלעם־אלייכעמס שאפונג, איז בלויז א מאסקע, וואָס פארשלייערט שאָלעם־אלייכעמס ליידן, זײַן דײַגע בענעגייע דעם האמוין־אם. שאָלעם־אלייכעם איזדיעקוועט זיך ניט איבער זײַנע קליינע מענטשעלעך מיט זייערע קליינע האסאָגעס. זײַן כויזעק איז א טרויעריקער, מאכמעס ער האָט זיי ליב; זײַן נעשאָמע ווייטעקט, ווען ער באטראכט אָט די קאָרבאָנעס פון סאָציאלן אומרעכט. דאָס טראגישע באווײַזט ער דורך דעם קאָמישן. יאָ, דאָס קאָמישע און דאָס טראגישע, דער געלעכטער און די טרערן זײַנען אזוי צוזאמענגעבונדן, אז איינס דרינגט ארויס פון דעם צווייטן. איינס שטרײַכט אונטער דאָס צווייטע.

אָט האָט איר אײַך אן ענטפער אף אײַער פראגע, פארוואָס שפּירט זיך אזא קאָנטראסט אין מײַנע מאנירן אין פארשיידענע אקטן פון אָט דעם ספּעקטאקל".

איך האָב דעם דאָזיקן בריוו געוויזן דעם טעאטראלן קריטיקער מ. זאַגאָרסקי. האָט ער מיר געזאָגט:

— אוואדע לייגט זיך עס אפן סייכל, און זוסקין שפּילט גלענצנד סאָלאָווייטשיקן, אָבער ס'איז דאָך ווידעראמאָל א ווארִיאנט אף דער טעמע לופטמענטש. האָט דאָך מיכאָעלס, שפּילנדיק אין שאָלעם־אלייכעמס „אגענטן", באשאפן אזא מוסטער פון א באָדנלאָזן טיפּ, אז בעסער קאָן שוין ניט זײַן.

— אוואדע, — האָב איך צוגעגעבן, — פאר די, וואָס האָבן געזען מיכאָעלסן אין דער מענאכעם־מענדל־ראָל, איז קיין שום סאָפעק ניט, אז אָט דער אקטיאָר האָט זיך דערהויבן צו א גרויסער פאראלגעמיינערונג. דאָך איז יעדער פון אָט די צוויי אקטיאָרן געווען גאנץ אייגנארטיק. זוסקין איז מער געניגט אופאסן און פאר אונדז אופדעקן דאָס קאָמישע אינעם מענטשן, בעשאס מיכאָעלס האָט פריִער פאר אלץ דערזען און עפּשער טאקע געזוכט דאָס טראגישע. דאָס דערקלערט זיך מיט זייער פארשיידענעם סוביעקטיוון אופאסן סאָציאלע דערשײַנונגען. אכוץ דעם סוביעקטיוון מאָמענט, קאָנען מיר געפינען די אָביעקטיווע סיבע פון דער אייגנארטיקײַט אין זייער אויסטײַטשן די פּערסאָנאזשן.

דאָס טראגישע, וואָס כאראקטעריזירט מענאכעם־מענדלען, איז בא שאָלעם־אלייכעמען גופע טיפער, ברייטער, פילזײַטיקער. דעריבער קלינגט אין מיכאָעלסעס מענאכעם־מענדלען דאָס טראגישע שטארקער, ווי אין זוסקינס סאָלאָווייטשיק. אין מיכאָעלסעס פארקערפּערונג דערשפּירט איר א בענקעניש נאָכן רוִקן, געלאסענעם לעבנס־טעמפּ פונעם קליינעם שטעטל, וואָס איז נאָך לעסאטע ניט גאָר שטארק צעבויטעט. און אָט אין דעם פארבאָרגענעם געראנגל צווישן דעם פארשיקערנדיקן הו־הא פון דער

גרויסער שטאָט און דער בענקעניש נאָכן קליינעם שטעטל שטעקט מענאַ־כעם־מענדלס טראַגישקייט.

דאַקעגן איז די גרויסע שטאָט פאַר סאָלאָווייטשיקן א נאַטירלעכע סטיכיע. ער פילט זיך דאָ, ווי א פיש אין וואַסער. שמייעדיק אומלויפן, האַווען, זיך דולן א קאָפּ — דאָס איז סאָלאָווייטשיקס צווייטע נאַטור. פּרוווט אים אוועקשטעלן אין אַזעלכע באַדינגונגען, אז ער זאָל פאַרשפּאָרן זיך מאַרדעווען, טומלען, וועט ער זיך דערפילן עפּעס ווי אָפּהענטיק. פאַר אים איז אָנגעמאָסטן דער פיבערהאַפטער טעמפּ פון דער גרויסער שטאָט. אָט פאַרוואָס ס'איז ניט שייך צו באַטראַכטן זוסקינס סאָלאָווייטשיק, ווי אַן איבערכאַזערונג פון איינעם און דעם זעלבן מאָטיוו אף דער בינע פונעם מאָסמעליט. זוסקינס סאָלאָווייטשיק פאַרנעמט מיט רעכט זיין באַזונדערן פּלאַץ באַנאַנד מיט מיכאָעלסעס מענאַכעם־מענדל.

דער נויסע־קיילים פונעם יידישן דאָן־קיכאָט

(סענדערל די יידענע)

אינעם מאָסקווער אַקטיאָרן־קלוב האָב איך מיך באַקאַנט מיט צוויי סטודענטן פון דער טעאַטראַלער שול אף שטשוקינס נאָמען. פּונקט יענע וואָך האָט מען אין די מאָסקווער קינאָ־טעאַטערס דעמאָנסטרירט א פילם „דאָן־קיכאָט". האָבן אָט די צוויי סטודענטן גערעדט וועגן אָט דעם פילם. האָט איינער פון זיי מיך געפרעגט:

— מיט וואָס וועט איר דערקלערן אַזא מאָדנע דערשיינונג: אין קינאָ האָבן מיר שוין עטלעכע פּרווון צו עקראַניזירן דעם דאָן־קיכאָט־סוזשעט. אין די מוזיקאַלע טעאַטערס האָט איר שוין לאַנג אַן אָפּערע און א באַלעט אף אָט דעם סוזשעט, און אין די דראַמאַטישע טעאַטערס איז אַזא ספּעק־טאַקל ניט בעניִמצע?

— דאָס איז ניט ריכטיק, — האָב איך געגומען דערווידערן. — ס'איז דאָ אין מאָסקווע א טעאַטער, וווּ מע דעמאָנסטרירט א ספּעקטאַקל אף אָט דער טעמע. דאָס איז דער מאָסקווער מעלוכישער יידישער טעאַטער. עמעס טאַקע, פון די אַפּישן אָדער פון די ליברעטאָ און פּראָגראַמען איז שווער זיך צו אָנשטויסן, אז עס האַנדלט זיך וועגן א ספּעקטאַקל אף דער דאָן־קיכאָט־טעמע. מאַכמעס הייסן הייסט ער — „מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי", און דער סוזשעט איז גאָר אַן אַנדערער, אָבער א געוויסע קרוי־וועשאַפט צו סערוואַנטעסעס ווערק קאָן מען אין אָט דעם ספּעקטאַקל דערשפּירן.

— אויב אזוי, בעטן מיר אײַך כאָטשבי אינקורצן דערציילן דעם סו־זשעט און אָנרופן דעם נאָמען פונעם אווטאָר.

— אדעראבעע, — רוף איך מיך אָן, — דער ספעקטאקל „מאסאָעס בי־ניאָמין האשלישי" איז אן אינסצענירונג פון א דערציילונג פונעם יידישן קלאסיקער מענדעלע מויכער־ספאָרים. דאָס איז א געשיכטע וועגן די טראגיקאָמישע פאסירונגען פון א קליינשטעטלדיקן יידן א טרוימער, וואָס רײַסט זיך וואנדערן — אזוי האָבן אף אים געווירקט די באשרײַבונגען, די זיכרוינעס פון צוויי יידישע וואנדערער (ביניאָמין דער ערשטער און ביניאָמין דער צווייטער), וואָס ער האָט איבערגעלייענט. אין אָט דער ריזיקאלער און קינדערש־נאַיווער אונטערנעמונג ציט ביניאָמין ארײַן ווי א שוטעף זײַן יעדיד סענדער (אין שטעטל איז ער באוווסט, ווי סענ־דערל די יידענע), וועלכער שמאכט נעבעך אונטערן יאָך פון זײַן בייזער פלוינעסטע. נאָך א ריי יעסורים און פלאָגן, וואָס אָט די צוויי רײַזנדע איז אויסגעקומען אויסצושטיין אין זייער וועג, קערן זיי זיך צוריק אין זייער שטעטל טונעיאַדעווקע.

— א דאנק אײַך, — רופט זיך אָן איינער פון אָט די סטודענטן, — פאר אײַער מיטיילונג. עפשער וועט איר זײַן אזוי גוט און מיט אונדז צוזאמען באזוכן אָט דעם ספעקטאקל. די יידישע שפּראך איז אונדז אומ־באקאנט, וועלן אײַערע דערקלערונגען אונדז העלפן זיך פאנאנדערקלײַבן אין דעם, וואָס מיר וועלן זען אף דער בינע.

איך האָב מיט די יונגעלײַט אָפּגעשמועסט, אז מיר וועלן דורכן טע־לעפאָן באשטימען די צײַט פונעם באזוך.

מיך פּערזענלעך האָט מער פון אלץ אינטערעסירט זוסקינס שפּיל אין דער ראָל פון סענדערל. וועגן דעם האָב איך געמאָלדן אָט די צוויי יונגע־לײַט. אייגנטלעך, האָבן זיי שוין געוווסט, אז זוסקין איז, באנאנד מיט מיכאָעלסן, איינער פון די אָנגעזעענסטע אקטיאָרן פונעם מאָסמעליט.

ווי נאָר סענדערל די יידענע האָט זיך באוויזן אף די בינע־ברעטער, האָט ער גלײַך צוגעצויגן צו זיך די גרעסטע אופמערקזאמקײַט פון די צו־שויער.

א פארסאָפּעטער לויפט סענדערל אף דער בינע, א פארוויקלטער אין א ווײַבערשער פאטשיילע. א גאנצע כאָפּטע קינדער לויפט אים נאָך מיט א גרויסן געפילדער, ווי דער שטייגער איז געווען אין די קליינע שטעט־לעך, ווו קינדער ווײַסע־כעווריניקעס פלעגן זיך יאָגן נאָך א מעשוגענעם; די קינדער האָבן דערפון שטארק האנאָע. די דערוואקסענע פּרווון צוימען דאָס העפקערדיקע ליארעמען פון די קינדער. סענדערל נעמט זיך ניט צום

הארצן, א ליב שמייכעלע באשײַנט זײַן פּאָנעם, ער ווענדט זיך צו די ייִדן:

— נישקאָשע, נישקאָשע, וואָס ארט עס מיך, וואָס פאר א דײַגע איך האָב. זאָלן זיי מיך קראצן.

אָט די ווערטער גיבן גלײַך א פּאָרשטעלונג וועגן סענדערלס פּאסיווקײַט און געלאסנקײַט. ער זאָגט דאָך ביניאָמינען אלע מאָל:

— דו ווילסט אזוי, זאָל זײַן אזוי.

דער אײַנדרוק איז געווען איבערראשנדיק אדאנק דעם שארפן קאָנטראסט צווישן ביניאָמין־מיכאָעלס און זוסקין־סענדערל.

מיכאָעלס פלעגט אונטערשטרײַכן דעם אימפּעט, דעם אומגעדולד פון זײַן ביניאָמין, אין וועמעס אויגן עס האָט שעמערירט דאָס היספּײַלעספּײַערל. אף אזויפיל איז ער געווען צעקאָכט, אז זײַן שטים פלעגט הייזעריקלעך קלינגען.

דאקעגן איז סענדערל אלעמאָל צארט און קנאפּ רירעוודיק.

אָט גרייטן זיי זיך לאָזן אין וועג. ביניאָמינס שטים קלינגט באפּעלעריש. וויפל פײַערלעכקײַט פילט זיך אין זײַן באפעל: „מיט דער רעכטער פוס!”

סענדערל טוט א פינטל מיט די קינדערש־נאַיווע אויגאנעס און באָמקעט צו אזוי ניכנעדיק: „מיט דער רעכטער פוס!” אין דער זעלבער צײַט שפּירט איר אין זײַן פריהלושעטער שטים עפּעס א מין אומרו, א מין מוירע.

ביניאָמין רײַסט זיך אלץ פאָרויס, פאָרויס. סענדערל קריכט אים נאָכגיביק נאָך.

בא ביניאָמין־מיכאָעלסן איז דער קאָפּ עטוואָס פארוואָרפן אף צוריק. די אויגן געריכטעט אין דער ווײַט. דער וואנדער־שטעקן איז פעסט פארדריקט אין זײַן רעכטער האנט. די גאנצע פיגור אָנגעצויגן, ווי א סטרונע.

בא סענדערל די ייִדענע — אויך א שטעקן אין דער רעכטער האנט. דער קאָפּ אראָפּגעלאָזן. ער שלעפּט די קרומע פיס און באמיט זיך ניט אָפּצושטיין פון זײַן מיטגייער.

ביניאָמין איז פארשיקערט פונעם רײַסן זיך פאָרויס, פונעם אופרײַסערישן אימפּעט. זײַן פאנטאזיע האָט אים פארוואָרפן אין די סוידעספּולע ווײַטע ראכוועסן.

— אך, סארא מין באָרעכהאבע וועלן מיר האָבן בא די בניי־מוישע, — זאָגט ער סענדערלען בעשאס דעם כאָלעם (אינעם דריטן אקט), — אָט דעמלט וועלן מיר מיט זיי א שמועס טאָן מיקויעך דעם גוירל פון אונדזערע ייִדעלעך, וואָס שמאכטן אין גאָלעס.

סענדערל די ייִדענע ווערט ניט ניספּאָעל פון ביניאָמינס טרוימען. ער פאַרמאָגט א ניכטערן קוק אף דעם ארומיקן, אים גייט פון קאָפּ ניט ארויס די נאָענטע, די רעאַלע ווירקלעכקײַט.

— און ווירקלעך — טו מיט זיי א שמועס, ביניאָמין, — רעאַגירט ער אף זײַן שטייגער אף ביניאָמינס היספּײַלעס, — דערצייל זיי וועגן אונדזערע ווײַבער, וואָס פּײַניקן אונדז.

סענדערל די ייִדענע פּילט בלויז דעם יאָך און די אכזאַריעס פון די סאַמע נאָענטע מענטשן, מיט וועלכע אים קומט אויס טאָגטעגלעך זיך צו טרעפן, און פריִער פאַר אַלץ — דעם יאָך פון זײַן בייזער ייִדענע.

ביניאָמינען לאָזט ניט צורו די פאַרקריפּלטקײַט, וואָס צווישן מענטשן. עס לאָזן אים ניט צורו די אוולעס און בייזווילִיקײַט, וואָס אין זיי טרינקט זיך און פאַרכלינעט זיך די מענטשהײַט.

אינעם פינאַל פון דער מאַרק־סצענע, נאָכדעם ווי עפּעס א שווינדלער האָט זיי באַגאַנוועט, און דערצו נאָך איז אף זיי אָנגעפאַלן א באַרויגעזדיקע ייִדענע, זאָגט ביניאָמין:

— דאָס אַלץ איז די ירושה פונעם דויר־האַפּלאָגע מיט זײַן טומל, גנייוועס, גזילע און רעציכע.

יאָ, אז עס הייבט זיך אָן מיט שלימאזל, פאַרענדיקט זיך עס מיט שלים־שלימאזל. געגנוג וואָס מע האָט זיי באַראַבעוועט — האַלט מען נאָך זיי אין איין באַליידיקן.

די איינציקע ברייִרע — זיך דערשלעפּן צו א נאַכטלעגער, זיך ארײַנכאַפּן אין קרעטשמע.

אויסגעמאַטערטע, הונגעריקע נעמען ביידע רײַזנדע זיך מאָסטען אף די בענק.

— אײַ־אײַ־אײַ־אײַ־אײַ־אײַ־אײַ, — שוועבן איבערן צושויער־זאַל ביניאָמינס שיטערע, אָפּגעריסענע ווייטעקדיקע קרעכצן, ווען ער נעמט זײַנע צעבראָכענע רוק־און־לענד אויסציִען אף דער האַרטער באַנק.

— אײַ־אײַ־אײַ־אײַ־אײַ־אײַ! — טוען אײַליק איינס נאָך איינס זיך א שאָט סענדערלס דינינקע זיפצערײַען, פונקט ווי מע וואָלט אים מיטאַמאָל הונדערט נאָדלען ארײַנגעשטאָכן.

זיי ליגן שוין. דער הונגער לאָזט ניט שלאָפן. ביניאָמין קאָן זיך ניט אײַנהאַלטן.

— קאַרטאָפליעס! — טוט א מורמל זײַן נידעריק־הייזעריקלעכע שטים.

סענדערל קלערט אויך דאָס זעלבע. אָבער ער, סענדערל די ייִדענע, באַנוגנט זיך ניט מיט סתם קאַרטאָפליעס.

— געבאקענע, — זאָגט ער ביניאָמינען אונטער מיט א נעבעכדיק קעלעכל.

ביניאָמין האָט שוין, וויַיזט אויס, כאַראַטע, וואָס ער האָט אופגעוועקט אי סענדערלס, אי זיַין אייגענעם יעיצערהאָרע, און ער טוט א ברום מיט זיַין באסאָווער שטים:

— א גוטע נאכט.

ענטפערט סענדערל מיט א יונג־מיידלשער שטים:

— א גוטע נאכט.

אָבער עס נעמט ניט דער שלאָף. סענדערלען ווילט זיך פּאָרט שמועסן מיקויעד קיך־זאכן, מיקויעד געשמאקע מאַכאָלים — פּרווט ער אופמונ־טערן ביניאָמינען.

— ביניאָמין, דו שלאָפסט?

דער גאָבאַי און פאגאָט אין אָרקעסטער כאזערן איבער אף זייער אינסטרומענטאלן לאָשן די זעלבע פראגע: — דו שלאָפסט?

ביניאָמין שפּירט, אז עס וועט פון אָט די טיַיוועסדיקע געשפּרעכן קיין גוטס ניט ארויס, און ער ענטפערט הייזעריקלעך־באטריבט: — איך שלאָף.

און די באסאָווע שטים פונעם פאגאָט באָמקעט אונטער אף איר שטיי־גער: — איך שלאָף.

דאָ פאלט ביניאָמינען איַין א געדאנק, טאָמער האָט ער, כאָלילע, סענדערלען באליידיקט, טוט ער א פרעג מיט א ווייכער שטים, עלעהיי א דערבארעמדיקער טאטע צו א קליין קינד:

— סענדערל, און דו שלאָפסט?

איצט איז שוין סענדערל געוואָרן בא זיך א שטיקל מעיוכעס — ער וויל שוין ניט ריידן.

— איך שלאָף, — מאכט ער קלוימערשט גלייַכגילטיק.

אָבער בא ביניאָמינען האָט דער אפּעטיט זיך צעשפּילט גאָר אף אן אנדער מין אופן. אים דוכט זיך, אז ער זעט פאר זייַנע אויגן דאָס סאמע געשמאקע.

— געהאקטע לעבערלעך, — טוט ער טרוימעריש און געלאסן א זאָג.

— געפילטע פיש... — אקאָמפּאנירט אים סענדערל, זינגעוודיק מיט א זיס קעלעכל.

דער טאם פון די לעבערלעך און פון די געפילטע פיש ליגט זיי ביידן אף דער צונג. און ביניאָמין מורמלט צופרידן:

— ס׳אי גוט, סענדערל!

— ס׳אי גוט, ביניאָמין! — ענטפערט סענדערל מיט דער אינטאָנאציע

פון א קליין קינד, וואָס מע האָט עס נאַרוואָס מעהאנע געוועז מיט זייער א געשמאַקער נאַשערײַ.

א ווונדערבארע סימפאָניע!

שטארקער, ווי ערגעץ אנדערש, קלינגט דאָ אי דער גרויזאמער עלנט פון אָט די צווײ „וואנדערער", אי דער גרויסער ראכמאַנעס פון די אקטיאָרן אף זיי. באזונדערס רירנד איז געווען סענדערל די יידענע.

ווען דער ספעקטאקל האָט זיך פארענדיקט, האָבן די סטודענטן, וואָס האָבן מיך באגלייט, גענומען זיך טיילן מיט זייערע אײַנדרוקן.

ווו שטעקט דער סאָד פון סענדערלס קינסטלערישער איבערצײַגעווו־דיקײַט?

ס'איז דאָך קלאָר: זוסקין האָט געגוג זיך באמיט, אז זײַן „העלד" זאָל מאכן דעם אײַנדרוק פון א קריפל, ווי ער וואָלט אונדז בעקיוון געוואָלט אונטערשטרײַכן:

„נאט זעט, וואָס פאר א קריפל — ניט קיין מאנצבל, ניט קיין פרוי, ניט קיין דערוואקסענער, ניט קיין קינד. און דאָך, ניט געקוקט אפן פאר־ברודיקטן פּאָנעם, אף די עקלהאפטע באַראָדאווקעס, אף די ראכיטישע פיס, ווערט אײַך סענדערל אײַנגעבאקן אין הארצן".

— אין וואָס זשע פּאָרט שטעקט דאָ דער סאָד פון סענדערלס צוציִונג־קראפט? — פרעגט איינער פון די סטודענטן.

— מאכמעס אין אָט דעם נעבעכדיקן נעפּעשל, — ענטפער איך דעם סטודענט, — זײַנען פּארבאָרגן איידעלע געפילן.

זוסקין האָט טיף באנומען דאָס קינדעריש־נאַיווע, וואָס עס פלעגט זיך אָפט דורכרײַסן אין סענדערלס רעפּליקעס.

— אך, ווי איך בין עס דיר מעקאנע, ביניאָמין! — רופט סענדערל אויס פארגאפט, נאָך איידער ער איז געוואויר געוואָרן, אז ער וועט ווערן בינ־יאָמינס שוטעף אין זײַן רײַזע. — דו וועסט זיך עס דאָרט אָנעמען פולע קעשענעס מיט טייטלען, פײַגן און באָקסערן. אײַ־אײַ־אײַ־אײַ־אײַ!

דאָס קינדערשע שמייכעלע, וואָס שוועבט קימאט שטענדיק איבער זײַן פּאָנעם, באכיינט אים, ווײַל די הארציקע, ווארעמע טענער זײַנע ציִען אונדז מיט א מאָדנער קראפט. און איר פארגעסט, אז ס'איז א לעקיש, אז ס'איז א גאָרנישט, און מאָדנע ווארעמע געפילן נעמען וויברירן אין אײַער נעשאָמע. יאָ, ס'איז אויסטערליש דער שארפער קאָנטראסט צווישן זײַן אָפּשטויסנדיקן אויסערלעכן אויסזען און זײַן אינערלעכער אומשולדיקײַט און זויבערקײַט.

— און אָט אזעלכן האָט טאקע דער אווטאָר אים פארטראכט? — טוט א פרעג איינער פון די סטודענטן.

— ווייסט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, מײַנע ליבע פרײַנט: ווילט איר אַן אויסשעפּנדיקן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע, וואָלט ניט געשאַט זיך צו טרעפן מיט זוסקינען גופא, איך מיין, אַז ער וועט זיך ניט אָפּזאָגן אַרײַנטראָגן אין אָט דעם איניען אַ געהעריקע קלאָרקייט.

און מיר האָבן באַשלאָסן אָרגאַניזירן אַ באַגעגעניש מיט זוסקינען.

— איר פרעגט, — זאָגט זוסקין, — צי שטימט די סצעניש פאַרקער־פערונג פון אָט דעם ווערק מיט דעם, וואָס דער אַוטאָר האָט פאַרטראַכט? דאָס איז קלאַל ניט אַזוי איינפאַך.

דער אַוטאָר פון „מאַסאָעס בנימין השלישי" מענדעלע מוכר־ספרים האָט אין זײַן ווערק געצילט באַווײַזן, אַז בנימינס טרוימען וועגן די לעגענדאַרע רויטע ייִדעלעך זײַנען אַ פּויעל־יוצא פונעם באָדנלאָזן לעבנשטייגער פון די טונעיאַדעווקער טוישוווים, פון דער אָפּגעשטאַנענקײַט פונעם אַלטפּרענקישן שטייגער, וואָס האָט פײַנטלעך זיך באַצויגן בענעגייע יעדן פרישן, נײַעם געדאַנק; אַז בנימין און סענדערל זײַנען אַ נאַטירלעכער פּראָדוקט פון אַזאַ זומפּ, ווי טונעיאַדעווקע.

אונדזער טעאַטער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט אויפמערקזאַמען דורכלייענען דעם טעקסט פון אָט דעם ווערק. מיר האָבן אַ היפּש ביסל דורכגעלייענט צווישן די שורות. אונטער דעם סאַרקאַזם פונעם גרויסן שרײַבער, אונטער זײַן כּוויזעקמאַכערײַ האָבן געפינקלט מיטלײַד, סימפּאַטיע צו די בנימינס און סענדערס.

איז מענדעלע מוכר־ספרימס גיפטיקע סאַטירע בײַ אונדז אין טעאַטער מגולגל געוואָרן אין גוטמוטיקער איראָניע. אַ סאַטיריש ווערק האָט זיך פאַרוואַנדלט אין „אַ רירנדער עפּאָפּייע" (אַזוי האָט מען אויף דער אַפיש אײַנקורצן כאַראַקטעריזירט אָט דעם ספּעקטאַקל). די באַשעפער פון אָט דעם ספּעקטאַקל האָבן די אָפּשטויסנדיקע ווירקלעכקײַט פאַרוואַנדלט אין אַ וווּנדערבאַר מײַסעלע.

אונדז האָט פאַרכאַפּט די פאַנטאַסטיק, די פאָלקלאָר־אוצרות, וואָס אַסאָציִירן זיך מיטן אינהאַלט פון „מאַסאָעס בנימין השלישי". בנימין, וואָס מענדעלע האָט אים אויסגעמאָלט ווי אַ נעבעכדיקן, שלימזלדיקן טונעיאַדעווקער כּײַוועקײַעם, באַקומט אין מיכאָעלסעס פאַרקערפּערונג דעם אָנבליק פון אַ באַגײַסטערטן ענטוזיאַסט. צײַטנווײַז פאַרגעסט אַפילו דער צושויער, אַז דאָס איז אַ קאָמישער נעפעש. פאַרקערט: קאָלזמאַן מיכאָעלס איז אויף דער בינע, הערט איר ניט אויף צו שפּירן דעם טראַגיזם פון אָט דעם טרוימער.

— אונדז האָט דער כּאַוער ליובאָמירסקי געזאָגט, — רופט זיך אָן איינער פון די סטודענטן, — אַז „מאַסאָעס בנימין השלישי" איז אַ ספּעק־

טאקל אף דער דאָן־קיכאָט־טעמע. טאָ זײַט אזוי גוט, בינימין לוואָוויטש, און דערקלערט אונדז, אין וואָס באשטייט די קרויוועשאפט פון סערוואנ־טעסעס „דאָן־קיכאָט” צו מענדעלע מויכער־ספאָרימס „מאסאָעס בינימין האשלישי”.

— יאָ, עמעס טאקע, — האָט זוסקין געענטפערט, — סאנטשאָ־פּאנסאָ פון סערוואנטעסעס „דאָן־קיכאָט” האָט געהאט א געוויסע האשפּאָע אפן אויס־בילדן מײַן סענדערל. זעלבסטפארשטענדלעך, איז דער לעבנשטייגער פון די פערסאָנאזשן, דער גאנצער קולטור־היסטאָרישער אנטוראזש, וואָס איז אין אָט די צוויי ווערק געשילדערט, זייער און זייער פארשיידן. דאָך קאָן מען דאָ אנטפלעקן א געוויסע אנאלאָגיע. טאקע אין דער טעמע גופע. אי דאָ, אי דאָרט האָט איר אײַך א קאמף פון די אווטאָרן קעגן דעם פעאָדאלן לעבנשטייגער, קעגן דער אָפּגעשטאנענקייט, וואָס באמיט זיך מיט נאַיווע מיטלען צו באשטעטיקן לעבנספייִקייט. און ניט בלויז אין דעם באשטייט די אנאלאָגיע.

מיר אלע וויסן, אז דאָן־קיכאָט איז א נאַיווער פאנטאזיאָר, א טרוימער און אז סאנטשאָ־פּאנסאָ איז נאַיוו־רעאליסטיש און פראקטיש. דער קאָמיזם פון דער פרײַנטשאפט פון אָט די נעפּאשעס איבערראשט אונדז אזוי, מאכ־מעס מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט צווייערליי מינים אָפּגעשטאנענקייט: איינער איז טאקע א געבילדעטער און אין דער זעלבער צײַט איז ער א נאַיוו־טרוימערישער; דער צווייטער איז א פּאָשעטער כײַוועקײַעם און נאַיוו־פראקטיש.

עטוואָס ענלעכס דערזעען מיר אין „מאסאָעס בינימין האשלישי”. בי־נימין איז דאָ דער פאָרשטייער פון דער נאַיוו־טרוימערישער און פון דער, אזוי צו זאָגן, „לאמדאָנישער” אָפּגעשטאנענקײַט, בעשאס סענדערל איז דער פאָרשטייער פון דער נאַיוו־האמוינישער אָפּגעשטאנענקײַט.

סײַ פאר סאנטשאָ־פּאנסאָ, סײַ פאר סענדערלען איז אייגנטימלעך די רעאליטעט־עמפינדונג. סענדערל איז מער „ערדיש”, מער כוימערדיק, ווי בינימין.

שילדערנדיק סענדערלען, האָב איך ניט באטאָנט זײַן פראקטישקײַט. מיך האָט מער מיטגעריסן דאָס קינדערשע, וואָס אין אָט דעם געשטאלט. און איך האָב מיך באמיט אמשארפסטן אזוינס אויסצודריקן אין סענדערלס אויסערלעך בילד. מיר איז אפילע אויסגעקומען זיך אמפערן מיטן קינסט־לער, וועלכער האָט מיר געבראכט אן עסקיז, ווו סענדערל איז געווען אויסגעמאָלט א באוואקסענער מיט א גרויסער באָרד. האָב איך געזאָגט דעם קינסטלער, אז איך שטעל מיר פאָר סענדערלען אָן א באָרד, אָבער דערפאר — מיט צוויי באָראָדאווקעס.

— מיר בעטן אײַך ענטפערן נאָך אף איין פראגע, — זאָג איך זוסקינען, — צי קאָנט איר זיך ניט דערמאָנען, ווער האָט אײַך פון די לעבעדיקע מענטשן, וואָס איר האָט באגעגנט, געדינט בענעגייע סענדערלען, ווי א מוסטער, ווי א פּראָטאָטיפּ?

— יאָ, געווען אזא פארשוין אין מײַן געבורט־שטאָט, ווו איך האָב פארבראכט מײַן קינדהײַט, מײַן יוגנט. אין דער סוויווע פון קאפּצאָנים און דערשלאָגענע, מיט וועלכע איך פלעג אין מײַנע קינדער־יאָרן זיך טרעפן, האָב איך באגעגנט דעם היטלמאכער רעב אויזערל. דאָס איז געווען אַ קליינינק, דארינק באשעפעניש, א פארזעעניש. סײַ ווינטער, סײַ זומער האָט ער געטראָגן א קויטיק־גרוי רעקל, מיט א שטריק אונטערגעגארטלט. סײַ ווינטער, סײַ זומער האָט ער געטראָגן א שמויסענעם ספּאָדעק, א שטארק אָפּגעבליאקעוועטן. א נעבעכל, גאָט די נעשאָמע שולדיק. א ווײַב האָט ער געהאט — א וואגאָן־יידענע, וואָס פלעגט אָפט ארײַנשיטן א היפּש ביסל בוכענצעס אָט דעם אייפעלע. א סאך פון אונדזערע אײַנוווינער האָבן אויזערלען געקענט און געהאט א קלאָרע יעדיע וועגן זײַן ביטערער דאָליע און טאקע אף אים ראכמאָנעס געהאט. איז אָט: האָב איך אייניקע כאראקטער־שטריכן אנטליִען בא אָט דעם אויזערל פאר מײַן סענדערל. איך מיין, אז אונדזער שמועס האָט ארײַנגעטראָגן א געוויסע קלאָרקײַט וועגן דער ארבעט פון אונדזער קאָלעקטיוו. און איצט פרעג איך אײַך, כאווער ליובאָמירסקי, ווי שאצט איר אָפּ אונדזער ספּעקטאקל?

— איך באטראכט דעם ספּעקטאקל „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי”, ווי אן אויסערגעוויינלעך געלונגענע שאפונג פונעם מאָסמעליט. אײַער קאָלעקטיוו איז געלונגען אנטפּלעקן און דערלאנגען דעם אוילעם די סאמע טיפע געדאנקען און קינסטלערישע זעונגען פון אונדזער גרויסן קלאסיקער מענדעלע מויכער־ספאָרים.

א פילאָסאָף א נאווענאד

(שלוימע מײַמאָן)

דעם 15 יון 1940 האָט מיר געקלונגען זוסקין: ער דארף האָבן די אווטאָביאָגראפיע פונעם פילאָסאָף שלוימע מײַמאָן; אינעם מאָסמעליט קלײַבט מען זיך שטעלן דאניִעלס „שלוימע מײַמאָן” און די ראָל פון מײַמאָנען האָט מען אים פארטרויט.

— ווען מיכאָעלס האָט מיר געמאָלדן, אז איך וועל שפּילן מײַמאָנען, — זאָגט זוסקין, — האָט עס מיך שטארק פארכידעשט. איך האָב מיכאָעלסן

געזאָגט: „אָט אף אײַך, סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש, איז אָט די ראָל, ווי אָנגעמאָסטן: איר האָט שטודירט די געשיכטע פון פילאָסאָפיע. וואָס אָנבאלאנגט מיך, בין איך אָבער א שוואכער קענער פון דער דאָזיקער געשיכטע". מיכאָעלס האָט מיך פארזיכערט, אז מײַנע ספייקעס האָבן אונטער זיך קיין שום באָדן. ער האָט מיר אזוי געזאָגט: „דער דראמאטורג האָט זיך ניט געשטעלט קיין ציל צו באקאנען די לייענער, די צושויער מיט מײַמאָנס פילאָסאָפישע אָנשויונגען. א פיעסע און א פילאָסאָפישע אָפּהאנדלונג זײַנען גאָר צוויי באזונדערע זאכן. אייגנטלעך, באשטייט דאָ די גרונט־אויפגאבע פונעם אקטיאָר אין אויסמאָלן מײַמאָנען, ווי אן אומדערמידלעכן און מוטיקן קעמפער פארן עמעס. שלוימע מײַמאָן האָט אין מעשעך פון זײַן קורצן לעבן זיך ארויסגעוויזן, ווי אן אומרויִקער, אקשאָנעסדיקער און לײַדנשאפטלעכער עמעס־זוכער. אין דער פיעסע איז פאראן א סצענע, ווען מײַמאָן זאָגט, שמועסנדיק מיט מארקוסן (מוישע מענדעלסאָנס א יעדיד): „מיך האָט, הער מארקוס, קיינמאָל ניט געצויגן צו א רויִק לעבן". און ווירקלעך: קימאט אלע זײַנע יאָרן איז שלוימע מײַמאָן געווען נאווענאד. איז טאקע אָט די באהויפּטונג מײַמאָנס דער שליסל, וואָס קאָן העלפן ריכטיק אופאסן זײַן כאראקטער. איך זע א גײַסטיקע קרויוועשאפט צווישן מײַמאָנען און היינען. מײַמאָן האָט אויסגעטראָטן א וועג פאר היינען, מײַמאָן איז דער גײַסטיקער זיידע פונעם גרויסן דיכטער, זײַן דירעקטער פאָרגייער.

— סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש, — האָב איך געזאָגט מיכאָעלסן, — דאָס איז זייער א געראָטענער אײַנפאל. באדארפט איר טאקע גופע שפילן מײַמאָנען — בלויז איר זענט אימשטאנד בילדעריש אזוינס באשטעטיקן, ביפראט אז איר האָט אינעם אָנהייב פון אײַער אקטיאָרישן וועג געשפילט אוריִעל אקאָסטא, וואָס זײַן גײַסטיקע קרויוועשאפט מיט שלוימע מײַמאָנען רופט בא מיר קיין שום סאָפעק ניט ארויס.

— דאָס אלץ ווייסט מען, — האָט מיכאָעלס איבערגעשלאָגן מײַנע רייד, — אָבער איך האָב פאר אײַך באשטימט אָט די ראָל דערפאר, וואָס, לויט אײַערע אייגנשאפטן, וועט אײַך געלינגען פארביקער אויסמאָלן אזא מערקווירדיקע פערזענלעכקײַט. דער איקער איז דאָך, וואָס מײַמאָן איז א מיליטאנטישער דענקער, וואָס לאָזט זיך דרייסט אין א געראנגל מיט זייער אווטאָריטעטע גײַסטיקע פירער. וויפל סאָנים האָט זיך דעראָבערט אָט דער אזעסדיקער מײַמאָן! דער גרויסער דענקער אימאנויִל קאנט האָט אין זײַן בריוו צו איינעם פון די בערלינער וויסנשאפטלעכע טוער אנערקענט, אז קיינער האָט אזוי טיף ניט באנומען זײַן טראקטאט „די קריטיק פונעם ריינעם פארנונפט", ווי שלוימע מײַמאָן. אָבער ווען מײַמאָן האָט פארעפנט־

לעכט זײַן קריטיק פֿון קאַנטס פֿילאָסאָפֿישן טראַקטאַט, האָט דער גרויסער דענקער געוואָרפֿן אַף מײַמאָנען אַן אומכיין. אײַגנטלעך, איז דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן דאָ געשמועסט, ניט שטאַרק וויכטיק פֿאַר אײַך. אין דער פּיעסע איז מער באַטאָנט די האַרציקײַט, די צוגעלאָזטקײַט פֿון אָט דעם מאַרטירער, זײַן שאַרף רעאַגירן אַף מענטשלעכע ליידן. דאָס לאָזט זיך דערשפּירן אין די מאָמענטן, ווען מײַמאָן טרעפֿט זיך צוזאַמען מיט די באַלמעלאָכעס, ביכלאַל — מיטן האַמוין, באַזונדערס זײַן האַלטונג בענעגייע די בעטלערס, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען אַ שטיק צײַט געוואַנדערט. איז אָט: דער ליריזם, וואָס איז אײַך אייגנטימלעך, וועט אײַך העלפֿן דערלאַנגען דעם צושוויער מײַמאָנען מיט מער זיכערקײַט, ווי עמעצן אַנדערש פֿון אונדז.

— איך האָב פֿאַרשטאַנען, — פֿאַרענדיקט זוסקין זײַן שמועס מיט מיר, — אַז ס׳איז איבעריק צו פּאָלעמיזירן מיט מיכאָעלסן, און האָב זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט.

ווען איך האָב דעם ספּעקטאַקל „שלוימע מײַמאָן“ דורכגעקוקט, האָב איך מיך איבערצײַגט, אַז מיכאָעלס האָט קיין טאָעס ניט געהאַט.

ווי נאָר זוסקין יאַוועט זיך אַף דער בינע, וואַרפֿט זיך אין די אויגן אַ באַזונדערער כיין, וואָס באַשיינט מײַמאָנס געשטאַלט. מיר זעען אַ שטאָלצע, אַ רײַך באַגאַבטע פּערזענלעכקײַט. ווען דער פּוילישער סראָרע (מאַגנאַט), דער פֿירשט ראַדזיוויל, ווײַזט אַרויס אַ כיישעק אָפּרויבן בײַ מײַמאָנען זײַן פֿרוי (ער האָט באַשלאָסן מיט געוואַלט זי אָפּפֿירן צו זיך אין פּאַלאַץ און דאָרט זי פֿאַרגוואַלטיקן), נעמט מײַמאָן טכילעס מיט גוטן אים אײַנשמועסן, אַז ער זאָל פֿון זײַן באַשלוס זיך אָפּזאָגן. דער פֿירשט לאָזט זיך ניט אײַנריידן און רײַסט זיך טאָן דאָס זײַניקע. דאַן טוט מײַמאָן אַ כאַפּ אַ שײַט האָלץ, טוט זיך אַ שטעל אַוועק דעם פֿירשט אַף זײַן וועג און איז גרייט דעם צעיושעטן פּאָרעצס שאַרבן צו צעפּלעטן.

אָט די לײַדנשאַפֿטלעכע נאַטור, ווי עס טוט אַלעמאָל אַ בליץ פּראָטעסט, איז אויסערלעך רויִק, געלאַסן.

אין זײַן אינטאָנאַציע שפּירט איר האַרציקײַט. אָט אַזעלכער איז ער, ווען דער ראָוו נעמט אים אָפּן פֿאַרהער.

— ווי איז עס געזאָגט געוואָרן, — זאָגט מײַמאָן, — אַז שוואָכים און לויבגעזאַנגען דעם ריבוינעשעלוילעם מוז מען אָפּגעבן בלויז אין סינאַגאָגע? פֿאַרוואָס ניט — אין פֿעלד, אין וואַלד, בײַ זיך אין דער היים?

די שטענדיקע שטרעבונג צו וואַנדערן, די אומפֿייִקײַט צו האַלטן זיך טאָלעראַנט בענעגייע מענטשן — דאָס ברענגט צו אַן אײַנרײַס מיט זײַן פֿרוי. און דער צושוויער שפּירט דעם אינערלעכן קאַמף, וואָס שטורעמט בײַ

מײַמאָנען אינווייניק. עס דערשיטערן דעם צושויער די צאַרטע געפילן, וואָס מײַמאָן האַלט קוים־קוים אײַן אין זיך.

אין אַט די אַלע מאָמענטן איז זוסקינס מײַמאָן צוריקגעהאַלטן, קימאַט ווי רויק. בלויז איינמאָל אַנטפּלעקט זוסקין די געבראָכנקייט פֿון מײַמאָנס געמיט. דאָס פּאַסירט צום סאָף פֿון צווייטן אַקט, ווען מיר זעען אים בײַ די טויערן פֿון בערלין. ער איז זייער אַ פֿאַרמאַטערטער פֿון לאַנגן צופֿוס וואַנדערן אין דער אַרומרינגלונג פֿון בעטלערס און וואַגאַבונדן. ער כאַ־ווערט זיך מיט זיי. זיי באַציִען זיך צו אים גוטברודעריש, ווי צו אַן אייגע־נעם. די קאַרפּן־קעפּ פֿון דער בערלינער ייִדישער קהילה לאָזן אַרײַן דורך די טויערן פֿון שטאָט די גאַנצע מאַכנע וואַנדערער, נאָר אים פֿאַרשטעלט מען דעם וועג. ווי אַן אונטערגעשאָסענער טוט מײַמאָן זיך אַ וואַלגער און בלײַבט אומבאַוועגלעך. אין עטלעכע טעג אַרום גיט זיך אים אײַן זיך דורכ־רײַסן קיין בערלין. דאָ טרעפֿן מיר אים אין אַ סאַלאָן פֿון אַ מעיוכעסדיקער רײַכער ייִדישער מישפּאָכע, צווישן די מעקוראָווים פֿון מוישע מענדעלסאָן, מײַמאָנס געוועזענער רעבע און פֿרײַנט. אין מײַמאָנס אויגן טוען וואָס אַמאָל אַ פֿינקל סאַרקאַסטישע פֿונקען. די דאַמען פֿון דעם סאַלאָן באַציִען זיך צו אים, ווי צו עפּעס אַ ווילדער בריִע.

— אַ ווילדער נעפֿעש, אַ מאָדנער, — שושקעט מען זיך אין אַלע ווינ־קעלעך. נו, און ער? אים רירט עס אָף קיין האָר ניט אָן. מיטן גאַנצן ברען פֿון אַ לײַדנשאַפֿטלעכן קעמפֿער פֿאַלט ער אָן אָף מוישע מענדעלסאָנען — ער קאָן אים ניט מויכל זײַן, וואָס יענער האָט דאָס גאַנצע לעבן זײַנס זיך באַמיט צו מאַכן אַ פּשאָרע צווישן רעליגיע און סייכל־האיאַשער.

באַגײַסטערט, היספּײַלעספֿול האָט זוסקין געשפּילט מײַמאָנען. צוקוקנדיק אים, האָב איך געגלייבט, אַז איך זע באַשײַמפּערלעך אַ פֿילאָסאָף אַ נאַ־ווענאַד. זײַן לעבנס־דראַמע האָט אין זוסקינס שילדערונג טיף גערעגט די צושויער.

און דאָך האָט מיך צורו ניט געלאָזט די פֿראַגע: פֿאַרוואָס האָט מיכאָעלס, ווי אַן אַקטיאָר, קיין אָנטייל ניט גענומען אין אַט דעם ספּעקטאַקל? ער האָט דאָך דאָ געקאָנט שפּילן מוישע מענדעלסאָנען.

ווען כ׳האָב אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום נאָך דער פּרעמיערע זיך גע־טראָפֿן מיט זוסקינען, האָב איך אים אַט די פֿראַגע געשטעלט.

— יאָ, — האָט מיר זוסקין געענטפֿערט, — אייניקע פֿרײַנט פֿון אונדזער טעאַטער זעט עס אויס טשיקאַווע. אָבער איך פֿאַרשטיי, פֿאַרוואָס מיכאָעלס האָט ניט אויסגענוצט אַט די מעגלעכקײַט. איר ווייסט, מינאַסטאַם, אַז מי־כאָעלס איז געוואַקסן און זיך דערצויגן אין אַזאַ געזינד, וווּ מע האָט שטרענג אָפּגעהיט אַלטע טראַדיציעס, פֿאַרצײַטיקע אָנשויונגען. אין אַט

דער מישפּאָכע האָט מען געהאַט גרויס דערעכערעץ פאַר מוישע מענדעל־סאָנען, ווי דעם גײַסטיקן פירער פון דער האַסקאָלע־באַוועגונג. נאַטירלעך, איז מיכאָעלס געווען דורכגעדרונגען מיט יִראַס־האַקאָוועד צו מוישע מענ־דעלסאָנען, ביפראַט אַז לעסינגס פּיעסע „נאַטאַן דער ווײַזע”, ווו מוישע מענדעלסאָן האָט געדינט ווי אַ פּראָטאָטיפּ פאַר דעם נאַטאַן־געשטאַלט, האָט נאָך מער דערהויבן די פּערזענלעכקײַט פון מענדעלסאָנען.

אָבער גאָר אין אַן אַנדערער באַלויכטונג פיגורירט מוישע מענדעלסאָן אין דער פּיעסע „שלוימע מײַמאָן”. ער ווערט אין אַ געוויסער מאָס באַטל לעגאַבע זײַן געוועזענעם טאַלמיד.

מײַמאָנס קריטיק, זײַנע אָנפאַלן זײַנען אומבעראַכמאָנעסדיק און רײַסן אונטער מענדעלסאָנס אויטאָריטעט. אַזאַ מענדעלסאָן האָט באַגײַסטערן מי־כאָעלסן ניט געקאָנט — האָט ער קיין קיישעק ניט געהאַט צו פאַרקערפּערן אויף דער בינע דעם דענקער, וואָס פיגורירט אין דער פּיעסע, ווי אַ באַזיג־טער, נאָך מער — ווי אַ פאַרפירער.

בעסער דער טויט, איידער זײַן געפאַנגען

(סטאַניסלאַוו)

איך האָב צוויי מאָל געזען דעם ספּעקטאַקל פונעם מאָסקווער קינסט־לערישן טעאַטער — „דער פאַנצערצוג 69־14”. אין מײַ 1931 האָט עס מיך אַ צי געטאָן ווידעראַמאָל דורכקוקן דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל. ווען כ׳בין אַרײַן אינעם צושויער־זאַל, האָב איך דערזען בינימין זוסקינען. גיי איך צו אים צו און פרעג:

— סטײַטש, איר האָט אַדהײַעם ניט געזען אָט דעם ספּעקטאַקל?

— געזען, אָבער בלויז איין מאָל.

— מיר האָט מען געזאָגט, אַז איר זענט איצט אויף אַזויפיל אָנגעלאָדן מיט אַרבעט אין טעאַטער, אַז אײַך קלעקט אפילע ניט קיין צײַט איבערצו־לייענען אַ נײַעם, אינטערעסאַנטן בוך. דאָך האָט איר באַשלאָסן צו באַזוכן אַ ספּעקטאַקל, וואָס איר האָט שוין געזען. מאַשמאָעס, אַז אײַך האָט אַ שטויס געטאָן קומען אַהער אַ געוויסע נויטווענדיקײַט.

— יאָ, אײַער באַמערקונג איז טאַקע אַ ריכטיקע. ביכלאַל, געלינגט עס אונדז, אַקטיאָרן, זעלטן צו באַקענען זיך מיט אַ נײַעם ספּעקטאַקל. ביפראַט צוויי מאָל דורכקוקן איינעם און דעם זעלבן.

— איז עפּשער וועט איר מיר דערקלערן, וואָס האָט אײַך געשטויסן ווידעראַמאָל זיך מעהאַנע צו זײַן מיט אָט דעם ספּעקטאַקל?

— איך געהער צו די, וועלכע זײַנען ניט קיין גרויסע באַלאַנים צו עפענען די טיר פון זייער שעפערישער לאַבאָראַטאָריע. נאָר... מיילע — אײַך וועל איך מעגאַלע־סאַד זײַן. געקומען בין איך אהער דעריקער צוליב באַטראַכטן די שפּיל פונעם אַקטיאָר כּמעליאָוו אין דער ראָל פונעם רע־וואָליוציאָנער פּעקלעוואַנאָוו. און... גאָר!

די באַלויכטונג אינעם צושויער־זאַל צאַנקט. אָט איז שוין פינצטער. איך האָב פאַרנומען מײַן פּלאַץ און האָב באַשלאָסן זוסקינען מער ניט באַומ־רויִקן. זאָל ער זיך זײַן פאַרזונקען אין זײַנע מאַכשאָוועס.

אינעם כוידעש נאָיאַבער (דאָס זעלבע יאָר) איז אינעם מאָסמעליט פאָרגעקומען די פּרעמיערע פונעם ספּעקטאַקל „פיר טעג”. אזא נאָמען האָט דער דראַמאַטורג דאַניִעל (מייעראָוויטש) באַשטימט פאַר דער אינסצעניִ־רונג פון זײַן ראָמאַן „יוליס”, ווו דאַניִעל דערציילט וועגן דעם קאַמף פון א גרופּע באָלשעוויקעס מיט יוליס שימעליעוויטש אין דער שפּיץ פאַר דער הערשאַפט פון דער ראַטנמאַכט אין ווילנע. דער קורצער סוזשעט פון אָט דער פּיעסע איז שוין באַקאַנט דעם לייענער פונעם עסיי, ווו עס איז באַ־שריבן, וויאַזוי מיכאָעלס האָט געשפּילט יוליסן.

אין אָט דעם ספּעקטאַקל איז סטאַניסלאַוו, באַנאַנד מיט יוליסן, אן אַנ־געזעענע פּערזאָן. אָבער אַרויסצוווײַזן אימפּעטפולע אַקטיווקײַט איז ניט שײַעך געוועז: דאָ איז אַלץ געווען אין קלעם, מאַכמעס די לאַגע איז געווען אן אויסגאַנגלאָזע.

סײַ מיכאָעלסעס, סײַ זוסקינס אופגאַבעס זײַנען געווען קאָמפּליצירט. לויט דעם ראָמאַן, וואָס אף אים האָט זיך באַזירט די אינסצענירונג, האָט יוליס דעם דראַמאַטורג זיך פאָרגעשטעלט אין א ראָמאַנטישער באַלויכ־טונג. אָט אזוי זעט ער אויס אויך אין דער פּיעסע. ער איז געניִגט צו אַבסטראַקטע קאַטעגאָריעס. פאַר אים זײַנען אייגנטימלעך וואַקלונגען, ספּיי־קעס.

סטאַניסלאַוו, דאַקעגן, צייכנט זיך אויס מיט מער אַנטשלאָסנקײַט. ער איז מער פּראַקטיש; ער ווײַזט אַרויס אין פאַרשיידענע אומשטענדן מער ניכטערקײַט. דאָס זעט מען אַרויס פון זייער שמועס. יוליס זאָגט אַרויס זײַנע סוואָרעס וועגן די קרעפטן, אף וועלכע עס קאָן זיך פאַרלאָזן די גרופּע באָלשעוויקעס, וואָס געפינט זיך אין א קריטישער לאַגע. זײַן רעדע איז פאַרנעפּלט; זי איז צעצויגן. סטאַניסלאַווס געדולד פּלאַצט. ער רײַסט איבער יוליסן:

— לאָמיר ריידן קאָנקרעט: וואָס זאָלן מיר טאָן?
יוליס מאַכט זיך ניט הערנדיק — ער זעצט פאָר:

— אין דער צײַט פון מילכאָמע באַשטימען בוכשטעבלעך שאָען דעם גוירל פון דער שטאָט.

— פון דײַן ארויסזאָגונג, — רײַסט ער איבער יוליסעס רייד, — קומט אונדז גאָרניט ארויס. איך וויל הערן א פראַקטישן פאָרשלאָג. ווי־אַזוי פאַרכאַפט מען די שטאָט?

סטאַניסלאַוו באַזיצט די פײַיקייט שנעל צו באַנעמען דעם טאָך פון דעם אָדער יענעם איניען. ווען יוליס נעמט אָפּעריר ן מיט ציפערן, דערווידערט אים סטאַניסלאַוו:

— ניט שטענדיק אנטשיידן אריפמעטישע כעזשבוינעס.

אפילע פון אָט די דיאַלאָגן ווערט קלאָר, אז סטאַניסלאַוו איז א פאַרקערפּערונג פון קאָנצענטרירטן רעוואָליוציאָנערן ווילן.

זוסקינס סטאַניסלאַוו איז גראָד ניט פון יענע סצענישע שאַפונגען, וואָס צוליב זיי פלעגט דער אקטיאָר שעפּן פון זײַנע קינדהײַט־זיכרוינעס. פון מײַנע שמועסן מיט זוסקינס לעבנס־באַגלייטערן בין איך געוווּיר געוואָרן, אז אין פּראָצעס פון מאָלן סטאַניסלאַוון האָבן זוסקינען געפילנעוועט ווערא פיגנערס און פראָלענקאָס מעמוארן. און ניט נאָר בלויז אָט די זיכרוינעס. „אָפּט, ווען איך פלעג מיך פארטיפן אין דעם סטאַניסלאַוו־געשטאַלט, — פלעגט מיר זוסקין דערציילן, — האָט פאַר מײַנע אויגן געשוועבט די פיגור פון מיכאַיל איוואַנאָוויטש קאַלינין". אויסערלעך איז זוסקינס סטאַניסלאַוו געווען ענלעך אפן באַוווּסטן פירער פון דער דײַטשישער קאָמפּארטיי ווילהעלם פיק. באַזונדערס — דער אייבערשטער טייל פונעם קאָפּ: דער שטערן און דער האָר־מאַסיוו. פון דער גאַנצער פיגור האָט דאָ געווייעט מיט אקשאָנעס, זיכערקײַט און קרעפטיקײַט. געשטאַמט האָט סטאַניסלאַוו פונעם האַמוין. סײַ אין דער פּיעסע, סײַ אינעם ספּעקטאַקל ווערט סטאַניסלאַוו מיט זײַן פאָשעטקײַט, סייכל־האַיאָשער און אנטשלאָסנקײַט קעגנגעשטעלט ירליסן. אָט די אנטשלאָסנקײַט איז דאָך אַזוי כאראַקטעריסטיש פאַר רעוואָליוציאָנערן, וואָס שטאַמען פונעם האַמוין.

די פאַרהאַרטעוועטקײַט, די שטאַנדהאַפטיקײַט, וואָס זוסקין האָט אַזוי באַטאָנט אין זײַן סטאַניסלאַוו, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט מיקויעך ערבסטע פּאָליטישע באַשלוסן, האָבן אָבער ניט פאַרווישט די ווייכקײַט, האַרציקײַט און נאָבעלע מענטשלעכע געפילן, וואָס סטאַניסלאַוו האָט ארויסגעוויזן בענעגייע די ארומיקע (אויב דאָס זײַנען ניט געווען קיין קלאַסן־סאָנים).

דאָס זעט מען, צום בײַשפּיל, ארויס פון דער סצענע, ווו אַפראָסיעוו (דער פאָרשטייער פונעם באָלשעוויסטישן אָטריאַד) דערלאַנגט סטאַניסלאַוון א קאָלעקטיוון בריוו פון די קריגסגעפאַנגענע.

— מײַנע יאַטן װילן זיך צושאַרן צו די פּאַנסקע הינט, — מעלדעט אפּראָסיעװ. — נאַ, אָט זעסטו — דאָס איז טאַקע זײער בריװ.

סטאַניסלאַװ טוט אַפּראָסיעװן װוּיליונגערייש אַ קלאַפּ אין פּלײצע און זאָגט: „קײנער װעט פונדאַנען ניט אַװעק. דו טו אַ זאָג דײַנע כעװרע, אַז דער סאָװעט פאַרמאָגט גענוג קראַפט זיך צו פאַרטײדיקן. נו, גײ, אַפּראָ־סיעװ, און מאַך אַ טאָלק״.

סטאַניסלאַװוס צאַרטקײַט אַנטפּלעקט זיך גאָר אויף אַן אַנדער אופן אין דער סצענע, װוּ יוליסעס כאַװער, דער באָלשעװיק לידוויג, גיט אין די הענט דעם יונגן יאַט מוישקע קאָפּאַטש אַ בריװ צו אַנאַ באָגדאַנאָװיטש (זי איז דער קאָמאַנדיר פון בעם באָלשעװיסטישן פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, װעל־כער אײַלט זיך אױסלײזן יוליסעס גרופּע פון בעם באַלאַגער־צושטאַנד). ליוד־וויג גיט מוישקען אָנװײַזונגען, װי אַזוי יענער זאָל זיך בויהעג זײַן אין װעג, און פאַרענדיקט זײַן שמועס מיט די װערטער: „נו, גײ!״

סטאַניסלאַװון, װעלכער איז דאָ בײַגעװען, געפעלט ניט אַזאַ געזעגעניש:

— איז דען שײַעך אָט אַזוי קאַלט זיך געזעגענען מיט אַ כאַװער, װאָס לאָזט זיך אין אַזאַ מעסוקענער שליכעס? קום נאָר אַהער, מוישקע!

מוישקע קאָפּאַטש דערנעענטערט זיך צו סטאַניסלאַװון. דער זײדע מאַכט צורעכט מוישקעס באַשליק.

— ביסט דאָך אַ װוּילער יאַט. טאַקע זײער אַ װוּילער. איך האָב מיך צו דיר צוגעװוינט, װי צו אַן אײגענעם זון. אַ גליקלעכע רײַזע װינטש איך דיר. זאָלסט מיט מאַזל אויספּילן דײַן כויװ. הערסט!

ער גלעט קאָפּאַטשן. זײַן פּאָנעם באַשײַנט אַ ליבער שמײכל.

אין אָט דער סצענע האָט זיך פאַרן צושויער אַנטפּלעקט סטאַניסלאַװוס און זוסקינס האַרציקײַט — אַ האַרץ, װאָס איז פול מיט ליבשאַפט צום העלד, װאָס לאָזט זיך מוטיק באַקעמפן גרויסע שװעריקײַטן.

דאָס איז געװען אײנע פון די סאַמע רירנדע סצענעס אין אָט דעם ספּעק־טאַקל.

קלײנע קינדער, װילד־פרעמדע דערשפּירן אין סטאַניסלאַװון, אין אָט דעם אויסערלעך שטרענגן אַלטיטשקן, אַ גוט האַרץ. אין דער פּיעסע איז פאַראַן אַזאַ סצענע. קינדער שפּילן זיך אין גאַס. אײנס פון די קינדער רופט זיך אָן: „און איך װיל זײַן אַזאַ, װי סטאַניסלאַװ. ער איז אַ גוטער און דרוקט מײַסטערהאַפט אַלץ, װאָס דו װילסטו!״

אין דער האַרציקײַט, װאָס זוסקין האָט אַקצענטירט אין זײַן סטאַניסלאַװון, איז קײן שפּור פון סענטימענטאַליטעט ניט געװען צו באַמערקן. פּרײַ, אָן קײן שום אָנשטרענגונג האָט דער אַקטיאָר געשפּילט. זײער לאַקאָניש, זײער געקאַרגט אין פּראַט פון באַװעגונגען, זשעסטן און מימיק.

סטאַניסלאַוו איז געווען אַ וואָרהאַפטיקער טיפּ פון אַ רעוואָליוציאָנער. זײַן אויסערלעכע רויִקייט און קאַלטבלוטיקייט האָבן זיך מערקווירדיק אויסגעטיילט אפן פאָן פונעם אומרו און נערוועזקייט פון דער סוויוועע.

ווען דער ספּעקטאַקל האָט שוין געהאַלטן באַם סאָף, האָב איך מיך דערמאָנט וועגן מײַן באַגעגעניש מיט זוסקינען אפן ספּעקטאַקל „דער פּאַנצערצוג 69־14“, און מיר איז געקומען אפן געדאַנק, אַז צוקוקנדיק זיך, ווי כמעליאָוו שפּילט דעם רעוואָליוציאָנער פּעקלעוואַנאָוו, האָט זוסקין קאָנטראָלירט דעם עסקיז פונעם סטאַניסלאַוו־געשטאַלט, וואָס האָט זיך שוין געפורעמט אין זײַן אַקטיאָרישער פאַנטאַזיע.

אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום נאָך דער פּרעמיערע „פיר טעג“ האָב איך בא זוסקינען געפרעגט, צי האָט די שפּיל פון כמעליאָוון אין דער ראָל פון פּעקלעוואַנאָוון געהאַט אַ וועלכע־עס־איז האַשפּאָע אפן סטאַניסלאַוו־געמעל?

האָט מיר זוסקין געענטפערט:

— זאָגן, אַז כמעליאָווס שפּיל האָט קיין ווירקונג ניט געהאַט אַף מײַן סטאַניסלאַוו, וואָלט געווען ניט ריכטיק. אַן אופמערקזאַמער צושויער וועט געוויס באַמערקן עפּעס געמיינזאַמס צווישן פּעקלעוואַנאָוון און סטאַניסלאַוון. דאָך דאַרפט איר פאַרשטיין, אַז צווישן אָט די צוויי רעוואָליוציאָנערן איז פאַראַן אַ וועזנטלעכער אונטערשייד. פּעקלעוואַנאָוו שטאַמט פון דער רוסישער אינטעליגענץ: ער איז דריקער אַ טעאָרעטיקער און איז איבערהויפּט געניגט צו דענקען. סטאַניסלאַוו איז אַ געוועזענער אַרבעטער. ער איז אַ דערפאַרענער אונטערערד־טוער, און אַלע מאָל ציט עס אים דירעקט צו אַקטיווקייט, צו האַנדלונג.

פון פּעקלעוואַנאָוון ווייעט מיט טרוקנקייט. ווײַזט אויס, אַז כמעליאָוו האָט אים אַנדערש זיך פאָרשטעלן ניט געקאָנט. אָבער מײַן סטאַניסלאַוו איז האַרציקער.

— ווי מיינט איר, כאַווער זוסקין, — פרעג איך דעם אַקטיאָר, — עס שפּירט זיך אַ געוויסע ענלעכקייט פון יוליסן אַף פּעקלעוואַנאָוון?

— איך מיין, — ענטפערט זוסקין, — אַז זיי זײַנען גאָר קאַפּע מעכוטאָנים. יוליסן פיבערט אָפט; ער איז טרוימעריש. פּעקלעוואַנאָוון זײַנען אַזעלכע אייגנשאַפטן פרעמד. און דאָס מאַזל שפּילט זיי לעגאַמרע פאַרשיידן. פּעקלעוואַנאָוון מונטערט אַ ליכטיקע פּערספּעקטיוו — דערגיין די יאָרן דעם סוינע, בעשאַס יוליסן דריקט און האַפענונגסלאָזיקייט. „פיר טעג, בלויז פיר טעג“. מיט פײַערדיקע אויסיִעס איז אין זײַן מויעך אויסגעקריצט די דאָזיקע ציפער. ער גלייבט שוין ניט, אַז די באַלאַגערטע גרופּע באָלשעוויקעס וועט זיך דערוואַרטן אויסלייזונג; איז דען מעגלעך אַן

איינקלאַנג צווישן פּעקלעוואַנאָוון און יוליסן? דער איינציקער מענטש, וואָס פאַרלירט ניט דעם מוט, איז סטאַניסלאַוו. איז מיר טאַקע ניכע צו שפּילן אַזאַ מענטשן. דאָס איינציקע, וואָס פאַרשאַפט מיר יעסורים, איז דער פאַקט, וואָס עס ווערט אַלץ ווייניקער און ווייניקער באַלאַנים צווישן אונדזערע צושויער־מאַסע צו באַזוכן דעם ספּעקטאַקל „פיר טעג״. און נאָך ערגער איז דאָס, וואָס מיכאָעלס גופא ווײַזט אַרויס גאָר קנאַפּ כיישעק צו שפּילן אין אָט דעם ספּעקטאַקל.

אומבעראַכמאָנעסדיקע דעמאַסקירונג

(באָבצעס)

פון ליבע־רייזע ראָם בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז זי וועט שפּילן אַן עפּיזאָדישע ראָל אינעם ספּעקטאַקל „דער טויבער״, וואָס מע גרייט אינעם מאָסמעליט, און אַז די רעפּעטיציעס פון דער קינפּטיקער פּרעמיערע זײַנען ניט אַלע מאָל געלונגען.

— וואָס איז די סיבע? — פרעג איך.

— דערפאַר, — זאָגט זי, — וואָס זוסקין, וועלכער שפּילט אינעם ספּעקטאַקל באָבצעסן — איינע פון די אָנגעזעענע ראָלן, — האָט, ווײַזט אויס, נאָך ניט קיין קלאָרע פאַרשטעלונג וועגן אָט דעם פּערסאָנאַזש.

— וואָס זשע איז די מײַסע? — זאָג איך. — איר אַרבעט דאָך ניט דאָס ערשטע יאָר מיט אַזאַ באַגאַבטן רעזשיסער, ווי מיכאָעלס. קאָן דאָך יעדער אַקטיאָר מיט אים זיך אָן אייצע האַלטן און מיט זײַן הילף אויסקלאָרן פאַר זיך דאָס געמעל פון אַ געשטאַלט, וואָס איז אַ ביסל אָפּגעפּרעגט.

— די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס „דער טויבער״ איז אַן אינסצעניר־רונג פון בערגעלסאָנס נאָוועלע. ווי עס טרעפט מיט אַ סאַך אינסצענירונ־גען, איז ניט אַלץ, וואָס מיר געפינען אין דער פּיעסע, שטימט מיט דעם, וואָס מיר לייענען אין דער נאָוועלע. ווען בערגעלסאָן האָט פאַר אונדזער קאָלעקטיוו געלייענט די פּיעסע, האָט בא אונדז אַלעמען וועגן דעם קאָנ־טאָרשטשיק יאָסעלע באָבצעס זיך באַקומען אַן אײַנדרוק, אַז דאָס איז אַן אויסוווּרף, דערנאָך איז אונדז געוואָרן באַוווּסט, אַז אין דער נאָוועלע איז באָבצעס אויסגעמאָלט ניט מיט אַזעלכע פינצטערע פאַרבן, ווי אין דער פּיעסע. פונדאַנען שטאַמען די וואַקלונגען, די ספּייקעס, וואָס לאָזן זוסקי־נען ניט צורו: אונדז, זײַנע כאַווײרים, איז שווער זיך פאָרצושטעלן, וויאַזוי וועט אַף דער בינע אויסזען דער פּערסאָנאַזש, וואָס זוסקין באַדאַרף אים אויסמאָלן.

— מע קאָן פאָרויס זיך מעשאַער זײַן, — זאָג איך, — אַז זוסקין וועט

מיט כעסעד מישפעטן דעם נעגאטיוון נעפעש. באַבצעס איז דאָך פּאַרט אַן אומגליקלעכער פּארשוין. בארעכנט זיך: ער איז אי א קאָנטאַרשטשיק, אי א פּריקאַשטשיק, אי א שיק־יונג, אי א מאַסער, האקלאל אַלץ, וואָס דער באַלעבאָס פון דער מיל ביק איז קאַפּאַבל פון אים אויסצוזויגן. און וואָס באַקומט ער פאַר אָט די אַלע שטעלעס? אכצן רובל א כוידעש! און זאָל באַבצעס וואגן מיט עפּעס ניט צופרידנשטעלן דעם באַלעבאָס, טוט ער אים א נערעג, אַזאַ שליידער, אַז ער קייקלט זיך פון אַלע טרעפּ. איז דען ניט א ראַכמאָנעס אויף אַזאַ שלימאַזל?

— ס'איז, פאַרשטייט זיך, קלאָר, — איז ראָם מיט מיר מאַסקים, — באַבצעסעס לאַגע איז א שווערע. ווען מיר באַטראַכטן ערנסט זיין לאַגע, איז אונדז קלאָר, אַז ער איז איינער פון די מיליאָנען קאָרבאָנעס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. צוריק אָבער שמועסנדיק, האָט איר אייך אין אָט דער פּיעסע אַזעלכע מאָמענטן, ווען באַבצעס אַנטפּלעקט זיך אין זיין מאָראַלישער יערידע אויף אַזויפיל אָפּשטויסנדיק, אַז ניט קיין ראַכמאָנעס דערוועקט ער אין אונדזער האַרץ, נאָר עקל. נאָך מער — צאָרן!

— איך ווייס, — זאָג איך, — אַז דער טאָג, ווען מע וועט ווייזן די פּרעמיערע „דער טויבער", איז שוין נאָענט. טשיקאַווע, וויאַזוי וועט זוסקין אונדז דערלאַנגען זיין באַבצעסן.

זוסקינס אויפגאַבע איז געווען דאָפּלט קאָמפּליצירט דערפאַר, וואָס דעם טויבן (דאָס צענטראַלע געשטאַלט אין אָט דער פּיעסע) האָט געשפּילט מיכאָעלס. איך האָב מוירע געהאַט, אַז דער פּערסאָנאַזש, וואָס עס קומט אויס זוסקינען צו שפּילן, וועט אָוועקגערוקט ווערן אָפּן הינטערגרונט. דער טויבער וועקט אין אונדזערע הערצער ניט נאָר מיטלייד, נאָר אויך דערעכערעץ, ווייל עס האָט אין אים אויפגעוואַכט זיין מענטשן־ווירדע. עמעס, דעם טויבנס פּראָטעסט אַנטפּלעקט זיך אין דער פאָרם פון א זינלאָזן אַנאַרכאָ־אינדיווידואַליסטישן טאַט (טכילעס האַקט ער אָפּ דעם ווײדל ביקס קו, דערנאָך פּרוּווט ער האַרגענען דעם גוויר גופא, אָבער עס געלינגט אים ניט).

יאָסעלע באַבצעס איז פּונקט דער היפּעך: וואָס מער דער באַלעבאָס טרעט מיט די פיס זיין מענטשן־ווירדע, אַלץ מער בייגט יאָסעלע פאַר אים דעם רוקן. ס'איז אוואדע טרויעריק, שאַפּלדיק באַבצעסעס מאַטעריעלע לאַגע, אָבער נאָך שרעקלעכער איז זיין מאָראַלישע יערידע. מע קויפט דאָך אים אונטער מיט מאַטאָנעס, מיט נעדאָוועס. ער ווייסט, אַז עס עקזיסטירט אַן אונטערערדישע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג, אָבער ער לאַכט זיך אויס פון דעם. ער איז ציניש. א גרייַלעכער אַזעספּאָנעם. דאָס ווייזט זיך אַרויס מיט א באַזונדערער קראַפט אין דער סצענע, ווו ער מאַכט כויזעק פון דעם

טויבנס פאָטער־געפילן: א גרויל גייט דורך איבערן צושויערס לײַב, ווען באָבצעס ווײַזט דעם טויבן מיט אזעלכע אומפארשעמטע זשעסטן, ווי אומ־געלומפערט־קײַלעכיק ס'איז געוואָרן עסטערס בויך, און דערבײַ האלט באָב־צעס אין איין כיכיקען... אויך בענעגייע די איבעריקע ארבעטער איז זײַן האלטונג ציניש.

ווערליק אין דער פיעסע איז באשריבן, האָט זוסקין זיך אָפּגעגעבן א דין־וועכעזשבן, אז עס קאָן קיין רייד ניט זײַן וועגן בארעכטיקן אזא נע־פעש. אָבער ווי קאָן מען איגנאָרירן אזא מין פאקט, אז באָבצעס איז דאָך א קאָרבן פון דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג? וואָס זשע טוט מען? ווי זשע פּאָרט באדארף אויסזען דער צוגאנג צו אָט דעם פארשוין?

עס זעט אויס, אז דער אקטיאָר האָט אָט דעם איניען באטראכט אף אזא מין אויפן: די גײַסטיקע יערידע פון געוויסע שיכטן עקספּלואטירטע ארבעטער איז פיל שרעקלעכער פון דער מאטעריעלער דאכקעס, וואָס די האָרעפּאשניקעס קומט אויס אויסצושטיין. און זוסקין האָט טאקע ניט גע־זשאלעוועט קיין כוישעכדיקע פארבן פאר זײַן באָבצעסן: דעם, וואָס פאראט די אינטערעסן פון זײַן קלאס, באדארף מען מאכן צו שאנד און צו שפּאָט!

און דער אקטיאָר האָט געפונען אַ ריי עקספּרעסיווע אויסערלעכע דע־טאלן, וואָס האָבן באם צושויער ארויסגערופן עקל צו אָט דעם נעפעש. אָט איז, לעמאָשל, אזא דעטאל: איין אויער איז בא אים באדײַטנדיק פארגרע־סערט און פארשפּיצט. אזויארום האָט זוסקין אונטערגעשטראָכן, אז אונ־טערהערן רעכילעסן, פראָוואָצירן — דאָס איז איינע פון באָבצעסעס כאראק־טעריסטישע אייגנטימלעכקײַטן. די נאָז, ווי בא א שטשור: קריכן אומעטום, דערשמעקן. ווער עס האָט אופמערקזאם באאָבאכטעט זוסקינס באָבצעסן, האָט געוויס באמערקט, אז זײַן אויסזען פארמאָגט גאָר קנאפּ ספּעציפיש־יִידישעס. זוסקין האָט אנערקענט, אז ווען ער פלעגט טראכטן וועגן יאָ־סעלע באָבצעס, האָבן אים פארפאָלגט סמערדיאַקאָװשטשינע־אסאָציִאציעס.

אין באָבצעסעס אייניקע כאראקטער־שטריכן איז לײַכט באמערקן א גע־וויסע קרויוועשאפט מיט זוסקינס סאָלאָווייטשיקן (דער שאדכן פונעם „גרויסן געווינס”): געשיקטקײַט, כניפע בענעגייע רײַכע באלעבאטים.

צוקוקנדיק דעם ספּעקטאקל, האָב איך מיך דערמאָנט אייניקע דעטאלן, וואָס זאָגן איידעס, אז באָבצעסן זײַנען ניט פרעמד געווען גוטע מענטש־לעכע געפילן. ווען דער ספּעקטאקל האָט זיך פארענדיקט, בין איך ארײַן צו זוסקינען אין זײַן ארטיסטישן גרימיר־צימער. דער אקטיאָר האָט שוין קימאט אָפּגעווישט דעם גרים.

— הערט זיך אײַן, — ווענד איך מיך צו אים, — מע קאָן עפּשער דאָ בא אײַך כאפּן א קוק אין בערגעלסאָנס נאָוועלע „דער טויבער”?

— יאָ, זי איז גראָד בא מיר דאָ, — זאָגט זוסקין. — וואָס איז?

— איר ווייסט, וואָס איך וויל אײַך זאָגן, — רוף איך מיך אָן צו אים, — אײַער שפּיל אין דער ראָל פון באָבצעס איז איבערגעלאָדן מיט טונקעלע פארבן. עס באקומט זיך בא אײַך עפּעס א מין שעקספּירישער יאגאָ. אין דער נאָוועלע וועט איר אזעלכע פינצטערע פארבן ניט געפינען.

— יאָ, עמעס, — האָט זוסקין באשטעטיקט און גענומען בלעטערן דעם בוך, ווו די נאָוועלע איז געווען אָפּגעדרוקט. — אָט האָב איך טאקע געפונען, לאָמיר א לייען טאָן.

און מיר האָבן ביידע גענומען לייענען, ווו בערגעלסאָן שרײַבט: „עפּשער האָט זיך אים אליין אויך אײַנגעגעסן דאָס כניפּעסדיקע לעבן און געוואָלט האָט ער שוין זײַן לײַטישער און עמעסער, נאַר ניט געקאָנט, און כאָטש געפונען פאר נייטיק דעם טויבן א גוט וואָרט זאָגן".

— אָט זעט איר, — ווענד איך מיך צו זוסקינען, — דאָ האָט איר א קלאָרע אָנדײַטונג, אז טראָץ זײַן מאָראלישער צעפוילטקײַט זײַנען בא אים נאָך לעגאמרע ניט אויסגעלאָשן גוטע מענטשלעכע געפילן.

— וואָס איז דאָ וואָס צו ריידן, — האָט זוסקין מיר גענומען אײַנשמועסן, — איר קאָנט אין אָט דער נאָוועלע געפינען נאָך מער איבעראשנדיקע שטריכן. אָט לייענט:

„סע קומט ארײַן יאָסעלע דער נעמאָן, טוט אויס דאָס שמויסענע פוטער און זעצט זיך לעבן אים (לעבן טויבן) בא דער הרובע. פאמעלעך און פארכאָלעמט גלעט ער זיך זײַן שפּיציק בערדל. און דאכטן דאכט זיך שוין, אז ער קלערט זײַנע טאָמיד בייזלעכע מאכשאָוועס, מאכשאָוועס פון א יידן א מעטופּל, וואָס זיצט אָן פּארנאָסע".

— זעט איר דאָך, — זאָג איך זוסקינען, — דאָ האָט איר א מענטשלעכע באציִונג מיצאד באָבצעסן צום טויבן. אָבער אין דער אינסצענירונג און אין אײַער שפּיל איז באטאָנט דאָס סאמע אָפּשטויסנדיקע אין די באציִונגען פון באָבצעסן און דעם טויבן.

— הערט זיך אײַן, — שלאָגט מיך זוסקין איבער, — ווילט איר, אז אונדזער דיסקוסיע זאָל אוועק אפן ריכטיקן וועג און זאָל אונדז ברענגען צו א געווונטשענעם ציל, איז לאָמיר אופמישן אין אונדזער זיקאָרן דעם צוגאנג פונעם אקטיאָר וו. קאטשאלאָוו צום געשטאלט זאכאר בארדין אינעם ספּעקטאקל „די סאָנים" (גאָרקיס פּיעסע).

„איך האָב די ראָל פון זאכאר בארדין זייער שארף דערלאנגט די צושויער, — שרײַבט וו. קאטשאלאָוו, — מאכמעס איך האָב זיך צו אָט דעם טיפּ באציגן פיל שטרענגער, ווי דער אווטאָר. ווען איך האָב דאָ ניט לאנג — נאָכדעם ווי איך האָב שוין פיל מאָל געשפּילט אָט די ראָל,

נאָכאַמאָל דורכגעלייענט דעם טעקסט פון דער פּיעסע, האָט זיך מיר געדוכט, אַז דער אוטאָר גאָרקי איז בענעגייע אָט דעם פּאַרשוין גנעדיקער, ווי איך. מיר האָט זיך געדוכט, אַז גאָרקי באַטראַכט אים פון שטאַנדפּונקט פון גוט־מוטיקן הומאָר, בעשאַס איך האָב אים באַנומען פון סאַטירע־שטאַנדפּונקט"[1].

די פראַגע וועגן דעם, צי האָט דער אַקטיאָר רעכט צו שטרײַטן מיטן אוטאָר מיקויעך דער אינטערפּרעטירונג פון דער אָדער יענער ראָל, איז קאָמפּליצירט. ס'איז אַ סאָפּעק, צי קאָן מען אין אַזעלכע פאַלן באַשטיין, אַז בלויז אַזאַ פּיירעש איז דער סאַמע ריכטיקער. קאַטשאַלאָוו האָט באַרדינגס געשטאַלט גענומען איבערשאַצן און האָט עס אַנדערש באַלויכטן, ווי גאָרקי, און דער שרײַבער האָט ניט דערווידערט. מאַשמאָעס, האָט דער שרײַבער מוידע געווען, אַז קאַטשאַלאָוו איז גערעכט. גאָרקי גופא האָט צומאָל געענ־דערט זײַן קוק אויף דעם אָדער יענעם געשטאַלט. ס'איז, צום בײַשפּיל, באַ־וווּסט, אַז גאָרקי האָט געגומען באַטראַכטן לוקאַ (אין דער פּיעסע „נאַ דניע" — „אויפן לעצטן שטאַפּל") גאָר פון אַ נײַעם שטאַנדפּונקט נאָך דעם, ווי מע האָט יאָרנלאַנג געשפּילט אָט דעם ספּעקטאַקל אינעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער. דאָ איז שוין געווען אָנגענומען, אַז לוקאַ איז אַ פּאָזיטיווער העלד, און מע פלעגט אים דערלאַנגען אויף דער בינע אַזוי, אַז ער האָט געוועקט סימפּאַטיע באַם צושויער. די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן האָט גאָרקי באַהויפּט, אַז לוקאַ איז אַ גנאַרניק, אַז אַזעלכע נעכאָמע־פּריידיקער, ווי ער, זײַנען שעדלעך. דעריבער איז גלײַכער באַטראַכטן לו־קאַ ווי אַ נעגאַטיווע דערשײַנונג.

עטוואָס אַנאַלאָגישעס איז געשען מיטן אוטאָר פון „דער טויבער", מיט בערגעלסאָנען. מיט דער צײַט האָט זיך באַ אים געענדערט דער שטאַנד־פּונקט בענעגייע באָבצעסן. איך פאַרשטיי עס, מאַכמעס איך האָב באַנומען דעם פּרינציפּ פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם, אַז קונסט טאָר ניט זײַן נייטראַל — קונסט באַדאַרף זײַן פּאַרטייִיש. אויב די פּערזאָן, וואָס איך שפּיל, איז פון קלאַסן־שטאַנדפּונקט פײַנטלעך, באַדאַרף מען זי אָן שום פּנים קאַנסענען, דעמאַסקירן. אָט אַזעלכע איז געווען בענעגייע באָבצעסן סײַ מײַן האַנדלונג, סײַ בערגעלסאָנס.

עמעס, אַ שטיק צײַט האָב איך מיך געוואַקלט, — זאָגט זוסקין, — מיך האָבן געמאַטערט ספּייקעס, דאָך האָב איך ערעוו דער פּרעמיערע באַ זיך ענדגילטיק באַשלאָסן, אַז אָט אַזוי באַדאַרף מען באָבצעסן שפּילן. דעריבער האָב איך דאָ באַנוצט אַזעלכע פּינצטערע פאַרבן, שפּילנדיק באָבצעסן.

---

[1] זע קאַטשאַלאָווס אַרטיקל אין דעם „יעזשעגאָדניק" פונעם מאָסקווער קינסט־לערישן טעאַטער, 1945, זײַט 198.

דער אַקטיאָר באַרײַכערט דעם דראַמאַטורג

(נאַפּטאָלע האָז)

ווען דער מאָסמעליט האָט אויפֿגעפֿירט י. דאָברושינס פּיעסע „דער געריכט גייט", בין איך גראָד ניט געווען אין מאָסקווע. אינגיכן האָב איך מיך צוריקגעקערט (דאָס איז געווען אינעם יאָר 1929).

איך בין דעמלט געווען איינער פֿון די שטענדיקע מיטאַרבעטער פֿון דער טעגלעכער ייִדישער צײַטונג „דער עמעס", ווו איך פֿלעג דרוקן רעצענזיעס וועגן נײַע ספּעקטאַקלען אין די מאָסקווער טעאַטערס, וועגן נײַע קינאָ־פֿילמען און וועגן קונסט אין די מאָסקווער קלובן. אויפֿן דריטן טאָג נאָך מײַן צוריקקערן קיין מאָסקווע האָב איך געהאַט אַ שמועס מיט דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון „דער עמעס", מוישע ליטוואַקאָוון. ער האָט מיר באַשטעלט אַן אַרטיקל וועגן דער נײַער פּרעמיערע (דאָברושינס פּיעסע) אינעם מאָסמעליט. ווען איך האָב אים געפֿרעגט, ווי איז זײַן מיינונג וועגן דער פּיעסע, האָט ער געענטפֿערט:

— אין דער פּיעסע ווערט געשילדערט דער קאַמף פֿאַר אַ נײַעם סאָוועטישן שטייגער אין אַ קליין שטעטל. עס פֿיגורירן דאָ אַ ייִדישער באַלמעלאָכע, אַ ייִדישער באַלעגוף, ייִדישע נעפּלײַט, עטלעכע קאָמיוגיסטן און אַ פֿאַרטייִשע ייִדישע פֿרוי. זי איז אין דער פּיעסע אַ פֿאָרשטייערן פֿון דער ראַטנמאַכט. מע רופֿט זי סאָניע נאַצמען. די דאָזיקע פּיעסע איז טאַקע אַ געוויסער בײַטראָג אין דער נײַער סאָוועטישער דראַמאַטורגיע, מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט מאָדערנע סאָציאַלע פּראָצעסן אין דער ייִדישער סוויווע. אָבער דער דראַמאַטורג האָט בעפּיירעש דערלאָזט אַ פֿעלער: אינעם שפּיץ פֿונעם קאַמף קעגן דעם באַלעגוף און זײַנע מיטהעלפֿער, די דרײַ ייִדישע ספּעקוליאַנטן, האָט ער אוועקגעשטעלט אַן אַלטן ייִדישן סטאָליער. קומט אויס, אַז די סאָניע נאַצמען איז דאָ אַ מין צושמעלץ. די ראָל, וואָס זי האָט דאָ באַדאַרפֿט שפּילן, איז אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון אַן אַלטן ייִדישן קוסטאַר.

דער ספּעקטאַקל איז ניט שלעכט אויפֿגעפֿירט. זייער געלונגען איז די אויספֿורעמונג פֿונעם קינסטלער איסאַק ראַבינאָוויטש, ווי אויך די מוזיק פֿון לייב פּולווער. נאָר דאָס עמעסע כאַריפֿעסל פֿונעם גאַנצן ספּעקטאַקל איז זוסקינס שפּיל אין דער ראָל פֿונעם אַלטן קוסטאַר, פֿונעם סטאָליער נאַפּטאָלע האָז. די געשיכטע פֿון טעאַטער ווײַזט אונדז ניט זעלטן אַזוינע קונצן: אַ דראַמאַטורג האָט אָנגעשריבן אַ שוואַכע פּיעסע. אָבער אויב דער קאָלעקטיוו פֿאַרמאָגט אַ באַגאַבטן אַקטיאָר אָדער אַקטריסע, און ער (אָדער

זי) געפינט אין אַט דער פּיעסע אַ ראָל, וואָס געפעלט, טוט ער אָף זײַנע פּלייצעס אַ הייב די פּיעסע, און זי ווערט אַ שלאַגער. מיר ווייסן פון דער געשיכטע פונעם רוסישן טעאַטער, אַז דער גענ:אַלער מאָטשאַלאָוו האָט אין איינציקע קאָצעבוס פּיעסן געפונען פּאַסיקע ראָלן. איז אַט דער דורכ־שניטלעכער דראַמאַטורג קאָצעבו אַדאַנק מאָטשאַלאָווס גענ:אַלער שפּיל גע־וואָרן באַרימט. אַזוי האָט אויך פּאַסירט מיט די גענ:אַלע רוסישע אַקטרי־סעס יערמאָלאָוואַ און סאַווינאַ. האָבן זיי נאָר געפונען אין אַ פּיעסע אַ ראָל, וואָס איז זיי געפעלן, האָט מען שוין אַזאַ ספּעקטאַקל געשפּילט יאָרנ־לאַנג.

האַקלאַל, איר וועט דורכקוקן דעם ספּעקטאַקל — וועט איר שוין אַליין זען, וואָס זוסקין קאָן מאַכן פון אַ גאַנץ באַשיידענעם דראַמאַטורגישן שטאָף.

אין צוויי טעג אַרום בין איך געקומען זען דעם ספּעקטאַקל.

יאָ, ווי נאָר עס האָט דער פאָרהאַנג זיך געעפנט און איך האָב דערזען דעם אַלטן סטאָליער מיטן הובל אין האַנט (ער הובלט און זינגט), האָב איך שוין פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזן. און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער צויבער, וואָס מיר דעפינירן מיט צוויי ווערטער: אַקטיאָרישער כיין.

ווו שטעקט דער סאָד, וואָס אַט דער אַלטינקער באַצויבערט אונדז? פאַרוואָס איז זוסקינס נאַפּטאָלע האָז באַגאָסן מיט מילדע שטראַלן פון אַ באַזונדערער סימפּאַטיע?

אין דעם פאַל איז שוין גאָרניט אַזוי שווער דעם סאָד צו טרעפן: ווי נאָר איר דערזעט נאַפּטאָלע האָז אין זוסקינס פאַרקערפּערונג, דערשפּירט איר אין אים טייקעף יוגנטלעכן ברויז. אָן אַלטינקער ייִד שטייט און אַרבעט מיטן הובל, און איר זאָלט עס דערהערן אַ קרעכץ, אָן „אוי" אָדער אַ „וויי"... פאַרקערט — ער זינגט גאָר.

פּלוצעם — ער דאַרף דעם שאַרפשטיין. ניטאָ דער שאַרפשטיין. דער אַל־טיטשקער זאָל עס אַ וואָרטשע טאָן... ניין, ער זוכט דעם שאַרפשטיין זינ־גענדיק. אָט הערט ער אַ ווײַלע אויף צו זוכן, ער פאַרטראַכט זיך: ווהין פאַרט האָט ער אַהינגעטאָן דעם שאַרפשטיין. ער קריכט אָף אַלע פיר אונ־טערן ווערקשטעל, ער ווערטלט זיך בענעגייע דעם שאַרפשטיין, וועלכער האָט, ווי אַפּצולאָכעס, ווי אומישנע, זיך ערגעץ פאַר־שטעקט.

סײַ אין דער פּלאַסטיק (די אײַנגעקאָרטשעטע פיגור, וואָס קריכט מײַסע ייִנגל אונטערן ווערקשטעל), סײַ אין דער אינטאָנאַציע האָט איר דאָ גע־האַט אַ רײַכע גאַמע פאַרבן און ליניעס. אַזוי, אַז ווען זוסקין זאָל מער ווי אָט די סצענע ניט געווען שפּילן אינעם ספּעקטאַקל, וואָלט אָט דער פאַר־

סאַנאַזש סיִוּוי זיך איינגעקריצט דעם צושויער אין זיקאָרן. ס'איז טאַקע געווען אַן עמעסע אַנטפּלעקונג — דעם אווטאָרס טעקסט האָט געקראָגן מעכטיקע פליגל.

אָט די סצענע האָט געשפּילט אַ באַשליסנדיקע ראָל אין דער ווײַטער־דיקער באַצײַונג פונעם צושויער צו נאַפּטאַלע האַז. דער אַקטיאָר האָט שוין געקאָנט זײַן זיכער, אַז זײַן נאַפּטאַלע האָט איין מאָל פאַר אַלע מאָל גע־פאַנגען די הערצער פון די צושויער. איז שוין רעכט, וואָס נאַפּטאַלע איז אַ לײַבלעכער קאָרעוו מיט די היגע קאָמיוגיסטן. איז שוין רעכט, וואָס אָט דער אַלטער ארבעט אום שאַבעס.

דער ערשטער אײַנדרוק איז, אַז אָט דער אַלטער מיט דער פּאַריסענער נאַז איז אַ גוטינקער זיידע. אָבער נאַפּטאַלע האַז איז קלאָל ניט קיין לע־מעשקע. פאַר וועמען — אַ גוטינקער, און פאַר וועמען — אַ ביטערע ציבעלע.

אַ בײַסיקער, אַ גיפטיקער איז אָט דער גוטינקער זיידע בייסן צוזאַמענ־שטויס מיטן ייִדישן באַלעגוף, מיטן געוועזענעם שטאָט־באַלעבאַס, רעב מוישע־בער בורמאַן. דאָ אַנטפּלעקט זיך פאַרן צושויער נאַפּטאַלעס אַקשאָ־נעסדיקײַט.

— טײַטשט מיר ניט, רעב מוישע־בער, — זאָגט נאַפּטאַלע, — טײַטשט מיר ניט. אײַערע געמאָרעס זאָגן דאָס, וואָס אײַך פּאַסט.

ווען מוישע־בער פּרוווט אַפּעלירן צו גאָטס דין, האַקט אים נאַפּטאַלע טייקעף אָפּ די פליגל.

בורמאַן. איך בין מיך נויהעג, ווי דער דין הייסט.

נאַפּטאַלע. און זיי (די באָלשעוויקעס — י. ל.) האָבן זייער דין.

בורמאַן. גאָט איז איינער.

נאַפּטאַלע. און דינים האָט ער אַ סאַך: פאַר די, וואָס האָרעווען — אַ דין, פאַר די, וואָס האָבן האַנאָע פונעם לעבן — אַ דינעלע.

אָט די ווערטער זאָגט זוסקין דעם „שיינעם" ייִדן, דעם מעיוכעס מוישע־בער מיט אַזאַ פאַרביסנקײַט, אַז דער צושויער דערשפּירט גלײַך דעם אָפּ־גרונט צווישן דעם ערלעכן האָרעפּאַשניק און דעם לאַמדן און צוויִאַק בור־מאַן. איר דערזעט דאָ צוויי סאָציאַלע אַנטיפּאָדן.

פונקען האַס און פאַראַכטונג שפּריצן פון נאַפּטאַלעס אויגן, בעשאַס ער נעמט צוזאַמען מיט די קאָמיוגיסטן טרײַבן די נעפּלײַט — דרויבקינען, זיסבערגן און זויערמאַנען (בורמאַנס שיינע קאָמפּאַניע), וועלכע זײַנען געקומען מעסטן די מיל־געבײַדע. אין אָט דעם מאָמענט איז שוין נאַפּטאַלע ניט קיין אײַנגעהויקערטער אַלטיטשקער. זײַן רוקן איז אויסגעגלײַכט.

— איר מיינט, — זאָגט ער שטאָלץ, — ס׳איז אײַך דער בעסאַלמען, וואָס איר זענט געקומען אהער מעסטן? גייט אײַך צו אײַערע קוואָרים.

עס זײַנען אינטערעסאַנט די פּסיכאָלאָגישע ניואַנסן, וואָס זוסקין אַנט־פּלעקט אין זײַן נאַפּטאָלע, בעשאַס עס האַנדלט זיך וועגן אָפּזאָגן זיך פון פּאַרצײַטיקע אָבערגלויבנס. דאָ פּאָדערט זיך א געוויסער טאַקט. עס פּאָ־דערט זיך באַטראַכטונג דאָרט, ווו מע קאָן דערוואַרטן וואַקלונגען. אין דעם פּראַט איז כאַראַקטעריסטיש די סצענע, ווען נאַפּטאָלעס טאָכטער כאַנע (דער אַלטער רופט זי שטיפעריש — די ציג) זאָגט אים אָן אַן איבעראַשנדיקע בסורע: זי האָט, זאָגט זי, כאַסענע מיטן רוסישן רויטאַר־מייער וואַסילי מאַכאַרקאַ.

דער אַלטער ווערט שטאַרק איבעראַשט. עפּעס האָט אים ווי אָפּגענומען דאָס לאָשן. פּאָרט ניט קיין ייִדן! אָבער די דאַזיקע פּאַרלעגנהײַט צעגייט, ווי א שטיק שניי אונטער די הייסע שטראַלן פון דער זון. נאַפּטאָלע טוט א פּאַרדריי דעם שמועס אין גאָר אַן אַנדערער ריכטונג:

— נו, און די אַרבעט שטייט? אָט וועט איר באַלד כאַפּן דעם עמעסן פּסאַק.

אין האַרצן שטורעמט נאָך. אָבער א ברייִרע האָט מען? טוט ער א זאָג דער „ציג״:

— נו, און דער מאַמען האָסטו דערציילט?

דער אַקטיאָר האָט זיך אַזוי אײַנגעלעבט אין דעם געשטאַלט, אַז אין אָט דער סצענע פּלעגן זיך טרערן באַווײַזן אין זײַנע אויגן.

מיר האָט זיך געגלוסט געוויר ווערן, וואָרום האָט זוסקינען זיך אײַנ־געגעבן אָט די אַקטיאָרישע דערגרייכונג. ווען איך האָב אין א צײַט אַרום זיך באַגעגנט מיט אים, האָב איך אים געפרעגט:

— האָט איר טאַקע אין רעאַלן לעבן געפונען דעם פּראָטאָטיפּ פון נאַפּטאָלע האָז?

— איך האָב לאַנג זיך געמאַטערט, — ענטפערט מיר זוסקין, — לאַנג געזוכט, ביז איך האָב ענדלעך געפונען. דאָס איז געווען בעשאַס די גאַסטראָלן פונעם מאָסמעליט אין ווינניצע. איך האָב דאָ געני־שטערט אין אַלע ווינקעלעך פון שטאָט. אין די הינטערגעסלעך האָב איך ענדלעך געפּאַקט אַן אַלטן קוסטאַר א סטאָליער, בא וועלכן איך האָב געקראָגן די גרונט־פאַרבן פאַר דער סצענישער פאַרקערפּערונג פון מײַן נאַפּטאָלע האָז. אפילע — דעם גרים. און דעמלט האָט מײַן פאַנטאַזיע א שפּיל געטאָן.

וואָס האָט זוסקין דערשפּירט אינעם לעץ

ווער ס'איז געווען פאַרכאַפּט פון זוסקינס קונסט, דער האָט געוווּסט, אַז דער אַקטיאָר פלעגט צײַטנווײַז מיטגעריסן ווערן פון דער סאַטירע־סטיכיי. אָט די אייגנשאַפט זוסקינס האָט זיך באַזונדערס אַנטפּלעקט אין זײַן באָבע־יאַכנע („די קישעפמאַכערן"), אינעם קאָנטאָרשטשיק יאָסעלע באָבצעס („דער טויבער"), אין פעטער מישאַ („דער ספּעץ") און אין נאָך אייניקע ראָלן.

איך בין געווען זיכער, אַז די באַדײַטנדיקע כויזעקמאַכערישע קראַפט פון זוסקינס באַגאַבונג וועט אין דער ראָל פונעם לעץ אַזוי אַ בליאַסקע טאָן, אַז אין איר בלענדנדיקן שימער וועלן באָטל ווערן די איבעריקע כאַראַקטער־שטריכן פון אָט דער פערזאָן. אָט אַזאַ באַלויכטונג פונעם לעץ־־געשטאַלט האָב איך מיך געריכט צו זען אינעם ספּעקטאַקל „קיניג ליר", וואָס עס האָט אופגעפירט דער מאָסקווער מעלוכישער ייִדישער טעאַטער.

די ערשטע סצענע פונעם ערשטן אַקט האָט קלוימערשט באַרעכטיקט מײַנע האַשאָרעס. און ווירקלעך...

ווי נאָר דער פאָרהאַנג האָט זיך צענומען, האָבן די צושויער דערזען דעם קייזערלעכן אופּנאַם־פּאַלאַץ. סאַמע אין דער מיט — דער קיסייִ־האַמאַלכוס. עס לויפט אַרײַן דער לעץ. איין שפּרונג, און אַט זיצט ער אַף דעם קיניגס טראָן. און די פיס אונטער זיך. אָבער דאָס איז דאָך אַן עכטע כוצפּע. ס'איז דאָך אַ כויזעקמאַכערײַ בענעגייע דעם שטאַלצן מאַכטהאָבער.

ווען עס וויקלען זיך פאַנאַנדער די געשעענישן פונעם צווייטן טייל פונעם ערשטן אַקט, רעאַגירט דער לעץ אַף אַלץ שטומערהייט. זײַן מימיק, זײַן פּלאַסטיק גיבן איבער זייער אויסדריקלעך זײַנע איבערלעבונגען, זײַנע מאַכשאָוועס, זײַן באַציִונג צום אַרום.

ווען די טעכטער האָנעריליע און רעגאַנע כאַנפענען לירן, פאַרשטאָפּט דער לעץ די אויערן, און מיר זעען אַף זײַן פּאָנעם אַן איראָנישן שמייכל. בעשאַס ער זיצט באַ לירן צופוסנס, גלעט ער פון צײַט צו צײַט לירס האַנט, פּונקט ווי ער וואָלט אויסדריקן דעם קיניג זײַן מיטגעפיל, פּונקט ווי ער וואָלט באַדויערן, וואָס ליר האָט אַזעלכע פאַלשע טעכטער.

און אָט האָט איר אײַך די סצענע, ווען קאָרדעליִאַ, די דריטע טאַכטער, שמועסט מיט לירן; דעם לעצס אופמערקזאַמקײַט איז אָנגעשטרענגט. ליר איז אויסער זיך, און דער לעץ נעמט עס פײַנלעך אוף. אַז ליר טוט אַ

זאָג: „איך שווער בא מײַן לעבן, אז מײַן באשלוס וועל איך ניט ענדערן", טוט זיך דער לעץ א כאַפּ באַם קאָפּ.

מיט א באזונדערער עקספּרעסיע איז דאָס רעאגירן פונעם לעץ אין דער סצענע, ווען ליר טרײַבט ארויס זײַן בעסטן פרײַנט קענטן. א שפּרונג געטאָן פון דער פּאָדלאָגע, ווו ער איז געזעסן, טוט דער לעץ זיך א ריס פּאָרויס; די גאנצע פיגור איז ווי אן אָנגעצויגענע סטרונע. אויסגעצויגן די רעכטע האנט אין דער הייך, באגריסט ער דעם ארויסגעטריבענעם קענט. און דערנאָך טוט ער זיך א וואָרף אף דער פּאָדלאָגע און וויינט שטילערהייט.

עס קומט ארײַן דער בורגונדישער הערצאָג. ער וויל א שידעך טאָן מיט קאָרדעליאַ. אפן פּאָנעם פונעם לעץ באווײַזט זיך א גרימאסע. אף אזא מין אויפן דריקט ער אויס זײַן פאראכטונג בענעגייע אָט דעם טרוקענעם, געפּילדאָזן קאריעריסט. נאָר אָט קריגט דער בורגונדישער הערצאָג מיצאד דער אופגעבראכטער קאָרדעליאַ דעם געהעריקן אָפּשניט. דער לעץ ווערט ניספּאָעל — זײַן פּאָנעם שײַנט. פונעם אייבערשטן בינע־פּלאַץ, ווו דער קיניג זיצט אף זײַן טראָן, לאָזט ער זיך אראָפּ צו קאָרדעליאַ, וועלכע שטייט אינעם רעכטן ווינקל פון דער אוואנסצענע. ער פאלט צו צו אירע פיס און קושט דעם זוים פון איר קלייד.

ווען קאָרדעליאַ גייט אוועק, איז דער לעץ אין א געדריקטער שטימונג; אף זײַן אײַנגעבויגענעם רוקן לייענען מיר זײַנע איבערלעבונגען. אזויארום איבערצײַגט אונדז די האלטונג פונעם לעץ, אז ער איז לירס און קאָרדעליאַס בעסטער פרײַנט. זײַנען שוין ניט אָפּגעפרעגט זײַנע שפּעטערדיקע כוצפּעדיקע, סארקאסטישע ארויסטרעטונגען קעגן לירן.

נאָכן דורכקוקן דעם ספּעקטאקל „קיניג ליר" האָב איך גענומען פארגלײַכן שעקספּירס טעקסט מיט דעם, וואָס איך האָב געזען אף דער בינע. לויט שעקספּירס טעקסט איז אין דער ערשטער סצענע פונעם ערשטן אקט וועגן לעץ אפילע קיין זייכער ניטאָ. אלץ, וואָס עס קומט פּאָר אף דער בינע אינעם אָנהייב פונעם ערשטן אקט, איז אן אופּטו פון די אָרגאַניזאטאָרן פון דעם ספּעקטאקל.

צומאָרגנס האָב איך געהאט א באגעגעניש מיט זוסקינען. איך האָב אים געפרעגט, מיט וואָס דערקלערט זיך דער אײַנפאל פונעם רעזשיסער און אקטיאָר, האָט ער מיר געענטפערט:

— אייניקע פון אונדזערע אָפטע טעאטער־באזוכער באטראכטן די דאָזיקע סצענע פון גאָר אן אויסטערלישן שטאנדפּונקט: זיי מיינען, אז מײַן באזעצן זיך אפן קיניגלעכן טראָן איז אן אָנדײַטונג דערויף, אז ליר איז

שוין אויווערבאָטל און איז שוין נישט קיין קיניג, נאָר בלויז א לעץ אפֿן טראָן. זיי קומען צום אויספֿיר, אז דאָס דערשײַנען פֿונעם לעץ אפֿן טראָן איז ניט מער ווי א סימבאָל. בא די אָנהענגער פֿון אזא מין שטאַנדפּונקט איז פֿאַראַן געװאָג באַווײַזן. פֿריִער פֿאַר אַלץ דאָס, וואָס דער קיניג האָט אײנמיטנדערינען צעטיילט זײַן קיניגרײַך; וואָס ער האָט פֿאַרטריבן פֿון זיך די סאַמע טײַערע און סאַמע נאָענטע — קאָרדעליִא און קענט... אָבער אינדערעמעסן איז אזא באַטראַכטונג פֿון דעם לעצס האַלטונג אין דער ערשטער סצענע — ניט מער ווי אַן אויסטראַכטעניש. גאַר אַנדערש זײַנען געוועזן די מאָטיוון פֿון די ספּעקטאַקל־שעפֿער, ווען זיי האָבן אײַנגעשלאָסן אָט די סצענע אינעם ספּעקטאַקל. מיר האָבן געוואָלט, אז אין סאַמע אָנהייב זאָל דער צושויער קריגן א קלאָרע פֿאָרשטעלונג, וואָס פֿאַר א פֿרײַנטלעכע, האַרציקע צווישנבאַציִונגען האָבן עקזיסטירט צווישן לירן און דעם לעץ. ווען ליר קומט אַרײַן אינעם קיניגלעכן פּאַלאַץ און באַמערקט, ווי דער לעץ האָט אַזעסדיק זיך צעלייגט, און טוט אים א נעם באַם אויער און שלעפּט אים אַראָפּ פֿונעם טראָן, איז עס א שפּיל. ניט מער ווי א קאַטאָוועס. ווײַל פּונקט אזא שפּיל קומט פֿאַר צווישן לירן און קאָרדעליִא. אים דוכט זיך, אז זי באַהאַלט זיך אויס הינטערן טראָן, און ער כיכיקעט.

אין מעשׂעך פֿון דרײַ אַקטן פֿון אָט דער טראַגעדיע גיט דער לעץ אָנצוהערן לירן מיקויעך דער בײַזוויליקײַט פֿון זײַנע הויפֿלײַט; ער טראַגט אים אונטער דעם עמעס, ווי ביטער יענער זאָל ניט זײַן. איך וואָלט ניט געוועזן באַפֿרידיקט, — זעצט פֿאָר זוסקין, — ווען איך וואָלט באַגרענעצט מײַן אויפֿגאַבע בלויז מיט דעמאַסקירן די הויפֿלײַט און אַרויסברענגען פֿון מײַן מויל שטעכווערטלעך בענעגייע לירן. איך האָב געשטרעבט באַרײַכערן מײַן לעץ מיט נײַע פֿאַרבן. מײַן ווונטש איז געווען אַנטפּלעקן אינעם לעץ זײַנע גרויסע און ליכטיקע געפֿילן, זײַן האַרציקײַט. און איך האָב עס מיט דער הילף פֿון מימיק געשילדערט אינעם ערשטן אַקט, ווו איר האָט בא שעקספּירן קיין איין רעפּליק דערצו. דעריבער באַדאַרפֿן די שפּעטערדיקע סאַטירישע אָנצוהערענישן פֿונעם לעץ בענעגייע דעם קיניג ניט ווונדערן דעם צושויער. ניט אומזיסט זאָגט דאָס פֿאָלק: א גוט פֿערד שמײַסט מען מער. אַנדערש גערעדט: ווען מע האָט ליב, דעם מעג מען מעקײַעם־פּסאַק זײַן, ווען יענער פֿאַרדינט.

אַרבעטנדיק איבער דער דאָזיקער ראָל, האָב איך מיך געפֿלײַסט אַזוי שילדערן דעם לעץ, אז ער זאָל ניט אויסקומען נעבעכדיק, דערשלאָגן אין די אויגן פֿונעם צושויער.

לייענענדיק די געשיכטע פֿון דעם אַלוועלטלעכן טעאַטער, ווערן מיר

געוויר וועגן אנדערע אופאסונגען פון דער לעץ־ראָל. אין דער פּאַרשטע־לונג פונעם באַרימטן דײַטשישן אַקטיאָר קײַנץ זעט דער לעץ אויס נע־בעכדיק און דערשלאָגן.

איך מיין: פאר אײַך איז שוין איצט קלאָר, אז דער לעץ, וואָס איך האָב אויסגעמאָלט, איז ניט נעבעכדיק. האגאם ער שטייט אויס גרויסע יעסורים, אָבער ס׳איז א שטאָלצער מענטש, א קעמפער פארן עמעס. ווי ער וואָלט אקומולירן אין זײַן פערזאָן די טײַנעס פונעם פּאַשעטן האמוין צו קאָלערליי הערשאפטן. ער איז ניט קיין קליין מענטשעלע שוין דערפאר גופע, וואָס ער איז קאפאבל פלאמיק ליבן און פונקט אזוי לײַדנשאפטלעך האסן.

— דערקלערט מיר, זײַט אזוי גוט, — טו איך א פרעג זוסקינען, — פארוואָס ווייעט מיט אזא טיפן טרויער פון אײַער לעץ?

— יאָ, האגאם מײַן לעץ זעט ניט אויס נעבעכדיק, דאָך איז ער טראגיש. לעבט שווער איבער דעם בראָך פון לירן און די לײַדן פון קאָרדעליא. אָבער בעשאס ליר האָט די פולע מעגלעכקײַט אויסצוגיסן זײַן צאָרן דורך פלאמפײַערדיקע קלאָלעס און עפנטלעך, אומיטלבאר פראָטעסטירן קעגן די גרויזאמע אלוועלטלעכע אוולעס, קעגן די אומרעכטן פון דער גאָרער וועלט, איז דער לעץ געצוווּנגען אויסצובאהאלטן זײַנע איבערלעבונגען אונטער א פּאַיאַצן־מאסקע. ער באקלאָגט זיך ניט אף זײַן גורל. מיך פארכאפּן מער דעם לעצס מיטגעפיל־אנטפלעקונגען, איידער זײַן איראָניע און שטעכווערטלעך. די אָנפאלן אף לירן, דאָס מוסערן אים זײַנען אָפט פרעך און כאזערן זיך איבער. צײַטנווײַז כאפט זיך ארײַן אין די רייד פונעם לעץ אן אומקלאָרקײַט; אָפט איז דאָ עפעס ניט דערזאָגט, סוידעס־פול, פונקט אזוי ווי אין די קלאָונישע געגג און אָפשפיצלעך פונעם לעץ, וועלכע פארכידעשן גרײַלעך די צושויער. עס לייגט זיך ניט אפן מויעד: סטײַטש — אזא כאָכעם, און גלײַכצײַטיק אזעלכע נארישע געגג?

— יאָ, יאָ, — בין איך מאסקים מיט זוסקינס האשאָרע, — פונעם זעלבן שטאנדפּונקט באטראכט שעקספירס לייצים אויך דער באוווּסטער דײַטשי־שער פילאָסאָף העגעל: אויך אים האָט אין די שעקספירישע לייצים פארינטערעסירט דאָס מעשונעדיקע צונויפפאָרן כאָכמע מיט נארישע, פּאַיאַצישע אָפשפיצלעך. אָט וואָס ער שרײַבט אין זײַן „עסטעטיק״: „זײַנע (שעקספירס. — י. ל.) לייצים זײַנען אלעמאָל שארפזיניק און צייכענען זיך אויס מיט זייער גענײַאלן הומאָר. קאָן מען דאָך פרעגן: ווי געשיקט זיך עס, אז אזעלכע דורכגעטריבענע פארשוינען זאָלן אזוי נאריש זיך בויהעג זײַן?״

און העגעל ענטפערט דערויף: „אלץ, וואָס קומט אין א צוזאמענשטויס מיט אזא הערשאפט פון איינזײַטיקײַט, זעט אויס דעם פארשטאנד פּאַשעט ניט קאָנסעקווענט. אָבער די לעבעדיקע ווירקלעכקײַט באווײַזט, אז א מענטש קאָן ניט נאָר טראָגן אין זיך דעם ווידערשפרוך פון פילזײַטיקײַט, נאָר אויך איבערטראָגן אָט דעם ווידערשפרוך און דערבײַ פארבלײַבן אידענטיש און טרײַ זיך אליין" (ה ע ג ע ל. „עסטעטיק", באנד 1, זז. 244—245, יאָר 1938, רוסישע אויסגאבע, סאָצעקגיז).

זוסקינס פּאָנעם האָט באכיינט א ליבער שמייכל:

— זעט איר דאָך: האגאם איך האָב וועגן העגעלס ארויסזאָגונג קיין אנונג ניט געהאט, אָבער מײַן אינטויִציע האָט מיר אונטערגעזאָגט דעם געהעריקן צוגאנג צו דעם לעץ־געשטאלט.

סאָרע ראָטבוים

איך האָב די אַקטריסע סאָרע ראָטבוים דאָס ערשטע מאָל דערזען — ניט אויף דער בינע — אינעם יאָר 1923. און אַז איך האָב אינעם 1948 יאָר אויף איר אַ קוק געטאָן, איז זי געווען פּונקט אַזוי פריש, מונטער און לעבנסלוסטיק, ווי צוריק מיט 25 יאָר. דאָס פּאָנעם האָט געשײַנט, די אויגן — שטראַלנדיקע, שמייכלענדיקע. עס האָט זיך געדוכט, אַז די שטורמישע, שווערע יאָרן האָבן קיין שפּור אויף אָט דעם מענטשן ניט איבערגעלאָזן.

זאָלן מיר זאָגן, אַז דאָס איז דערפֿאַר, וואָס זי שטאַמט פֿון אַ קרעפּטיקער מישפּאָכע פּליטניקעס, עמעסע נאַטור־קינדער, וואָס האָבן פֿון דאָרדורעס זיך פֿאַרהאַרטעוועט אינעם קאַמף מיט קאָלערליי קאַפּריזן פֿון צעבושעוועטע ווינטן און וואַסער־סטיכיעס?

צי דערפֿאַר, וואָס איר קינדהייט און יוגנט זײַנען אַזוי גליקלעך דורכגעשוווּמען?..

געוואַקסן אין אַ דאָרף, אַ פּויליש דאָרף, גאָר נאָענט פֿונעם שטעטל זשעלעכאָוו (אַן ערעך 70 קילאָמעטער פֿון וואַרשע). די כיינעוודיקע, האַגאַם אַ ביסל מעלאַנכאָלישע נאַטור האָט געקוויקט דאָס קינד. מיט אַזעלכע פּיצלעך, ווי זי, פֿלעגט זי אומלויפֿן איבער די לאָנקעס, איבער די פֿעלדראַכוועסן. און פּונקט אַזוי גליקלעך האָט זי זיך געפֿילט אין זשעלעכאָוו, אַ שטעטל פֿון די שטעטלעך, וואָס אַש און ווײַסענבערג האָבן מיט אַזויפֿיל ליבשאַפֿט פֿאַרייביקט אין זייערע דיכטערישע אַנטפּלעקונגען.

סאָראַ פֿאַרגעניגן דאָס איז געווען אָפּשטיין אַ זומער־נאַכט מיטן שוועסטערל אָדער מיט אַ כאַווערטע און צוקוקן אַ יידישע כאַסענע — עלעהיי טעאַטער!

און פּונקט ווי עס האָט זי מאָדנע געצויגן צו די רוישיקע, טומלדיקע

כאסענעס מיט זייערע בלענדנדיקע פארבן, אזוי ליב איז איר געווען שפאַצירן מיט כאווערטעס איבערן אלטן, מיט ווילדגראָזן באוואקסענעם זשעלעכאָווער בעסוילעם.

דער מאַרק אין די שטילע קילע זומער־נעכט, ווען ער פלעגט זײַן באַגאָסן מיט לעוואָנע־שײַן, פלעגט אינעם יונגן הערצל אופוועקן א מאָדנע בענקשאפט.

ווען זי איז אונטערגעוואקסן, פלעגט דער פאָטער גאנץ אָפט זי פירן אינעם יידישן טעאטער (דאָס געזינדל ראָטבוים האָט דעמלט שוין אין ווארשע געוווינט). זי אליין, ווען זי איז נאָך א קליינינקע געווען, פלעגט שוין, שטייענדיק אף א שטול, דעקלאמירן ביאליקס „אונטער די גרינינקע ביימעלעך״.

אין שול האָט אף איר געווארט א נײַע פרייד, א גרויסע פרייד: דער לערער פון יידישער שפראך און ליטעראטור איז דאָ געווען דאוויד הערמאן, דער זעלבער, וואָס איז אין א צײַט ארום געוואָרן איינער פון די פירער און באַגײַסטערער פון דער ווילנער טרופע. גרויס איז געווען די האשפּאָע פון דאָוויד הערמאן אף דער יונגער ראָטבוים. דאָס האָט ער בא איר אין הארצן פארפלאנצט א גרויסע ליבע און א טיפע אכטונג צו אונדזער גרויסן י.־ל. פּערעץ. איינצײַטיק האָט זי שטארק זיך פארינטערעסירט מיט די בארימטע פוילישע ראָמאנטיקער — אדאם מיצקעוויטש, סלאָוואצקי און וויספיאנסקי.

איר צוגעבונדנקײַט צו דער יידישער ליטעראטור איז געווען אזוי גרויס, אז נאָכן ענדיקן די מיטלשול איז זי געוואָרן א לערערן פון יידישער שפראך און ליטעראטור.

דאָוויד הערמאן דערשפּירט אין סאָרע ראָטבוים א סצענישע באגאבונג — לאָזט ער די יונגע סאָרע נישט רוען: ער רופט זי אין דער ווילנער טרופּע, אָבער זי האָט ניט געוואָלט ווערן קיין אקטריסע, ביז זי וועט ניט באקומען א סיסטעמאטישע טעאטראלע בילדונג.

די נאָענטקײַט צו דער ווילנער טרופּע, ביכלאל דער גרויסער אינטערעס צו טעאטער האָט געטריבן צום אומפארמײַדלעכן באשלוס — אָפּגעבן דאָס לעבן דער בינע. אין איינעם א פרימאָרגן פון יאָר 1917 האָט זי מיט הארץ־קלעמעניש זיך געזעגנט מיט אירע ליבע, טײַערע צוהערער פון שפראך און ליטעראטור און איז אריבערגעטראָטן די שוועל פון דער ווארשעווער דראמאטישער שול.

סאָרע ראָטבוים האָט גיריק אופגעכאפּט יעדע נײַע בסורע וועגן זוכענישן אפן קונסט־געביט.

אינעם יאָר 1919 האָט זי זייער פיל איבעראַשנדיקע יעדיעס געקראָגן וועגן אינטערעסאַנטע פּרוּוון אין דער טעאַטער־סטודיע פון מאַקס ריינהאַרדט. האָט בא איר ניט געקלעקט קיין געדולד צו פאַרענדיקן די פּוילישע דראַמאַטישע שול, און זי האָט אימפּעטפול זיך א לאָז געטאָן אין דער טעאַטער־סטודיע פון מאַקס ריינהאַרדט, זי האָט זי פאַרענדיקט אינעם יאָר 1921.

זי האָט דעמלט פאַרמאָגט אַלע שאַנסן צו ווערן אַן אַקטריסע פון דער פּוילישער, ווי אויך פון דער דייטשישער בינע. האָט זי זיך געשטעלט איין ציל — ווערן א ייִדישע אַקטריסע. איר ווּנטש איז מקוים געוואָרן: זי איז געוואָרן איינע פון די אָנגעזעענסטע אַקטריסעס פונעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער, ווו איר טאַלאַנט האָט מעכטיק זיך צעבליט און ווו זי האָט געשפּילט די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכע פּרויען־ראָלן.

דאָס ערשטע, וואָס עס קומט אויפן געדאַנק, ווען מע קוקט דורך איר ראָלן־צעטל, איז די פילפאַכיקייט, פילזייטיקייט פון איר טאַלאַנט, די פאַרשידנאַרטיקייט פון די פּערזאָנען, וואָס זי האָט פאַרקערפּערט אויף דער בינע. פון עטי־מעניון (אין שאָלעם־אַליינכעמס „דאָס גרויסע געווינס") ביז האָנערילִיע (אינעם „קיניג ליר") איז א פיינער מעהאַלעך; פון סאָרע־כאַנטשע (אין שאָלעם־אַליינכעמס „דער גאָט") ביז דער קאָקאָטקע סיוזאַנאַ (פון לאַבישס פראַנצויזישן וואָדעוויל — „מיליאָנער, דאַנטיסט און קאַפּצן") איז שוין גאָר פאָלג מיד א גאַנג.

סאָרע ראָטבוים האָט געשפּילט א ריי שטייגער־ראָלן: עטי־מעני, דערנאָך מענאַכעם־מענדלס שוויגער (אינעם ספּעקטאַקל „דער לופטמענטש"), אַן אופגעקומענע גווירנטע, א באַלעבאָסטע (אין שאָלעם־אַליינכעמס „מאַזל־טאָוו"), באַסיען (אין גאָלדפאַדנס „די קישעפמאַכערן"); רעוואָליוציאָנערקעס: אַנאַ באָגדאַנאָוויטש (אין דאַניעלס „יוליס"); האָדלען (אין „טעוויע דער מילכיקער"); געזונטע דאָרפס־מיידלעך: מאַרקאָ (אין אָרלאַנדס „הרעבליעס"), אירינאַ (אין מאַרקישעס „מישפּאָכע אָוואַדיס"); אויסגעלאַסענע פּרויען: מאַטילדאַ (אינעם ספּעקטאַקל „דער צענטער געבאָט" לויט גאָלדפאַדענען), מאַדמואַזעל ראָלאַן (אין זשיל ראָמענס „טרואַדעק"), סיוזאַנאַ (אינעם אויבנדערמאָנטן לאַבישס וואָדעוויל).

און ווי שנעל די דאָזיקע אַקטריסע איז געוואָרן א ליבלינג פון די ברייטע מאַסן סאָוועטישע צושויער!

עטי־מעני איז געווען איר צווייטע ראָל אינעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער. צום אַלעם ערשטן האָט זי דאָ געשפּילט יעהודיס אין

„אורזיעל אקאָסטא". דאָס איז געווען א ריזיקאלער שפרונג פון יעהודיס צו עטי־מעני.

סאָרע ראָטבוימס וועלט־אָנשויונג האָט זיך פאָרמירט אונטער דער ווירקונג פון די גרויסע פוילישע שרײַבער און פּאָעטן — מיצקעוויטש, סלאָוואצקי, וויספיאנסקי און פערעצעס ראָמאנטיק. איז קיין כידעש נישט, וואָס זי האָט אין דער ווארשעווער דראמאטישער שול מיט גרויסער האסמאָדע געארבעט איבער אזעלכע ראָמאנטישע געשטאלטן, ווי זשאנא ד׳ארק (שילער), באלאדינא (סלאָוואצקי), כאנע (אין לודוויקס „די מאַ־קאבייער"). נאטירלעך, האָט די אָנפירונג פונעם מאָסקווער מעלוכישן יידישן טעאטער איר פארטרויט אזא ראָל, ווי יעהודיס. און סאָרע ראָט־בוים האָט די האָפענונגען בארעכטיקט; זי האָט באשאפן אן אימפּאָזאנטע פיגור, האגאם אין אָט דעם געשטאלט האָט זיך לעסאטע געשפירט די אומרוזיקײַט און נישט־זיכערקײַט פון אן אָנפאנגער.

און פלוצעם — אן עכטע שטייגער־ראָל: עטי־מעני. דער הייפּעך פון דעם, צו וואָס זי האָט אזויפיל יאָרן זיך געגרייט. און דאפקע ווען זי האָט א שפּיל געטאָן עטי־מענין, האָבן מיר אלע דערשפּירט דעם געבורט פון א פרישן קרעפטיקן טאלאנט.

וואָס איז, אייגנטלעך, אזוינס עטי־מעני? א געוויינלעכע, אָפּגעשטאַ־נענע און צײַטנווײַז זייער פרעכע יידענע. וואָלט די אקטריסע זיך לאָזן אפּן וועג פון רייניעם אָפּלעצעווען, קאָן אזא געשטאלט פארוואנדלט ווערן אין א האמעטנער קאריקאטור. ניט אזוי פּאָשעט איז געווען דער צוגאנג פון סאָרע ראָטבוים צו אָט דעם געשטאלט. די אקטריסע האָט אין עטי־מענין פון צײַט צו צײַט אונטערגעשטראָכן די טרוימערישקײַט פון א פּאָשעטן מענטשן, וואָס לעבט אלע זײַנע יאָרן אין דאכקעס און שווערע דײַגעס. ראָטבוימס עטי־מעני איז געווען צומאָל אפילע כיינעוודיק מיט איר קימאט קינדישער נאַזווקײַט. דעריבער האָט געווייעט פון אָט דער פיגור מיט אן אייגנאַרטיקער ווארעמקײַט. עמעס, די אקטריסע האָט נישט פארווישט די ברוטאלקײַט פון עטי־מענין בענעגייע איר דינסט־מויד יעכעוועד און ביכלאל — איר פארגרעבטקײַט. סאָרע ראָטבוימס שפּיל איז דעריבער רײַך געווען מיט ליכט און שאָטן; א געמיש פון שארפער סאטירע מיט לירישער איראָניע — קימאט אזא צוגאנג, ווי מיצאד מיכאָעלסן צו זײַן שימעלע סאָראָקער. פאר ראָטבוים איז עס געווען אן אינטערע־סאנטער עטאפּ — פּרווון אירע קרעפטן אפּן געביט פון שטייגער און דערצו — אין הומאָריסטישן פּלאן. דער פּרווו איז געווען זייער געלונגען.

גלײַך נאָך דעם האָט פּאַר דער דאָזיקער אַקטריסע זיך געשטעלט אַ טאָפּלט־אינטערעסאַנטע אױפֿגאַבע: שילדערן שטײַגער אין טראַגישן פּלאַן. עס האַנדלט זיך װעגן סאָרע־כּאַנטשע (אין שאָלעם־אַלײכעמס „דער גאַט״). איצט קאָן מען זיכער זאָגן, אַז אָט די סצענישע שאַפֿונג איז אײנס פֿון די גלענצנדיקסטע טראַגישע פֿרױען־געשטאַלטן, װאָס די סאָװעטישע בינע האָט אונדז װען־עס־איז געװיזן.

אין איר סאָרע־כּאַנטשע האָט סאָרע ראָטבױם מיט אַ גװאַלדיקער קראַפֿט אױסגעשריגן דעם פּלאַמיקן פּראָטעסט קעגן דעם פֿינצטערן גורל פֿון אַ סאַך ייִדישע פֿרױען, װאָס פֿלעגן, פֿאַרנדיק אױף יאַרידים, אױסגע־ריסן װערן פֿון בײזע װינטן, אױסגעפֿרוירן װערן אין ברענענדיקע פֿרעסט... צוליב װאָס און צוליב װעמען? קעדײ, קומענדיק אַהײם, „זיך װאַרגן מיט אַ קאַרטאָפֿל״ און צוזען, װי דער זיװוגּ אירער, דער באַטלען, װאָס װײסט קײן צוראַס־מאַטבײע נישט, שאָקלט זיך שאָענװײַז איבערן מישנײַעס צי איבערן שולכן־אָרעך... און דערצו נאָך האָדעװען אַ צװײטן קעסטניק — דאָס זײַדענע אײדעמל.

די פֿאַרביטערטקײַט פֿון אַן אַלטפֿרענקישער אײשעס־כאַיל, איר טיפֿן האַס האָט אונדז סאָרע ראָטבױם געשילדערט אין אַן אומגעהײער פֿאַר־גרעסערטן פּלאַן. אײניקע באַטראַכטן דאָס דאָזיקע סצענישע געשטאַלט, װי אַ סאָציאַלע מאַסקע. איך זע דאָ נאָך עפּעס: מיר דוכט זיך, אַז די אַקטריסע האָט דאָס דאָזיקע געשטאַלט אַ הײב געטאָן צו דער מאַדרײַגע פֿון די פֿרױען־פּערסאָנאַזשן, װאָס מיר געפֿינען בײַ שעקספּירן און בײַ די גרױסע פֿראַנצױזישע טראַגעדיע־שעפֿער — קאָרנעל און ראַסין. און אַ שאָד, װאָס מיר האָבן די ראָטבױמס ניט געזען אין דער ראָל פֿון פֿעדראַ און אױך אין דער ראָל פֿון לעדי מאַקבעט. אַזעלכע ראָלן — דאָס איז טאַקע איר באַרוף.

אין איר סאָרע־כּאַנטשע האָט סאָרע ראָטבױמס געגעבן די פֿולע פֿרײַ־הײַט איר ברױזנדיקן טעמפּעראַמענט. איר קלינגעװדיקע, מעכטיקע שטים האָט מיט אַ מערקװירדיקער הילכיקײַט אָנגעפֿילט דעם גאַנצן בינע־כאַלעל, אױפֿגעטרײסלט די װענט פֿונעם צושױער־זאַל און דערשיטערט די הערצער.

װילן מיר נאָך דײַטלעכער זיך פֿאָרשטעלן, װי רײַך עס איז סאָרע ראָטבױמס אַרסענאַל פֿון אױפֿװירקונגס־מיטלען, דאַרפֿן מיר פֿאַרגלײַכן איר סאָרע־כּאַנטשע מיט איר געשטאַלט פֿון בערגעלסאָנס טױבנס טאָכטער, עסטער, אינעם ספּעקטאַקל „דער טױבער״, מיט דער עסטער, װעלכע ביקס צעבאַלעװעטער בען האָט פֿאַרפֿירט און מע האָט זי — צוליבן אױס־מײַדן אַ סקאַנדאַל — פֿונעם גװירס הױז אַרױסגעיאָגט. אין עסטערס האַרץ

שטורעמט א פראָטעסט מיט דער זעלבער קראַפט, ווי בא סאָרע־כאַנטשען: מע האָט דאָך זי אויסגעַנוצט, אָנגעשפּיגן אין נעשאָמע און ארויסגעשליי־דערט. אָבער ווי גרויזאַם עס זאָל ניט האָבן געווען סאָרע־כאַנטשע מיט איר ווייגעשריי, איז נאָך גרויליקער געווען אָנצוקוקן עסטערן, ווען זי האָט זיך געוואָרגן מיט איר גרימצאָרן. זי שווייַגט מערסטנטייל, זי רעדט גאָר קנאַפּ. אָבער אָט דאָס שווייַגן קאָכט אונדז אויף א סאַך מער, ווי ווען זי זאָל שרייַען. איר שפּירט אין אָט דעם באַאוולטן מיידל א מאָדנע אופּ־רייַס־קראַפט. ס'איז פאַראַן א מאָמענט, ווען עסטער קאָן שוין מער נישט שווייַגן. עס מוז פון איר ברוסטקאַסטן זיך ארויסרייַסן א יאָמערדיק געשריי. וואָס טוט די אַקטריסע? זי רוקט אַרייַן דעם צוזאַמענגעפּרעסטן פויסט אין מויל אַרייַן. איר מינע אין אָט דעם מאָמענט, איר באַוועגונג, איר זשעסט מאַכן אַזא אייַנדרוק, אַז בא אייַך לויפט דורך א גרויל איבערן לייַב. אייַך דוכט זיך, אַז אָט לויפט עסטער צום טייַך און וואַרפט זיך אין זייַנע כוואַליעס אַרייַן.

דרייַ אינטערעסאַנטע מיידלשע געשטאַלטן, וואָס שטאַמען פון די טי־פּענישן פונעם פאָלק, טיילן זיך אויס אין סאָרע ראַטבוימס געשטאַלטן־גאַלעריייע: עסטער, מאַרקאָ און האָדל. יעדע פון זיי איז א וועלט פאַר זיך. פאַרגלייַכן זיי איז שייַעך בלויז פון איין שטאַנדפּונקט: פרישקייַט. פון אָט די אַלע דרייַ וויייעט מיטן דופט פון פעלד־ראַכוועסן. דאָס זייַנען גע־זונטע ברוזים, קינדער פון דער נאַטור. אָבער בלויז אין דעם באַשטייט זייער קרויוועשאַפט. וואָס איז שייַעך די איבעריקע אייגנשאַפטן, זייַנען אָט די מיידלעך ווייַט איינע פון דער אַנדערער, ווי מיזרעך פון מייַרעוו.

בעשאַס האָדל (פון „טעוויע דער מילכיקער”) איז שוין אָנגעשטעקט מיטן אָטעם פון דער רעוואָליוציע פונעם יאָר 1905, בעשאַס האָדל דער־ווייַזט בעפּויעל־מאַמעש, אַז זי איז קאַפּאַבל זיך מאַקריוו צו זייַן אינעם קאַמף פאַר פרייַהייַט, זייַנען עסטער און מאַרקאָ פּאַסיוו. זייער גייַסט צאַפּלט זיך נאָך אין די פּענטעס פון אָפּגעשטאַנענקייַט און אומוויסנ־הייַט.

ווילדקייַט, סטיכישקייַט — אָט וואָס סאָרע ראַטבוים רוקט ארויס אפן ערשטן פּלאַן, בעשאַס זי שפּילט דאָס ווייַסרוסישע מיידל מאַרקאָ פון אָרלאַנדס „הרעבליעס”.

אָט די מיידלעך־ראָלן (עסטער, מאַרקאָ, אירינא און אַנדערע) זייַנען געווען, קאָן מען זאָגן, א טראַמפּלין, ווי בייַצוקומען דאָס האָדל־גע־שטאַלט.

אין האָדלען האָט סאָרע ראָטבוים אנטפלעקט פארן צושויער נײַע ווינקעלעך פון איר וועלט־עמפּינדונג, פון איר וועלט־באנעם. זי האָט אין האָדלען געשילדערט א העראָישע טאָכטער פונעם ייִדישן פאָלק, א דרייסטע און שטראלנדיקע פּערזענלעכקײַט. גערעכט איז געווען פּ. מארקיש, ווען ער האָט געזאָגט: „אין דער איצטיקער האָדל־ראָל האָט פון דער כאוועטע ראָטבוים א שפאר געטאָן אזא פרישער עמאָציאָנעלער שטראָם, וואָס אנטפלעקט אין איר, ווי אין אן אקטריסע, נײַע און איבערראשנדיקע מעגלעכקײַטן”.

מע קאָן טאקע זאָגן, אז האָדל איז דאָס שענסטע פּאָזיטיווע געשטאלט, וואָס סאָרע ראָטבוים האָט ווען־עס־איז באשאפן אף דער בינע. אין אָט דעם געשטאלט האָבן הארמאָניש זיך צונויפגעגאָסן סײַ די ראָמאנטיש־טראגישע, סײַ די רעאליסטיש־לירישע אייגנשאפטן פון איר באגאבונג.

אינהאלט

די „קליפּע״ פון טעאטער אין מיר 7
ביאַליק בא אונדז אין כיידער 12
א באגעגעניש מיט מענדעלען 17
בא פּרוגן 25
פּערעצעס טײַנעס צו דער ייִדישער אינטעליגענץ 30
שאָלעם־אַלייכעם אין בויבעריק 33
באגעגענישן מיט ש. אַנ־סקין 35
אָשער שוואַרצמאַן 40
שמועל האלקין 44
ש. דריז און ר. באָיארסקע (זייער שעפערישע צוזאמענארבעט) 50
נאָך אייניקע זיכרוינעס וועגן ריווע באָיארסקע 56
א ליכטיקע נעשאָמע 62
באגעגענישן מיטן קינסטלער ר. פאלק 73
דער קאָמפּאָזיטאָר לייב פולווער 82
דער קאָמפּאָזיטאָר מוישע מילנער 89
זיכרוינעס וועגן דעם ניסטער 95
דער טראגישער גוירל פון א באגאבטן אקטיאָר (רוון זאַסלאַווסקי) 100
קלארע יונג 116
שלוימע מיכאָעלס (ארײַנפיר) 132
געבראָכענע הענט (אוריעל אקאָסטא) 135
א פשאָרעמאכער ווערט אן אזעספאָנעם (רעב אלטער) . 139
אָפּגעשניטענע פליגל (ביניאָמין) 143
דער לופטמענטש (רעאליזם און פאנטאסטיק) 149
די גילגולים פון דעם שנײַדער סאָראָקער 154
א נאַיווער נויקעם (דער טויבער) 158
הוילע מאָרעשכוירע באגײַסטערט ניט (יולים) 163
א טראמפּלין צו א העכערן שפרונג (זײַוול אָוואדים) . . 166
א מאָדנער קיניג ליר 171
דער גערANגל ארום טעוויען 178

ביניאָמין זוסקין 185
די ערשטע טריט 196
דער ערשטער ניצאָכן (באָבע־יאכנע) 198
ראכמאָנעס האָבן און אויסלאכן (סאָלאָווייטשיק) 203
דער נויסע־קיילים פונעם יידישן דאָן־קיכאָט (סענדערל
די יידענע) 208
א פילאָסאָף א נאווענאד (שלוימע מיימאָן) 216
בעסער דער טויט, איידער זיין געפאנגען (סטאַניסלאוו) 220
אומבעראכמאָנעסדיקע דעמאסקירונג (באָבצעס) 225
דער אקטיאָר בארייכערט דעם דראמאטורג (נאפטאָלע האָז) 230
וואָס האָט זוסקין דערשפירט אינעם לעץ 234
סאָרע ראָטבוים 239

Любомирский Овсей Иосифович

НА ЖИЗНЕННЫХ ПУТЯХ

(на еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1976, 248 стр.

План выпуска 1976 г. № 222

Художник *Г. А. Кравцов*
Редактор *Э. М. Фалькович*
Худож. редактор *Н. С. Лаврентьев*
Техн. редактор *Т. С. Казовская*
Корректор *А. Б. Стрельник*

Сдано в набор 2/XII 1975 г. Подписано к печати 19/III 1976 г. Бумага 70×108 1/32 № 1. Печ. л. 7 3/4 (10,85). Уч.-изд. л. 12,27. Тираж 1700 экз. Заказ № 3053. Цена 52 коп. Издательство «Советский писатель», Москва Г-69, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва Г-19, пер. Аксакова, 13.